STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09956

DOS GEZANG FUN TOL

Sholem Asch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אַש

געקליבענע ווערק

באַנד II

שלום אַש

דאָס
געזאַנג פון טאָל

(ראָמאַן)

דער מזבח

(בילדער פון ארץ־ישראל)

איקוף פאַרלאַג

ניו־יאָרק.

SHOLEM ASH

VOLUME II

Dos Gesang fun Thol

Der Misbeach

Copyright by Sholem Ash

Published by
YKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.
1949

געדרוקט אין 3,000 עקז'

Printed in U.S.A.

158

אינהאַלט

דאָס געזאַנג פֿון טאָל

(ראָמאַן)

קאַפּיטל 1:
די צוריקקערנדיקע 7
קאַפּיטל 2:
דער ערשטער טאָג 16
קאַפּיטל 3:
עם ישראל חי! 30
קאַפּיטל 4:
די הייליקע שיין פֿון אַרבעט 39
קאַפּיטל 5:
דער נאַקעטער שבט 54
קאַפּיטל 6:
יאָסל יודקעוויטש כּשרט דעם עמק 62
קאַפּיטל 7:
מען בויט זיך 71
קאַפּיטל 8:
דער ערשטער שבת אין עמק 80
קאַפּיטל 9:
דער פּקדון ווערט צוריקגעגעבן 86
קאַפּיטל 10:
דער גשם 97
קאַפּיטל 11:
צוויי חברים 105
קאַפּיטל 12:
יאָסל יודקעוויטש הייליקט דעם עמק 116
קאַפּיטל 13:
חברטע שרה 125
קאַפּיטל 14:
אין דער קי־שטאַל 135
קאַפּיטל 15:
אויסגעגלייכט די עוולה 147

קאַפּיטל 16 :
חברטע מהאַטמאַ 159
קאַפּיטל 17 :
יאָסל קומט צוריק אין לעבן 167
קאַפּיטל 18 :
דער ערשטער וואָגן היי 174

דער מזבח

קאַפּיטל 1 :
אויף דער שיף 185
קאַפּיטל 2 :
די פּיראַמידן 188
קאַפּיטל 3 :
ירושלים 190
קאַפּיטל 4 :
די דריטע מויער 199
קאַפּיטל 5 :
אויפֿן וועג קיין ירושלים 207
קאַפּיטל 6 :
תל־אביב 216
קאַפּיטל 7 :
פֿון ירושלים קיין שכם 222
קאַפּיטל 8 :
דער „עמק" 231
קאַפּיטל 9 :
צווישן יידישע דערפֿער 239
קאַפּיטל 10 :
מיט דעם רבינס כוח 246
קאַפּיטל 11 :
דער שבת־קודש אין צפֿת 256
קאַפּיטל 12 :
אויף דער יאָרצייט פֿון ר' שמעון בר יוחאי 264

קאַפּיטל 1

די צוריקקערנדיקע

ווען מען קומט אַרויס פֿון שפּאַלט פֿון באַרג, וואָס אויף זיין זייט ליגט באַהאַלטן אין שאָטן פֿון ציפּרעסן און איילבערט־ביימער די צניעותדיקע שטאָט נצרת, דערזעט מען אַ לאַנגן, ברייטן טאָל, איינגעבעט צווישן נאַקעטע, ליסע בערג. די לופֿט, דורכזיכטיק און קלאָר, העלפֿט, ווי די באַלויכטונג פֿון אַ בליץ, דעם בליק פֿון אויג אַדורכצובויערן די טיפֿע ווייטקייט פֿון דעם שטח. עס דאַכט זיך, אַז די בערג קעגנאיבער אויף יענער זייט טאָל זיינען גאָרנישט ווייט, און מען קאָן זיי דערגרייכן מיט דער האַנט. דער טאָל, וואָס ליגט צווישן זיי, איז ווי אַ ברייטע אַזיערע אין אַ וויסטעניש איינגעבעט. אויף די רוקנס פֿון באַרג גלעד ליגט ווי אַ שאַנד אויסגעגאָסן די קללה, מיט וועלכער דוד המלך האָט זיי פֿאַרשאָלטן, און די קללה ווירקט נאָך ביזן היינטיקן טאָג. קיין בוים, קיין שאָטן פֿון גרינס דערקוויקט נישט דאָס אויג, נאַקעט און אומבאַשיצט ליגט דער באַרג אויסגעליפֿערט אונטער דער גליענדיקער זון. אַ ביסל ווייטער, צו בית־שאן צו, פֿאַרנעפּלט זיך דער האָריזאָנט אין אַ מילדפֿאַרביקן וואָלקן און וואַשט אָנגענעם דעם בליק, וואָס איז מיד געוואָרן צו קוקן אויף די נאַקעטע בערג. אַזוי אויך אין ווייטן האָריזאָנט שימערירט אַהער פֿון יענער זייט ירדן אַ לאַנגע קייט שטרענגע הויכע בערג, וואָס מאַכן אין דעם אָפּגלאַנץ פֿון דער זון אַן איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען באַדעקט מיט אַ זאַמדיקן פּליוש, וואָס וואַרפֿט זייגע קאָלירן אין די שטראַלן. די מילכיקע אַטמאָספֿערע, וואָס דער ווייטער האָריזאָנט וועבט אַרום זיי, מאַכט ווייכער און קילער זייערע שאַרפֿע קאָנטורן און קילט דעם אָנבליק פֿון דעם ווייסן קאָפּל שניי פֿון הרמון, וואָס הייבט זיך אויף פֿון הינטער זיי. דער אָנבליק פֿון שניי אין דער זוניקער געגנט שאַפֿט אַן אילוזיע, ווי אויף דעם שפּיץ פֿון באַרג וואָלט זיך די זון אַראָפּגעגליטשט און גלעט צוזאַמען הימל און ערד אין אַ פֿלאַקערדיקן חשמל־פֿייער.

מיט גראָזן און פֿלאַנצן איז נאָר דער ברייטער טייכיקער טאָל באַפּרוכפּערט, ווי אַ שוואָם, וואָס וואָלט פֿון די בערג אַרום דאָס חיות אויס־

געזויגן און אין זיך אײַנגעזאַפּט. וואָרים ווי אַ פֿײַכטער שוואָם, ווי אַ לעבעדיקע חיה, האָט ער מיט טויזנטער מײַלער אויסגעטרונקען דעם זאַפּט פֿון די בערג אַרום און זיי איבערגעלאָזט נאַקעט און רוי אויף דער זון זיך גליען.

און עס איז טאַקע אמת געווען. דורך אומגעדענקלעכע צײַטן האָבן די ווילדע וואַסער־שטראָמען אין רעגן־סעזאָן מיטגעטראָגן מיט זיך יעדע פֿייסט ערד פֿון די בערג און איבערגעלאָזט אין טאָל אונטן. מיט דער ערד איז מיטגעגאַנגען דאָס לעבן. די קוואַלן, וועלכע שלאָגן פֿון אונטער דעם באַרג אין טאָל אַרויס, האָבן נישט קיין פֿעסט אויסגעלייגטע קאָרעטעס, אין וועלכע זיי זאָלן אַרײַנרינען, פֿליסן זיי ווילד וואוהין עס גלוסט זיך זיי. זיי צעקנעטן די ערד, צעווייכן דעם גרונט, גראָבן גריבער און פֿילן זיי אָן מיט קאַלוזשעס, שטייענדיקע זומפּן, באַדעקט פֿון אויבן מיט געמויזעכטס, קרייטעכצער, מיט ווילדע קוויטשערס, מיט אומצייליקע באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פֿלאַנצן. עס ווימלט אין זיי מיט לעבן. די פֿאַרשיידנסטע באַשעפֿענישן, ווילדע בינען, אָן אַ שיעור אויסערגעוויינלעך גרויסע פֿליגן, מיקן, סקאָרפּיאָנען, זשאַבעס, יאַשטשערקעס, ווילדע חזירים און אַנדערע חיות און ווערים מאַכן אומזיכער דעם צוגאַנג צום טאָל. ווען די שטראָמען וואָלטן צוזאַמען מיט די פֿייסטן ערד נישט געוועזן אויך אַראָפּגעטראָגן שטיינער פֿון די בערג, וואָלט דאָרט אוממעגלעך געווען אַ פֿוס אַרײַנצושטעלן. אָבער אויך איבער די סטעזשקעס און וועגלעך, וואָס בעדואינער האָבן אויסגעטראָטן, ווערט מען איבערראַשט פֿון איבערנאַכט געבילדעטן וואַסער, אין וועלכן מען געפֿינט זיך פּלוצלינג פֿאַרטרונקען. אָפּגעגאַרט דורך די הויכע גראָזן, ווערן מענטשן און חיה פֿאַרזונקען איבערן האַלבן לײַב אין די באַהאַלטענע זומפּן. צוליב דעם איז דער אײנציקער אָנבליק פֿון מענטשלעכן לעבן נישט אין טאָל, נאָר אַרום זײַנע ראַנדן.

אויף די משופּעדיקע זײַטן פֿון די נאַקעטע בערג שטייען אויסגעשטעלט אויף דער זון, נישט באַשיצט דורך קיין שאָטן פֿון אַ בוים, צוזאַמענגעקלעפּטע ליימענע הײַזלעך מיט ווײַסע דעכער — דאָס זײַנען די פֿאַנאַנדערגעזייעטע אַראַבישע דערפֿער. אין ווײַטן האָריזאָנט ווײַסט זיך אַ קאַלך־בלוילעך קאָפּעלע איבער אַ קבר פֿון אַ הייליקן. דאָ־און־דאָרט האָבן אויף דעם ראַנד פֿון דעם טאָל וואַנדערנדיקע בעדואינער אויפֿגעשלאָגן זייערע שוואַרצע געצעלטן פֿון קעמל־האָר, אַרום וועלכע עס ווײַסן זיך סטאַדעס שאָף, שקאַצישע ציגן, וואָס זוכן אויסצוגריזשען די קאַרגע אײנצלנע גראָזן פֿון די בערג. אַ שנור מיט קעמלען ציט אַדורך זײַן וועג

פֿון יענער זייט ירדן, פֿון חרמון צום ים צו. דער טאָל אַליין ליגט אובאַ־רירט ווי אַ נאָך נישט־באַזיגטער, נישט־אויסגעפֿאָרשטער ים, אויף וועלכן די שיפֿן וואַגן זיך נישט אַרויסצולאָזן. ער ליגט אין זיין טיפֿער, פֿעטער, זומפּיקער וויג און שלאָפֿט אונטער די שלאָגנדיקע שטראַלן פֿון הייסן גליענדיקן הימעל, דאָ־און־דאָרט הייבט זיך אויף פֿון די ווילדע גראָזן אַ מחנה פֿליגן, אָדער אַ געווימל פֿון בינען האָט זיך אויפֿגעוועקט און אַרויסגעציטערט געוואָרן פֿון זייער באַהעלטעניש דורך אַן אומגעזעענער באַוועגונג פֿון אַ חיה. מחנות שוואַרצע קראָען הייבן זיך איבער די אומבאַצוואונגענע ווייטקייטן, אַ שטאָלצער רויב־פֿויגל שיסט אַראָפּ פֿון אַ טיפֿער הויך און נאָרעט איין זיין שנאָבל אין אַ קאַלוזשע, כּדי אויפֿצופֿאַנגען אַ שרצל, און הויבט זיך דערמיט צוריק אויף אין די הימלען.

דער טאָל אַליין ליגט אומבאַוועגלעך, ער דעקט צו מיט זיינען מיסטישע גראָזן די שטעט און דערפֿער, וואָס זיינען אַמאָל פֿאַרשפּרייט געווען איבער אים. וואָרים אַמאָל איז דאָ גאַנץ אַנדערש געווען. אַמאָל איז דער טאָל געווען דער שפּייכלער פֿון תבואה, וואָס האָט גענערט אַ האַלבע מדינה. די אַלטע האָבן אים גערופֿן גאַנץ איינפֿאַך: עמק, דער טאָל. און אַזוי וועלן מיר אים אויך רופֿן.

איבער דעם טאָג זיינען אַדורכגעגאַנגען שאָטנס, ווי פֿליגל פֿון אומגעזעענע גרויסע כּרובים וואָלטן אַדורכגעשוועבט איבער דעם ברייטן אומבאַצוואונגענעם ים פֿון ווילדערניש. די שאָטנס זיינען געקומען פֿון די ווייסע וואָלקנס, וועלכע האָבן אָנגעצויגן פֿון דער זייט ים און זיינען געגאַנגען איבער די בערג צום ירדן. זיי האָבן געטראָגן אין זייערע פֿליגל דעם קילן אָטעם פֿון ים, וואָס איז באַלד אויסגעטריקנט, אויסגעשרפֿעט געוואָרן אין דער בלייערנער לופֿט, וואָס איז אַן אָנגעהיצטע געשטאַנען אין חלל.

עס איז געווען אין מיטן אלול. פֿון פֿרימאָרגן אָן האָט די זון געשאָסן מיט אומברחמנותדיקע שטראַלן איבער דעם עמק, ווי אַ פֿייערדיק־אָנגעגליטע בלעך וואָלט זיך שווער געלייגט איבער דער ערד. די רעשטן גראָזן אויף די משופּעדיקע בערג זיינען דורך דעם זומער פֿאַרברענט געוואָרן. די בערג זעען איצט אויס, ווי פֿייערדיקע צונגען וואָלטן אַדורכגעגאַנגען דורך דער לאַנדשאַפֿט און אָפּגעשרפֿעט יעדעס דערפֿרישנדיק גרעזל. די קוואַלן אין די באַהאַלטענע גראָזן פֿון עמק, די שטראָמען וואַסער, וואָס זאַמלען זיך אין טאָל פֿון די בערג אַראָפּ, זיינען דורך דעם זומער אויסגעטריקנט געוואָרן, די ערד איז צוזאַמענגעבאַקן, ווי אַן אָנגעיוירן האַלב־פֿאַרטריקנט טייג. צוליב דעם האָבן אַפֿילו די גראָזן און דאָס שטעכעכץ

איבער די אויסגעטריקנטע זומפּן פֿאַרלוירן זייער גרינעם קאָליר. אויס־געצערט פֿון דער היץ און צעפֿרעסן פֿון די דיקע וואָלקנס שטויב, וואָס הייבן זיך אויף פֿון דער קרישלדיקער ערד, ליגן די גראָזן שלאָבערדיק, שלאָף און האָבן אַ פֿאַרחלשטן, געלן אָנבליק. דאָ־און־דאָרט, אין מיטן בויך־קעסל פֿון עמק, וואו עס האַלט זיך נאָך אויף אַ ביסעלע וואַסער, באַ־ווייזן זיך, ווי אַן אַאַזיס אין דעם מדבר, די גראַזיקע קאָלירן פֿון גרינס. קיין איין פֿלעק פֿון אַ בהמה, קיין איין שאָטן פֿון אַ הייזל זעט זיך נישט איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון עמק, נאָר אַ כוואַליעדיקער מדבר פֿון ווילדע גראָזן.

אויף זיין ראַנד, צופֿוסנס פֿון די בערג, שלענגלט זיך איצט אַ ריי וועגענער. מיט מי־און־מאַטערניש זוכן זיך די מויל־אייזלען אַ וועג צווישן די שטיינער און האַלב־פֿאַרטריקנטע זומפּן. אָבער בלויז כּלים צו באַאַר־בעטן די ערד, שנייד־מעסערס, העק, פּיאַשן, פּראָוויאַנט און געצעלטן זיינען אָנגעלאָדן אויף די וועגענער. די מענער און די פֿרויען גייען צופֿוס און זוכן זיך אויס נאָך די בהמות דעם וועג דורך שפּרינגען פֿון איין שטיין אויפֿן צווייטן.

ביי ביידע עקן פֿון עמק, ווי געשטעלט זיך אויף די טרעפּ אַרום אים, האָבן זיך שוין נאָך מיט יאָרן צוריק פֿאַרקליבן איינציקע יידישע ישובים. זיי זיינען געשטאַנען ווי וועכטער פֿון ישוב איבער דער וויס־טעניש און זי געהיט. עפֿולה און מרחביה — איינזאַם, פֿאַרלאָזטע, האַלב־פֿאַרטרונקען אין די בלאָטעס, איבערגעשווענקט פֿון די וואַסערן, וואָס דער עמק האָט אַרויסגעשיקט צו זיי אין ווינטער, און פֿאַרטריקנט פֿון די שטויביקע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון טאָל אין זומער, — האָבן זיי געפֿירט זייער געפּלאָגט לעבן אין דעם מענטשן־ליידיקן שטיק לאַנד.

זיי האָבן זיך געראַנגלט מיט דער נויט און פֿאַרלאָזנקייט, שטענדיק אין שרעק פֿאַר בעדואינישע איבערפֿאַלן, וועלכע מען האָט פֿון צייט־צו־צייט מיט מסירת־נפֿש און גבורה אָפּגעשלאָגן. זיי זיינען דורך די טערקן און דייטשן אויסגעשטאַנען די נסיונות פֿון די מלחמה־יאָרן. דאָך האָבן זיי אויסגעהאַלטן אויף זייער אָרט און אויסגעקוקט, אַז עס זאָלן קומען אַנדערע און העלפֿן איינגעמען די פֿעסטונג פֿון דער וויסטעניש. איצט האָבן זיי עס דערלעבט!

זינט עטלעכע טעג קלויבן זיך יונגע מענטשן מיט וועגענער, מכשירים און מויל־אייזלען. פֿון די פֿאַרשיידנסטע ווינקלען פֿון יידישן ישוב זיינען זיי אָנגעקומען פֿון פּתח־תּקוה אין יהודה, אַנדערע פֿון מגדל אין גליל, וואו עס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן דער „גדוד“, אָדער, ווי זיי האָבן

זיך געראָפֿן „דער לעגיאָן פֿון אַרבעט״, וואָס איז געווען באַשעפֿטיקט מיט בויען וועגן, לייגן שינעס פֿאַר דער אייזנבאַן. איצט האָבן זיי זיך צוזאַמענ־געקליבן קיין עפֿולה און זיינען פֿון דאָרט מיט וועגענער אַרויסגעפֿאָרן צו פֿאַרלייגן דעם ערשטן ישוב אין האָרץ פֿון עמק, ביים טייך חרוד.

פֿאַראויס פֿון זיי רייט אַ רייטער, אַנגעטאָן ווי אַן אַראַבער אין אַן אַבאַיע. ער זיצט זיכער אויף זיין אומרואיקן אַראַבישן פֿערד און ווייזט אָן דעם וועג די וועגענער, וואו זיי זאָלן גיין. דאָס איז דער שומר, וואָס פֿירט מיט זיי אָן. ער קען דאָס לשון פֿון לאַנד, די מנהגים פֿון די שכנים, די אַראַבער. ער איז אויסגעקאָכט מיט זיי אין פֿרייַנטשאַפֿט און פֿיינטשאַפֿט. אָפֿטמאָל האָט ער מיט זיי קוילן פֿון ביקסן אויסגעטוישט, און אָפֿטמאָל שלום־סעודות ביי אַ געשאָכטענעם שעפּס געפּראַוועט. ער זאָל דאָס, צווישן זיי און די שכנים, וועלכע וואוינען אויפֿן באַרג, דער פֿאַרמיטלער זיין. ביי־נאַכט, ווען זיי וועלן פֿון דער מידער אַרבעט אין אַ טיפֿן שלאָף אַריינפֿאַלן, זאָל ער וואַכן איבער זיי. נישט איינמאָל האָט ער שוין דעם טויט אין די אויגן געקוקט, און נישט איינמאָל האָט אים דער גורל ווי אַ נס פֿון געפֿאַר אַרויסגעפֿירט. אויך איצט, ווי ער רייט אַזוי פֿאַראויס פֿאַר דער ציענדיקער מחנה, טוט ער נישט אָפּ קיין אויג פֿון די וועגענער, וואָס גייען הינטער אים.

אינמיטן דרינען, פֿון צווישן די פּייכטע גראָזן, דערשיינט פּלוצלינג, ווי פֿון דער הוילער ערד אַרויסגעוואַקסן, אַן אַראַבער אויף אַ פֿערד. מען וואונדערט זיך, פֿונוואַנען עס נעמט זיך דער דאָזיקער אַראַבער פּלוצלינג. אָדער מען טרעפֿט אָן אַן איינזאַמען בעדואינער, וואָס וואַנדערט פֿון חרמון, אויך פֿון די בערגלעך קומען אַראָפּ מיט פֿאַרוואונדערונג איינזאַמע פּאַס־טוכער, קוקן דערשטוינט אויף דער פֿרעמדער, דורכפֿאָרנדיקער מחנה. זיי באַגריסן זיך און פֿרעגן דעם שומר:

— ווער זיינען זיי דאָס אַזעלכע?

— מאָסקאָוויטן. זיי ציען אויף זייער לאַנד אַרויף.

— אויף זייער לאַנד אַרויף? וואו איז דען זייער לאַנד?

— העט דאָרט, אין דער ברייטער פּלאַך, וואָס ציט זיך אויס פֿאַר אונדז, פֿון יענעם קוואַל אָן הויבט זיך אָן די גרענעץ.

— פֿון יענעם קוואַל? פֿון קוואַל פֿון טויט?

— מיר וועלן אים לעבעדיק מאַכן!

— לעבעדיק? אָ, דאָס האָבן שוין אויך אַנדערע געזאָגט. צוויי ישובים זיינען שוין דאָ געווען אַמאָל, — אויך שבטים, ווי איר, זיינען זיי אָנגעקומען מיט וועגענער און כּלים און געוואָלט דאָ אין דעם טאָל אַ ישוב גרינדן..

דו זעסט אָט יענעם ציפּרעס, וואָס שטאַרט אַרויס מיטן טויטן קאָפּ פון די חזיר־גראָזן? דאָס איז די איינציקע מצבה, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך זיי, זייערע קברים זיינען אין די בלאָטעס פאַרזונקען.

— וואָס זאָגט ער? — פרעגן זיך אַ טייל נאָך ביים שומר, וואָרים זיי פאַרשטייען נישט דאָס לשון פון שכן.

צוויי ישובים זיינען שוין דאָ געווען אין עמק, און ביידע זיינען אונ־טערגעגאַנגען, — זעצט איבער דער שומר. — ער רופט דעם קוואַל — „דער קוואַל פון טויט".

— פרעג אים נאָר, צי עס איז נאָך ווייט צו דעם קוואַל פון טויט צי ניין! — ווילצלט זיך עמעצער.

— ניין, נישט ווייט. אַ ביסל ווייטער וועט איר אָנטרעפן אויף אַ זומפּ, איבער יענער זייט זומפּ איז דער ברונעם, וואו די ווייבער שעפּן וואַסער. אָבער ווי אַזוי וועט איר מיט די וועגענער איבער דעם זומפּ אַריבער?

— איז ער זייער טיף?

— מיר דערגייט ער אָט ביז אַהער, — באַווייזט דער אַראַבער אויף זיין פּאַסיק. — אָבער ערטערווייז איז ער נאָך טיפער. טיילמאָל ווערט אין אים אויך אַ בהמהלע דערטרונקען. מען מוז וויסן ווי אַזוי אַדורכצושפּרייזן איבער אים. מען טאָר אויך נישט טרינקען דאָס וואַסער. עס מאַכט קאַליע דאָס בלוט און דער בויך ווערט געשוואָלן.

— איר הערט, וואָס ער זאָגט: ווער עס טרינקט פון דעם וואַסער אין קוואַל, מענטש אָדער בהמה, ווערט אים דער בויך געשוואָלן און דאָס בלוט ווערט אים קאַליע, אַזוי אַז ער מוז אין דריי טעג אַרום שטאַרבן. דאָס האָט דער נביא, וואָס ליגט אויף יענעם בערגל דאָרט, די גאַנצע געגנט פאַרשאָלטן. די קוואַלן זיינען אָנגעשטעקט מיט דעם סם פון טויט.

— חברה, איך האָב אַ גוטן נאָמען פאַר אונדזער נייעם ישוב! ווייסט איר, ווי מיר זאָלן אָנרופן אונדזער קבוצה? „דער קוואַל פון לעבן".

דער שומר האָט זיך אומגעקוקט פון זיין פערדל אַראָפּ אויף דעם יונגערמאַן, וואָס האָט דעם פאַרשלאָג געמאַכט. דאָס איז דער לאָמער קליינער יודקעוויטש, וועלכער האָט פון מידקייט נאָכצושלעפּן זיין איינ־געפרוירן פיסל — זיך איינגאַנצן שוין אָנגעהאָנגען אויפן וואָגן.

דאָס וועלן מיר שוין שפּעטער זען. דערווייל, חברה, מאַכט אייך גרייט די וועגענער צו ציען, מיר דרעפּטשן שוין אין דער בלאָטע!

די בהמות האָבן זיך אָפּגעשטעלט, די וועגענער האָבן זיך מיט זייערע רעדער טיף אַריינגעשניטן אין דער בלאָטע. קיין בלאָטע האָט מען

אייגנטלעך נישט אָנגעזען. די גראָזן זײַנען וואָס אַמאָל העכער געוואָרן, און צווישן זיי האָט זיך ווי אַ טייג געקנאָטן דאָס ליים. אָט נאָר וואָס איז געווען טרוקענער באָדן, פֿאַרהאַרטעוועט פֿון אויבנאויף, צוזאַמענגעבאַקן פֿון דער זון און טרוקעניש, און מיטאַמאָל האָט זיך אַ זומפּ געעפֿנט אונטער די גראָזן, מחנות פֿליגן האָבן זיך אויפֿגעהויבן און באַדעקט די לײַבער פֿון מענטש און בהמה. די בהמות האָבן זיך געווערט מיט זייערע עקן, געוואָרפֿן די קעפּ פֿאַר ווייטיק, נאָר דער מענטש איז געשטאַנען אומבאַהאָלפֿן, די פֿיס געזונקען אין דער פֿײַכטקייט, און דאָ־און־דאָרט האָט אַ פֿליג, אַ מוק אַ שטאָך געטאָן אין פנים, אַ ברי געטאָן, און איז שוין נישטאָ.

אַן עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן פֿאַר די מויל־אייזלען, מיט די הענט אין דעם געשפּאַן זיך איינגעפֿלאָכטן און געצויגן, אַנדערע האָבן די רעדער מיט אַקסל און הענט אונטערגעשטופּט, אָבער עס איז נישט געגאַנגען. די רעדער האָבן זיך טיפֿער געשניטן אין דער האַלב־פֿאַרבאַקענער ערד, ווי די ערד וואָלט געווען פֿאַרלוירן איר פֿעסטקייט און זיך צעלאָזט אין אַן ערדישער פֿליסיקייט. די הויכע ווילדע גראָזן האָבן זיך אויך איינגעפֿלאָכטן צווישן די רעדער און פֿאַרשווערט די באַוועגונג. די פּלאָג פֿון גאָטס באַשעפֿענישן, די פֿליגן, האָבן נישט אויפֿגעהערט צו מוטשען.

מילא, צו די פֿליגן און צו די מיקן זײַנען שוין די לײַבער און די פנימער פֿון די יונגע מענטשן צוגעוואוינט געוואָרן נאָך פֿון אַנדערע ערטער. די מיקן פֿון כנרת, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַקענט בעתן בויען דעם וועג קיין צמח, זײַנען אויך נישט געווען אָוועקצומאַכן מיט דער האַנט. אָבער דאָ איז נאָך צו דער פֿליג צוגעקומען עפּעס אַן אַנדער חיהלע, וואָס מען האָט גאָרנישט געקענט ביז איצט. דאָס דאָזיקע חיהלע האָט מען בלויז געפֿילט, אָבער נישט געזען. עס איז געשפּרונגען אין פנים אַרײַן, ווי אַן אָנגעהייצט שטויבעלע זאַמד, אַ ברען געגעבן און אַוועקגעפֿלויגן. שפּעטער האָט מען אויסגעפֿונען, אַז דאָס איז אַזאַ מין שפּרינגענדיקע פֿלוי. אָט די פֿלוי האָט זיך איינגעגעסן אין דער הויט אַרײַן, אין די פֿאַרבאָרגנסטע ערטער זיך אַרײַנגעקראָגן. זי איז געפֿלויגן אין די אויערן אַרײַן, געקראָכן אין די נאָזלעכער, אַפֿילו אין מויל געקומען און נאָך אין אַנדערע אָפֿענע און פֿאַרבאָרגענע ערטער און האָט מיט שפּילקע־פֿײַער געשטאָכן. אָבער ווער האָט געהאַט דעם קאָפּ צו די דאָזיקע פּלאָגנדיקע פֿליגן? מען האָט געלאָזט די פנימער אויף הפקר, אַנדערע אויך די לײַבער, מען האָט זיך אויסגעטאָן די העמדער און האַלב־נאַקעטע געצויגן די וועגענער, אָבי אַרויסצוקריכן פֿון דער בלאָטע. די פֿליגן האָבן טאַקע מיטן גאַנצן אַפּעטיט

זוכה געווען פֿון הפקר, וואָס די מענטשן האָבן זיי אָוועקגעגעבן, און האָבן געבאָגט דאָס בלוט פֿון זייערע לייבער. די מורא פֿאַר די וועגענער האָבן אַלע יסורים גובר געווען.

אָבער עס ווערט ערגער. די ערד זינקט וואָס אַמאָל מער אונטער די פֿיס. וואָס אַ טריט מען מאַכט ווייטער, אַלץ טיפֿער שניידן זיך אַריין די רעדער אין דער פֿייכטקייט, די פֿיס פֿון די מויל־אייזלען דרעפּטשן שוין איצט אין פֿייכטער בלאָטע. פֿון וואַנען האָט זיך מיטאַמאָל וואַסער גענומען? אָט איז דאָך נאָר־וואָס דער באָדן טרוקן געווען, אמת טאַקע ווייך, אָבער פֿאַרט טרוקן, און מיטאַמאָל האָבן צווישן זיך די גראָזן באַוויזן קאַלוזשעס וואַסער, אַזוי ווי די ערד וואָלט געמאָלקן געוואָרן דורך די פֿיס פֿון מענטש און בהמה, וואָס האָבן געדרעפּטשעט אין איר. און זי וואָלט פֿאַרוואַנדלט־געוואָרן אין אַ פֿליסיקייט.

דאָס וואַסער האָט וואָס אַמאָל מער אָנגעצויגן, עס איז שוין מער גאָרנישט געווען נאָר שטעכעכץ, גראָזן און וואַסער. די מויל־אייזלען זיינען געוואָרן אויפֿגערעגט און האָבן אָנגעהויבן צו בריקעווען. עס האָט זיך איצט אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן מענטש און בהמה. אַלע כּוחות האָבן איצט געמוזט געפּטרט ווערן אויף צו פֿאַרהאַלטן די קעפּ פֿון די מויל־אייזלען, אַז זיי זאָלן די וועגענער נישט איבערקערן. און די רעדער זיינען דערווייל געזונקען אַלץ טיפֿער אין די קאַלוזשעס, די מענטשן זיינען אויסגעמוטשעט געוואָרן פֿון דער היץ און פֿון ראַנגלען זיך מיט די בהמות, פֿון די פֿליגן, עס האָט שוין נישט געסטאַיעט קיין כּוח אויף צו ציען די רעדער.

וואָס וועט דאָ געשען? דער ערשטער אַריינפֿאַר — און אַזאַ אַפּשניט! אפשר שיקן אַ רייטער קיין עפֿולה און רופֿן הילף? וואָס וועלן זיי דאָרט זאָגן, די גרויסע לייט אין ירושלים? — דאָס זיינען די גבורים, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען דעם עמק צו באַזיצן? ניין, דאָס טאָר נישט געשען!

— חברה, אַלע צו איין וואָגן! — אָבער שלעפּ־אַהין, שלעפּ־אַהער, סיידן אים נעמען אויף די פּלייצעס און אַרויסטראָגן פֿון דער בלאָטע.

דאָ איז אָבער פּלוצלינג געקומען די ישועה פֿון איינעם, וואָס מען האָט זיך צום ווינציקסטן געריכט אויף אים. דער לאָמער יוסף יודקעוויטש האָט זיך דערמאָנט, אַז ביי זיי אין דער היים, אין דער אוקראַינע, צו סוכּות־צייט מאַכן זיך קאַלוזשעס אויף די פֿעלד־וועגן, און די פֿורן בלייבן שטעקן אין די בלאָטעס; שניידן אויס די פּויעריםביימער פֿון וואַלד און וואַרפֿט זיי אין דער בלאָטע אַריין, און די פֿערד און וועגענער ציט מען אַריבער איבער די קלעצער. אמת טאַקע, דאָ זיינען נישטאָ קיין וועלדער, פֿון וועלכע מען קאָן אויסהאַקן ביימער, אָבער דערפֿאַר זיינען דאָ אַרום פֿאַראַן הויכע

ווילדע גראָז, פּענקעס פֿון פֿאַרטריקנטע פֿלאַנצן, קאַקטוסן, קוויטשערס, ברייט ווי אַ האַנט און הויך ווי אַ מענטש, און אַנדערע שוואַרץ־יאָרן פֿון גרינסן. טאָ פֿאַרוואָס זאָל מען נישט שניידן זיי און וואַרפֿן אין די בלאָטעס און איבער זיי דורכפֿירן די וועגענער?

— חברה, איך האָב אַן עצה, איך האָב אַן עצה! — שרייט דער קליי־נער יודקעוויטש און ציט דעם קראַנקן פֿוס מיטן גאַנצן כּוח פֿון זומפּ אַרויס. — חברה, לאָמיר נעמען די שנייד־מעסערס, העק און אויסהאַקן די גראָזן און זיי וואַרפֿן אין דער בלאָטע. איר וועט זען, מיר וועלן אַדורכ־שלעפּן די וועגענער!

קיינער וויל אים אָבער נישט הערן. די, וואָס הערן זיך שוין יאָ צו אים צו, טראַכטן זיך: וואָס פֿאַר אַ גוטס קאָן שוין דערפֿון אַרויסקומען, אַז עס שטאַמט אָפּ פֿון קליינעם יודקעוויטשן! פֿון ווען אָן קען ער זיך דאָס אויף די ארץ־ישׂראלדיקע בלאָטעס? וואו האָט ער זיי געזען, אין אוקראַינע?

אָבער כאַימאָוויטש, בערל כאַימאָוויטש, דער איניציאַטאָר און דער אָנפֿירער פֿון דער נייער קבוצה, בערל כאַימאָוויטש, פֿון וועלכן אַלע קוקן אויס אַ ישועה, ער הערט זיך יאָ צו צום קליינעם יודקעוויטשעס עצה. „גאָרנישט קיין שלעכטע עצה", — טראַכט ער זיך און קראַצט זיך מיט די פֿינגער אין זיין האַרט, קורץ בערדל, — „ווי קומט עס, וואָס עס איז מיר נישט איינגעפֿאַלן? מיר, וואָס איך בין שוין אַכצן יאָר אין לאַנד, וואָס איך בין שוין דורכגעגאַנגען אַלע גילגולים פֿון ארץ־ישׂראל, פֿאַלט מיר דאָס נישט איין, נאָר דעם קליינעם יודקעוויטש, אַ יונגערמאַן, וואָס איז קוים אַ יאָר דאָ אין לאַנד, נאָך ריכטיק צומאָל נישט געפּיבערט! — „דאָס איז די חכמה פֿון קאָלעקטיוו", — האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט.

— חברה, מיר דאַכט זיך, אַז עס איז גאָרנישט קיין שלעכטע אידעע פֿון חבר יודקעוויטש. קומט, לאָמיר אַראָפּנעמען די קאָסעס און די העק פֿון די וועגענער. חברה, צו דער אַרבעט!

וואָלקנס מאָסקיטעס האָבן זיך אויפֿגעהויבן אונטער די מעסערס, און איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיך ווענט פֿון גראָזן געלייגט. אין פֿלאַכטעס האָט מען זיי געטראָגן. חברה האָט זיך די הענט צעריסן מיט דעם שטע־כעכץ, וואָס זיי האָבן געלייגט איבער די זומפּן. די גראָזן האָבן זיך צוזאַ־מענגעוועבט מיט דער פֿייכטער ערד. עס איז געוואָרן אַ בריק פֿון געמויזעכץ מיט גראָזן, און אין דריי שעה אַרום האָבן זיי אַלע וועגענער בשלום דורכגעפֿירט איבער די בלאָטעס.

מיט דער מיטאָג־שעה זיינען זיי אָנגעקומען צום ברונעם, וואָס די אַראַבישע שכנים אויפֿן באַרג האָבן גערופֿן „דער קוואַל פֿון טויט".

קאַפּיטל 2

דער ערשטער טאָג

דאָס אָרט, ביי וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, איז געווען אַ באַקאַנט אָרט. עס טראָגט אַ קלינגעדיקן נאָמען אין דער הייליקער שריפט. עס איז געלעגן צופוסנס פון אַ באַרג, אויף וועמענס רוקן עס זיינען אמאָל געפירט געוואָרן באַרימטע מלחמות. איין יידישער קעניג איז אויף דעם באַרג געפאַלן, און אַ צווייטער האָט אים דערפאַר פאַרשאָלטן. דער קוואַל, וואָס שלאָגט צווישן די גרעזער צו זיינע פיס, איז געווען אמאָל באַרימט. אויך דער קוואַל טראָגט אַ שטאָלצן נאָמען אין דער הייליקער שריפט. מלחמות זיינען לעבן אים געפירט געוואָרן.

היינט האָבן די יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט אויף דעם פלאַץ פון זייערע אָבות, געפונען אַ בלאָטע, אַרום וועלכער אַ פּאָר אַראַבישע פרויען פון די ליימענע הייזלעך, וואָס זיינען געשטאַנען אויף די בערג, האָבן געבויגן זייערע קרוגן איבער איר און אָנגעשעפּט מוטנע וואַסער.

קיין קוואַל האָט מען נישט געזען, דערפאַר איז אָבער דאָ געווען אַ בלאָטיקע קאַלושע אָנגעוואָרפן מיט שטיינער. דאָס וואַסער, וואָס האָט זיך געזאַמלט אַרום דעם אָרט, האָט די גאַנצע ערד אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ טיפער בלאָטע, און מען האָט נאָר געקאָנט צוקומען צום קוואַל איבער די שטיינער, וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפן אַרום. אַ ביסל ווייטער פון קוואַל האָט זיך אָנגעהויבן דער ווילדער טאָל, צו וועלכן מען האָט נישט געקאָנט צוקומען, אָבער הינטער דעם קוואַל, האַרט ביים צופוסנס פון נאַקעטן באַרג, הינטער די אַראַבישע הייזלעך, האָבן זיי געפונען אַ בערך טרוקן אָרט, און דאָרט האָבן זיך די פורן אָפּגעשטעלט.

— דאָ איז עס! — האָט כאַימאָוויטש זיך אָנגערופן. — איך גלויב, אַז דאָ וועלן מיר אויפשטעלן די געצעלטן. חברים, לאָמיר שניידן די גראָזן און אויפהייבן די שטיינער.

מחנות פֿליגן האָבן זיך אויפֿגעהויבן אונטער די שנייד־מעסערס. די מעסערס האָבן זיך אָנגעהאַקט אין די שטיינער. הינטער די שניטערס זענען געגאַנגען די קלויבערס, האָבן אויפֿגעקליבן די שטיינער און אויסגעלייגט זיי אין קליינע שיטערע בערגלעך.

— געפֿונען דאָס ריכטיקע מקום! אונטער די אַראַבישע הייזלעך! אַז זיי זאָלן נישט האָבן ווייט צו גיין ביינאַכט גנבֿנען אָדער פֿון אויבן אונדז צו באַשיסן, — האָט עמעץ דאָרט, קלויבנדיק שטיינער, געמורמלט לעבן כאַימאַוויטשען.

— קיין אַנדער אָרט האָט דיר דיין טאַטע נישט אָנגעגרייט. פּאַרפּאַלן, ארץ־ישראל זעט אַזוי אויס, און מיר מוזן עס נעמען אַזוי ווי עס איז, — האָט אים כאַימאַוויטש אָפּגעענטפֿערט.

דער גאַנצער הימל איז איין גרויסע זון געווען, קיין איין שאָטנדל פֿון אַ בוים צי פֿון אַ קוסט, אונטער וועלכן מענטשן זאָלן זיך קאָנען שיצן. דער הימל האָט געשראָפּעט איבער די קעפּ און לייבער, וועלכע זיינען אויסגעליפֿערט געווען צו די שטראַלן. דער עולם איז מיד און אויסגעמוטשעט געווען פֿון דעם אַריבערשלעפּן די וועגענער איבער דעם זומפּ. הונגעריק איז מען אויך געווען. פֿון פֿינף פֿאַרטאָג אָן, ווען מען האָט זיך געריהרט אין וועג אַריין, האָט מען מער נישט ווי ברויט און טיי געגעסן. איצט איז שוין באַלד געווען דריי אַזייגער און קיינער האָט נישט געקלערט וועגן עסן. די שעהן ביז פֿאַרנאַכט זיינען געווען געציילטע און ביזן אָוונט האָט דאָס שטיק פֿעלד, אויף וועלכן עס האָבן געזאָלט שטיין די געצעלטן, געמוזט זיין אָפּגערוימט.

גופֿים האָבן זיך געבויגן איבער דער ערד. אין זעק און אין בלעכן, וואָס מ'האָט געהאַט ליגן אויף אַ וואָגן, האָט מען געקליבן די שטיינער, אָנגעשאָטן אין אַ וואָל לענגאויס די הייזלעך אויף די בערג. אַזוי־אַרום האָט מען געוואָלט אָפּשניידן דעם וועג צווישן די אַראַבישע הייזלעך אויפֿן באַרג און דעם קוואַל. די שטיינער זיינען ממש געוואַקסן פֿון דער ערד. וואָס מער מ'האָט זיי געקליבן, אַלץ מער זיינען זיי אָנגעוואַקסן. אָבער מען איז נישט מיד געוואָרן זיי צו קלויבן. מען האָט זיך נישט געפֿרעגט, וואָס וועט זיין דער סוף: עס איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי אַזוי די געצעלטן אויפֿצושטעלן, נאָר דורך אָפּרוימען די שטיינער און אָפּשניידן מיט די שנייד־מעסערס און די קאָסעס די גראָז. און דאָס האָט מען געטאָן אין שטילשווייגן.

צוערשט האָט מען באַדאַרפֿט דעם פּראָוויאַנט ברענגען אונטער אַ שוץ. זיי זיינען געלעגן אויף אַ וואָגן — די זעק מעל, קאַרטאָפֿלעס, רייז, אַ פּאָר

פוד קאַשע, צוקער, טיי, נאַפּט. אויך אַמעריקאַנער קאַנען מיט אויל פֿון גרינסן. די חברטע שרה מיט דער הילף פֿון אַ פּאָר חברים האָבן די פּראָוויאַנטן אַראָפּגענומען פֿון וואָגן, געלייגט אויף אַ טרוקן אָרט, אונטער וועלכן זיי האָבן אונטערגעבעט געשניטענע גראָזן און שטיינער. גענומען אַ פּאָר דרענגער און אין דער ערד אַריינגעקלאַפּט, אַרום זיי מיט גראָזן פֿאַרלייגט, איבער די דרענגער מיט גראָזן, זעק און פּלאַכטעס פֿאַרשפּרייט, און די ווענט פֿון הילצערנע פּלאָקנס מיט גראָזן פֿאַרפּלאָכטן. דאָס איז געווען דער ערשטער דאַך, וואָס זיי האָבן אויף דעם נייעם אָרט אויפֿגעשטעלט.

ווען שרה האָט די פּראָוויאַנטן אונטערן שוץ אַרונטערגעבראַכט, האָט זי געשלעפּט די קאָך־לאָמפּן, זיי אויפֿגעשטעלט אויף אַ מזבח פֿון שטיינער, און גרויסע אַלומיניום־טעפּ פֿון וואָגן אַראָפּגענומען. איצט איז אויפֿגעקומען דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם: וואו נעמט מען וואַסער?

וואַסער איז געווען אַרום, אָבער דער קוואַל האָט געמאַכט אַן איינדרוק טאַקע ווי אַ קוואַל פֿון טויט. צו אים, צום קוואַל אַליין, האָט מען גאָרנישט געקאָנט צוגיין. דאָס, וואָס מען האָט געזען, איז געווען אַ זומפּ און נישט קיין קוואַל. די אַראָבערקעס האָבן טאַקע געשעפּט בלאָטע פֿון זומפּ אַרויס און אַריינגעקוועטשט אין די קרוגן. עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, ווי אַזוי צו דערגיין צום עצם קוואַל אַליין, פֿון אים דאָס וואַסער צו באַקומען, און נישט פֿון דער בלאָטע אַרויס. אָבער חברטע שרה האָט נישט לאַנג געקלערט. מיט אַן אויסגערייניקטער בלעכענער קאַן פֿון גאַזאָלין איז זי גלייך אַריינגעטראָטן אין דער בלאָטע און געזוכט צו דערגיין דעם קוואַל. באָרוועס האָט זי זיך מורא געדאַט אויסצוטאָן, איבער די מיקן און סקאָרפּיאָנען, וואָס האָבן זיך געווידמעט און געזשומעט אַרום דער בלאָטי־קער פֿייכטקייט, — איז זי געקראָכן אין די שיך וואָס אַמאָל טיפֿער אין דער בלאָטע. אַרום איר האָט דאָס וואַסער געקוואָלן מיט שמוץ פֿון אַלע זייטן. אָבער קיין קוואַל, פֿונוואַנען דאָס וואַסער זאָל שלאָגן ריין, האָט מען נישט אַנגעזען. וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום עצם קוואַל, אַלץ טיפֿער איז זי געזונקען אין די בלאָטעס. זי איז שוין געשטאַנען ביזן האַלבן גאַרטל אין דער נעץ, נאָר קיין קוואַל האָט זי נאָך נישט געזען. עס איז איר אָבער צו הילף געקומען כאַימאָוויטש. פֿון זיין אָרט, וואו ער איז געשטאַנען און געהויבן שטיינער, האָט ער באַמערקט, ווי חברטע שרה קריכט מיט דער קאַן אין האַנט וואָס אַמאָל טיפֿער אין דער בלאָטע צום קוואַל־צו. אויף אַלעס האָט ער געהאַט אַן אויג. באַלד האָט ער איבער־געלאָזט די שטיינער און מיט אַ יינגלשן שפּרונג איז אָט דער עטלעכע־און־

דרייסיק יאָריקער בחור, מיט זיין אויסגעמוסקולירטן און אויסגעאַרבעטן קערפּער, אַריין אין דעם זומפּ; געקראָכן אין אים אַלץ טיפֿער און טיפֿער, מיט אַ שאָפֿל געוואָרפֿן די בלאָטע אויף ביידע זייטן און אויסגעאַרבעט אַ קליינע קאַרעטע, דורך וועלכער דאָס וואַסער זאָל אָפּרינען. נאָך אַ שעה אַרבעט האָט ער באַמערקט ווי דאָס וואַסער רינט אָפּ — און אַנטפּלעקט עפּעס האַרטס, וואָס קוקט אַרויס פֿון דער בלאָטע. ווען ער האָט דאָס אָפּ־גערייניקט, איז כּמעט דערשטוינט געוואָרן צו זען, אַז די בלאָטע האָט פֿאַרשטעלט אַ געוועלבונג פֿון שטיינער, וואָס איז געהאַנגען איבער אַ הייל. ער האָט געוואָלט עמעצן רופֿן צו הילף, נאָר עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט עס נישט געוועזן פֿאַרגונען. מיט האַרץ־קלאַפּן און מיט גרויס אײַפֿער האָט ער אָנגעהויבן ווייטער צו אַרבעטן — אַרויסצוואַרפֿן שופֿלעס מיט בלאָטע — ביז ער האָט ענדלעך דערזען אַ הייל, אָנגעפֿילט מיט בלאָטיקן וואַסער. אָבער פֿון דעם בלאָטיקן וואַסער אַרויס האָט מיט אַן אומ־געהויערער שטאַרקייט געזעצט קלאָר, דורכזיכטיק קוואַל־וואַסער. דאָס וואַסער האָט זיך טאַקע באַלד צונויפֿגעמישט מיט דער בלאָטע אין דעם שטייענדיקן זומפּ. אָבער אונטער דער הייל — פֿון שטיין אַרויס — האָט מען עס געקאָנט אויפֿשעפּן ר״ין, אַזוי ווי עס איז געקומען פֿון דער ערד אַרויס, ווי קילער צעגאָסענער קרישטאָל. עס איז געווען אָן ספֿק, אַז ער האָט דערגרייכט צום קוואַל, וועלכער איז באַהאַלטן געווען אין אַ הייל, צוגעדעקט מיט בלאָטע.

ער האָט געוואָלט אויסשרייען פֿאַר פֿרייד. ער האָט זיך אָבער אָן עפּעס דערמאָנט, אומגעקוקט זיך און געזען, ווי די חברטע שרה, צו וועלכער ער האָט געטראָגן אַ צניעותדיק באַהאַלטן געפֿיל, באַמיט זיך צוצוקומען צו אים מיט דער בלעכענער קאַן און זי קאָן נישט, ווייל אירע פֿיס זינקען וואָס אַמאָל טיפֿער און זי קעמפּט מיט דער בלאָטע. ער איז אַרויס פֿון דער הייל, געמאַכט אַ פּאָר שריט צו איר, אָנגענומען זי ביי דער האַנט און געזאָגט צו איר:

— קומט, שרה, איך וועל אייך ווייזן דעם קוואַל.

ער האָט זי מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס כּמעט אַרויסגעשלעפּט פֿון דער בלאָטע און, האַלב טראָגנדיק זי, האָט ער געדרעפּטשעט מיט איר אין וואַסער אין דער הייל אַריין.

זיי זיינען געשטאַנען ביז איבערן האַלבן לייב אין דער בלאָטע, נאָר איבער זייערע הענט האָט געשלאָגן דאָס ריינע קרישטאָלענע וואַסער, וואָס האָט זיך צניעותדיק, מיט כּלהשער אומבאַריירטער קלאָרקייט געגאָסן איבער זייערע פֿינגער.

— אַ הייל? — האָט זי זיך געוואונדערט.

— דער קוואַל איז באַהאַלטן אין דער הייל.

עס האָט זיך אים געוואָלט דעם סוד פֿון אַנטפּלעקטן קוואַל באַהאַלטן אַ מינוט פֿאַר זיי ביידע. באַלד אָבער האָט ער זיך דערמאַנט, אַז עס איז נישט חבריש, האָט ער זי געלאָזט אַ ווײַלע שטיין, מיט מי אַרויסגעדרעפּ־טשעט פֿון דער הייל און אָנגעהויבן צו רופֿן:

— חברה, דער קוואַל!!!

חברה האָט אָוועקגעוואָרפֿן די שטיינער און זיינען צו צו דער בלאָטע. זיי האָבן נאָר געזען בלאָטעס, אָבער קיין שום קוואַל נישט.

— וואו?

— אָט דאָ אין דער הייל!

— אַ הייל?

טייל זיינען אַריינגעשפּרונגען — אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען — אין דער קאַלושע אַריין. אַנדערע האָבן זיי געוואָלט נאָכטאָן, אָבער אַרום דער הייל איז ענג געוואָרן. מען האָט זיך געריסן צום קוואַל. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער, וואָס וועט טרינקען פֿון קוואַל.

חברטע שרה האָט מיט איר בלעכענער „שול״־קאַן אָנגעשעפּט פֿון קוואַל קלאָר וואַסער און דערלאַנגט די חברים לעבן זיך, וועלכע האָבן געוואָלט געניסן.

— גיט מיר דעם ערשטן טרונק!...

נאָך איידער דער חבר האָט גענומען די בלעך צו זיין מויל, האָט זי אים כאַימאָוויטש פֿון מויל צוגענומען.

— דער ערשטער שלוק וואַסער געהער דעם ידישן פֿאָלק!

ער האָט געהאַט אַ געדאַנק צו מאַכן אַ שהחיינו. נאָר זיינע ראַדיקאַלע איבערצייגונגען האָבן פֿאַרטריבן דעם געדאַנק. ער האָט גענומען דאָס וואַסער פֿון דער בלעך און אויסגעגאָסן צוריק אין קוואַל אַריין.

— — — —

עס איז נישט געווען קיין צייט אויף סענטימענטן. מען האָט פֿאַרלוירן דריי־פֿיר שעה איבעריקע אויף אַריבערשלעפּן די וועגענער דורך די זומפּן, אויף וועלכע מען האָט זיך נישט געריכט. ביז צום אָוונט האָט מען געמוזט צום ווינציקסטנס אויפֿשטעלן אַ פּאָר געצעלטן, ברענגען דעם פּראָוויאַנט אונטער דעם דערוויילינקן שוץ און אויך אויפֿשטעלן אַ דער־וויילינקע צוים אַרום דעם אויסגעזוכטן פּלאַץ, כדי צו פֿאַרהיטן פֿאַר מעגלעכע גנבות און גזלות, און טאָמער, חלילה, נאָך פֿאַר עפּעס מער

ערנסטס, אויב עס זאָל אויסקומען... מען ווייסט קיינמאָל נישט ווי מען האַלט מיט די שכנים, איבערהויפּט ווען מען קומט אויף אַ ניי אָרט און מען איז נאָך נישט איינגעאָרדנט. דער עולם איז פֿלינק צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט, אויפֿרוימען דאָס פֿעלד, אויסלייגן די שטיינער אַזוי, אַז זיי זאָלן בילדן אַ שוץ־וואַנט. די איבעריקע דריי זייטן האָט מען גערעכנט צו פֿאַרשטעלן מיט די וועגענער. אָבער דערווייל האָט מען זיך גענומען די געצעלטן אויפֿצושלאָגן. איבער דעם גאַנצן פּלאַץ, וואָס האָט ביז איצט געשלומערט אין דער הייסער מיטאָג־שעה און באַפֿרוכפּערט געווען נאָר פֿון פֿליגן, מיקן, ווילדע בינען און שפּינען, וועלכע האָבן מיט פֿליס געוועבט זייער אײנזעקטיש לעבן און אָנגעפּילט דעם חלל מיט דעם אומהיימלעכן געזשום — האָט איצט געשאַלט פֿון מענטשלעכן טוען.

עס האָבן זיך געהערט שטימעס. אַ לויפֿן, אַ גיין, אַ קלאַפּן מיט האַמערס, אַ שניידן מיט קאַסעס, אַ וואַרפֿן מיט שטיינער — דאָס גאַנצע אָרט איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט ווי לעבעדיקע קוואַלן פֿון מענטשלעכער ענערגיע און כּוחות. איבער דעם חלל פֿון דער ווייטער זומפּיקער וויסטע פֿונעם עמק האָבן זיך געטראָגן מענטשלעכע שטימעס און איבערגעשראָקן די אין זייער אַרבעט פֿאַרטוענע און אין זייער שלאָף פֿאַרשלומערטע אינזעקטן צווישן די גראָזן, און די חיות אין די זומפּן. מיט שרעק האָבן זיך געטראָגן מחנות פֿליגן, אַרויסגעפּלאָשעטע פֿון די ניי־איינגענומענע שטיקער ערד, פֿון די אָפּגעשניטענע גראָזן, און זיך געלאָזט די שלעכטע בשורה אָנזאָגן צו זייערע חברטעס אין טיפֿן טאָל: „דער מענטש איז אָנגעקומען!“...

דערווייל האָט מען באַדאַרפֿט זאָרגן וועגן עסן. דער עולם איז אויסגעמוטשעט געווען און הונגעריק. און וויפֿל די הערצער און די געמיטער זיינען נישט איבערגעפּילט געווען מיט פֿרייד פֿון דער זכיה, וואָס מען האָט דערלעבט אויף אייגענער ערד צו טרעטן און מיט אייגענע הענט צו האָבן די אָפּרייניקן פֿון שטיינער, — האָט אָבער דאָס מענטשלעכע לייב פֿאַרלאַנגט צו האָבן נאָרונג.

די כּוחות האָבן אָנגעהויבן אויסצורונען, ווי זיי וואָלטן זיך געווען אויפֿגעלייזט אין די אָנגסטן פֿון שווייס, וואָס איז גערונען פֿון די לייבער ביי דער אַרבעט. חברטע שרה, וועלכע געפֿינט זיך איצט ביי די טעפּ וואַסער, וואָס זידן אויף די נאַפּט מאַשינקעס, פּילט עס.

וואו זי קומט, אין וואָס פֿאַר אַ קבוצה זי געפֿינט זיך, צו וואָס פֿאַר אַן אַרבעט זי נעמט זיך, פֿאַלט זי — לויט איר גורל — אַריין אין דער קיך. און באמת בענקט זי דווקא צו זיין אינדרויסן צווישן די מענער, צו

שניידן די גראָז, צו גראָבן די ערד. ווי זי האָט ליב דאָס גרינס פֿון די נייע אויפֿגייענדיקע צווייגלעך אויף די יונגעביימער, וואָס זי האָט פֿאַרלייגט אין כּנרת אין דער בוים־שולע. און אויך דאָ, שטייענדיק ביי דער אַזוי־גערופֿענער קיך, אונטער דעם באַדעקעכץ פֿון ראַגאָזשעס און זעק אויף די אַריינגעהאַקטע דרענגער, זעט זי איר יונגע בוים־שולע, וואָס זי האָט איבערגעלאָזט אין כּנרת. אויך דאָ חלומט זי פֿון אַ בוים־שולע, אָבער דערווייל באַדאַרף מען קאָכן און אַלע זיינען זיך צעלאָפֿן.

דבורה, וועלכע האָט איר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיט איר אין קיך צו־אַרבעטן די ערשטע צייט, איז נישטאָ; און מלכּה, וועלכע איז צוליב דעם, אייגנטלעך, אַהער געקומען, איז אויך נישטאָ; זי שטייט אינדרויסן מיט די מענער און האַקט די קלעצער אין דער ערד אַריין פֿאַר די געצעלטן.

העלענקע מירקין, איר פֿריינדין, מיט וועלכער זי האָט צוזאַמען די בוים־שולע אין כּנרת פֿאַרלייגט, האָט מען, געמוזט איבערלאָזן ביי די יונגע ביימער. איבעריקנס, וואָלט זי איר איצט גאָרנישט געקאָנט העלפֿן. זי ריכט זיך מוטער צו ווערן.

און אויך מרים און חוה און סאָניטשקע — אַלע זיינען זיי אינדרויסן מיט די מענער ביים אָפּראַמען די שטיינער, און זי איבערגעלאָזט אַליין אין דער קיך.

אַוודאי האָט מען מורא פֿאַר דער קיך. אַז מען פֿאַלט אַריין אין איר האַלט זי דיך געפֿאַנגען. אָבער די חברים מוזן עסן, זיי זיינען מיד און הונגעריק. אַ חוץ דעם טרוקענעם ברויט און טיי אינדערפֿרי, האָבן זיי נאָך היינט גאָרנישט אין מויל געהאַט, אין אַזאַ שווערן טאָג פֿון זאָרג און אַרבעט הינטער זיך.

זי וועט פֿאַר זיי היינט, פֿאַרשטייט זיך, באַבלעך אָפּקאָכן, עס זאָל זיי כּוחות געבן. די חברים וואָלטן אַוודאי געוואָלט קאַרטאָפֿלעס, נישטאָ אָבער קיין צייט זיי צו שיילן. און אפֿשר זאָל זי אַ פּאָר טעפּ קאַרטאָפֿלעס אין די שאָלן אָפּקאָכן? גאָרנישט זעטיקט אַזוי אַ הונגעריקן מאָגן ווי קאַרטאָפֿלעס. זיי קאָנען זיך דאָס מיט בוימל באַשמירן. יאָ, דאָס וועט זיי שמעקן. זי וועט פּרובירן כאָטש אין ערשטן טאָג אַ פּאָר פֿונט ציבעלעס אָפּצופּרעגלען, כּדי די קאַרטאָפֿלעס צו באַשמעלצן.

זי ווייסט, אַז זי פֿירט זיך צו ברייט. דאָס געלט, וואָס דער ירושלימער קאָמיטעט האָט באַשטימט פֿאַר דער ערשטער צייט, איז זייער קאַרג. און ביז די חברים וועלן אָנהויבן עפּעס אַריינצוברענגען פֿון דרויסנדיקע פֿאַר־דינסטן, און ביז דער גאָרטן וועט אייגענע גרינס קאָנען געבן, וועט נאָך לאַנגע צייט געדויערן. מען וועט נאָך גענוג קרענקען, ביז מען וועט דאָס

ערשטע מערעלע זען פֿון דער ערד, דאָס ערשטע קעפּל סאַלאַט. אָבער די חברים מוזן עסן, עס שטייט זיי פֿאַר מאָרגן אַ גרויסער טאָג אַרבעט. מען וועט באַדאַרפֿן פֿאַר היינט אויך ציגאַרעטן איינטיילן.

„אָבער וואָס שטיי איך און קלער? פֿון דעם הייסן וואַסער וועלן זיבעציק מענטשן נישט זאַט ווערן! וואו זיינען די חברטעס, מרים, חוה, דבורה — זיי האָבן מורא אין דער קיך צו קומען, כּדי זיי זאָלן נישט דאָרטן שטעקן בלייבן. אָבער די חברים וועלן נאָך דער אַרבעט וועלן עסן. פֿון האָרא טאַנצן וועלן זיי נישט זאַט ווערן!“.

זי לויפֿט אַרויס אינדרויסן. די ערשטע־בעסטע חברטע, וועלכע זי טרעפֿט אָן — דבורה ראַבינאָוויטש, מיט דעם שטאָלצן קאָפּ, וואָס זיצט אויפֿן הויכן האַלדז — איז פֿאַרטאָן מיט די חברים ביי די שטיינער.

— חברטע, אַריין אין דער קיך! — שלעפּט זי דבורהן ביי דער האַנט.

— איך וויל מיט די חברים אין פֿעלד בלייבן, איך טויג נישט צו די טעפּ!

—אין דער קיך! — שלעפּט זי די חברטע פֿאַר די צעפּ. — ארץ־ישׂראל הויבט זיך אָן פֿון טאָפּ!

— — — — —

ביז די קאַרטאָפֿלעס (טאַקע אין די שאָלן) זיינען געשטאַנען אָפּגעזאָטן אין די גרויסע טעפּ פֿאַר דער טיר פֿון דער חברטע שׂרהס קיך, וואָס איז פֿון זיך אַליין געוואָרן דער זאַמל־פּונקט פֿון דער קבוצה, זיינען שוין אין אַ קרייז געשטאַנען אויסגעשטעלט די וועגענער פֿון דריי זייטן, און פֿון דער פֿערטער זייט, צום באַרג־צו, זיינען געלעגן אין קופּעס אָנגעוואָרפֿענע שטיינער און האָבן געשאַפֿן אַ מחיצה צווישן זיי און דעם באַרג.

אינעווייניק, אין דעם צירקל, זיינען אויף צוויי זייטן אין סימעטרישע רייען געשטאַנען אויפֿגעשלאָגן אַכט געצעלטן. די מויל־אייזלען זיינען געשטאַנען אויף אונטערגעשפּרייטע גראָזן צווישן דער ריי געצעלטן. דאָרטן, אויפֿן פּלאַץ צווישן די געצעלטן, זיינען אויך געלעגן צוזאַמענ־געוואָרפֿן די כּלים און אַלץ, וואָס מען האָט אַראָפּגעשלעפּט פֿון די וועגענער.

פֿיר חברים, באַשטאָט מיט געווער, זיינען פֿאַרלויפֿיק געווען אויס־געשטעלט אין די פֿיר ווינקלען. דער איבעריקער עולם איז געלעגן אָדער געזעסן פֿאַרן געצעלט פֿון חברטע שׂרה, דאָס הייסט, פֿאַר דער קיך — מיט די טעפּ זודיקע קאַרטאָפֿלעס פֿאַר זיך.

אין די טעפּ מיטן הייסן וואַסער האָט מען אַריינגעוואָרפֿן אַ פּאָר לעפֿל טיי און צוקער. אויף אַ ברעט פֿון אַ וואָגן, וואָס האָט געדינט פֿאַר

אַ טיש, זיינען געשטאַנען די ניי־איינגעקויפטע בלעכענע כלים, בלעכענע טאַצן און אַ קופּע לעפל.

דער עולם האָט גענומען די טעלער און אָנגעלייגט מיט קאַרטאָפלעס, אָפּגעשיילט, באַשמאַלצן מיט די אָנגערייטשטע ציבעלעס פון אַ טאָפּ אַרויס, אַ שטיק אָפּגעשניטן ברויט, און זיך געלאָזט וואוילגיין.

די חברטע שרה איז היינט געווען זייער פאַרשווענדעריש, עס איז געווען אי קאַרטאָפלעס אי ברויט (דאָס איז געווען צוליב דעם יום־טוב פון ערשטן טאָג אויף אייגענער ערד). איטלעכער האָט זיך אָנגעגאָסן פון אַ קאַן אַ טעפּל טיי, און מ׳האָט אַפילו פאַרגעסן צו דיסקוטירן איבער דער ברע־נענדיקער פראַגע, וואָס איז געשטאַנען אויף דעם טאָג־אָרדנונג פון גדוד — ווי אַזוי צו דערציען די צוקונפטיקע קינדער פון דער קבוצה — איבער וואָס מען האָט געהאַלטן אין איין דיסקוטירן יעדעס מאָל, ווען מען האָט נאָר אַ פרייע מינוט געהאַט, — ביז עס איז אָנגעקומען מענדל שוואַרץ, דער שוסטער.

ער, מענדל שוואַרץ, איז געווען פאַרנומען ביז איצט מיט די מויל־אייזלען. אויך זיי האָבן באַדאַרפט טועם זיין פון פרישן קוואַל־וואַסער, וואָס די אבות האָבן אין דער הייל פאַרשטעקט, — ער איז אָנגעקומען און דערזען די „טעפּ פון מצרים״, ווי די חברים זיצן האַלב־אָנגעלענט, ווי ביים סדר ביים טאַטן אין דער היים, און האָבן הנאה, — האָט ער זיך אָנגערופן:

— גיב נאָר אַ קוק, עס איז דאָך שוין באַלד שלמה המלכס אַ סעודה — אי ברויט, אי קאַרטאָפל. אויפן חשבון פון נגיד, פון יידישן פאָלק, קאָן מען זיך לאָזן וואוילגיין. וואַרט, וואַרט, חברים, ביז מיר וועלן אויף אייגענע קעסט קומען!

דערווייל זיינען פון באַרג אַראָפּגעקומען די שכנים מיט אַ וויזיט. דאָס איז געווען אַן אַלטער אַראַבער אין אַ ווייסער אַבאַיע און צוויי אַראַבער אין שוואַרצע קעמל־האָר מאַנטלען. עס איז עפּעס נישט געפעלן געוואָרן, וואָס די יונגע, יענע וואָס אין די שוואַרצע קעמל־האָר, האָבן געהאַט האַלבע פנימער פאַרשטעלט, מיט דער ווייסער קאַפיע פאַרבונדן, כאָטש עס איז דאָך שוין געווען אָוונטלעך און קיין זון און קיין שטויב איז נישט געווען אָנצוזען. אויך צופיל געווער האָבן זיי געהאַט אויף זיך.

מען איז זיי אַנטקעגנגעגאַנגען. דער שומר אויפן פערד האָט זיך געלאָזט צו זיי הענדום־פענדום. ער האָט זיי באַמערקט נאָך פונדערווייטנס אַראָפּגעקומען פון באַרג און ער האָט זיי איינגעהאַלטן מחוץ למחנה. „מחנה״ האָט זיך שוין גערופן דאָס, וואָס איז געווען אין צירקל. די בערגלעך שטיינער, וואָס מען האָט אָנגעוואָרפן, האָבן געשאַפן די מחיצה צווישן רשות היחיד און דעם רשות הרבים. און ווי נישטיק עס זיינען נישט די

בערגלעך שטיינער, פֿילט מען זיך שוין אין אייגענעם רשות, ביי זיך אין דער־היים.

מען האַלט־איין די אַראַבישע געסט: — וואָס זיי ווילען? — זיי זיינען געקומען באַגריסן זיך מיט די נייע שכנים, זיי זיינען פֿון די הייזלעך אויבן אויפֿן באַרג. עס הויבט זיך אָן אַ שקלאַ־וטריא — יאָ אַריינלאָזן זיי אין דער אייגענער מחיצה, צי נישט. טייל זאָגן, אַז זיי זיינען געקומען אויסשפּיאָנירן ווי שוואַך מען איז. יעדנפֿאַלס: וואו וועסטו זיי זעצן? עס איז נאָך נישטאָ וואו זיך אַוועקצוזעצן. אָבער דאָך, מחמת שלום, באַשטימט מען זיי יאָ אַריינצולאָזן אין דער מחיצה. מען באַגלייט זיי ביז צו דער טיר פֿון הברטע שרהס געצעלט, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פֿון אָרט. מען זעצט זיך אַוועק אויף דער ערד, און דאָס ברעט פֿון וואָגן איז דער טיש. ווער זיינען זיי אַזעלכע? — ווילן די שכנים וויסן. — פֿון וואָס פֿאַר אַ שבט?

— דאָס זיינען מאָסקאָוויטן, וועלכע האָבן אָפּגעקויפֿט ביים עפֿענדי דעם גאַנצן עמק דאָ אַרום, און זיי זיינען אים געקומען איינגעמן מיט אַרבעט, באַזעצן אים.

ווידער הויבט זיך אָן די זעלבע מעשה, ווי מיט די אַראַבער אויפֿן וועג: דעם עמק באַאַרבעטן? באַזעצן אים — ווי אַזוי? איר זעט דאָרטן, פֿון מיטן די גראָזן שטאַרט אַרויס אַ טויטער קאָפּ פֿון אַ ציפּרעס, — דאָס איז די איינציקע מצבה פֿון אַ ישוב. אויך געקומען אים איינגעמען. די קברים זיינען פֿאַרזונקען אין דער בלאָטע. דער קוואַל, — דאָס איז דער קוואַל פֿון טויט, וועלכן דער נביא, וואָס ליגט אויף יענעם באַרג־רוקן, האָט אים פֿאַרשאָלטן, און יעדער, וואָס טרינקט פֿון אים, סיי מענטש, סיי בהמה, ווערט ביי אים דער בויך געשוואָלן און דאָס בלוט ווערט קאַליע. אין דריי טעג אַרום מוז ער שטאַרבן.

„פֿון וואָס פֿאַר אַ קוואַל טרינקט איר?" — פֿרעגט מען זיי. — „מיר האָבן אויפֿן באַרג אין אונזער דאָרף אַן אייגענעם קוואַל, וואָס איז פֿריי פֿון דער קללה. די שכנים פֿון אונטן, וואָס טרינקען פֿון קוואַל, האָבן שוין אַ העלפֿט קינדער פֿאַרלוירן, עס האַלט זיך נישט ביי זיי קיין בהמה, און צוליב דעם האָט דער עפֿענדי די ערד פֿאַרקויפֿט די יהודים. די צוויי שוואַרצע זיינען טאַקע די שכנים פֿון די אונטערשטע הייזלעך און זיי וואַנדערן־אויס. די יידן האָבן זיי אָפּטרעט־געלט געגעבן און זיי האָבן זיך געקויפֿט לאַנד אויף יענער זייט ירדן".

— שוין געקויפֿט?

— שוין געקויפֿט.

— אַ גוטע בשורה האָב איך פֿאַר אייך, — זאָגט דער שומר צום עולם, וואָס שטייט אַרום, — זיי וואַנדערן אַוועק!

— פֿרעג זיי, ווען זיי ציִען זיך אַרויס!

ביז די ערשטע רעגנס וועלן זיי די אַראַבישע שטעלער אַפּרייניקן. עס זאָל נאָר וואָר זיין, וואָלט עס גוט געווען.

—ביז די ערשטע רעגנס מוז מען אונטערן דאַך קומען — קרעכצט חברטע שרה.

— פֿאַרוואָס האָבן די „מאָסקאָוויטן" נישט אויפֿגעשלאָגן זייערע געצעלטן דאָרט ווייטער אויפֿן בערגל, הינטערן דאָרף, פֿונוואַנען עס לויכט איצט דאָס ליכטל? דאָרט איז די ערד טרוקענער, דאָס אָרט איז העכער! — ווילן די שכנים וויסן. — פֿאַרוואָס גאָר געקראָכן דאָ אין דער בלאָטע אַריין?

— דאָס איז עס טאַקע. מען באַדאַרף צום ערשטן די בלאָטע אויס־טרוקענען, דעם קוואַל אַפּרייניקן, און צוליב דעם טאַקע — גלייך אין דער בלאָטע אַריין.

—די בלאָטע אויסטרוקענען? דעם קוואַל אַפּרייניקן? — לאַכן די שכנים און באַווייזן אין דער טונקלקייט פֿון אַוונט זייערע ווייסע ציין. — עס איז ווי דעם ים מיט אַ מושל אויסצושעפּן! די בלאָטעס זיינען שטאַרקער פֿון אייך. איין וואָגן בלאָטע וועט איר אַרויסנעמען, צען וועלן אויף דעם זעלבן אָרט צוריקקומען. ניין, קעגן דער קללה פֿון נביא איז גאָרנישט צו מאַכן. מיר זיצן אויפֿן ראַנד פֿון באַרג און דאַך, ווען מיר הויבן זיך אויף איינדערפֿרי, געפֿינען מיר דאָס ברויט, וואָס מיר האָבן איבערגעלאָזט פֿון נעכטן, פֿאַרשימלט. די קליידער אויף אונזער לייב ווערן פֿון פֿייכטקייט גרין. וואַרט־צו ביז מאַרגן! ווער האָט דאָס געהערט אַ קוואַל רייניקן? עס איז קעגן דעם געזעץ פֿון אַללאַ. דאָס, וואָס דער נביא האָט איינמאָל פֿאַרשאָלטן, מוז בלייבן פֿאַרשאָלטן. ניין, זיי זאָלן בעסער פֿונדאַנען זיך אָפּטראָגן, איידער די ערשטע קרבנות פֿאַלן. דאָרט, אויף יענער זייט טאָל, צום דאָרף־צו, אויפֿן בערגל — דאָרט דערהאַלטן זיך יאָ מענטשן. ניין, זיי האָבן זיך נישט קיין גוט אָרט אויסגעזוכט.

עולם הערט זיך איין און שווייגט. געוויס איז דאָרט אויפֿן באַרג די געגנט געזונטער. זיינען זיי דען דאָ אַהער געקומען נאָר אַ געזונטע געגנט זיך אויסצוזוכן? מען באַדאַרף אַ געגנט געזונט מאַכן, נישט נאָר פֿאַר זיך אַליין, נאָר אויך פֿאַר אַנדערע. און אויב זיי וועלן דאָס נישט טאָן, ווער וועט עס טאָן?

— אַז איך האָב אייך געזאָגט, מען באַדאַרף די קבוצה אַ נאָמען־געבן „דער קוואַל פֿון לעבן"! — שרייט אויס דער יונגער יודקעוויטש.

אָבער קאָלאָמוטנע אויפֿן האַרץ ווערט: „די קינדער האַלטן זיך נישט", „דאָס ברויט ווערט איבער נאַכט פֿאַרשימלט", „די קליידער אויפֿן לייב גרינן" — איז דען דאָ אַן אַנדערע עצה? מען מוז נעמען אַזוי ווי עס איז. קיין אַנדער ארץ־ישראל איז נישטאָ.

מען באַגלייט אַרויס די געסט מיט די צוויי נאָפּט לאָמפּן, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט פֿון רשות היחיד אַרויס, וואָס איז שוין אין דער אָוונטלעכער פֿינצטערניש אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן געוואָרן. זייערע דינגע גרענעצן האָבן זיך פֿאַרווישט און אויסגעמישט זיך מיטן רשות־הרבים. זיי געפֿינען זיך אין מיטן פֿון אַ פֿריי, נאַקעט פֿעלד, קיין שום באַשיצונג איז נישטאָ אַרום זיי, צוגעדריקט פֿון איין זייט נאָר פֿון באַרג.

אָבער פֿון דעם באַרג קומט די געפֿאַר. אויפֿן באַרג זיינען פֿאַרשפּרייט די פּאָר הייזלעך פֿון די פֿרעמדע. ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ כוונות זיי האָבן און וואָס עס איז געווען דער ציל פֿון זייער באַזוך, וואָס זיי האָבן דאָ געהאַט? מרגלים, צי שכנים? יעדנפֿאַלס קאָן ביינאַכט רעגענען מיט שטיינער איבער זייערע קעפּ פֿון באַרג אַראָפּ. און פֿאַר זיי — אַ לאַנגער נאַקעטער שטח אין דער נאַכט אַריין, אַן אייגענער, אָבער אַ פֿרעמדער, וואָרים אומבאַקאַנט.

פֿון דער פֿאַרהוילטער טונקעלער פֿלאַכקייט, איבער וועלכער עס איז איצט אַראָפּגעפֿאַלן אַ דיקער, פֿייכטער און טונקעלער טוי, הערט זיך אַן ענערגיש קוואַקן פֿון די זשאַבעס, וואָס פֿאַרטויבט דאָס געהער. פֿון אַלע זייטן הערט זיך דאָס דאַזיקע קוואַקען. פֿון צייט צו צייט הערט זיך אַ פֿורכטבאַר יאָמערן פֿון איינזאַמע שאַקאַלן — אַ מערדעריש קינדער־געוויין, און נאָך אַנדערע אומבאַקאַנטע שטימעס דערגייען צו זיי. די נאַכט ווערט אָנגעפֿילט מיט אוממענטשלעכע קולות, מיט געוויינען, געשרייען פֿון אומגעזעענע ברואים, וואָס ווידמען זיך און די זומפּן, באַהאַלטן זיך אין די לעכער און קלאָגן אויס זייער ווילסטע קלאָג פֿון דער מדבר. אַזוי ווי זיי וואָלטן געוואָלט מיט זייערע געשרייען אָפּשרעקן די מענטשן, וואָס זיינען געקומען אין זייער רשות אַריין. אַרום און אַרום זעט זיך נישט קיין ליכט, קיין פֿייער, נאָר אַ געדיכטע און פֿייכטע טונקלקייט, ווי אַ שווערער שלייער איבערן עמק, און פֿאַרשטעלט די אומבאַוואוסטע געפֿאַרן, וואָס רוען אין אים. בלויז וואָס די שטערן אין הימל צינדן זיך אָן ברייט, גרויס און ליכטיק, און רעגענען מיט פערלדיקע שטראַלן פֿון דער הויך. דער הימל איז דער איינציקער באַקאַנטער, היימיש און מענטשלעך. די ערד איז פֿרעמד, אומבאַקאַנט און פֿיינטלעך, און פֿון דעם ארץ־ישראל הימל האָבן די מענטשן געשעפּט גלויבן און זיכערקייט.

עס איז אָבער נישט געווען קיין צייט פֿאַר סענטימענטן און שטימונגען. מען האָט באַדאַרפֿט באַשטימען די אַרבעט פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג, און דער ווער, דער קאָמיטעט פֿון אַרבעט, מיט כאַימאָוויטשן אָן דער שפּיץ, האָט זיך אויסגעזעצט פֿאַר דער חברטע שרהס געצעלט. איז מען געזעסן אויף דער ערד אַרום דעם ברעט פֿון וואָגן, און מען מאַכט דעם פּלאַן פֿון מאָרגנדיקן טאָג.

פֿערציק מאַן, גרופּע א׳ און גרופּע ב׳, וועלן זיך נעמען די גריבער גראָבן. מען דאַרף, פֿאַרשטייט זיך, קודם־כּל דעם קוואַל אויסרייניקן און אויפֿדעקן; דאַרף מען פֿאַר דעם צוועק אין דער זייט פֿון קוואַל גראָבן אַ לאַנגן גרוב, אָפּצוציען פֿונעם קוואַל דאָס שטייענדיקע וואַסער. צוואַנציק מאַן, גרופּע ג׳, וועט זיין באַשעפֿטיקט ביים „משק”. „משק” רופֿן זיי שוין אָן דיווירטשאַפֿט. צום ערשט וועט מען באַדאַרפֿן דאָס פֿעלד ווייטער אָפּקלויבן פֿון די שטיינער און די שטיינער־וואַנט העכער מאַכן. אויך מוז מען אין ערשטן טאָג דער חברטע שרהס געצעלט אויסברייטערן, פֿאַרפֿעסטיקן, צוגעבן מער שאָטן, מער דאַך, — מער היים...

— און פֿון וואַנען וועסטו ברעטער נעמען?

— גיב נאָר אַ קוק, אַנדערש ביסטו נישט געוואוינט, נאָר צו מאַכן אַ באַשיצונג פֿון ברעטער. — און פֿון שטרוי איז דיר ווייניק?

— וואו האָסטו שטרוי?

—חברטע דבורה וועט נעמען אַ חבר צו זיך און פֿלעכטן גראָז־שטרוי.

— די ערשטע זאַך וואָלט מען באַדאַרפֿט פֿאַרבעסערן די פֿאַרבינדונג מיט דעם נאָענטן אָרט. די בלאָטע אויפֿן וועג מיט גראָז צו פֿאַרלייגן כּדי דעם וועג אַ ביסל בעסער צו מאַכן.

— די ערשטע זאַך וואָלט מען באַדאַרפֿט גראָבן גריבער אַרום די געצעלטן, בשעת סכּנה זיך צו באַשיצן.

— צום ערשט זאָרגט מען פֿאַר דער היים, דערנאָך פֿאַר דער פֿאַרבינדונג מיט דער שטאָט.

— און פֿון „סאַניטאַרישע באַדינגונגען” האָט מען גאָר פֿאַרגעסן. די ערשטע זאַך וועט מען באַדאַרפֿן די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען” באַזאָרגן.

— עס זיינען דאָ אַ סך ערשטע זאַכן צו טאָן. זאָרגט נישט, עס וועט נישט פֿעלן קיין אַרבעט, עס זאָל נאָר אַזוי נישט פֿעלן קיין ברויט!

— וואָס וועל איך טאָן מיט דער קיך? איך באַדאַרף הילף! — זאָגט חברטע שרה, זיצנדיק אויף דער שוועל פֿון איר געצעלט, וועלכע איז באַשטאַנען פֿון אַן איבערגעדרייטער בלעך פֿון גאַזאָלין.

— מרים מיט חוהן קומען אין דער קיך אַריין.

— אוי ווי מיר, דאָ וועל איך שוין פֿאַרפֿאַלן ווערן!

— פֿינף חברים וועלן מיר באַדאַרפֿן האָבן פֿאַר די פּראָוויאַנטן און די כּלים, כּדי דאָס אַלץ אונטערן דאַך צו ברענגען. אהרן סיביריאַק וועט אויף די מויל־אייזלען אַכטונג געבן.

— מען קאָן זיי באַנוצן אויף די בלאָטעס שלעפּן, אין די וועגענער איינשפּאַנען.

— בלאָטעס וועסטו שלעפּן אַליין, די מויל־אייזלען מוזן אַ טאָג רוען.

— אויך וועט מען באַדאַרפֿן די שמירה אויף היינט ביינאַכט פֿאַר־שטאַרקן. בורלאַק, טייטלבוים און חבר שלמה, — די וועגענער שטייען אין נאַקעטן פֿעלד!

— די שמירה וועלן מיר אַלע די נאַכט האַלטן, פֿאַרוואָס עפּעס די חברים אַליין, — רופֿט זיך אָן מענדל אָדער „יוחנן הסנדלר״.

— ווי הייסט — אַלע?

— וואָס מיינט איר, די ערשטע נאַכט אין עמק וועלן מיר שלאָפֿן גיין? און איר ווילט דאָס ארץ־ישראל בויען, מיט די מרה־שחורהדיקע פּגרים, וואָס איר זענט? גיב נאָר אַ קוק דעם פּחד, וואָס איז זיי באַפֿאַלן! אפֿשר איבער דעם, וואָס דער נביא האָט דעם קוואַל פֿאַרשאָלטן? נו, חברה, לאָמיר זען. ווער וועמען עס וועט איבערשרייען, די שאַקאַלן אונדז, אָדער מיר די שאַקאַלן! נו, חברה, הויבט אָן:

— „עם ישראל חי!״

קאַפּיטל 3

עם ישראל חי!

„אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה"

דער מאָטיוו פון געזאַנג איז באַשטאַנען פון איין זאַץ — „עם ישראל חי", — וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין איבערחזרן. און צו דעם מאָטיוו האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו דרייען אין אַ ראָד: צוערשט איינציקע, — פאַרלייגט האַנט אויפן אַקסל, געפלאָכטן זיך צוזאַמען, — האָבן זיי זיך באַוואויגן אין אַ רואיקן טעמפּאָ; און באַלד זיינען אַריינגעכישופט געוואָרן אין דער קייט נאָך אַנדערע. די קייט איז געוואַקסן, זי האָט זיך געטאָפּלט, פאַרדרייפאַכט, איז געוואָרן איינס, איין עבר, איין עתיד, איין מזל און איין האָפנונג.

איצטער איז שוין דער טעמפּאָ געווען שנעלער, ראַשיקער, שטורעמדיקער. ער איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן געשריי פון דעם איין־און־איינציקן זאַץ: „עם ישראל חי!". און דאָס געשריי האָט זיך געטראָגן ווי אַ פלאַם פייער אין דער שטילער, טויטער איינזאַמקייט, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט, געטראָגן זיך ווייט אין דער טיפעניש פונעם עמק.

די שאַקאַלן האָבן זיך דערשראָקן און זיינען פאַרשטומט געוואָרן; די זשאַבעס האָבן אויפגעהערט צו קוואַקען. דער מענטש האָט אויסגעשריען אין דער ווייטער טיפעניש אַריין די עוולה, וואָס ווערט געטאָן זיין אייגענעם „איד", די ביטערקייט פונעם גורל פון זיין פאָלק; ער האָט אויסגעשריען דעם אויסלייז־דראַנג וואָס האָט זיך אָנגעזאַמעלט ווי אַ פייער אין די הערצער פון די מענטשן און האָט זיי אַרויסגעשמיסן פון אַלע גלותן, אַז זיי זאָלן זיך דאָ צוזאַמענקומען אין אַ ווייטען פאַרווילדעוועטן מדבר און אויפשלאָגן זייער געצעלט אויף ערד נאָענטער, — און דאָך אַזוי ווייטער...

פון אַלע גלותן זיינען זיך די יונגעלייט צוזאַמענגעקומען, אַרויסגע־יאָגטע דורך די שמיץ פון לעבן, וואָס דאָס בייזע מזל פון זייער פאָלק האָט זיי נישט געזשאַלעוועט, געכישופט פון אַ בענקשאַפט, פון וועלכער זיי אַליין האָבן נישט געוואוסט.

נישט ווינציק זיינען געווען די אויפגאַבן און נישט לייכט די צילן, וואָס די יונגע מענטשען האָבן זיך געשטעלט: צוריק צו ברענגען אויף דער ערד פֿון זייערע עלטערן אַ פאַרשפּרייט און אַלט פאָלק פֿון צוויי טויזנט־יאָריקן גלות; אויפצובויען אַ פאַרוויסט און חרוב געוואָרן לאַנד. אָבער דאָס אַליין איז נאָך נישט געווען גענוג. זיי האָבן געוואָלט זיך אַליין איבערבויען און אויפלעבן זייער פאָלק אויף יסודות פֿון אַ נייער אָרדנונג.

דער אידעאַל, וועלכן זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו פאַרווירקלעכן, טראָגט זיך ווי אַ באַגלייט־מאָטיוו צו דעם אויסלייזונג־געזאַנג, וואָס גייט דורך ווי אַ ליכטיקער שטראַל דורך דער פינצטערניש פֿון זייער לאַנגער געשיכטע; דער אידעאַל פֿון אַ לעבנס־שטייגער, וואָס ווייסט נישט פֿון ברויט־געבער און ברויט־נעמער, פֿון פאַרקויפער און קויפער, פֿון אונטערדריקער און אונטערדריקטע, נאָר שפּרייט אויס, ווי די שטראַלן פֿון דער זון, ווי די ברכה פֿון רעגן, זיינע חסדים איבער אַלע מענטשן־קינדער.

די נביאים פֿון זייער פאָלק האָבן דערצו געשטרעבט און אַרויס־געשטעלט דאָס ווי אַן אידעאַל פֿון אַ דערלייזטן לעבן; די אָרדענונג, וועלכע זייער משיח זאָל אַמאָל איינפירן אויף דער ערד אין די לעצטע טעג, איז געוואָרן אַ טייל פֿון זייער אמונה, איז ענג פאַרקניפּט מיטן אויפבוי פֿון דעם לאַנד. און דאָס האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר אַ ציל איינ־צופירן ווי אַ פונדאַמענט, ווי אַ גרונטשטיין פֿון דעם נייעם לעבן, וואָס זיי זיינען געגאַנגען פירן אויף דער ערד.

אַזוי זיינען זיי פֿון די פאַרשיידענע טיילן וועלט געקומען, מיט מסירת נפש גרענעצן געגנבעט, איבער די האַפנס זיך געשלעפּט. אין די בייכער פֿון די שיפֿן האָבן זיי זיך געשלעפּט, פאַרדונגען זיך קוילן צו שאָפלען אויוונס צו הייצן, בהמות צו באַדינען, — אַבי נאָר די מעג־לעכקייט צו האָבן צום לאַנג־אויסגעבענקטן האַפן פֿון ארץ ישראל צו דערגיין, כדי אַ חלום פֿון נביאים און משיחים אין לעבן אויסצופירן.

גאָרנישט האָבן זיי פאַרמאָגט, בלויז זייער נאַקעט לעבן און דעם ווילן האָבן זיי אין דעם לאַנד געבראַכט. זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט אַלע מכשולים, וואָס פרעמדע און אייגענע האָבן פאַר זיי אויף זייער וועג געלייגט און דער גורל האָט זיי פאַר די שטרענגסטע פּרוּוואונגען געשטעלט און האָט זייער ווילן אין פייער פֿון יסורים אויסגעגליט, און מיט אים זיינען זיי געקומען זייער אידעאַל אויסצופירן.

אַט זיינען זיי איינגעפלאַכטן, — האַנט אויף אַקסל, — אין דער קייט, די צוויי ברידער יודקעוויטש, חיים און יוסף. דער יינגערער, יוסף,

האלט זיך אן מיט זיין גאנצער קראפט אויף זיין חברס אקסל און שלעפט אונטער זיין לאם פיסל אין טאנץ. דאס לאמע פיסל, וואס הענגט אים אראפ, ווי א שלאבעריקער לאפן, האט ער באקומען אויף זיין וועג קיין ארץ־ישראל.

ביינאכט, געפירט דורך א שמוגלער, האבן זיי זיך געשלעפט אין ווינט און שניי דורך די ענגע און געפערלעכע שטעגן, וואס שלענגלען זיך דורך די בערג. און דער שרעק נישט געכאפט צו ווערן פון די וועכטער, זיינען זיי אראפ פון די שטעגן און אין שניי געזונקען. דער יינגערער יודקעוויטש, יוסף, אויסגעצערט פון הונגער, ארבעט און צרות, האט דעם שווערן וועג נישט געקאנט מיטמאכן; ער איז יעדעס מאל פארלוירן געווארן און ענדלעך ערגעץ אין א שניי לאך שטעקן געבליבן, אפגעריסן פון די אנדערע. צו רופן נאך הילף האט ער מורא געהאט: עס זאל אים נישט דערהערן די וואך; האט ער זיך געטראכט: „לאמיך אונטערגיין, אבי די אנדערע זאלן זייער ציל דערגרייכן". זיין ברודער, חיים, האט באלד זיך ארומגעזען, אז יוסף פעלט, האט ער זיך אפגעריסן פון דער מחנה און גענומען זוכן דעם ברודער אין די שניי לעכער. ווען ער האט אים געפונען, האט דער יינגערער שוין נישט געקאנט גיין. עס איז אים אפגעפרוירן געווארן א פוס און א האלב פנים. בחינם האט ער זיך געבעטן ביים ברודער, אז ער זאל אים איבערלאזן אין שניי און אליין זיין לעבן ראטעווען פאר ארץ־ישראל. דער עלטערער האט דעם יינגערן אויף די פלייצעס גענומען און זיך געשלעפט מיט אים א גאנצע נאכט. פארלוירן און אפגעריסן פון די אנדערע, האט ער זיך דאך ארויסגעריסן. צו מארגנס האבן די איבעריקע זיי געזוכט און געפונען ביידע געפאלן פון די כוחות אין שניי. דער עלטערער האט דעם יינגערן מיט זיין לייב פאר־דעקט און באשיצט אים פון דער קעלט. נאר עס איז געוועזן צו־שפעט. דעם פוס האט מען אים טאקע נישט אראפגענומען, אבער יעדעס מאל, ווען עס קומט אים אויס דעם פוס לאנג נאכצושלעפן, אדער צו־לאנג אויף אים צו שטיין — ווער זאגט נאך, צו טאנצן אויף אים — ווערט ער ווי צו־מאגנעטירט צו דער ערד אז ער קאן אים נישט אפרייסן. אנגעלענט און אנגעשטיצט אויפן חברס אקסל, אז ער זאל נישט אומפאלן, שפרינגט יוסף אונטער אויפן פיסל, מיט וויפל כוחות ער האט נאר, און שרייט העכער פון די אנדערע: „עם ישראל חי!" — ווי ער וואלט געוואלט ממלא זיין מיט זיין געשריי דעם טאנץ.

און אט טאנצט לעבן אים חנה זלאטשעוו. פון אן אוקראינישער שטאט קומט זי. אירע אויגן האבן געזען דאס גיהנום אין זיין גאנצן

אָפּגרונט. אין איין צימער מיט איר האָט מען איר מוטער דערהרגעט אויף אַ גרויזאַמען אופֿן. שטענדיק שטייט פֿאַר איר דאָס בילד — איר מוטער אין די הענט פֿון אַ מענטש אַ חיה רעה. מער וויל זי נישט זען און נישט געדענקען... זי האָט עס פֿאַרפֿלייצט מיט טרערן אין איר הארץ. דאָס, וואָס עס איז געשען מיט איר נאָך איר מוטערס טויט... אויף דער פּאָדלאָגע... אין דער מוטערס בלוט... זי וויל עס נישט געדענקען... זי האָט עס ווי אַ שלעכטן חלום, ווי אַ ווילדן קאָשמאַר אויסגעמעקט פֿון איר זכרון.

דער פֿאָטער, אַ פֿאַרוואונדעטער, האָט זי שפּעטער אויפֿגעהויבן פֿון דער פֿייכטער בלוטיקער פּאָדלאָגע, אָפּגעווישט מיט זיין האַנט די אַנגסטן, די טרערן פֿון איר פּנים און געזאָגט: „חנה׳, עס איז גאָרנישט געווען, פֿאַרגעס אָן דעם... עס איז גאָרנישט געווען!“ אָבער פֿאַרגעסן? זי שווייגט וועגן דעם וואָס עס איז דעמאָלט געשען, נישט נאָר פֿאַר אַנדערע פֿאַרשווייגט זי עס, נאָר אויך פֿאַר זיך אַליין. „עס איז גאָרנישט געווען!“ אָבער פֿון דעמאָלט אָן איז אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט פֿרייד, יוגנט און לעבן, אויך אָפּגעווישט געוואָרן פֿון איר. זי ווייסט נישט מער ווי נאָר אַרבעטן. אַזוי ווי די אַרבעט וואָלט געווען איר מאַן, אירע קינדער. די אַרבעט פֿאַר ארץ־ישראל איז דער פּרייז, וואָס זי באַצאָלט פֿאַר איר געשענקט לעבן.

איבער אַלע קבוצות, וואָס זיינען צעזייט אויפֿן וועג פֿון איר שטעטל ביז קיין ארץ־ישראל, האָט זי געאַרבעט. אין וואָלין האָט זי געהאָלפֿן אין אַ חלוצישער קבוצה טראַטוואַרס אויפֿן וואַסער צו בינדן; אין קאָנ־סטאַנטינאָפּאָל, וואוהין זי האָט זיך אויף אַ רומענישער שיף געשלעפּט, איז זי דריי חדשים אין דער קיך געשטאַנען און פֿאַר חלוצים געקאָכט. זי האָט די ליכטיקער שטאָט נישט אָנגעקוקט. און זינט זי איז דאָ אין לאַנד, האָט זי קיין איין טאָג נישט גערוט, ווי זי וואָלט אין דער אַרבעט דעם איינציקן ציל פֿון איר לעבן געזען.

אַ האַלב־נאַקעטע איז זי געשטאַנען אויפֿן כביש (שאָסיי), וואָס האָט זיך געבויט, און האָט אויף אירע שטאַרקע בריסטן שווערע קאָרבן מיט שטיינער געטראָגן. וואו עס איז נאָר געווען צו טאָן אַ שווערע אַרבעט, וואָס דער „גדוד“ האָט אָנגענומען, האָט זיך באַלד חנה אָנגעשלאָסן. שינעס האָט זי אויף אירע פּלייצעס געטראָגן, אין בלאָטעס ביזן האַלבן לייב געקראָכן. פֿון דער זון און אַרבעט איז איר הויט האַרט געוואָרן ווי אַ לעדער. איר רונדיק פֿול אוקראַיניש פּנים איז אויסגעהאַקט ווי פֿון אַ רויען שטיין. קיין איין קנייטשל. די שווערע שוואַרצע צעפּ האָבן אַרויס־

געשטאַרט פֿון אונטערן טיכל אַרויס. די קלײנע שוואַרצע אויגן באַוועגן זיך נישט אין איר פּנים, אַזוי ווי זיי וואָלטן פֿאַרגליווערט און אײנגעפֿרוירן געוואָרן אין זײערע אויגן־לעכער. זינט יענעם בילד, וואָס זי האָט דעמאָלט פֿאַר די אויגן געזען, זיינען אירע ליפּן פֿאַרשנירט געוואָרן, פֿאַרביסן. אַזוי שפּרינגט זי און טאַנצט איצט און שלעפּט די קייט בחורים נאָך זיך: „עם ישראל חי!"

און לעבן איר טאַנצט דבורה, דבורה ראַבינאָוויטש — מיט איר שטאָלצן קאָפּ, וואָס זיצט אויף איר הויכן און גראָדן האַלדז, די האָר קורץ געשוירן, קורץ, דיק און שוואַרץ, און די אויגן גרויס און גראָד. האַלב ארץ־ישראל בחורים זיינען אין איר פֿאַרליבט. זי איז אַ טאַטנס אַ קינד, קומט אַרויס פֿון אַ גוט הויז, איז דאָ אין לאַנד נאָך פֿאַר דער מלחמה געגאַנגען אין דער הרצליה־גימנאַזיע, פֿאַרלאָזט ביי זעכצן יאָר די גימנאַזיע און דעם פֿאָטערס הויז, און איז אין אַ קבוצה געקומען. זי איז געווען פֿון די ערשטע, וואָס האָט זיך אַנגעשלאָסן אין „גדוד", אומדערשראָקן, גרייט אויף אַלץ. עס זיינען באַקאַנט אירע מוטיקע אַרויסטריטן אין צייט פֿון דער מלחמה, ווען דער ישוב, ספּעציעל די אַרבעטער, זיינען געווען אונטער דעם טיראַנישן טעראָר פֿון דעם טערקישן גענעראַל האַמסון בעק. מען זאָגט, אַז מען האָט זי געשמיסן אין דער תּפֿיסה פֿון דמשק, וואו זי איז געזעסן צוזאַמען מיט די אַרבעטער. אויף איר פּנים האָט מען עס נישט אַנגעזען...

און לעבן זיי — די שטילע מוטער שרה. קיין קינד האָט זי נישט געהאַט, קיין מאַן אויך נישט, און יונג איז זי, אָבער מוטער שרה האָט מען האָט מען זי גערופֿן. שרה איז געווען איר נאָמען, און „מוטער" האָט מען זי גערופֿן, ווייל זי איז געווען די מוטער פֿון אַלעמען פֿון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט זי האָט געשטעלט איר פֿוס אין אַ קבוצה. וואָס פֿאַר אַן אונטערנעמונג עס זאָל נאָר נישט זיין, צי ביים שאָסיי בויען, צי אין אַ קאָלאָניע גריבער גראָבן, איז איר מזל שטענדיק געווען אין דער קיך... און געריסן האָט זי זיך דווקא אין פֿעלד צו דער אַרבעט.

און אַט פֿירט אַן מיט דעם קאַראַהאַד מענדל שוואַרץ, אַ פֿייערדיקער רעוואָלוציאָנער, די שרעק פֿון מלוכות. אין אַלע טורמעס, וואָס ציען זיך פֿון דער פּוילישער גרענעץ ביז צום ארץ־ישראל ברעג, איז ער געזעסן, און ער איז די גוטסקייט אַליין. זיינע אויגן לאַכן שטענדיק, און מיט יעדן איינעם איז ער פֿון דער ערשטער מינוט אַן חבר. זיין פּנים און זיין לייב זיינען פֿול מיט צייכנס און פֿלעקן פֿון אַלע מלחמות און טורמעס,

וואָס ער איז דורכגעגאַנגען אין זיין לעבן. די האָר זיינען ביי אים אויס־געקראָכן פון אַ טיפוס־קראַנקהייט.

דאָס אויג האָט ער פאַרלוירן בעת דער זעלבסט־פאַרטיידיקונג אין אַן אוקראַאינישן פאָגראָם. אַ קויל אין לייב טראָגט ער פון דער מלחמה. דערצו איז ער נאָך געשטופּלט פון אַ פּאָקן קראַנקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַנגעשטעקט אין אַ רומענישער טורמע. און דאָך לאַכט ער. כאָטש די פאָדערשטע שורה ציין פעלט אים — אויסגעהאַקט ערשט דאָ נישט לאַנג פון אַן אַראַבישן שטיין, וואָס איז אים געוואָרפן געוואָרן פון הינטער אַ קאַקטוס, ווען ער האָט געאַקערט אַ ניי פעלד, — דאָך לאַכט ער.

ער איז דער צוקונפטיקער שוסטער פון דער קבוצה, — אַ מלאכה, וואָס האָט אים אַמאָל דאָס לעבן אָפּגעראַטעוועט. — ער איז איינמאָל געכאַפּט געוואָרן פון אַ רויבער באַנדע, וואָס האָט דענסמאָל גע־ראַבירט אין דער געגנט. זיי האָבן אים שוין געהאַט צוגעבונדן צו די רעדער פון אַ פור, כדי אים צו דערשיסן, איז אים אין דער לעצטער מינוט איינגעפאַלן אַ געדאַנק: ער האָט געקוקט אויף דעם באַנדיטן־פירערס שטיוול און זיך אַנגערופן צו אים מיט אַ שמייכל, ווען מען האָט אים די הענט אָרונטערגעבונדן: „דו גייסט אין צעריסענע שטיוול, און דעם איינציקן שוסטער, וואָס דו האָסט, ברענגסטו אום!" מען האָט אים פלינק די הענט אויפגעבונדן און אים געגעבן דעם פירערס שטיוול צו פאַר־ריכטן. כאָטש ער האָט די מינדסטע ידיעה פון דער דאָזיקער מלאכה נישט געהאַט, האָט ער דאָך אַן דראַטווע און אַן אָל די שטיוול פאַרריכט. דער פירער האָט אים דאָס לעבן געשענקט. פון דעמאָלט אָן באַקערט ער זיך צו דער דאָזיקער מלאכה. איצטער, אין ברען פון טאַנץ, פאַרגעסט ער נישט דער חברה צו דערמאַנען: „שאַנעוועט די שיך מיט די זוילן — עם ישראל חי!" ער האָט שוין אַ פאַרטיקן נאָמען ביי דער חברה — יוחנן הסנדלר!

לעבן אים איז אהרן סיביריאַק, אַ גאַליציאַנער אַלטער בחור. „סיביריאַק" רופט מען אים דערפאַר, וואָס ער קומט קיין ארץ־ישראל אַזש פון סיביר, וואו ער איז אַלס עסטרייכישער סאָלדאַט בעת דער מלחמה אין געפאַנגענשאַפט געהאַלטן געוואָרן. פון דאָרטן איבער כאַרבין און אַזש איבער יאַפּאַן איז ער געקומען זיין חלק ארץ־ישראל אָפּנעמען.

און לעבן אים זיינען זלמן אַמעריקאַנער, אַן איבער בלייבעכטס פון דעם יידישן לעגיאָן, מיט דעם גאַליציאַנער גדליה גוטערמאַן, אָדער ווי ער רופט זיך דאָ אין ארץ־ישראל, אַמנון בן־טוב, אויף העברעאיש. ער איז דאָ דער אויפזעער איבער כשרות.

אײַגנטלעך, איז גוטערמאַן דער גאַליציאַנער גאָרנישט קײן „גדודניק״, דאָס הײסט, גאָר קײן אַרבעטער נישט. ער איז גאָר סך־הכּל אַ לערער און געהערט צו די „אינטעליגענטן״. אויף דעם זאָגן עדות די פּענסנע אויף זײַן דינער נאָז, פֿאַר װעלכע דאָס האָרץ ציטערט אים, אַז אין טאַנץ זאָלן זײ אים נישט פֿון דער נאָז אַרונטערפֿאַלן. ער האָט זיך אָבער אַנגעשלאָסן אין „גדוד״ און גײט־מיט מיט די בחורים דעם עמק אײַנצונעמען, כּדי דאָרט צו היטן דעם טהרת־הלשון. װאָרים אַ חוץ דאָס ײדישע פֿאָלק און דאָס לאַנד אויסצולײזן און די גאַנצע מענטשהײט צו באַפֿרײַען דורך אַ נײעם סדר־עולם, האָט מען זיך נאָך געשטעלט פֿאַר אַן אויפֿגאַבע די אַלטע העברעאישע שפּראַך, דאָס לשון פֿון די נביאים, װאָס איז דאָ אַמאָל אין לאַנד גערעדט געװאָרן, צוריק אויפֿצולעבן. װאָרים װי אַזוי קאָן מען דאָ בויען, אַז ארץ־ישׂראל איז אָן לשון קודש?

טײל פֿון די בחורים האָבן געקענט די קלײנע אותיותלעך נאָך פֿון דער הײם, אַנדערע האָבן אין די פֿאַרשײדענע קבוצות, װאו זײ האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן, אײדער זײ זײַנען אַהער געקומען, געלערנט די נײַע העברעאישע שפּראַך. און טײל, װידער, האָבן ערשט איצט, נאָך גאַנצע טעג פֿון שװערער אַרבעט, בײַנאַכט, מיטן בוך אין דער האַנט, זיך אַרומגעדרײט און געלערנט. אָבער דאָס לשון, װאָס די נביאים האָבן גערעדט, האָט מען באַדאַרפֿט צופּאַסן פֿאַר דעם נײעם מאָדערנעם לעבן פֿון הײַנט. פֿאַרשטײט זיך, אַז װען דער עולם איז מיד געװען און באַדאַרפֿט עפּעס בויטיקס און נישט געהאַט אונטער דער האַנט דאָס פּאַסנדיקע העברעאישע װאָרט דערפֿאַר, האָט זיך פֿון זײַן מויל אַרויסגעכאַפּט, בעוונותינו הרבים, אַ טריפֿה װאָרט פֿון לשון, װאָס מען האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון דער הײם. איז דעמאָלט באַלד גוטערמאַן אונטערגעשפּרונגען און געמאָנט: „חברים, דברו עברית!״ — חברים, רעדט העברעאיש. אויך איצט, װען מען איז פֿאַרקאַכט אין טאַנץ, האַלט ער זײַנע אויגן אָפֿן, און קוים דערהערט ער, אַז עס פֿאַרגעסט זיך װער און עס רײַסט זיך אַרויס פֿון יענעמס מויל אַ טריפֿה װאָרט, מאָנט ער אינמיטן טאַנץ: „חברים, דברו עברית!״.

ער דינט אויך דערבײַ װי אַ לעבעדיקער לעקסיקאָן. אַז מען װײסט נישט קײן װאָרט אין העברעאיש אויף אַ כּלי אָדער אויף אַ זאַך, װענדט מען זיך צום גאַליציאַנער: „בן־טוב, איך קוראים זאת בעברית?״ און בן־טוב האָט גרײט דערפֿאַר דעם פּאַסיקן נאָמען. מיט אַלעמען קאָן זיך בן־טוב אַן עצה געבן. צרות האָט ער נאָר פֿון אײנעם, פֿון דעם רוס בורלאַק, װעלכער װאַרפֿט אַלץ מיט זײַנע „סיאַ׳ען״, „ער׳ען״ און „שטשאַ׳ען״, אַזוי װי אַ רוסישער קאָזאַק. די אַנדערע רעדן, צום װינ־

ציקסטנס, אַ יידיש לשון, דער דאָזיקער — קיין וואָרט נישט, נאָר רוסיש און רוסיש. און אויף רוסיש איז דער גאַליציאַנער אַ טויבער. דער רוס בורלאַק שרייט אים אין אויער אַריין, אָבער שריי היינט, שריי מאָרגן, שריי חי־וקים — אַז ער פאַרשטייט נישט!

ראשית כל ווייסט מען גאָרנישט, וואָס פאַר איינער דער בורלאַק איז. געקומען איז ער ווי אַ מאַטראָס פון אָדעס, איבערגעבליבן אין לאַנד, אַנגעשלאָסן זיך אין „גדוד" און געווען דער בעסטער אַרבעטער. אַ פאָר הענט האָט ער, ווי צוויי צוואַנגען, ריכטיקע ידי עשיו. אַז ער גיט אַ זעץ מיט אַ האַמער אין אַ שטיין, צעשפּרינגט זיך דער שטיין אויף אַ מייל אַרום. אַ פאָר אַקסלען — ווי צוויי אייזערנע שטאַנגען. ער האַלט אין איין פאַרזיכערן, אַז ער איז אַ ייד און אַז ער איז געקומען העלפן אויפבויען די „יעווריסקאַיאַ ראָדינאַ" (יידיש היימלאַנד). נאָר אַ פּנים האָט ער ווי אַן אוראַלער קאָזאַק — אַ קורצע נאָז מיט גרויסע נאָזדרעס און צוויי קליינע גויאישקע אויגעלעך אונטער אַ קורצן שטערן. חברים, וואָס האָבן אים געזען ביים וואַשן און באָדן זיך, שווערן מיט דערשטוינונג, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין איין שפּור פון אַ ייד אויף זיין לייב. נאָר זאָג עס בורלאַקן, קאָן מען דערפאַר אַ טויט קלאַפּ באַקומען.

ביי זיי אין הויז האָט מען נאָר גערעדט יידיש, טענהט ער, נאָר אים האָבן זיי אַזוי אומגליקלעך דערצויגן. צווישן אוראַלער קאַצאַפּעס איז ער אויפגעהאָדעוועט געוואָרן, וואו ער האָט קיין יידן אויף די אויגן נישט אַנגעזען. ער איז אָבער אַ גוטער חבר, דער בורלאַק, אַ העלפער איינער אין דער וועלט. אויך ער, מיט אַ קול פון אַן עשיו, שרייט איבער אַלע אַנדערע חברים, כאָטש מיט אַ רוסישן אַקצענט: „עם ישראל חי!"

און אָט איז אינמיטן קאַראַהאָד אַריינגענומען צווישן האַנט און אַקסל, שלמה מוראַווסקי. אין קיין מלחמות איז ער נישט געווען און קיין רעוואָלוציעס האָט ער נישט געמאַכט. נאָר דאָס לעבן האָט געפירט מיט אים איין גרויסע מלחמה. ער איז געבוירן געוואָרן אין „פּראַגער רינשטאָק", אין אַ וואַרשעווער הינטערשטאָט, — זיינען אַלע קרענק פון אָרעמקייט, נויט און פאַרלאָזנקייט איבער זיין לייב אַדורכגעגאַנגען. זינט ער געדענקט, פאַרדינט ער זיין אייגן שטיקל ברויט פאַר זיך. לעבן אים היפּט זיין ווייב, חברטע לאה. חברה ווייסט נישט, אַז זי איז אין די הויכע חדשים. מען האָט עס באַהאַלטן, כאָטש אַ בלינדער קאָן עס אָנזען...

און אָט איז צדוקל פּערלמאַן (בעל מרגליות), דער אינטעליגענט. דער מאַמעס גוטע קעסט זעט מען נאָך אָן אויף זיין פּנים, כאָטש ער געפּינט זיך שוין אַ יאָר צייט אין „גדוד". אָבער ביז איצט איז ער געווען טעטיק

בלויז „טעאָרעטיש״, דאָס הייסט, ער האָט מער געשריבן וועגן דער „הייליקייט פֿון דער אַרבעט״, ווי עפּעס געטאָן. ער איז אַ גרויסער בעל־לשון, דער הויפּט־רעדנער ביי אַלע אַסיפֿות. דאָס וואָרט „אַרבעט״ גייט נישט אַראָפּ פֿון זיינע ליפּן.

און אָט איז כאַימאָוויטש מיט זיין שמאָל ייִנגלשן פּנים און קאָזע־בערדל, הגם ער איז שוין אַן אַלטער בחור. ער האָט זיינע כּוחות געפּטרט פֿאַר ארץ־ישראל. זיין לייב איז אַדורכגעבערענט געוואָרן פֿון אַלע מאַלאַריע־היצן. דורך דעם איז ער אַזוי דין. ער איז דער אָנפֿירער פֿון דער גרויסער קבוצה, וואָס מען גייט שאַפֿן.

און אָט זיינען מישקע דער אַגראָנאָם, צוויי־יאָריקער סטודענט פֿון מעדיצין; און חיימל דער קונסט מאַלער, — דער צוקונפֿטיקער בעקער פֿון דער קאָלאָניע. און דאָ איז דער „אומבאַקאַנטער״, — גערופֿן אַזוי, וויל ער איז אַ גרויסער שווייגער. מען ווייסט נישט רעכט פֿון וואַנען ער קומט און ווער ער איז. מען ווייסט אַז ער איז אַן אינטעליגענט, אַ טאָל־סטאָיאַנער (און ער זעט טאַקע אַזוי אויס), וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ רייך הויז ערגעץ וואו, איז אַראָפּגעקומען קיין ארץ־ישראל און אָנ־געשלאָסן זיך אין גדוד.

און נאָך אַנדערע און אַנדערע זיינען דאָ פֿאַראַן, וואָס דאָס לעבן האָט אַרויסגעשמיסן פֿון זייערע היימען, און וואָס דער דראַנג נאָך אויסלייז האָט זיי צוזאַמענגעטריבן אַהער. אַקסל ביי אַקסל, האַנט אין האַנט, פֿאַרבונדן דורך איין עבר, געשטאָרבן אין גלות און צוריקגעבוירן אין אַן עתיד, זיינען זיי צוזאַמענגעפֿלאָכטן אין איין קייט. די קייט דרייט זיך, וויקלט זיך צונויף און ווערט איינס — איין טאַנץ, איין געשריי: „עם ישראל חי!״

קאַפּיטל 4

די הייליקע שיין פֿון אַרבעט

דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער ווייטער נאַכט אַריין, האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן זיך אויסצולעשן. די טענער האָבן זיך איינגעשטילט, דאָ און דאָרט זיינען מענטשן געפֿאַלן אויף זייערע ערטער, אַזוי ווי זיי זיינען געשטאַנען, פֿאַר מידקייט. מען האָט זיך צוגעדעקט מיט וואָס מ'האָט געהאַט, מען איז איינציקווייז זיך צעקראָכן אין די געצעלטן, אַנדערע — אויף די וועגענער, און מען איז איינגעשלאָפֿן מיט דעם שלאָף פֿון די גערעכטע, נאָך אַ לאַנגן טאָג פֿון בויען און אַרבעט.

די שטערן אין הימל זיינען וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרן, קלאָרער און ליכטיקער. די פֿלאַכקייט איז געוואָרן פֿאַרהוילענער, טונקעלער און ווילדער, און דער חלל איז פֿאַרטרונקען געווען אין אַ געדיכטן נעפּל. אַ שטילקייט האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער דער לענג און ברייט פֿון גאָטס אומגעזעענער וועלט. די זשאַבעס האָבן אויפֿגעהערט צו קוואַקען, נאָר די איינזאַמע שאַקאַלן האָבן פֿון צייט צו צייט גערופֿן מיט יאָמערדיקע געוויינען פֿון דער נאַכט אין זייער פֿאַרלאָזטקייט.

מחוץ די געצעלטן און די וועגענער האָבן זיך געדרייט איינזאַם די וועכטער, וואַך אויף יעדן רוף און באַוועגונג, וואָס הערט זיך אַרום. טייל זיינען מיד געוואָרן פֿון דרייען זיך הין און צוריק, האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אין די ווינקלען אויף שטיינער, אָנגעלעגט דעם קאָפּ אויף דער האַנט, אָנגעשפּיזט די אויגן און געשפּאַנט די אויערן אין דעם ווייטן, פֿרעמדן און פֿאַרהוילענעם חלל אַריין.

צווישן די נאַכט־וועכטער איז אויך געווען כאַימאָוויטש. מיד — מער פֿון אויפֿרעגונג איבער דעם, וואָס עס הויבט זיך אָן פֿאַרווירקלעכן די גרויסע האָפֿענונג צו באַזעצן דעם עמק מיט חברשע קבוצות, — האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און געקוקט אין דער נאַכט אַריין. אָט דאָס איז עס, דער עמק! דאָס איז דער אָנהויב פֿון דער גרויסער האָפֿענונג. אויף דעם טאָג האָט ער זיין גאַנץ לעבן געוואַרט.

פֿון אַ קליין שטעטל אין פּוילן קומט ער. נאָך אויף דער באַנק אין בית־מדרש, וואו ער האָט בגנבה, אונטער דער גמרא, אין די העברעאישע השׂכּלה־ביכלעך געקוקט, האָט אים דער חלום וועגן דעם אויפֿבוי פֿון ארץ ישראל געפֿאַנגען גענומען.

ער האָט זיך דאָס פֿאַרגעשטעלט אַזוי איינפֿאַך און נאַטירלעך — ער וועט ענלעך זיין צו די פּויערים, וואָס ער האָט געקענט פֿון די דערפֿער אַרום זיין שטעטל. ער וועט זיך אַוועקשטעלן אויף אַ שטיק ערד, אַקערן, פֿאַרזייען, און עס וועלן וואַקסן קאַרטאָפֿל, תּבֿואות, ביימער מיט באַרנעס און עפּל. און מען וועט זינגען לידער, פֿאַרשטייט זיך, לשון־קודשדיקע, אַזוי ווי עס באַשרייבן די ביכלעך.

אַנדערע חברים זיינען געגאַנגען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, אַוועקגעלאָזט זיך קיין וואַרשע, געלערנט זיך רוסיש, געטראָגן רוסישע העמדלעך, געגרייט זיך צו עקזאַמענס און געטראָגן דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק צווישן די אַרבעטער־מאַסן. טייל האָבן געפֿוילט אין די תּפֿיסות, אַנדערע זיינען פֿאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר.

ער, כּאַימאַוויטש, האָט די אויסלייזונג פֿון זיין פֿאָלק געזען אין דעם משיחישן חלום, פֿון וועלכן זיין פֿאָלק טרוימט אַזוי לאַנג — פֿאַרשטייט זיך, אין צוזאַמענהאַנג מיט ארץ־ישראל. אָבער ארץ־ישראל האָט נישט נאָר געטראָגן די ישועה, די דערלייזונג פֿון זיין פֿאָלק אַליין, נאָר אויך די באַנייאונג פֿון די משיחישע צייטן פֿאַר יידן און פֿאַר דער גאַנצער וועלט. ישעיה הנביאס אידעאַל וועט מקוים ווערן. אַ נייער סדר־עולם וועט אויפֿשטיין, וואו עס זיינען נישטאָ קיין אונטערדריקטע און אונטערדריקער, קיין ברויט־געבער און ברויט־נעמער — אַ מוסטער פֿון דער משיחישער צייט פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ווי אַזוי וועט דאָס געשען? ווער וועט געבן דאָס געלט דערויף, כּדי איינצופֿירן די משיחישע צייט? ווי אַזוי וועט זיך דאָס אַלץ רעאַליזירן? איבער דעם האָט מען זיך פּשוט נישט פֿיל דעם קאָפּ געבראָכן. עס וועט שוין ווערן! אין דעם איז מען געגליכן געווען צום טאַטן, דעם חסיד. דער טאַטע האָט געוואַרט אויף משיחן, ער — אויף ארץ־ישראל. ביידע האָבן זיי געוואַרט, אַז זייער אידעאַל זאָל רעאַליזירט ווערן דורך אַ נס מן השמים.

די שטוב, פֿון וועלכער ער איז געקומען, איז געווען אַן אָרעמע, דער טאַטע — אַ חסידישער קרעמער. די מאַמע — אַ קראַנקע. אַ פּאָר שוועסטער־בוגרתן. פֿרי איז ער אַוועק פֿון דער היים, אין ישיבֿות זיך געוואַלגערט, געגעסן טעג. שפּעטער — העברעאישע לעקציעס געגעבן, און פֿאַר ארץ־ישראל זיך פֿאַרגעבריִיט. די פֿאַרבאַרייטונג איז באַשטאַנען

אין דעם, וואָס ער האָט מיט חברים געגרינדעט אין זיין שטעטל אַ חברה „שפת עבר“, וואו מען איז זיך צוזאַמענגעקומען און מען האָט גערעדט העברעאיש, געלייענט לשון־קודשדיקע ביכלעך אין געהיים, ווייל מען האָט מורא געהאַט פֿאַר די חסידים אין שטעטל, געלייענט די בולעטינען, וואָס די חובבי ציון אין אָדעס האָבן אַרויסגעגעבן. מען האָט זיך געפֿרייט פֿון דער ווייטנס מיט יעדער קו, וואָס איז צוגעקומען אין ארץ־ישראל, מען האָט געציילט די ווייַנשטאָקן, וואָס געפֿינען זיך אין באַראָן ראָטשילדס קאָלאָניעס.

ענדלעך האָט ער זיך אָפּגעשפּאַרט פֿון די לעקציעס, פֿון בריוו־שרייבן, געקויפֿט אַ בילעט קיין אָדעס, און מיט אַן איבעריקן העמד, וואָס אַ שוועסטער האָט צוגעשיקט פֿון דער היים, און מיט אַ ברויט האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

אין אָדעס האָט ער אָפּגעשלאָגן די טירן פֿון דער חברה „חובבי ציון“. דורך איין טיר האָט מען אים אַרויסגעשיקט, דורך אַ צווייטער איז ער צוריק אַריינגעקומען. סוף סוף איז אים געלונגען זיך אַרויפֿצוכאַפּן אויף אַ פֿראַכט דאַמפֿער, וואָס האָט געפֿירט תבואה קיין ביירות, און ער האָט זיך געשלעפּט וואָכן לאַנג איבער אַלע פּאָרטן פֿון קליין־אַזיע ווי אַ הייצער און זעק־שלעפּער, זיין גרויסן חלום צו רעאַליזירן.

אין ארץ־ישראל האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף אַזעלכע יונגעלייט, ווי ער, וועלכע זיינען אַהער געקומען געכישופֿט פֿון דעם זעלבן אידעאַל, און דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די ריכטיקע צרות. זיי האָבן אָנגעטראָפֿן אויף שפּאָט און געלעכטער. די ארץ־ישראל־קאָלאָניסטן זיינען דעמאָלט מערסטנס באַשטאַנען פֿון באַראָן ראָטשילדס קעסט־קינדער. אַראַבער האָבן באַאַרבעט די ערד. די נעכטיקע אידעאַליסטן האָבן ביים באַראָנס „טעפּ פֿלייש“ אָוועקגעוואָרפֿן זייער אידעאַל הינטער זייערע פּלייצעס. זייער אַנטייל אין דער בויאונג פֿון ארץ־ישראל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן פֿאַרקויפֿט צום באַראָנס ווייַנקעלער די וויינטרויבן, וואָס די אַראַבער האָבן געפֿלאַנצט, געכאָוועט און געשניטן. מען האָט זיי באַצאָלט פֿינף־פֿאַכיק וואָס די וויינטרויבן זיינען ווערט געווען, אַבי זיי זאָלן בלייבן זיצן אין די קאָלאָניעס און רופֿן זיך „קאָלאָניסטן“. פֿאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן געקוקט אויף די ניי־אָנגעקומענע „שלעפּערס“, ווי אויף קאָנקורענטן, וואָס ווילן טיילן מיט זיי דאָס באַקומענע קיצבה־געלט. וואָרים די ניי־אָנגעקומענע זיינען גאָרנישט ענלעך געווען אויף „קאָלאָניסטן“, זיי זיינען רעוואָלוציאָנערן און צעשטערער. זייער ערשטע זינד באַשטייט אין דעם, וואָס זיי ווילן אַליין אַרבעטן, אַרבעטן אונטער די

זעלבע אומשטענדן, וואס די אראבער, פאר דעם זעלבן לוין, אין די זעלבע באדינגונגען, און נישט לאזן זיך באדינען דורך פרעמדע הענט. און אויך שוין פאר איבערפאלן טאר מען נישט קויפן פאר געלט, מיט אפצאלן א ציגז דעם אראבישן שכן, דורך האלטן אראבישע שומרים. באשיצן מוז מען זיך אליין, נישט זיך פארלאזן אויף פרעמדע.

פארשטייט זיך, אז מען האט זיי פאר די „רעוואלוציאנערע" געדאנקען געהאלטן פאר עוכרי ישראל, וועלכע זיינען געקומען מאכן א תל פונעם ישוב. מען האט זיי איבער קיין יידישער שוועל נישט געוואלט אריבערלאזן, אין קיין יידישער שטוב נישט אריינגעלאזט. פון ארבעט איז שוין אפגערעדט. מען האט זיי געוואלט דורך הונגער פארטריבן פון די קאלאניעס. אבער מיט נעגל און ציין האבן זיי זיך איינגעביסן אין דער ערד, אויף וועלכער זיי זיינען געקומען אן אלטן חלום וואר צו מאכן. האט מען זיי אין די שטובן נישט אריינגעלאזט — האבן זיי אין גריבער, אין שטאלן, און אין ביידלעך, וואס זיי האבן אליין פון פאלמען־בלעטער צוזאמענגעבונדן, גענעכטיקט. זיי האבן געהונגערט, געלעבט אין דחקות, פארלויזיקט געווארן, אבער פון ארט זיך נישט גערירט.

נישט נאר יונגעלייט זיינען געקומען, אויך מיידלעך האבן זיך אנגעהויבן ארפצולאזן, ארעמע און רייכע טעכטער פון באלעבאטישע הייזער, וואס האבן גימנאזיע און גוטע שידוכים פארלאזט. די מיידלעך זיינען מיט נאך א סך מער שפאט און פאראכטונג, ווי די יונגעלייט, באגעגנט געווארן פון די אלטע קאלאניסטן:

— ווער האט עס געהערט, אז „פרייליינס" זאלן ארבעטן ביי ערד־ארבעט? פרייליינס באדארפן חתונה האבן. קיין יידישע דינסטן זיינען נישטא!

מען האט זיי געיאגט פון איין קאלאניע אין דער אנדערער, אויסגעלאכט זיי, פארשפאט, אויסגערעדט אויף זיי אלדאס בייז, געהאלטן זיי פאר אויסוואורפן.

ענדלעך האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע, דורך די פארשיידענע אקטיווע ארגאנען, וואס זי באזיצט אין לאנד, אויסגענוצט די ענטוזיאסטישע איבערגעגעבנקייט פון די יונגע מענטשן. מען האט זיי געשיקט אויף נייע ערטער אין די וויסטענישן, צווישן פיינטלעכע אראבישע שכנים, וואו מען האט דערוואָרבן שטיקער לאנד, צו דעראבערן מיט זייער ארבעט די טייער באצאלטע ערטער. מ'האט אנגעהויבן צו דעראבערן נייע פונקטן אין ווייטן גליל, און מען האט באדארפט נעמען די פלעצער אין באזיץ, צוגרייטן זיי אויף צו באזעצן נייע ישובים. דעמאלט האבן

דאָס די יידישע יונגעליײט באַשאַפֿן פֿון זיך די וואונדערבאַרע אָרגאַניזאַציע „השומר״, וועלכע האָט דעם פֿאַרשפּאָטיקטן יידישן נאָמען ביי די אַראַבישע שכנים פֿאַרהערלעכט מיט העראָאישע, גבורהשע מעשים. ביינאַכט, הינטער די ווענט פֿון די הייזלעך, אין די ביידלעך געפֿלאָכטן פֿון פּאַלמען־בלעטער, איבער די גערטנער זיינען זיי געשטאַנען אויף דער וואַך. יונגע לעבנס זיינען געפֿאַלן פֿון אַ קויל פֿון הינטער אַ קוסט, אָפֿטמאָל איז מען געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט דעם שטאַרקערן שונא. עס איז געווען אַ קאַמף צווישן מדבר און ישוב. אָפֿטמאָל האָט דער מדבר פֿאַרלאַנגט זיינע קרבנות און האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן די פּויסטן ערד פֿון זיך, סיידן מען וועט אים באַצאָלן מיט לעבעדיקע נפֿשות. און מען האָט אים באַצאָלט. מען האָט געצאָלט לעבנס מיט דער ברייטער האַנט, לעבנס פֿאַר אויסטריקענען זומפּן, לעבנס פֿאַר באַפֿרוכפּערן וויסט־ליגנדיקע פֿעלדער. פֿאַר זיך אַליין האָט מען גאָרנישט באַדאַרפֿט און גאָרנישט געוואָלט, נישט קיין היים, נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, נישט קיין ווייב, נישט קיין קינד, — מען איז פֿאַרקנסט געווען צום יידישן פֿאָלק.

און אָפֿטמאָל איז דאָס שטיקל יידיש לאַנד, וואָס די יונגע מענטשן האָבן מיט מסירת־נפֿש אַרויסגעריסן פֿון דעם מדבר, געוואָרפֿן געוואָרן ווי רויב־פֿלייש פֿאַר דער חיה ספּעקולאַציע... מען האָט עפּעס מיט די יונגע מענטשן געמוזט טאָן. דעמאָלט איז דער פּרואוו געמאַכט געוואָרן פֿון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע צו גרינדן די ערשטע בשותּפֿותדיקע קבוצה אויף די ברעגן פֿון כּנרת, אויף פֿרייער בשותּפֿותדיקער ארבעט און אויף עסן פֿון אייגענעם טאָפּ.

אויף דעם זוניקן ברעג פֿון ירדן, נישט ווייט פֿון די בלוילעכע וואַסערן פֿון דעם זון־צעשפּיגלטן טייך כּנרת, האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איבערגעגעבן צוועלף אומדערפֿאַרענע יונגע מענטשן צו דעראָבערן פֿון דער וויסטע און פֿון פֿאַרניכטונג דאָס לאַנד, וואָס זי האָט געהאָט אָפּגעקויפֿט פֿון די אַראַבישע שבטים, וועלכע זיינען נאָך געזעסן אויף דער ערד.

אַמאָל האָט די דאָזיקע געגנט געווימלט פֿון שטעט און ישובים, דער גאַנצער ישוב האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט איין פֿרוכט־גאָרטן, אַ טאָל מיט בליענדיקע פֿעלדער, וואָס איז אויסגעבעט געווען צווישן די בערג. נביאים זיינען אַרומגעגאַנגען אויף די ברעגן פֿון די שטעט, משיחים האָבן געפּרעדיקט אין די שולן, אומגלויבלעכע וואונדער זיינען דאָ געשען. מלחמות זיינען דאָ געפֿירט געוואָרן; און היינט איז דער גאַנצער גאָלדענער ברעג, וואָס באָדט זיך אין צעבערס זון, וועלכע גיסט איבער דעם נידע־ריקן ירדן־טאָל מיט גאָלדענע שטראַלן, וויסט, ווילד און ליער...

די פּאָר בייטן תבואה, וואָס די אַראַבער פֿאַרזייען נאָך דעם רעגן־סעזאָן אויף דעם זאַמדיקן באָדן און וואָס ווערן באַאַקערט מיט אַ הילצערנעם אַקער, דערלעבן נישט רייף צו ווערן. אין דעם רעגן־סעזאָן גיסט זיך אויס דער ירדן און פֿאַרפֿלייצט די געגנט, און אין פֿרילינג פֿאַרטראָגן די ווינטן מיט זאַמד די שמאַכטנדיקע זאַנגען. איידער מען נעמט זיי נאָך אַראָפּ פֿון פֿעלד, ווערן זיי פֿאַרשרפֿעט פֿון די אומגעהויערע היצן, וואָס צינדן זיך אָן אין דער דאָזיקער געגנט פֿון פֿריען פֿרילינג אָן און האַלטן אָן איבערן גאַנצן זומער ביז דעם רעגן־סעזאָן. די אַראַבישע שבטים, וועלכע זיצן אין טאָל, גייען אויף אַרבעט קיין דמשק אָדער מען לעבט פֿון גזלה, וואָס מען פֿאַלט איבער אַ מענטשן, וועלכער קומט פֿון יענער זייט ירדן. און ווען קיין געלעגנהייט אויף גזלה איז נישטאָ, לאָזט מען זיך באַנוגענען מיט די צוקער־רערן, וואָס וואַקסן אין פֿרילינג, אָדער מיט די פֿייגן, וואָס אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער בוים פֿון אַמאָליקע פֿרוכטבאַרע צייטן ברענגט אַרויס אין סעזאָן.

אויף דעם פֿעלד, אין דעם דאָזיקן פֿאַרלאָזטן אַראַבישן כאָן, האָבן זיי זיך פֿאַרקליבן, צוועלף יונגע מענטשן. געקומען פֿון אַן אַנדער מדינה, צוגעוואוינט צו אַנדערע קלימאַטישע באַדינגונגען און באַקאַנט נאָר מיטן דאָרף פֿון דער אַלטער היים אין פּוילן, אוקראַינע אָדער רומעניע.

באַלד זיינען אַ העלפֿט פֿון די בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דעם אָרט, געלעגן אין דעם פֿיכטן שמוציקן אַראַבישן לאָך אויף קדחת, און קיינער האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט. אַ צוויי־דריי זיינען ביינאַכט אויף דער שמירה אָדער אין פֿעלד אינדרויסן פֿון אַראַבישע קוילן געפֿאַלן.

די צוויי קי, וואָס דער קאָמיטעט האָט געגעבן, זיינען קראַנק געוואָרן און געפּגרט, די עפּל, באַרנעס און קאַרשן־ביימער, וואָס מען האָט פֿאַרפֿלאַנצט אויף אַ באָדן פֿון צוויי הונדערט מעטער טיפֿער פֿון דעם ים־פֿלאַך, זיינען פֿאַרטריקנט געוואָרן, פֿאַרדאַרט און אָפּגעשטאָרבן, איידער זיי האָבן נאָך די ערשטע צווייגן אַרויסגעלאָזט. געלעבט האָט מען פֿון דעם, וואָס אייניקע חברים האָבן געאַרבעט אין טבריה און געבראַכט אויף ערב שבת אַראַבישע מצות; גריַנס האָבן די חברטעס פֿאַרזייט, אָבער דער עיקר האָט מען געלעבט דערפֿון וואָס דער קאָמיטעט האָט געשטיצט.

מען איז געפֿאַלן פֿון מוט און מען האָט שוין געהאַלטן ביים פֿאַרלאָזן אינגאַנצן די קאָלאָניע. דעמאָלט האָט אין איין שיינעם נאָכמיטיק, אין אַ הייסן זומער טאָג, אין דעם אַראַבישן לאָך, וואו די חברים זיינען געלעגן

אויף די פּאַרפּוילטע זעק מיט שטרוי און געפּיבערט, אַריינגעמאַרשירט די חברטע שרה.

כאַימאָוויטש, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין דער קאָלאָניע אויף הילף, — געקומען אַ האַנט צולייגן צו דער אַרבעט, — איז אויך אַרומגע־גאַנגען ווי די אַנדערע און געפּיבערט. ער געדענקט נאָך ביז הייַנט איר אַריינקומען מיט איר ווייסן טיכל איבערן שוואַרצן קאָפּ האָר. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און אָנגערופֿן זיך:

— אָ, ווי דאָ זעט אויס ביי אייך!

און איידער זי האָט זיך נאָך מיט אַ חבר באַגריסט, האָט זי, אָן אַ וואָרט ווייטער צו רעדן, געזוכט עפּעס אין די ווינקלען פֿון טרויעריקן כאַן. ווען זי האָט נישט געפֿונען דאָס וואָס זי האָט געזוכט, איז זי אַרויס אינ־דרויסן, האָט אַריינגעבראַכט אַ צווייג פֿון אַן אַלטער פּאַלמע און גענומען זיך צו די זאַמדיקע פּאָדלאָגעס. זי האָט גענומען אַ כלי און איז אַרויס צום ברונעם, האָט אַריינגעבראַכט וואַסער און אויסגעוואַשן די אָנגעשטעלטע שמוציקע כלים, וואָס מ׳האָט געלאָזט שטיין אויף די ערטער נאָכן עסן, און אין וועלכע עס האָבן זיך מחנות פֿליגן אויפֿגעקליבן; די אָנגעוואָרפֿענע שמוציקע וועש און הויזן, וואָס האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט איבער דער פּאָדלאָגע און איבער די בעטן, האָט זי אין אַ ווינקל פֿאַרשטעקט; געזוכט ערגעץ און דערטאַפּט אַן אַלטע קאָפּאָטע, אַ ראָגאָזשע, אַ זאַק, און פֿאַר־שטעלט די אויסגעהאַקטע פֿענסטער פֿון כאַן פֿאַר די פֿליגן און פֿאַר דער היץ. דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צו די בחורים, געבעטן זיי אַראָפּצוגיין פֿון די בעטן, גענומען די פּאַרפּוילטע שעניקעס און אַרויסגעטראָגן זיי אינדרויסן אויף דער זון צו טריקענען. דאַן איז זי אַרונטערגעקראָכן אונטער די בעטן, האָט אויסגערייניקט און אויסגעוואַשן דעם שמוץ. באַלד האָט זי אויף דער פּרימוס מאַשינקע די לעצטע רעשטן פֿון פּראָוויאַנט אַוועקגעשטעלט אָפּצוקאָכן. אין אָוונט זיינען שוין אויף די פֿענצטער פֿון כאַן אין פֿלאַשן די ערשטע פֿעלד־בלומען געשטאַנען, און מען האָט נאָך וואָכן לאַנג דאָס ערשטע וואַרעמע געקעכטס געגעסן.

דאָס אַלץ האָט זי געטאָן אין שווייגן, מען האָט קיין וואָרט פֿון איר נישט געהערט, נאָר זי איז געגאַנגען פֿון איין אַרבעט צו דער אַנדערער מיט אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, ווי זי וואָלט שוין דאָ געווען פֿון שטענדיק אָן און ווייסט, וואָס זי האָט צו טאָן.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט זי גענומען דעם פּיאָש און אַוועקגעשטעלט זיך באַאַרבעטן דעם גרינס־גאָרטן, וועלכער איז האַלב פֿאַרנאַכלעסיקט

געווען. זי האָט געשלעפּט וואַסער אין קאַנען פֿון קליינעם קוואַל, באַגאָסן דעם סאַלאַט, די מערן, די טאָמאַטן.

די חברים האָבן זיך פֿאַרשעמט פֿאַר איר. וואָס איז קדחת? מען האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון די בעטן, אויסגעזוכט די מויל־אייזלען, וועלכע זיינען די לעצטע וואָכן פֿאַרנאַכלעסיקט געווען און מען האָט מורא געהאַט, אַז די אַראַבער זאָלן זיי נישט צוגנבֿנען. האָט מען גענומען די מויל־אייזלען, וועלכע זיינען נאָך, גאָט צו דאַנקען, אויפֿן הויף הינטער דעם כאַן געשטאַנען, און מען איז אַרויסגעריטן אין פֿעלד אַריין צו די איבערגעלאָזטע אַקעראייזנס. פֿאַר די אַקעראייזנס האָט מען קיין מורא נישט געהאַט, די אַראַבער האָבן סיי־ווי נישט געוואוסט, ווי מיט זיי אומצוגיין.

ווען די חברים זיינען דעם טאָג אַהיימגעקומען פֿון דער אַרבעט, האָבן זיי געפֿונען פֿאַר דעם אַראַבישן כאַן גרויסע עמערס מיט וואַסער שטיין, שטיקער זייף און שמאַטעס זיך אָפּצוואַשן. חברטע שׂרה האָט פֿריער קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין כאַן, ביז מען האָט זיך נישט איינס דאָס אַנדערע מיט עמערס וואַסער באַגאָסן. פֿון דעמאָלט אָן איז אַ מינהג געוואָרן אין ארץ־ישׂראל, אַז ווען אַרבעטער קומען פֿון דער אַרבעט אַהיים, קריכט מען צוערשט אין וואַסער אַריין און מען טוט איבער אַנדערע הויזן.

אין כאַן האָבן זיי געפֿונען וואַרעמע בעבלעך. פֿון וואַנען האָט זי די בעבלעך געפּאַקט, אַז די לעצטע זיינען שוין פֿאַר אַ וואָך צוריק אויפֿגעגעסן געוואָרן? איבער די שעניקעס זיינען געלעגן אויסגעשפּרייט געוואַשענע און אויסגעטריקנטע זעק, און וואָס דער עיקר איז — די אָפֿענע פֿענצטער פֿון כאַן זיינען געווען מיט זעק באַהאַנגען, אַזוי אויך די טיר, און — וואונדער איבער וואונדער! אין כאַן האָבן זיך קיין פֿליגן נישט געפֿונען.

ווי אַזוי האָט זי דאָס געמאַכט, אַז אינגאַנצן איז זי דאָ אַ טאָג סך־הכּל? זי האָט נאָך אַ גרעסערן וואונדער באַוויזן: די צוויי חברטעס, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין דער קבוצה, געאַרבעט מיט די בחורים אין פֿעלד און האָבן אין קיך קיינמאָל נישט געוואָלט אַריינשמעקן, — האָט זי מיט זיך אין דער קיך איינגעשפּאַנט. זיי האָבן איר דאָס געהאָלפֿן די פֿליגן פֿון כאַן צו פֿאַרטרייבן און די בעטן מיט זאַק־ליילעכער אויסצושפּרייטן. זי האָט געהאַט איין ווערטל, וואָס טראָגט זיך פֿון דעמאָלט אָן איבער ארץ־ישׂראל: „ארץ־ישׂראל הויבט זיך אָן פֿון טאָפּ”!

פֿון דעמאָלט אָן האָט דער ישוב ביי די ברעגן פֿון ירדן זיך אָנגעהויבן צו בויען. אָבער כאַימאָוויטש האָט זי מער נישט געקאָנט פֿאַרגעסן. וואו ער איז נישט געווען אויף אַרבעט, האָט ער זי געזען מיט איר ערשטן

אַריינגעריט אין דעם כאַן פֿון כנרת, מיטן ווייסן טיכל איבערן קאָפּ, מיט אירע שטילע טריט און מיט איר שווייגנדיקער אַרבעט.

ער איז געוואָר געוואָרן ווער זי איז: זי קומט פֿון ליטע, אַ טאַטנס אַ טאַכטער, פֿון אַ באַלעבאַטיש הויז, די מאַמע, פֿון גרויסן רבנישן יחוס. די שטוב איז פֿול געווען מיט שדכנים. זי האָט געזאָלט פֿאָרן קיין זשענעווע שטודירן, אָבער זי האָט פֿאַרלאָזן אוניווערסיטעט און חתנים און איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין דער קיך זיך אַוועקצושטעלן.

כאַימאָוויטש האָט באַלד פֿאַרלאָזט דאָס אָרט. מען האָט אים געדאַרפֿט ערגעץ אַנדערש. ער איז מיט חברים קיין חדרה געגאַנגען, דאָרט אַ בשותּפֿותדיקע אַרבעטער גרופּע געגרינדעט, די זומפּן, וואָס האָבן שוין אַזוי פֿיל קרבנות געקאָסט, אויסצוטריקענען, פּרדסים צו פֿלאַנצן, יידישע אַרבעט אויסצוקעמפֿן ביי די באַלעבאַטים, וואָס האָבן אַמאָל אַליין זייער אייגן לעבן פֿאַר ארץ־ישראל אָפּגעגעבן, אין גרויסן אידעאַל געגלויבט און באַלד אַן אים פֿאַרגעסן. אָבער חברטע שרה מיטן ווייסן טיכל, וואָס ער האָט ביים ברעג פֿון ירדן איבערגעלאָזן, האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט פֿאַרגעסן.

זי איז געקומען אים צו הילף אין מינוטן פֿון יאוש און פֿאַרלוירנ־קייט. ווען דער וואָרעם פֿון ספק האָט אָנגעהויבן צו נאָגן, און ער האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: „וואָס וועט זיין דער סוף — דער ישוב גייט אַזוי לאַנגזאַם, אַז דער מדבר וואַקסט אונדז אַריבער איבערן קאָפּ? און צי וועט דאָס יידישע פֿאָלק אין זיין אַלטקייט זיך קאָנען צוריק באַנייען?״.

ער האָט אָבער געגלויבט באמונה שלמה, אַז דער מענטש איז פֿון זיין נאַטור אַ „סאָציאַלע חיה״ און זוכט דעם נאַטירלעכן שותּף זיינעם אין דעם צווייטן מענטש. און בעת אַט אַזעלכע געדאַנקען האָבן אים געעגבערט אין קאָפּ, ווען דאָס לייב האָט געפֿיבערט אין קדחת, ווען די נאַכט האָט זיך געשוואָרצט אינגדרויסן אַרום דעם שומרישן ביידל אין דעם שוואַרצן מדבר, און קיין איין ליכטל פֿון אַ יידיש פֿענסטער האָט נישט דורכגעשטאָכן דעם דאָזיקן מדבר, דעמאָלט איז אים געקומען צו הילף דאָס ווייסע טיכל איבער דעם שוואַרצן קאָפּ האָר, די שטילע טריט און דאָס שטילע אַרבעטן...

און וואו ער האָט דערפֿאַקט אַ חבר, וואָס איז געקומען פֿון יענער געגנט, פֿון גליל, פֿון ירדן, צי פֿון אַ שטאָט, צי פֿון אַ דאָרף, האָט ער געפֿרעגט:

— איז דאָרט דאָ נאָך ביי אייך אַ חברטע מיטן נאָמען שרה?

— יאָ.

— וואָס טוט זי?

— זי שטייט אין קיך, ווי געווײנטלעך, און דערווייל האָט זי אַ ביימער־שולע ביים ירדן פֿאַרפֿלאַנצט.

— און אַ בחור האָט זי שוין?

— ניין. אַ בחור האָט זי נאָך נישט.

באַלד האָבן אַלע בחורים און בחורות פֿון ארץ־ישראל געוואוסט, אַז צווישן די ביידע, צווישן חבר כאַימאָוויטש און חברטע שרה, איז דאָ עפּעס אַ שייכות, און מען האָט זיי אויסגעמיטן. כאָטש זיי אַליין האָבן קיינמאָל נישט גערעדט דערפֿון און האָבן זיך איבערהויפּט ווייניק געזען. זי איז געבליבן קלעפּן אויפֿן אָרט אין איר קיך, ביי דער ביימער־שולע, און ער — ביים אָרגאַניזירן בשותּפֿותדיקע אַרבעטער קאָלאָניעס אין יהודה, אין שרון, און געהאַלטן זיך פֿונדערווייטנס פֿון גליל, פֿון ירדן, אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז די הייסע זאַמדן פֿון כנרת זאָלן אים נישט די פּיאַטעס פֿון די פֿיס דורך די זוילן דורכברענען, און ער האָט יענע געגנט אויסגעמיטן.

נאָר ווען ער האָט ווייטער געטראָפֿן אַ חבר פֿון יענע מקומות, האָט ער געפֿרעגט:

— פֿאַראַן נאָך ביי אייך אַ חברטע מיטן נאָמען שרה?

— יאָ.

— וואָס טוט זי?

— זי איז אין קיך, אַרבעט אין דער ביימער־שולע און פֿאַרנעמט זיך מיט די זויגנדיקע.

— וואָס, זויגנדיקע שוין פֿאַראַן ביי אייך?

— יאָ, די ערשטע צוויי. מיר האָבן פֿאַר זיי דעם ערשטן צריף (ביידל) אויפֿגעשטעלט, און חברטע שרה פֿאַרנעמט זיך מיט זיי.

— און אַ בחור האָט זי שוין?

— ניין. אַ בחור האָט זי נאָך נישט.

— וואָס איז די מעשה?

— אַזוי איז די מעשה.

דערנאָך איז געקומען אַ צייט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז אַלץ גייט אונטער. די קבוצה, אין וועלכער עס האָט זיך געפֿונען די חברטע שרה, איז באַזעצט געוואָרן פֿון טערקישן מיליטער. עס איז דעמאָלט מלחמה־צייט געווען. ביינאַכט איז חברטע שרה געלעגן אויף איר געלעגער און אויסגעדאַרט זיך דעם קאָפּ מיט זאָרג, וואָס די חברים עסן צו געבן, ווייל די פּראָוויאַנט האָבן געהאַלטן ביים אויסגיין. דאָס גרינס און די אייער, וואָס די קבוצה האָט פּראָדוצירט, האָט יעדן מאָל דאָס מיליטער רעקוויזירט.

ליגט זי אַזוי ביינאַכט און קלערט, וואָס די חברים עסן צו געבן. אין הויף איז כּמעט שוין גאָרנישט געבליבן, די הינער האָט מען צוגענומען מיט אַ פּאָר טעג פֿריער, אַזוי אויך די קי. אַלץ האָט געהאַלטן אין חרוב ווערן. ליגט זי אַזוי און קלערט: וואָס וועט זיין דער סוף? וואָס טוט מען אויף איבערצוהאַלטן די שלעכטע צייט? אין דעם קלאַפּט ווער אָן אין פֿענסטער:

— חברטע שרה?

— יאָ.

— דאָ האָט איר אַ ביסל טריפֿהנע זאַכן און באַהאַלט עס וואו איר קאָנט. אַ באַוואָפֿנטער פּאָסטן האָט די קבוצה באַזעצט. חברים האָבן באַשטימט, אַז מען זאָל גאָרנישט אַרויסגעבן.

און מען הויבט אָן אַריינצוּוואַרפֿן דורכן פֿענסטער אויף חברטע שרהס בעט רעוואָלווערן, קוילן, אויך עטלעכע ביקסן, צוויי אויטאָמאַטן. ווי וועט זי זיך דערמיט אַן עצה געבן? נישט לאַנג געקלערט, עס איז קיין צייט נישט געווען, גענומען דאָס ביסל טריפֿ־פּסול צו זיך אַריין, פֿאַרבונדן זיך דעם קאָפּ מיט אַ באָס האַנטעך, אַוועקגעלייגט זיך דערמיט אין בעט אַריין און זיך איבערגעדעקט. פֿון דרויסן הערט מען שוין אַ גערויש, אַ באַוועגונג פֿון באַוואָפֿנטע. פֿאַרפֿאַלן! באַלד הערן זיך געשרייען פֿון די חברטעס, מען האָט די חברים צוזאַמענגעטריבן אין איין הויז אַריין און מען פּייניקט זיי. זי וויל אויפֿשפּרינגען פֿון בעט. מען שלאָגט די חברים. די גוואַלדן ווערן גרעסער, מען שלאָגט איינעם נאָכן אַנדערן. אָבער ניין, זי טאָר זיך נישט רירן. זי ווייסט, אַז דאָס איינציקע מיטל צו באַשיצן די חברים איז צו ליגן איצט אין בעט באַהאַלטן מיטן געווער, באַין־אופֿן זיך נישט לאָזן מיטרייסן. אַזוי לאַנג ווי זי וועט ליגן אין בעט, וועלן די אַראַבישע סאָלדאַטן נישט וואַגן צו זוכן ביי איר, און דאָס איז דאָך דער עיקר.

אָבער פֿון דרויסן הערן זיך די געשרייען פֿון די חברטעס וואָס אַמאָל העכער: מען פּייניקט די חברים! שרה ליגט מיט פֿאַרביסענע ליפּן, זי שוויגט און רירט זיך נישט פֿון בעט. אַ גאַנצע נאַכט און צו מאָרגנס אַ גאַנצן טאָג האָט עס אָנגעהאַלטן. פֿאַרנאַכט קוקט זי אַרויס דורכן פֿענצטער, זעט זי, ווי מען פֿירט אָפּ די חברים און אויך אַ טייל חברטעס געבונדענע, אין דער תּפֿיסה קיין דמשק.

אָבער איידער זיי זיינען נאָך אָנגעקומען אין דער דמשקער תּפֿיסה, איז זי שוין דאָרטן געווען.

אין דער דמשקער תּפֿיסה האָט מען געהאַט צוזאַמענגעטריבן די געפֿאַנגענע חברים פֿון אַלע קאָלאָניעס. אויך כאַימאָוויטש האָט זיך דאָרט

געפֿונען. און ווי ער שטייט אַזוי ביי די גראַטעס פֿון זיין פֿענצטערל, קוקט אַראָפּ אויפֿן הויף און וואַרט אויף זיין צייט אַריינגעפֿירט צו ווערן צום אויספֿאַרשונג־ריכטער, דערזעט ער פּלוצלונג די חברטע שרה, און, פֿאַרשטייט זיך, מיט אַ טאָפּ עסן!

ווי אַזוי איז זי אין מלחמה־צייט קיין דמשק געקומען? ווי אַזוי האָט זי דאָ אין שטאָט איינגעשטעלט אַ קיך? ווי אַזוי האָט זי אונטערגעקויפֿט די מיליטערישע וואַכן און דאָ אין הויף פֿון דער מיליטערישער טורמע, זיך אַריינגעקראָגן מיט די טעפּ געקעכץ? — פֿרעגט קיין קשיות נישט אויף דער חברטע שרה. זי קאָן אַלץ באַווייזן! און נישט נאָר אַ מענטשלעך לעפֿל געקעכץ האָט זי געבראַכט די פֿאַרפּייניקטע חברים, נאָר אויך אַ טרייסט וואָרט דערלאַנגט זי צוזאַמען מיט די טעפּ דורך די טירן אַריין: „נישט פֿאַרלירן דעם מוט! דער ישוב טוט אַלץ, אייך דאָס לעבן צו ראַטעווען, אויך מחוץ לארץ העלפֿט מען. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל ווירקט מען. עס זיינען פֿאַראַן די בעסטע האָפֿענונגען!" און ווען זי האַלט ביים דערוווייטערן זיך, קאָן זיך כאַימאָוויטש ניט איינהאַלטן און שרייט אַרויס דורך די טורמע גראַטעס:

— חברטע שרה?!

— וואָס איז?

— אַ בחור האָט איר שוין?

— ניין! — דרייט זי מיטן קאָפּ און שמייכלט צו אים פֿריינטלעך.

— וואָס איז די מעשה?

— די בעסטע בחורים זיצן היינט אין טורמע. איך וואַרט, ביז מען וועט זיי אַרויסלאָזן!

דאָס איז, יעדנפֿאַלס, געווען אַ וואונק, אַ צוזאָג... אַ זיסע האָפֿענונג אויף צו קאָנען איבערטראָגן די סאַדיסטישע ענויים און צו וואַרטן אויף דער ישועה...

נאָך דער מלחמה איז נישטאָ קיין צייט צו קלערן וועגן אַזעלכע זאַכן. איבער דער גרויסער יידישער וועלט האָט זיך געטראָגן די בשורה וועגן אויפֿבוי פֿון ארץ ישראל. די באַלפֿור־דעקלאַראַציע האָט די האָפֿענונג געענדערט. און די מעשים פֿון די אַרבעטער־גיבורים אין ארץ־ישראל האָבן ביישפּילן געגעבן. איבער אַלע יידישע ישובים ווערן פּיאָנערן־גרופּעס געשאַפֿן, אַרויסגערופֿן פֿון ענטוזיאַסטישן גלויבן אין דער אויפֿלעבונג פֿון יידישן פֿאָלק.

איבער אַלע יידישע ישובים — אין דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד, אין דעם באַפֿרייטן פּוילן, אין דער פֿאַרגרעסערטער רומעניע און

אַפֿילו אין ווייטן סיביר שאַפֿן זיך חלוצים־גרופּעס, וואו מען גרייט זיך צו און מען הויבט אָן צו פֿירן דאָס ארץ־ישראלדיקע לעבן אויפֿן אָרט. מען שאַפֿט בשותּפֿותדיקע קאָלאָניעס, מען אַרבעט אין בשותּפֿותדיקע ווערקשטעלן, מען לעבט מיט דער פֿאַנטאַסטישער זעאונג פֿון צוקונפֿטיקן ארץ־ישראל־לעבן, ווי אין אַ חלום.

איבער אַלע גרענעצן גנבענען זיך יונגעלייט, שלעפּן זיך איבער וואַסערן, איבער שניי־בערג, לאָזן זיך איבער אומזיכערע טייכן, גנבענען זיך אין שיפֿן. ארץ־ישראל ווערט פֿאַרפֿלייצט מיט ענטוזיאַסטישע יונגע מענטשן,וועלכע ברענגען מיט זייערע יונגע לעבנס, זייערע כּוחות, זייער גלויבן, זייער הייליקן מוט און אויסגעהאַמערטן ווילן צו זיין די פּיאָנערן פֿון יידישן פֿאָלק.

אָנגעשטעקט מיט די רעוואָלוציאָנערע אויסלייזונג־אידייען, מיט וועלכע די האַגיק חדשים פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, פֿון דער פֿעלקער־באַפֿרייאונג האָט זיי באַפֿרוכפּערט, קומט מען קיין ארץ־ישראל אויפֿצובויען דאָס לאַנד אויף נייע יסודות פֿון סאָציאַלער גערעכטיקייט. מיט משיחישן שוואונג און דערלייזונג־דראַנג איז מען גרייט אויף הערואישע מעשים, אַבי די משיחישע צייט צו דערנעענטערן. אָבער עס איז קיין געטראַנק נישטאָ, וואָס זאָל זייער דורשט לעשן, קיין פֿעלד פֿאַר זייער ענטוזיאַסטישן ווילן. יעדעס שטיקעלע ערד מוז מען מיט טייער געלט און כּלערליי קונצן אַרויסבאַקומען. מען מאַכט צוזאָגן און מען דערפֿילט זיי נישט. פֿון אומעטום בלאָזט דער ווינט פֿון גלייכגילטיקייט אויף זייערע הייסע נשמות. נאָך האָט זיך נישט אויסגעטריקנט די אונטער־שריפֿט אויף ענגלאַנדס הבטחה, און די ערשטע קרבנות זיינען שוין געפֿאַלן פֿון באַשיצן זיך קעגן אַראַבישע אָנפֿאַלן. דער יידישער הויך־קאָמיסאַר לייגט אַ חרם אויף דער יידישער אימיגראַציע. פֿון אומעטום יאוש, אָדער נאָך ערגער — גלייכגילטיקייט צו די הבטחות. עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גרויסער נאַציאָנאַלער כּוח, און ער האָט נישט קיין פֿעלד, אויף וועלכן זיין ענערגיע אויסצונוצן. אָבער אַ וועג איז פֿאַראַן: אַ וועג, וואָס די חברים האָבן שוין אויסגעטראָטן און אויף אים אָנגעוויזן.

דער וועג פֿון קאָלעקטיווער אַרבעט.

„דעם מענטשנס האַרץ איז גוט פֿון דער נאַטור, דער מענטש האָט ליב די אַרבעט, מען האָט נאָר די אַרבעט פֿאַרמיאוסט און קליין־געמאַכט דורך דעם אָרעמען און עגאָאיסטישן געווינס. גיט דער אַרבעט אַ העכערן מין, ברענגט אין דער אַרבעט אַריין דעם משיחישן אידעאַל פֿון אויסלייזן אַ פֿאָלק און אויפֿבויען אַ לאַנד, הייבט אויף די אַרבעט צו אַ געטלעכער

דינסט פֿאַר דער באַפֿרייאונג פֿון מענטש, און זי וועט וואונדער שאַפֿן, זי וועט אַלע שטיינער פֿון וועג אַפּרוימען, מדבריות אין ישובים פֿאַרוואַנדלען, וועגן דורך זומפּן דורכפֿירן. דאָס דאַזיקע וואונדער קאָן נאָר שאַפֿן די חכמה און דער כּוח פֿון קאָלעקטיוו!" — האָט כּאַימאָוויטש דעמאָלט געשריבן.

כּאַימאָוויטש איז געווען פֿאַרנומען מיט אָרגאַניזירן דעם לעגיאָן פֿון אַרבעט, און דעם לעגיאָן האָט דער ירושלימער קאָמיטעט איבערגעגעבן צו שאַפֿן דעם ערשטן יידישן יישוב אין דעם זומפּיקן מדבר, וואָס עס האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט דער עמק.

ווען כּאַימאָוויטש האָט איבערגענומען די אויפֿגאַבע, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער חברטע שרה. צום ערשט האָט ער געטראַכט אַליין צו גיין קיין כּנרת צו איר און זי בעטן מיטצוקומען. עס איז אָבער נישט געווען קיין צייט ווען דאָס צו טאָן. די צוגרייטונג צו דער אַרבעט אין עמק האָט אים אינגאַנצן אַבסאָרבירט. ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו שרייבן איר וועגן דעם אַ בריוול. איז אויך אויף דעם נישט געווען קיין צייט. ענדלעך האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף אַ יונגנמאַן, וואָס קומט פֿון איר געגנט, פֿון ברעג פֿון כּנרת.

— איז דאָרט נאָך פֿאַראַן ביי אייך אַ חברטע מיטן נאָמען שרה?

— פֿאַראַן.

— וואָס טוט זי?

— אין קיך, אין קינדער־גאָרטן אין דער ביימער־שולע, אין דער הינער־שטאַל.

און נאָך?

— אַ חוץ דעם גיט זי אַכטונג אויפֿן גרינס־גאָרטן.

— און אַ בחור האָט זי שוין?

— ניין. אַ בחור האָט זי נישט.

— טוט מיר אַ טובה, ווען איר וועט אַהיימקומען, זאָגט איר, אַז זי זאָל פֿאַרלאָזן די קיך, דעם קינדער־גאָרטן, די ביימער־שולע, די הינער־שטאַל. זיי וועלן זיך שוין אָן איר אויך אָן עצה געבן, און זי זאָל נעמען דאָס פּעקל און זאָל קומען אין גדוד אַריין. זיבעציק חברים קעגן די זיבעציק אומות פֿון דער וועלט וואַרטן אויף איר אין עמק יזרעאל.

— מיר וועל זי אייך נישט געבן.

— אָבער אַ טובה קאָנט איר דאָך אַ יידן טאָן און אַ שליחות איבערגעבן.

און זי איז געקומען.

גאָרנישט האָט זי מיט זיך מיטגענומען פֿון אָרט, נאָר דאָס ווייסע טיכל איבערן קאָפּ, וואָס זי האָט געטראָגן בשעת זי איז אַהין אָנגעקומען.

נאָר ווען זי איז אָנגעקומען צו דער קבוצה אויפֿן ברעג פֿון כּנרת, זיינען אירע האָר געווען פּעך־שוואַרצע, איר פּנים פֿריש און יונג, איר גאַנג לייכט און אירע הענט ווייך. היינט האָבן זיך אין אירע שוואַרצע צעפּ שוין אַריינגעגנבעט ווייסע פּאָסן, איר פּנים איז פֿאַרעלטערט, אירע פֿיס שווער און אירע הענט האַרט און פֿאַרשטיינערט, נאָר אויף איר־אינגאַנצן רוט די הייליקע שיין פֿון אַרבעט.

קאַפּיטל 5

דער נאַקעטער שבת

צומאַרגנס אינדערפֿרי, ווען די אַראַבערקעס אויפֿן באַרג האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון זייער שלאָף און זײַנען מיט די קרוגן אויף די קעפּ אַראָפּגעגאַנגען צו דעם וואַסער־קוואַל, האָבן זיי געזען אַ מאָדנע בילד, ווי אַ גרופּע מענטשן, מענער און פֿרויען, די מענער האַלב נאַקעט, שטייען ביזן האַלבן לײַב אין זומפּ אַרום דעם קוואַל, שעפּן אָן בלאָטע אין געפֿלאָכטענע קערב, אין בלעכן פֿון גאַזאָלן און וואַרפֿן־אויף צוויי בלאָטיקע ווענט. די אַראַבערקעס האָבן זיך פֿאַרוואונדערט איבער דעם, וואָס די נאַקעטע מענטשן טוען. זיי זײַנען צוריק אַרײַן אין די הײַזלעך, אַרויסגערופֿן זייערע מענער און פֿאָטערס און אָנגעוויזן זיי אויף די נאַקעטע מענטשן. די אַראַבער זײַנען געשטאַנען אויפֿן באַרג, געקוקט און געקוקט און נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס די „מאַסקאָוויטס" (רוסישע ייִדן) טוען. זיי האָבן זיך די קעפּ געבראָכן צו טרעפֿן, וואָס זיי ווילן מאַכן פֿון דער בלאָטע, — צי ווילן זיי זי פֿאַרקויפֿן, צי ווילן זיי זי אויסטריקענען אויף ציגל, צי אויף עפּעס אַנדערש באַדאַרפֿן זיי די בלאָטע? נאָך מער האָבן זיי זיך געוואונדערט אויף דער נאַקעטקייט פֿון די מענטשן, און די אַראַבער האָבן אַ נאָמען געגעבן די אָנקומענדע מענטשן: „דער נאַקעטער שבת". און אַזוי האָבן זיי שוין געהייסן ביי די שכנים אַרום.

דערווײַל האָט זיך דער „נאַקעטער שבת" גאָרנישט געמאַכט איבער דער פֿאַרוואונדערונג פֿון די אַראַבער. פֿערציק מענטשלעכע לײַבער זײַנען געזונקען אין די בלאָטעס, און פֿערציק פּאָר הענט האָבן מיט כּוח אַרײַנגעשניטן די שפּאַדלעס טיף אין איר. פֿערציק פּאָר הענט האָבן מיט נאָך מער כּוח, אונטערשטיצנדיק זיך מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זייערע שטאַרקע יונגע ברוסטן און רוקנס, געצויגן די שווערע פֿייכטע מאַסע פֿון דעם געדיכטן געמויזעכץ אַרויס, אַרײַנגעוואָרפֿן אין בלעכן און אין קערב, דערלאַנגט די בלעכן די מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען אינדרויסן, וועלכע האָבן די פֿייכטע מאַסע אָנגעוואָליעט אין אַ וואַנט.

די גליענדיקע אלול־זון האָט מיט טויזנטער פֿייער־שטראַלן באַלעקט זייערע נאַקעטע לייבער. אויף די ברוסטן און אויף די רוקנס האָבן אָנגעהויבן אַרויסזעצן די ערשטע שווייס־טראָפּנס, די שטראַלן זיינען געפֿאַלן אויף זיי, און די רוקנס האָבן פֿונדערווייטנס אָנגעהויבן צו לייכטן ווי זילבערנע פּאַנצערס. קיין וואָרט איז נישט גערעדט געוואָרן, יעדער איינער איז געווען פֿאַרנומען ביי זיין גרוב, און קיין צייט נישט געהאַט זיך אומצוקוקן אויף זיין חבר. וואָרים די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט. ביי יעדן איינעם איז געשטאַנען פֿאַר די אויגן די קורצקייט פֿון דער צייט ביז צו די ערשטע רעגנס. ווען די ערשטע רעגנס וועלן קומען, מוזן זיי שוין האָבן אַ שטיק פֿון די פֿעלדער אויסגעטריקנט, דעם גרינס־גאָרטן און די ווינטער־תבואות פֿאַרזייט, אַנישט וועט נישט זיין וואָס צו עסן.

אָבער די וויכטיקסטע און די ערשטע אויפֿגאַבע איז געווען — דעם זומפּ אין דעם לאַגער גופֿא אויסצוטריקענען. דער זומפּ, וואָס איז אַרום דעם קוואַל קאָן געבן מאַלאַריע־מאָסקיטעס און קאָן ווערן אַ געפֿאַר פֿאַר געזונטקייט פֿונעם אָרט. מען מוז וואָס גיכער דאָס שטייענדיקע וואַסער, וואָס געפֿינט זיך אַרום דעם קוואַל, אָפּפֿירן דורך גראָבן אַ ראָוו אין דער לעבן־שטייענדיקער ברכה, אויסטריקענען די ערד אַרום דעם וואַסער־ברונעם און אַרויסקריגן דאָס ריינע וואַסער, וואָס שלאָגט אַרויס פֿון קוואַל אין דער הייל, כּדי מען זאָל עס קאָנען אָן דעם צומישעכטס פֿון בלאָטע באַנוצן. ערשט שפּעטער קאָנען זיי זיך נעמען צו גראָבן גריבער אויף אויסצוטריקענען די ריכטיקע זומפּן און מעגלעך צו מאַכן דעם עמק פֿאַר דער אַרבעט.

דערווייל, ווען אַ טייל בחורים זיינען געשטאַנען אין זומפּ און האָבן געגראָבן די בלאָטעס, איז אין „הויף" אָדער אין „משק", ווי זיי האָבן עס שוין אָנגערופֿן, דאָס הייסט, אויף דעם אָרט אַרום דער חברטע שׂרהס געצעלט, צופֿוסנס פֿון באַרג (שוין אויף דער זייט פֿון שטיינערנעם צוים, וואָס זיי האָבן נעכטן אָנגעוואָרפֿן), אָנגעגאַנגען אַן ענערגישע טעטיקייט. בחורים און בחורות האָבן געקליבן פֿון דעם פּלאַץ שטיינער, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן אונטער די הענט, זיי אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף די וועגענער און געפֿירט די וועגענער, געשלעפּט דורך מויל־אייזלען, צו פֿאַרפֿעסטיקן דעם שטיינערנעם צוים. אַנדערע האָבן גראָזן געשניטן, וואָס אַמאָל גרעסערע שטחים פֿון דעם מדבּרס הענט אַרויסגעראַטעוועט. אַנדערע זיינען ביים פֿלעכטן שוך־ווענטלעך פֿון לאַנגע קוויטשער־גראָזן באַשעפֿטיקט געווען. מען האָט באַדאַרפֿט חברטע שׂרהס געצעלט אויסברייטערן,

אַז עס זאָל קאָנען אונטערן דאַך אַרונטערנעמען די זעק מיט פּראָוויאַנט, די מכשירים צום קאָכן, דאָס טרינק־וואַסער צו באַהאַלטן, די עס־כּלים, און דער עיקר האָט מען געמוזט וועגן מער „היים" זאָרגן.

אויך איז באַלד אויף דער טאָג־אָרדנונג געשטאַנען די פֿראַגע וועגן ברויט באַקן. מען האָט נישט געקאָנט יעדן צווייטן טאָג שיקן אין שטאָט אַריין נאָך ברויט. מען האָט שוין אַפֿילו אַן אויסקוק אויף אַ בעקער, דאָס איז חיימל מאַלאַזש. ער איז געווען אַ היימישער בחור, פֿון אָזאָרקאָוו אין פּוילן איז ער געקומען. ער האָט אַלעמען איינגערעדט, אַז אינדערהיים איז ער געווען אַ בעקער, דערפֿאַר האָט מען אים צו דער דאָזיקער מלאכה גענומען. אין דער אמתן איז ער אַ מאָלער, דאָס הייסט, אַ קונסט־מאָלער, — נאָר כּדי צו קאָנען לעבן, האָט ער זיך דערווייל אויסגעלערנט בעקעריי. ער האָט אין לאָדזש אַ דירה געהאַט ביי אַ בעקער, זאָגט ער. דאָס הייסט, ער האָט געוואוינט אין אַ בעקעריי. און אַזוי ווי שלאָפֿן האָט ער סיי־ווי נישט געקאָנט, ווייל די בעקעריי האָט געאַרבעט ביינאַכט, האָט ער זיך דערווייל אויסגעלערנט דאָס פֿאַך. ער האָט אַפֿילו, זאָגט ער, דערביי שוין געלט פֿאַרדינט; בייטאָג האָט ער זיך, זאָגט ער, אָפּגעגעבן מיט זיין קונסט, און ביינאַכט האָט ער געבאַקן בייגל. איצט פּרוּווט ער צוזאַמען מיט די חברים אויפֿצושטעלן אַ באַק־אויוון פֿון שטיינער.

דער גרויסע קאָנסטרוקטאָר איז מענדל שוואַרץ. אַלץ קאָן ער, דער דאָזיקער מענדל שוואַרץ. ער האָט שוין, זאָגט ער, ביי די זעלבער אַמאָל „קאָנסטרואירט" אַ באַק־אויוון. נאָר גאָר דער ריכטיקער קאָנסטרוקטאָר איז דער „אינזשעניר יאָכלמאַן. „אינזשעניר" רופֿט מען אים דערפֿאַר, ווייל ער האָט שטודירט מאַשין־בוי.

אַקאַדעמיקער האָבן זיי צווישן זיך געהאַט גענוג, אָבער לויטער דאָקטוירים פֿון פֿילאָזאָפֿיע, אַסטראָנאָמען, פֿילאָלאָגן, מאַטעמאַטיקער מיט דיפּלאָמעס פֿון אַלע אוניווערסיטעטן פֿון אייראָפּע, אַזוי אַז די, וועלכע שטייען איצט אין זומפּ און רייניקן דעם קוואַל, וואָלטן געקאָנט פֿאַרלייגן אַן אַקאַדעמיע; נאָר קיינער פֿון זיי איז נישט געווען קיין אינזשעניר.

אַ דאָקטער האָבן זיי קוים געפֿונען, דאָס הייסט — אַ האַלבן דאָקטער, אַ סטודענט פֿון מעדיצין. ער זאָגט, אַז ער קאָן אַ טויטן פֿאַנאַנדערשניידן על פּי חכמת אַנאַטאָמיע; אַנאַטאָמיע קען ער, נאָר אַ פּלאַסטער צולייגן צו אַ מכּה — דאָס קען ער נישט. אַ חוץ דעם, האָבן זיי נאָך געהאַט אַ חברטע, מרס. גרינשפּאַן פֿון אַמעריקע, וועלכע איז געווען אַ יאָר צייט אין „הדסה". נאָר קיין אינזשענירן האָבן זיי נישט געהאַט, אַ חוץ דעם גאַליציאַנער יאָכלמאַן, וועלכער האָט דורכגעמאַכט צוויי יאָר מאַשין־בוי־

שטודיום. זאָגן זאָגט ער, אַז אַ לאַקאָמאָטיוו פֿון אַ באַן צו קאָנסטרואירן איז פֿאַר אים אַ קלייניקייט, אויך אַ שיף, ווען איר ווילט, — נאָר אַן אויוון אויף ברויט צו באַקן, דאָס קען ער נישט, צו דעם באַדאַרף מען האָבן אַ מומחה. איז דער מומחה געווען דער שוסטער מענדל שוואַרץ, וועלכער האָט דאָס געטאָן מיט דער הילף פֿון חיימל דעם בעקער, דאָס הייסט, דער קונסט־מאָלער.

דערווייל האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מיט דעם אויוון אויף ברויט צו באַקן איז נאָך אַ לאַנגע מעשה. זיי האָבן נישט געהאַט קיין צעמענט, מיט וואָס די שטיינער צו באַפֿעסטיקן, און דער עיקר — זיי האָבן נישט קיין גיפּס, מיט וואָס דעם אויוון פֿון אינעווייניק און אויסנווייניק אויס־צוקלעפּן. און עס פֿעלן זיי נאָך דער ריכטיקער אויסשאַרער און די לאָפּעטע, וואָס מוז ווערן צוגעשניטן און אויסגעאַרבעט פֿון אַ ספּעציאַליסט.

האָט מען דאָס אַלץ פֿאַרשריבן אין אַ ביכל, אַלץ וואָס מען באַדאַרף האָבן פֿאַרן באַק־אויוון, ווען מען וועט שיקן אַ מענטש קיין חיפֿה איינקויפֿן די איבעריקע זאַכן און ברענגען צו דער נאָענטער באַן־סטאַנציע. דערווייל האָט מען באַשטימט צו באַקן אַראַביש ברויט, דאָס הייסט — אַראַבישע פּלעצלעך, געבראָטן אויף שטיינער. פּייער קאָן מען מאַכן מיט אַראַבישן מיסט, וואָס ליגט אויבן ביי די אַראַבישע הייזלעך. מען וועט צו די אַראַבישע שכנים סיי־ווי־סיי באַדאַרפֿן אָנקומען נאָך אַ פּאָר קוואָרט מילך. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז עס האָבן זיך שוין געמאַכט צוויי קראַנקע: אמנון בן־טוב, דער לערער, און אַ חברטע שרה גוטערמאַן. זיי האָבן זיך נעכטן ביים שלעפּן די וועגענער מיט בלאָטע עפּעס געטאָן, זיי זיינען אויפֿגעשטאַנען מיט אַ העכערער טעמפּעראַטור און מיט אַ שווינדל אין די אויגן. דאָך זיינען זיי געגאַנגען צו דער אַרבעט.

חברטע שרה איז דערווייל פֿאַרנומען מיט גרינדן די „היים". ערשטנס, האָט מען באַדאַרפֿט באַזאָרגן די געצעלטן, אַז זיי זאָלן ווערן אַוועקגע־שטעלט אויף טרוקענע ערטער אין אַ געוויסער סימעטרישער אויסשטעלונג. די מערסטע חברים זיינען די נאַכט דורכגעשלאָפֿן אויף די וועגענער אָדער האָבן גאָר דורכגעטאַנצט אָדער דורכגעשומרט די גאַנצע נאַכט.

מען דאַרף באַזאָרגן די מיליטער־בעטלעך. טייל באַלעבאַטישע קינדער האָבן מיטגעבראַכט בעטגעוואַנט פֿון דער אַלטער היים, קאָלדרעס ליילעכער און איבערצוג. דאָס האָט מען גלייך צעטיילט צווישן אַלעמען. איצט לויפֿט די חברטע שרה אַרום פֿון איין געצעלט צום צווייטן און זעט, צי אַלע האָבן די מאָסקיטע־נעצן אויסגעצויגן איבער די בעטן. די נעצן זיינען דאָס וויכטיקסטע. די חברים, וואָס זיינען די נאַכט

געשלאָפֿן אָפֿן, זיינען אַזוי צעשטאָכן געוואָרן, אַז זיי האָבן באַקומען היץ; דאָס זיינען צוויי חברטעס צוזאַמען מיט חיים דעם שניידער, דאָס הייסט, דאָקטאָר־פֿילאָזאָף זילבערבויש, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די שניידעריי מיט דער איינציקער זינגער־מאַשין וואָס מ׳האָט מיטגעבראַכט.

נאָך דעם האָט זיך חברטע שרה אַוועקגעשטעלט איינריכטן די וועשעריי, צונויפֿלייגן די אַלע העמדער, אונטער־ און אויבער־הויזן, וואָס מען האָט מיט זיך מיטגעבראַכט, און האַלטן אַלץ אין אַ סדר. אָבער די גרעסטע זאָרג האָבן איר פֿאַרשאַפֿט די סאַניטאַרישע באַדינגונגען. כאָטש דאָס האָט נישט געהערט צו איר, אויף דעם איז געווען אַ באַזונדער חבֿר געזעצט, דער מעדיקער — וועלכן מען האָט אַרויסגעוואָרפֿן פֿון רוסישן אוניווערסיטעט און וועלכער קען מתים שניידן, נאָר ער ווייסט נישט, ווי אַזוי אַ פּלאַסטער צוצולייגן, — און די חברטע, וואָס האָט געאַרבעט אין דער „הדסה״; זיי ביידע זיינען דאָס געווען די סאַניטאַרישע קאָמיסיע. אָבער חברטע שרה האָט אויף אַלץ איר אויג, עס זיינען געווען ענינים, וועלכע זיינען איר נעענטער אָנגעגאַנגען, ווי אַלע אַנדערע. און איינער פֿון די ענינים וואָס זיינען איר נאָענט אָנגעגאַנגען און איבער וואָס זי האָט מער פֿון אַלץ געזאָרגט, איז געווען דער סאַניטאַרער צושטאַנד. נעכטן האָט מען פּראָוויזאָריש, אויף דערווייל, באַשטימט אַן אָרט פֿאַר די נאַטירלעכע באַדערפֿעניש. מען האָט אויסגעגראָבן צוויי גריבער, איינער נישט ווייט פֿון אַנדערן, פֿאַרשטעלט זיי מיט ברעטער און אויפֿגעשריבן אויף איין זייט „פֿאַר חברים״, אויף דעם אַנדערן — „פֿאַר חברות״. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז די גריבער זיינען געווען צו נאָענט פֿון די געצעלטן, האָט מען זיי געמוזט פֿאַרלייגן ווייטער אין פֿעלד אַרויס, אָבער דאָך צו־ווייט האָט מען נישט געקאָנט גיין, צוליב דער סכּנה, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון אַלע ווינקלען. אויך האָט מען באַדאַרפֿט זאָרגן פֿאַר אַ ביסל צניעות און מאַכן די מחיצה, פֿאַרשטעלן זי אונטערן שאָטן, און דער עיקר — צוליב דער הייסער זון, און אויך זאָרגן וועגן דער נויטיקער ריינלעכקייט.

דערווייל האָט נאָך שרה גאָרנישט געטאָן פֿאַר דער קיך. די קיך מוז ווערן אָרנטלעך אָרגאַניזירט. די צוויי העלפֿערינס, וואָס זי האָט באַקומען, האָבן די מינדסטע ידיעה נישט פֿון קאָכן. מען האָט זיי געמוזט לערנען. דער עיקר — מען האָט גאָרנישט געקלערט וועגן עסן.

עס רוקט זיך אַוועק דער טאָג, די חברים האָבן אַ שווערע אַרבעט אין דרויסן, מען דאַרף צוגרייטן פֿאַר זיי דאָס עסן. זי האָט אַוועקגעזעצט צוויי חברטעס שיילן קאַרטאָפֿל, האָבן זיי אַ העלפֿט קאַרטאָפֿל קאַליע גע־

מאַכט. האָט זי אָװעקגעשטעלט די חברטע דבורה בײַ דער פּרימוס־מאַשינקע אָפּצוקאָכן אַ זופּ. האָט יענע קודם־כּל געלאָזט שטײן דעם טאָפּ אױפֿן פֿלאַם אָן װאַסער: די אַרבעס האָבן זיך פֿאַרברענט און דער טאָפּ האָט באַקומען אַ לאָך. איצט איז זי געגאַנגען צושטעלן אַן אַנדערן טאָפּ מיט אַ קאַרטאָפֿל־זופּ, האָט זיך אַרױסגעװיזן דאָס גרױסע אומגליק — דער נאַפֿט איז אױסגערונגען פֿון דער קאַן. װי אַזױ דאָס איז געשען װײסט קײנער נישט. די קאַן האָט באַקומען אַ לאָך. אפֿשר האָט װער נעכטן בײַם טאַנצן אױף איר אַרױפֿגעטראָטן, אָדער זי האָט זיך אין װאָגן נאָך איבערגעדרײט. מיט אײן װאָרט, די ערד אַרום געצעלט איז אָנגעזאָפּט מיט נאַפֿט. נאָך גוט װאָס מען האָט קײן אָנגעצונדן שװעבעלע נישט געװאָרפֿן, אַנישט װאָלט דאָרט געװען אױסגעבראָכן דאָס ערשטע פֿײער. אין דער קאַן אַלײן איז נאָך איבערגעבליבן אױף אַזױ פֿיל נאַפֿט די פּרימוסן אָנצוגיסן, אַז עס זאָל סטאַיען אױף מיטאָג; פֿאַר די נאַפֿט לאָמפּן װעט שױן נישט זײַן. װי אַזױ קאָן מען בלײַבן אָן ליכט בײַנאַכט? װאָס װעט זי טאָן מיטן נאַכט־עסן?

װײַטער איז אױך אַנטשטאַנען אַ צװײטע פּראָבלעם: צװײ חברים האָבן זיך אײַנדרױסן, בײַם גראָבן אין די בלאָטעס, די פֿיס מיט דער שאַרף פֿון אַ שופֿלע צעקאַליעטשעט. אין זומפּ האָבן זײ נישט באַמערקט, װי זײ טרעטן אױף די שופֿלעס. זײ האָבן זיך צובלוטיקט און מען האָט זײ געמוזט פֿון דער אַרבעט אַראָפּנעמען, אין די געצעלטן ברענגען. בײַם פֿאַרבינדן די פֿיס האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז דער מעדיקער יאָכלמאַן, דער סאַניטאַר, האָט װעגן אַלצדינג געזאָרגט, אײדער זײ האָבן זיך גערירט פֿון אָרט: ער האָט מיטגעפֿירט מיט זיך פֿונטן גאַנצע מיט כּינין פֿאַר קדחת, װאָס באַדאַרף ערשט קומען, און אַנדערע הױזמעדיצינען, נאָר אַ פֿלעשל יאָד, װאָס מען באַדאַרף האָבן גלײַך אַ װאונד אײַנצושמירן, דאָס האָט ער פֿאַרגעסן. עס איז אױפֿגעקומען די פֿראַגע װעגן שיקן גלײַך אַ חבר אין נאָענטסטען מקום אַרײַן צו ברענגען אַ פֿלאַש נאַפֿט און אַ ביסל יאָד.

בײַ די קאַרטאָפֿל־ און בעבלעך־זופּ, באַפּעטיקט מיט אַמעריקאַנער געװיקסן־אײל, װאָס חברה געגיסט אײַנדרױסן אַרום שרהס געצעלט, אין די בלאָטיקע הױזן, מיט װעלכע די לײַבער זײַנען געװען באַדעקט, דיסקוטירט מען די פֿראַגע פֿון נאַפֿט און יאָד. מאָרגן קומט אָן דער גרױסער טראַנספּאָרט, װאָס דער קאָמיטעט פֿון גדוד האָט אַרױסגעשיקט מיט דער באַן צו דער נאָענטסטער סטאַנציע. פֿאַרשטײט זיך, מען װעט באַדאַרפֿן נאָך דעם װינטער מאַכן אַ װעג צו דער באַן סטאַנציע, דערװײַל

װעלן מאָרגן גאַנץ פֿרי די חברים דאַרפֿן אַרױסגײן און אױסבעסערן אַ ביסל דעם װעג, די זומפּן פֿאַרלײגן מיט גראָז, אַז די פֿורן זאָלן קאָנען דורכפֿאָרן. פֿאַר הײנט דאַרף מען שיקן עמעצן אױף אַ מױל־אײזל אין נאָענטסטן מקום צו ברענגען אַ פֿלאַש נאַפֿט און אַ ביסל יאָד.

װעמען שיקט מען? און װאוהין שיקט מען? אױב אַ װאָגן קײן עפֿולה, איז דאָ אַ סכּנה, ער זאָל בלײבן שטעקן אין זומפּ. אפשר אָן אַ װאָגן, נאָר בלױז אױף אַ מױל־אײזל?

— איך האָב אַן עצה, — רופֿט זיך אָן דער קלײנער יודקעװיטש, װאָס איז שױן דורך זײַן ערשטער עצה, װעגן פֿאַרלײגן דעם זומפּ מיט גראָז, געװאָרן אַ גאַנצער מומחה איבער קאָמוניקאַציע, — קײן עפֿולה איז אַ מהלך־רב, און עס ליגט איבערן זומפּ. אָט־דאָ קעגנאיבער אין עמק ליגט די ײדישע קאָלאָניע מרחביה, עס איז אַ האַלבער װעג װי קײן עפֿולה. איך װעל נעמען אַ מױל־אײזל און װעל זיך לאָזן קײן מרחביה. אַ פֿלאַש נאַפֿט און אַ ביסל יאָד װעלן זײ דאָך האָבן.

— װאָס, איבער דעם עמק? — פֿרעגן חברים פֿאַרװאונדערט, קוקנדיק אױף דער אומבאַקאַנטער, מיט װילד־גראָז באַװאַקסענער שטרעקע, װאָס ציט זיך אױס פֿאַר זײ.

— װאָס איז דער עמק, אַ בער? ער װעט מיך אױפֿעסן? מען װעט דאָך אַמאָל דאַרפֿן איבער אים דורכשפּרײזן. און אגב דאַרף מען די ײדן אָנזאָגן דאָרט אין מרחביה, אַז זײ זײַנען נישט מער אַלײן, אַז זײ האָבן שכנים.

דער עולם האָט געשװיגן.

— דעם עמק דורכשפּרײזן איז נאָך צו־פֿרי, — האָט געזאָגט כאַימאָװיטש.

— פֿאַרװאָס צו־פֿרי? בעדואינער קאָנען אים דורכגײן, און מיר נישט? זײַנען מיר נישט אַזױ גוט װי די בעדואינער?

דער תּירוץ האָט אַלעמען שטום געמאַכט.

— איך האָב אַ נאָז. איבריקנס, װען עס װעט נישט גײן, האָב איך, חברים, דאָך שטענדיק צײַט צוריקצוקערן. װאָס קאָן דאָ זײַן? איך זאָג אײַך, חברים, אין צװײ שעה אַרום בין איך דאָ צוריק מיט נאַפֿט און יאָד. עס איז ערשט האַלבער טאָג.

— אױף דעם תּנאַי, אַז אױב עס װעט נישט גײן, זאָלסטו זיך אומקערן, — זאָגט כאַימאָװיטש, — און אָן קונצן!

ווען דער קליינער יודקעוויטש איז שוין געזעסן אויף דעם מויל־אייזל, איז צו אים צוגעגאַנגען דער ברודער כאַימאָוויטש און האָט זיך אָנגערופֿן:

— יאָסל, דו ווייסט, דער וועג איז אין סכּנה! — און ער האָט אַרויס־גענומען זיין רעוואָלווער און אים דערלאַנגט: — נאָ, נעם עס מיט אויף אַלע אופֿנים.

און אַלע האָבן צוגעקוקט, ווי דער לאָמער יודקעוויטש שפּרייזט מיט דער פּרידה (מויל־אייזל), און צווישן אַ גרויסער וואָרע פֿון די חברים לאָזט ער זיך אַריין אין אַ ים פֿון ווילדע הויכע גראָזן, וועלכע פֿאַרדעקן די אומבאַקאַנטע וועלט וואָס שפּרייט זיך אויס פֿאַר זיי.

קאַפּיטל 6

יאָסל יודקעוויטש כּשרט דעם עמק

גייט ער, דער קליינער יאָסל יודקעוויטש, איבער דעם ווילדן עמק, די פרידה (מויל־אייזל) ווערט ביז האַלבן לייב אין די גראָזן פאַרזונקען; אָבער די פרידה האָט גוטע נאָז־לעכער, זי צעשפּרייט זיי, שניפּט אויס, שנאָרכט און שמעקט. זי האָרכט זיך איין דורך די נאָז־לעכער, וואָס עס טוט זיך אַרום איר. טיילמאָל שטעלט זי זיך אָפּ, ווי זי וואָלט זיך מיישב געווען צו נעמען דעם ריכטיקן וועג. אַמאָל גיט זי זיך אַ קער־אָפּ אין אַ זייט; יאָסל ציט זי אַהין, ציט זי צוריק, ער האַלט זי איין אין דער ריכטונג צום „תבור", וואָס באַווייזט זיך פון דער ווייטנס, אויפן וועג צום דאָרף שונם, וואָס דאָרט דאַרף זיך געפינען די קאָלאָניע, וואוהין ער גייט נאָך נאָכפּט פאַר די חברים און וואָס ער מוז נאָך די נאַכט ברענגען. אַזוי לאָזט ער די פרידה זיך גיין איר וועג. מען וואָלט, אייגנטלעך, באַדאַרפט זיך צוזינגען אַ לידל, ווען צום ערשטן מאָל נאָך טויזנטער יאָרן גייט זיך אַ יידישער בחור דורך דעם עמק; נאָר דער קאָפּ ליגט נישט צו לידער. פונקט ווי די פרידה, האַלט ער אויך איין דעם אָטעם און וואַרט יעדן אויגנבליק, אַז עס זאָל עפּעס־וואָס געשען; אָבער עס געשעט גאָרנישט. די פרידה זוכט זיך אויס די טרוקענע שטעגן, וועלכע זי שמעקט אויס מיט אירע נאָז־לעכער און גייט זיך איר וועג. פון צייט צו צייט וועקט מען אויף אַ מחנה מיט פליגלעך פון די טיפענישן פון די גראָזן. טיילמאָל שטויסט מען זיך אָן אויף מאָדנע פלאַנצן, וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל אַזעלכעס נישט געזען און וואָס וואַקסן נאָר אין עמק; פלאַנצן, וואָס זיינען ענלעך צו פירות, צו וואַסער־מעלאָנען, צו אַנגעשוואָלענע באַרנעס. אייגנטלעך, וואָלט מען באַדאַרפט אָראָפּנעמען, אָפּרייסן עטלעכע און מיטברענגען צו חברה אויף וואונדער; נאָר — „היט דיך, יאָסל, דו ביסט דאָ אינמיטן דעם ווילדן עמק, דו ווייסט נישט ווער און וואָס עס איז פאַרשטעקט אין די גראָזן, גיי דיר ליבער דיין וועג!" — טראַכט ער זיך.

גייט ער, יאָסל יודקעוויטש, און טראַכט זיך, אַז דאָס איז דער עמק, וועלכער איז אַמאָל פֿאַרזייט געווען מיט יידישער תבואה, — דער תבואה־שפּייכלער פֿון ארץ־ישראל אין די אַלטע צייטן. שטעטלעך און דערפֿער זיינען פֿאַרשפּרייט געווען איבער אים, דאָס גאַנצע אָרט האָט געווימלט פֿון מענטשן, גערוישט פֿון אַרבעט, און אויך איצט איז ער די האָפֿנונג פֿון ישוב.

יאָסל גייט איצט דורך אים צום ערשטן מאָל. ער טראַכט וועגן דעם, וואָס אַמאָל איז געווען אַ שאול המלך, וועלכער האָט דאָ מלחמה געפֿירט מיט די פּלשתים; שאול איז געווען אויפֿן באַרג גלבוע, און דער שונא — דאָ אין טאָל. דאָ ערגעץ־וואו האָט זיך געפֿונען דאָס אָרט עין־דור, וואו די כּישוף־מאַכערין פֿון אוב האָט געוואוינט, צו וועלכער שאול איז געקומען ביינאַכט אין מאַנטל געהילט, אַז זי זאָל אים אַרויסרופֿן דעם גייסט פֿון שמואל הנביא. „איך וואָלט גאָר געוואָלט וויסן, וואו דאָס אָרט געפֿינט זיך. ווער ווייסט? אפֿשר טרעט איך אויף דעם דאָזיקן אָרט איצט, און דאָ טאַקע האָט געוואוינט די כּישוף־מאַכערין פֿון אוב?" — און כּדי דאָס צו באַשטעטיקן, גיט אים פֿון אונטער די פֿיס פֿון דער פּרידה אַ שפּרונג־אַפֿיר אַ יאַשטשערקע, אַזוי גרויס ווי אַ קליינער קראָקאָדיל, אַז די פּרידה האָט זיך אַזש אָפּגעשטעלט פֿאַר שרעק און צוריקגעבריקעוועט, און יאָסל איז בלייך געוואָרן.

אָבער מען גייט ווייטער. די פּרידה ווערט וואָס אַמאָל מער פֿאַרטרונקען אין די גראָזן. טיילמאָל גיט זי זיך אַ גליטש אַריין אין אַ זומפּיקן לאָך, אָבער אין לעצטן אויגנבליק גיט זי אַ שפּרונג צוריק, ווי זי וואָלט מורא געהאַט פֿאַר עפּעס אַ נישט־גוטס. מיידט זי באַלד אויס דעם זומפּ און געפֿינט אַ טרוקענעם באָדן, אַזוי אַז יאָסל האָט ווידער צייט זיך זיינע געדאַנקען איבערצוגעבן און צו קלערן וועגן דער שטאָט יזרעאל, וואָס האָט דאָך געמוזט דאָ ערגעץ זיין, און וועגן אַלע וואונדערלעכע זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָרט אין איר אָפּגעשפּילט, אַזוי ווי עס שטייט באַשריבן אין תנ"ך. דערווייל רינגלט אים אַרום מיט אַ גרויס זשומען אַ ווילדע בין. זי וואונדערט זיך, וואָס אַ יונגערמאַן טוט דאָ אין איר רשות. און יאָסל קלערט וועגן ווילדן האָניק, מיט וועלכן די נביאים האָבן זיך געשפּייזט, ווען זיי זיינען אַנטלאָפֿן פֿאַר די טיראַנען און זיך באַהאַלטן אין דער וויסטע. עס באַלעקט אים אַן אַנדער אינזעקט, עס קומט אָפּטמאָל אַרויס־צושפּרונגען פֿון די גראָזן עפּעס אַ מאָדנער פֿויגל מיט אַ גרויסן רויטן שנאָבל און שטעלט זיך אַוועק קעגנאיבער אים אויף אַ שטאַרקן גראָז־

צווייג און באַטראַכט אים פֿון דער ווייטנס. פּלוצלינג — שטיי, די פרידה שטעלט זיך.

יאָסל קוקט זיך אום, וואָס איז דאָס? ער וויל אַראָפּגיין פֿון מויל־אייזל, אַ קוק צו טאָן, וואָס עס איז געשען. ער וואָגט אָבער נישט. צום ערשט גיט ער די פרידה אַ קאַפּע און ווייזט איר אָן מיט אַ העברעאישן וואָרט, וואָס זי האָט צו טאָן: — „הלאָה!". אָבער די פרידה דרייט זיך אויס און וויל זיך אָפּנויגן אין אַ זייט, זי וויל גיין אין אָן אַנדער ריכטונג, נישט צו דער גבעת־המורה, וואו מרחביה ליגט, נאָר צוריק וויל זי גיין. ניין, ער וועט זי נישט לאָזן. יאָסל גיט אַ שפּרונג אַראָפּ פֿון דער פרידה, נעמט זי אָן ביי דער צוים און פֿירט זי. „וואָס איז די מעשה? אהאַ, אַ זומפּ! נו, וואָס איז דער מער? וואָס האָבן מיר, אַ וואָגן מיט שטיינער איבערצופֿירן איבער אים? פֿאַרוואָס קאָנען מיר נישט דורכשפּרייזן?"

יאָסל ציט די פרידה הינטער זיך. דאָס זומפּ איז גרעסער ווי ער האָט געמיינט. עס איז אַ שטייענדיק וואַסער, די פֿיס פֿאַלן אַריין. „העכסטנס וועלן די הויזן נאַס ווערן, וועט מען זיי טאָקע דאַרפֿן אַראָפּציען", — זאָגט צו זיך יאָסל. ער שלעפּט אַראָפּ די הויזן פֿון לייב. מער האָט ער, אייגנטלעך, נישט וואָס אַראָפּצושלעפּן. די שיך האָט ער אויף זיך איבערגעלאָזט: מען ווייסט נישט אויף וואָס מען טרעט אין אַזאַ זומפּ. און ער ציט נאָך זיך די פרידה אין דער שטייענדיקער בלאָטע אַריין.

אומגעזעענע חיהלעך, יאַשטשערקעס, זשאַבעס צעלויפֿן זיך, שפּרינגען אַוועק מיט קוואַטשערייען; אויך אַנדערע חיהלעך, וואָס ער קען נישט און האָט זיי נישט געזען ביז איצט. אַ צוויי רויב־פֿויגל, וואָס האָבן דאָרט מיט זייערע לאַנגע שנאָבלען אין דעם זומפּ געזוכט, זיינען ווי אויפֿגע־וועקט געוואָרן פֿון זייער שלאָף, געלאָזט פֿאַלן זייערע אָנגערויבטע שרצימלעך פֿון די שנאָבלען אַרויס און אָנגעהויבן אַרומצוקרייזן איבערן זומפּ. אַ מחנה מיקן האָבן זיך אויפֿגעהויבן, ווי אַ קליינער וואָלקן, און יאָסל שלעפּט די פרידה צווישן די חיהלעך און אינזעקטן הינטער זיך. דער פּיכטער שליים דערלאַנגט אים שוין ביז איבערן האַלבן בויך. עפּעס־וואָס באַוועגט זיך דאָרט אין דעם זומפּ, עס באַקט זיך און עס קאַכט זיך איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון געמויזעכץ. די פרידה קאַרטשעט זיך איין פֿאַר שרעק, זי לויפֿט פֿאַר יאָסלען פֿאַראויס און שלעפּט שוין יאָסלען נאָך זיך. יאָסל קוקט זיך נישט אום וואָס דאָרט איז. וואָס איז זיין עסק?

גאָט צו דאַנקען — אַרויס פֿון זומפּ! איצט איז שוין דער וועג אַ גלייכער, און אין אַ ווייל אַרום זעט מען שוין דעם קליינעם וואַסער־טורעם פֿון דער קאָלאָניע.

אַ פֿרייד, אַן איבערראַשונג, אַ שמחה! מען ווייסט נישט, וואָס מיט יאָסלען צו טאָן! די פּאָר ווייבער און קינדער, וועלכע זיינען געווען אין דער היים, זיינען אים געקומען אַנטקעגן צו לויפֿן. די מענער האָבן געאיילט אַהיים פֿון די פֿעלדער. — „ווען אָנגעקומען בשלום?“ — „נעכטן זיינען מיר אַרויף אויפֿן פּלאַץ אַ מאָן זעכציק, זיבעציק!“ — „מיט מזל און ברכה זאָל עס זיין! דערלעבט, מרחביה קריגט שכנים, מען וועט מער נישט זיצן אָפּגעריסן אין נאַקעטן פֿעלד!

ניין, קיין טיי וועט ער נישט טרינקען און עסן וויל ער אויך נישט, און אויפֿהאַלטן וויל ער זיך נישט, ער באַדאַרף נאָר אַ האַלבן קאַן נאַפֿט און — אפֿשר האָבן זיי אַ פֿלעשעלע יאָד? אַ פּאָר חברים האָבן זיך ביים גראָבן די פֿיס צעקלאַפּט. מאָרגן קומען זייערע פּראָוויאַנטן אַוודאי.

מען גיט אים דאָס לעצטע ביסל נאַפֿט, מען גיסט אויס די לאָמפּן אין דער קאַן אַריין. זאָל ער נאָר וועלן אַזוי פֿיל נעמען! זיי זיינען אויפֿן פּלאַץ, וועלן זיי אַ נאַכט אין דער פֿינצטער זיצן, אָבער די בחורים שטייען דאָך אין נאַקעטן פֿעלד. וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן, מוזן זיי ליכט האָבן. אפֿשר וועט ער דאָך אַ גלאָז טיי טרונקען, אַ פּאָר אייער עסן? ניין, ער מוז גלייך צוריקרייטן, מען וואַרט אויף אים דאָרטן, די חברטעס קאָנען נישט דאָס אָוונט־עסן צושטעלן.

— אַ גלאָז מילך? יאָ, נאָר אויף געשווינד!

— דורך וועלכן וועג גייט ער? איבערן אַראַבישן דאָרף?

— וואָס באַדאַרף איך דאָס אַראַבישע דאָרף? ס'איז איבעריקע צוויי שעה!

— ווי אַזוי דען אַנדערש? איר האָט דאָך אויפֿן וועג אַ זומפּ!

— טאָ וואָס איז, וועט ער מיך אויפֿעסן? איך וואַרף אַראָפּ די תחתונים און קריך אַריבער איבערן זומפּ.

— איבער דעם זומפּ וואָלט איך אייך נישט געראָטן.

— פֿאַרוואָס?

— מ'קאָן אַמאָל אויף עפּעס אומאָנגענעמעס אָנטרעפֿן.

— גייט שוין, וואָס קאָן מיך דאָרט אָנטרעפֿן, אַ שד? סיידן די כישוף־מאַכערין פֿון אוב... — שלום!

— שלום! שלום!

באַלאַדן מיט אַ האַלבער קאַן נאַפּט און אַ שטיק ברויט אין מויל, איילט יאָסל אויף דער פרידה צוריק אַהיים.

„וועלן זיי דאָס דאָרט גרויסע אויגן עפּענען! איך וועל האָבן די גאַנצע נסיעה אין צוויי שעה דורכגעמאַכט."

און יאָסל רייט. ער האַלט די קאַן נאַפּט אין דער האַנט, ווי אַ גרויסן אוצר, און ער טראַכט זיך אַזוי וועגן דעם שיינעם קבלת־פּנים וואָס עס דערוואַרט אים מצד די חברים.

„אָבער דעם עמק בין איך דער ערשטער אַדורך, איך, יאָסל מיט דעם לאָמען פוס!" — און ער באַמערקט נישט ווי דער וועג גייט זיך לייכט, אָן שום שטערונג, אַזוי ווי ער וואָלט געווען געשפּרייזט נישט דורך דעם ווילדן עמק, נאָר ביים טאַטן אין וויינגאָרטן. נישטאָ קיין לעכער אַפילו, די גראָזן ווערן וויניקער שאַרף, אויסגעטראָטענער...

— „וואו בין איך? וואו איז דער זומפּ? איך האָב דאָך שוין לאַנג באַדאַרפט זיין ביים זומפּ?"

ער קוקט זיך אום — וואָס איז דאָס? ער געפינט זיך אויף אַן אויסגעטראָטענעם שטעג, און דער שטעג פירט גליך אין דעם אַראַבישן דאָרף אַריין.

— וואו האָט זי מיך פאַרפירט די פרידה? — בייזערט זיך יאָסל אויפן מויל־אייזל און וויל זי קערעווען אויף צוריק, מיטן פּנים גליך אין די גראָזן פון עמק. אָבער די פרידה לאָזט זיך נישט. זי בלייבט שטיין אויפן וועג און רירט זיך נישט פון אָרט. צוערשט פּרוּווט יאָסל זי איינ־נעמען מיט גוטן. ער רעדט צו איר האַרץ אויף אַלע לשונות, אויף העברע־איש, אויף רוסיש, אַראַביש, יידיש און אוקראַיניש — וואָס ער איז נאָר געוואוינט צו רעדן צו אַ בהמה זיין גאַנץ לעבן לאַנג. אַלע ליבע ווערטער וואָס ער ווייסט ווענדט ער אָן אויף איר. נאָר זי רירט זיך אַלץ נישט פון אָרט. ער הויבט אָן מיט בייזן, בייזערט זיך, שרייט, און קאָפּעט זי מיט די פיס.

מיטאַמאָל דערמאַנט זיך די פרידה, אַז זי שטאַמט דאָך אָפּ עפּעס פון אייזל־יחוס, און זי גיט זיך אַ שטעל אויף אויף אירע פאָדערשטע פיס און מיט די הינטערשטע אַן אייזלשן שפּרונג אין דער לופטן, און יאָסל מיט דער קאַן נאַפּט ליגט שוין אונטן צווישן די גראָזן. נאָך גוט, וואָס ער האָט געדענקט, בשעתן פאַלן, וועגן דעם נאַפּט צו האַלטן די קאַן אין דער הויך, אַז זי זאָל זיך נישט אויסגיסן.

יאָסל ציט דער פרידה אין עמק אַריין, אָבער זי רירט זיך נישט פון אָרט. אַלע פאַרשאַלטענע עקשנותן פון איר לאַנגען יחוס, פון אַלע

אייזלשע דורות, וואָס זיי האָבן באַדאַרפֿט האָבן אויף צו מישן זיך מיט פֿערד, כדי אַרויסצוגעבן אַ מויל־אייזל, האָבן זיך אין איר דערוועקט. יאָסלען שלאָגן שוין אַנגסטן אַרויס אויפֿן לייב, יאָסל זוכט עצות, פּרוּאווט אויס פֿאַרשיידענע מיטלען און פֿאַרטלען, ענדלעך פֿאַלט אים איין אַ פּשוט מיטל, די בהמה אָפּצונאַרן, זי כּלומרשט צוריקפֿירן צו דער יידישער קאָלאָניע אַריין און אין מיטן וועג צו געבן אַ קערעווע אויס. דאָס געלינגט אים, זי גייט גאָך. צו אַ ישוב וויל זי גיין, אָבער אין עמק נישט.

יאָסל איז קליגער פֿאַר דער בהמה, ווי זי גייט זיך אַזוי רואיק און מיינט מיט איר בהמהשן געדאַנק, אַז יאָסל פֿירט זי צוריק צו אַ ישוב, גיט ער זי אַ פֿאַרנאַר אַריין אין עמק, און — היידאַ, זי גייט! יאָסל איז גליקלעך, זיי קומען אָן צום זומפּ.

„איצט קענען מיר דאָך שוין דאָס און מיר וויסן וואויל, אַז עס איז קיין סכּנה נישט, קאָנען מיר דאָך שוין דורכשפּרייזן!״ — זאָגט יאָסל צו דער בהמה. ער גייט אַראָפּ פֿון איר, טוט זיך אויס די הויזן און וויל זי אַריבערפֿירן איבערן זומפּ. אָבער ווידער דאָס זעלבע: די פֿרידה שפּאַרט זיך איין און נישט צו רירן פֿונעם אָרט.

שטייט ער, דער יונגערמאַן, מיט דער קאָן נאָפּט אין דער האַנט. דאָרט וואַרט אָן עדה הונגעריקע חברים אויף אים, ער זאָל דעם נאָפּט ברענגען, מען דאַרף די קיך־לאָמפּן אָנצינדן, און דאָ וויל די פֿרידה זיך נישט רירן פֿון אָרט. און דאָ ווערט שוין שפּעט אויך, די ערשטע שאָטנס לויפֿן אַריבער איבערן עמק, און ער, יאָסל, שטייט איינער אַליין אין פֿעלד.

אָבער די פֿרידה וויל פֿון גאָרנישט וויסן.

ער נעמט די קאָן נאָפּט אין האַנט אַריין, די פֿרידה ביים צוימעל אין דער צווייטער, און ער בעט זיך ביי איר מיט אַ יידישן קרעכץ:

— מיר מוזן דאָך אַהיים קומען, די חברים וואַרטן דאָך אויפֿן נאָפּט. וואָס שטייסטו? נו קום, לאָמיר אַריבערגיין דעם זומפּ, מיר קענען דאָך אים שוין!

אָבער די פֿרידה גיט אַ טראָט צום זומפּ, ציט אויס די נאָזלעכער, גיט אַ שמעק אין געמויזעכץ אַריין און אַ שפּרונג צוריק.

יאָסל האַלט מיט אַלע כּוחות ביים צוימעל און שלעפּט די פֿרידה הינטער זיך. די פֿרידה שלעפּט אים צוריק מיט אַלע כּוחות. פֿאַרשטייט זיך, די פֿרידה איז שטאַרקער פֿון דעם יידישן בחור יאָסל.

„נו, וואָס וועט זיין, וועלן מיר דאָ איבערנעכטיקן?״

יאָסל דערמאָנט זיך אָן דעם ערשטן מיטל, וואָס ער האָט אָנגעווענדט די פרידה אָפּצוגאָרן. ער חזרט עס איבער. עס וועט קאָסטן אָן איבעריקע האַלבע שעה — פֿאַרפֿאַלן! ער זעצט זיך אויף דער פרידה און ער הויבט זי אָן צוריק צו טרייבן צום ישוב. זי גייט גערן. אינמיטן וועג פֿאַרקערעוועט ער זיך, בויגט אָפּ, און אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער ווידער דאָ ביים זומפּ — פֿון אַן אַנדערער זייט, אָבער עס איז דערזעלבער זומפּ. יאָסל זיצט אויף דער פרידה, די פרידה גייט אין זומפּ אַריין. „גאָט צו דאַנקען, אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען מיר אינדרויסן!” פּלוצלינג בלייבט זי שטיין, די פרידה, קוקט זיך גוט איין אויף אָן אָרט. זי קוקט מיט גרויס שרעק, שטעלט פֿאָראויס די נאָזדרעס, שמעקט און שמעקט און באַוועגט זיך נישט פֿון אָרט.

„נו, וואָס איז ווידער, האָסט די כישוף־מאַכערין פֿון אוב דערזען? וואָס שטייסטו, קום!” — און יאָסל גיט אַ גוטן קאָפּע די פרידה, אַז זי זאָל זיך באַוועגן.

פּלוצלינג גיט די פרידה אַ שפּרונג, ווי עס וואָלט זי ווער מיט אַ פֿייערדיקער שפּיז אַ ברי געטאָן. אין אַ סעקונדע איז שוין יאָסל אונטן אין געמויזעכץ מיט איין פֿוס, אָבער די קאַן נאָפּט אין דער האַנט, דאָס געדענקט ער. די פרידה — וויפֿיל כוחות זי האָט נאָר פֿאַרמאָגט — איז אַרויס פֿון זומפּ אויף יענער זייט. יאָסל כאַפּט זיך אויף פֿון געמויזעכץ (די קאַן נאָפּט אין דער האַנט, דאָס געדענקט ער), ער וויל נאָך — נאָך דער פרידה. פּלוצלינג דערזעט ער עפּעס פֿאַר די אויגן. דאָס געדיכטע באַדעקעכץ פֿון זומפּ האָט זיך געשפּאָלטן, און אַ חזיר מיט אומדערהערטע האָרנדיקע ציין פֿון דער שנאָבל־נאָז איז אויסגעוואַקסן פֿאַר זיינע אויגן. עס שטייט אויף די צוויי פֿאָדערשטע פֿיס און דער געהאָרנטער שנאָבל אויסגעשטרעקט אויף אים, נאָר צו שפּרינגען.

מענטש און חיה האָבן זיך אָנגעקוקט און באַטראַכט איינער דעם אַנדערנס באַוועגונג. יאָסל האָט נישט קיין צייט צו קלערן. ער זעט, ווי דאָס חזיר פֿאַרמעסט זיך אויף אים, און דאָ האַלט ער אין די האַנט די קאַן נאָפּט (די קאַן נאָפּט טאָר ער פֿון האַנט נישט אַרויסלאָזן). יאָסל דערמאָנט זיך אָן רעוואָלווער, וואָס ער האָט אין טאַש פֿון די הויזן, ער איז זיכער נישט נאָס געוואָרן, און שלעפּט אים אַרויס. ער נעמט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּ די אויגן פֿון חזיר, אַנגסטן זעצן אים אַרויס אויפֿן לייב. ניין, דער רעוואָלווער איז נישט נאָס געווען, דאָס לעדערנע שיידל האָט אים פֿאַרהיט. די קאַן אין איין האַנט, און די צווייטע האַנט שטעלט ער אָן אויפֿן חזיר. דער חזיר קוקט אים נאָך אָן מיט דעם האָרן־שנאָבל. אַ קנאַל,

נאָך איינעם — דער חזיר פֿאַרשווינדט אונטער דעם געמויזעכץ, און ער — פֿלינק אַרויס פֿון זומפּ!

פֿון וואַנען קומט דאָ אַהער אַ חזיר? ער האָט געהערט, אַז ווילדע חזירים זיינען פֿאַראַן אין עמק. אָבער פּונקט מוז ער זיין דער ערשטער אויף זיי אָנצוטרעפֿן. אפֿשר איז עס די כּישוף־מאַכערין פֿון אוב... יעדנפֿאַלס, האָט ער דעם חזיר פֿון עמק געטויט!

אָבער וואו איז די פּרידה? נישטאָ קיין פּרידה! יאָסל איז אָן דער פּרידה אין עמק, יאָסל וועט אַהיימקומען אין דער קבוצה אָן דער פּרידה! אָבער קיין צייט עגמת־נפֿש צו האָבן איז נישטאָ; איבערצובלייבן ביינאַכט אין עמק איז אויך נישט קיין עסק. יאָסל גייט און טונקט זיך אין די גראָזן, צווייגן שטעכעכץ; געוויקסן קלעפּן זיך אַרום זיינע פֿיס, ווילן אים פֿאַרהאַלטן, אָבער יאָסל גייט. יאַשטשערקעס, זשאַבעס, שפּרינגען אַרויס פֿון אונטער זיינע פֿיס. יאָסל גייט. מען מוז זען פֿון עמק זיך אַרויס־צוקריגן איידער די נאַכט פֿאַלט צו. און ער שניידט זיך דורך אַ וועג דורך דעם ים פֿון גראָזן. אין דער האַנט כּסדר די קאַן מיט נאַפֿט, אָן איר טאָר ער נישט פֿאַרגעסן. פֿאַרפֿאַלן, וועט ער אַהיימקומען אָן דער פּרידה! אָבער דעם חזיר האָט ער געטויט!

איידער ער קומט נאָך צום צווייטן ברעג פֿון עמק, איז שוין טונקל; אָבער ער האָט שוין אַ לאַנגע צייט געזען די ווייסע געצעלטן צופֿוסנס פֿון באַרג, דאָס ווייזט אים דעם וועג, און באַלד דערהערט ער די שטימעס פֿון די חברים. מען איז אים ווייט אַרויס אַנטקעגן געקומען אין עמק אַריין, און מען רופֿט פֿון אַלע זייטן:

— יאָסל! יאָסל!

ער ענטפֿערט נישט אָפּ. „וואָס זיינען זיי מיר אַנטקעגן געקומען? אויף מיינע בייזע וואונדער? זיי האָבן נישט געקאָנט צוואַרטן ביז איך וועל אָנקומען?"

— יאָסל! יאָסל! — הערן זיך די גוואַלדן פֿון די חברים העכער; זיי לויפֿן אַרום איבערן עמק.

איצט איז זיך שוין נישטאָ וואָס צו באַהאַלטן, ער איז שוין באַלד לעבן זיי.

— גיט נאָר אַ קוק, ווי זיי זיינען מיר אַנטקעגן געקומען! וואָס איז געשען? אָן אייך וואָלט איך דעם וועג אין דער קבוצה אַריין נישט גע־טראָפֿן? — בייזערט זיך יאָסל אויף די חברים.

די פּרידה איז אַליין אַהיימגעקומען, מיר האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דיר.

— פֿאַר מיר? וואָס האָט איר זיך געהאַט צו דערשרעקן? איך האָב געהאַט אַ שטיקל סכסוך מיט אַ חזיר, האָב איך זיך אַביסל פֿאַרשפּעטיקט.

— מיט אַ חזיר? וואו האָסטו אָנגעטראָפֿן אויף אַ חזיר?

— אונטן, אין זומפּ.

— נו, וואָס האָסטו געטאָן?

— געטויט.

חברה האָט געהאַט אַ געלעגנהייט פֿאַר אַ ריקוד. סיי־ווי־סיי איז שוין שפּעט געווען עסן צו קאָכן, האָט מען פֿאַרקייט טרוקנס, אָנגעצונדן די לאָמפּן, און כאָטש מען איז מיד געווען נאָך אַ גאַנצן טאָג שווערער אַרבעט, אָבער די געלעגנהייט האָט מען נישט געקאָנט דורכלאָזן. יאָסל איז געווען דער העלד פֿון טאָג, מען האָט פֿאַר זיין כבוד וועגן געזונגען דאָס ליד פֿון עמק:

— מי יבנה הגליל?
יאָסל! יאָסל!

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט, חברים? אַז עס וועט קומען אַ צייט און אַ לאָמער וועט דורכשפּרייזן דעם עמק! האָט געשריען יוחנן הסנדלר.

— וואָס עפּעס בלויז דורכשפּרייזן? בשעת מיר האָבן גערייניקט דאָ דעם קוואַל, האָט יאָסל אויסגערייניקט דעם גאַנצן עמק! ער האָט געטויט דעם חזיר פֿון עמק. איצט איז דער עמק כשר!

קאַפּיטל 7

מען בויט זיך

צומאַרגנס באַגינען, — עס איז געווען אויפֿן דריטן טאָג זינט מען האָט דאָס נייע אָרט באַזעצט, — זיינען אַרויסגעגאַנגען בחורים און בחורות מיט מויל־אייזלען און מכשירים און האָבן זיך אָוועקגעשטעלט אַ וועג אויסצוטרעטן צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע.

זיי האָבן באַנוצט דעם בעדואינישן שטעג, נאָר אים אויסגעברייטערט, אויסגעהאַקט גראָז, קאַקטוסן, געדיכטע קושאַקעס און פֿאַרטרונקען זיי אין די זומפּן, פֿאַרוואָרפֿן די לעכער מיט שטיינער, פֿאַרשאָטן די גריבער, און ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט — אויסגעבעסערט דעם שטעג. אַזוי אַז אויפֿן פֿערטן טאָג האָבן די וועגענער מיט די מויל־אייזלען געקאָנט אַרויס־פֿאָרן צו דער באַן־סטאַנציע אויסלאָדן דעם וואַגאָן פּראָוויאַנט, וואָס דער גדוד האָט צוגעשיקט. מיט גרויס מי און שוועריקייט האָבן זיי דעם פּראָ־וויאַנט געקאָנט אויפֿן אָרט אַהיים ברענגען ווען די זון האָט זיך געזעצט.

אויפֿן אַנדערן טאָג באַגינען האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ פֿיבערהאַפּ־טיקע טעטיקייט. די „אינזשעניערן" האָבן זיך גענומען, לויט די אינסטרוק־ציעס פֿון מענדל שוסטער, דעם באַק־אויוון אויפֿשטעלן. דאָס איז געווען דאָס נויטיקסטע. אויך האָט מען נאָך אין זעלבן טאָג געקאָנט מתקן זיין מיט די פּאָר ברעטער, וואָס מען האָט געפֿונען אין וואַגאָן, די „סאַניטאָ־רישע איינריכטונגען". וועגן אַט־די ברעטער איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער וויכוח, צי מען זאָל זיי ניט בעסער פֿאַרווענדן אויף טיש און בענק פֿאַר חברטע שרהס געצעלט. וואָרים מען האָט די מאָלצייטן געגעסן ווי אַמאָל אין אַלטן ארץ־ישראל, אָנגעלענט אויף דער ערד. מ'האָט זיך אויסגעזעצט אויף וואָס עס האָט זיך געלאָזט, אויף איבערגעדרייטע בלעכן, אויף שטיינער — אויף דער פֿרייער אָפֿענער זון, מיט דעם טעלער צווישן די פֿיס. טייל האָבן געזאָגט, אַז דער ערשטער און וויכטיקסטער אַנשטאַלט אין אַ הויז איז אַ טיש מיט בענק, דאָס מאַכט די שטוב. און זיי האָבן באַלד אַ ראיה געבראַכט פֿון דער גמרא. זיינען אָבער אַנדערע, מיט דער חברטע

שרה אָן דער שפּיץ, געווען קעגן דעם און האָבן געטענהט, אַז יענער אָרט, דאָס הייסט, די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען", גייט פריער פאַרן טיש. און עס האָבן זיך געפונען אויך צווישן דעם דאָזיקן צד אַזעלכע חכמים, וועלכע האָבן געקאָנט פאַרשטאַרקן זייערע אַרגומענטן מיט ראיות פון דער זעלבער גמרא. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען ווי די חברטע שרה האָט געוואָלט: מען האָט די איינצלנע ברעטער פאַרווענדט אויף די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען". דעם טיש מיט די בענק האָט מען אָפּגעלייגט ביז דעם נאָענטסטן טראַנספּאָרט, און מען האָט זיך דערווייל געלאָזט באַנוגענען מיט אַריינהאַקן פאַר שרהס געצעלט פיר דרענגער, מיט שנורן און דראָטן פאַרבונדן, אַ נעץ אויסגעשפּרייט פון פאַרשיידענע פלאַנצן און זעק, און געמאַכט אַ שטיקל שאָטן, אַז עס האָט אויסגעזען, ווי אַ „ריכטיקע היים".

אויפן פינפטן טאָג האָט מען שוין געגעסן ברויט פון דעם אייגענעם אויוון. אמת, עס איז נאָך געווען צוגעבראַנט פון אויבן, און אינעווייניק איז דאָס טייג געווען נישט דערבאַקן, אָבער חיימל דער קונסט־מאָלער, וואָס איז געווען דער הויפּט־בעקער, און זעליג־געצל דער מאַטעמאַטיקער, זיין געהילף, האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז צוליב דעם פייכטן לִיים האָט דער פלאַם ביים ערשטן מאָל פאַרכאַפּט, שפּעטער וועט שוין זיין אמתדיק ברויט, אַזוי ווי מען קריגט ביים בעקער. און נישט נאָר ברויט, נאָר אויך פלעצלעך, זאָגט חיימל, וועט ער באַקן, דאָס האָט ער זיך אויסגעלערנט ביים בעקער אין לאָדזש, ביי וועמען ער האָט גענעכטיקט. דערווייל האָט די שמחה, וואָס מ׳האָט זוכה געווען צו עסן ברויט פון דעם אייגענעם אויוון, געהאָלפן פאַרדייען דאָס וויכע קלעפּיקע טייג מיט דעם פאַרברענטן ראַנד פון אויבן, און מען האָט געחלומט דערביי פון דער צייט, ווען מען וועט די זכיה האָבן צו עסן ברויט נישט נאָר פון אייגענעם אויוון, נאָר אויך פון אייגענעם מעל. מען האָט געפּרואווט טרעפן ווען דאָס וועט געשען.

עס זיינען שוין אויך אַלע פעלד־בעטן אין די געצעלטן באַזאָרגט געווען מיט מיק־נעצן. נישט אַלע האָבן געהאַט קאָלדרעס זיך צוצודעקן, אָבער מיק־נעצן האָבן אַלע געהאַט. און ביז די רעגנס — איז נאָך צוויי חדשים, קאָן מען מיט די קאָלדרעס צוואַרטן. דערפאַר אָבער איז חברטע שׂרהס דרענגער־געצעלט געוואָרן געשטיצט אויף הילצערנע דרענגער און באַהאַנגען מיט זעק, האָט מען איין טייל געקאָנט אָפּזונדערן פאַר דעם פּראָוויאַנט, וואָס מען האָט געמוזט האַלטן אונטערן דאַך, אַ צווייטן טייל פאַר דער וועשעריי, וואָס האָט פרי אָנגעהויבן פאַרשאַפן זאָרג. וואָרים ווי די חברים האָבן זיך ווייניק באַנוצט מיט די קליידער און באַנוגנט זיך געלאָזט מיט אָדמס קאָסטיומען, וואָס די בלאָטע, אין וועלכער זיי האָבן

געשטעקט ביז האַלבן לייב, האָט געדינט פֿאַרן פֿייגנבלאַט צו פֿאַרדעקן זייער שאַנד, סיי ביי זכר און סיי ביי נקבה (און מער האָט מען נישט באַדאַרפֿט), — האָבן זיי דאָך זיך געניטיקט אין הויזן און העמדער נאָך די אַרבעט־שטונדן.

די זאָרג וועגן באַקליידונג האָט געהאָלפֿן טראָגן דער דאָקטאָר־פֿילאָזאָפֿיע, חיים זילבערבוש, מיט זיין זינגער־מאַשין, וואָס איז געשטאַנען אין חברטע שרהס געצעלט. אויך האָט זיך אין דער נאָענט פֿון חברטע שרהס געצעלט, אָדער טאַקע אין דעם געצעלט אַליין, פֿאַרקליבן מענדל שוואַרץ אָדער יוחנן הסנדלר, וועלכער האָט אויסגעלייגט זיין שוסטער־וואַרשטאַט און אויסגעזוכט פֿאַר אַ געהילף דעם „אינזשעניר" יאַכלמאַן, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך צוויי יאָר פּאָליטעכניקום.

אין שרהס געצעלט האָט זיך אויך פֿאַרקליבן דער „וועד הפּועל", דאָס הייסט — די פֿאַרוואַלטונג פֿון דער קבוצה, וועלכע האָט אין די אָוונטן פֿאַנאַנדערגעטיילט די אַרבעט אויפֿן צווייטן טאָג און אויף אַ טאָוול אויפֿגעשריבן, וואָס יעדער איינער האָט צומאָרגנס צו טאָן. דער עיקר אָבער האָט חברטע שרהס געצעלט געדינט פֿאַר אַ זאַמלפּונקט פֿון די חברים אין די אָוונטן, וואו מען האָט אָפּגעהאַלטן די פֿאַרזאַמלונגען און איינגעאָרדנט די דיסקוסיעס. דאָס „פּרעזידיום" איז געזעסן אין דער טיר פֿון געצעלט, אויף די פּאָר ליידיק־געוואָרענע נאַפֿט־קאַנען, אַרום וועלכע עס האָט געברענט דער איינציקער נאַפֿט לאָמפּ, און חברה זיינען געזעסן אין דרויסן פֿאַרן געצעלט, אַ חוץ דעם האָט דאָס געצעלט באַדאַרפֿט דינען דעם צוועק, צו וועלכן עס איז אייגנטלעך געשאַפֿן געוואָרן — אויף קאָכן די מאָלצייטן, אויף וואַשן דאָס געפֿעס, אויף באַהאַלטן די כּלים, אויף אָפּרו, אויף אַ מקום־מקלט פֿאַר קראַנקע, אויף בריוו שרייבן. עס איז אין משך פֿון די פּאָר טעג, איצט נאָך מיט דעם פֿאַרשאָטנטן פּלאַץ אין דרויסן, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקע „געביידע" אין וועלכער עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט און זיך קאָנצענטרירט דאָס לעבן פֿון דער קבוצה.

דורך די פּאָר טעג איז אויך אויסגעוואַקסן די שטיינערנע וואַנט, וואָס האָט אָפּגעטיילט די מושבה פֿון רשות הרבים. די וואַנט האָט זיך אָנגעהויבן אויסצודרייען און האָט פֿאַרכאַפּט איצט צוויי ווינקלען, איינעם צום באַרג־צו און דעם צווייטן צום עמק. די אַנדערע צוויי זייטן זיינען דערווייל אויף ביינאַכט פֿאַרשטעלט געוואָרן דורך אויסגעגראָבענע גריבער, מיט בערגלעך שטיינער, און דער עיקר — מיט זעק ערד, אַז וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן, זאָל זיין אַ באַשיצונג, הינטער וועלכער מען קאָן דעם קאָפּ אַרונטערשטעקן פֿאַר אַ בלאָנדזשענדיקער קויל, און פֿון אונטער וועלכער מען קאָן אַ קויל

פֿון אַ ביקס אַרויסשיקן... די „סאַניטאַרישע איינריכטונג" איז אײנגאַנצן אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן. און איצט, מיט דעם אויסגעטראָ־טענעם וועג צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע, און מיט דעם אויסגערייניקטן קוואַל, פֿון וועלכן די שטייענדיקע וואַסערן זײנען אָפּגע־פֿירט אין עמק אַרויס, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו נעמען צו דער ריכטיקער אַרבעט — אויסצולייגן פּלענער ווי אַזוי צו באַפֿעסטיקן די קאַרעטע פֿון דעם טייכל און אָפּציען דורך קאַנאַלן די פֿליסנדיקע וואַסערן פֿון די קוואַלן פֿון די בערג אין טייך אַריין, דערווייל האָט דאָס שטיק פֿעלד אַרום דעם קוואַל, פֿון וועלכן מען האָט אָפּגעצויגן דורך גריבער דאָס שטייענדיקע וואַסער, אָנגעהויבן צו טריקענען אונטער דער האַנט. דורך די פּאָר טעג איז דאָס פֿעלד אויסגעטריקנט געוואָרן, דאָס שטעכעכץ אויסגעברענט און די גרויסע שטיינער אָוועקגעקליבן. און וויפֿל דאָס פֿעלד איז נאָך געווען פֿאַרזייט מיט קליינע שטיינדלעך, איז עס געלעגן פֿריי ווי אויף דער האַנט און עס האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל עס באַאַרבעטן.

חברטע שרה איז איינמאָל אינדערפֿרי אַרויסגעקומען פֿון איר געצעלט. וויפֿל איר קאָפּ און האַרץ זײנען נישט געווען פֿאַרנומען מיט די זאָרגן פֿון די טאָג־טעגלעכע באַדערפֿענישן, מיט צוגרייטן דאָס נייטיקסטע פֿאַר די חברים דעם טאָג איבערצולעבן, האָבן אָבער אירע אויגן נישט געקאָנט פֿאַרפֿעלן צו זען דאָס גלייכע אויסגעשטרעקטע שטיק ערד, וואָס איז געלעגן ווי אַ פֿאַרלוירענער אוצר אויף דער גאַס, און איר האַרץ האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן זיך פֿון פֿאַרנעמען דאָס געבעט פֿון דער ערד, אַז מען זאָל עס באַאַרבעטן.

„אוי, מאַמע קרוין", — האָט זי זיך געטראַכט, — „זיי האָבן דאָך שוין אַ גאַנץ שטיק פֿעלד פֿון דעם מדבר אַרויסגעריסן? אוי, ווען דאָס אָרט גוט זיין אויף אַ גרינס־־גאָרטן!"

און ווי זי איז נישט געווען פֿאַרנומען מיט טויזנטער אַנדערע זאַכן, האָט זי אָבער אַזאַ חשק אָנגעכאַפּט צו פֿאַרזוכן די נאַקעטע ערד, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו איר, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן. אירע הענט האָבן געפֿלאַמט נאָך דעם פּיאַש, איר האַרץ איז אָנגעפֿילט געוואָרן מיט אַזאַ דורשטיקן באַגער, מען קאָן זאָגן תּאווה, טועם צו זיין דאָס נייע שטיק ערד, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט וועגן אַ גרויסער, גליק־לעכער עבֿירה צו טאָן, וואָס עס שטייט איר דאָ פֿאָר. זי האָט געוואוסט, אַז זי גיט דערמיט אַ שלעכטן ביישפּיל און עס איז נישט ריכטיק פֿון איר זייט — זי האָט אָבער דערפֿון גאָרנישט געקלערט, זי איז ממש אָנגע־

שיכּורט געווען פֿון דעם תּאווהדיקן הונגער, וואָס דער אָנבליק פֿון דער שוואַרצער ערד האָט ביי איר אַרויסגערופֿן. און נישט זאָגנדיק קיינעם קיין וואָרט, האָט זי זיך אַריינגעגנבעט אין דעם ווינקעל פֿון געצעלט, וואו עס זיינען געשטאַנען די כּלים, אויסגעזוכט אַ פּיאַש און זיך בגנבה אַוועקגעשטעלט אויף דעם ליידיקן פּלאַץ און צו ערשטן מאָל דאָס אייזן אין דעם טייגיקן ליים אַראָפּגעלאָזט.

דער ערשטער שפּאָדל האָט אויפֿגעוואָרפֿן אַ שוואַרצע, פֿון הונדערטער־יאָרן אויסגערוטע, דורך וואַסער און ווערים אָנגעזעטיקטע חיותדיקע פּאָלכע (ערד פֿאַר תּבֿואות). זי איז געווען ווייך צוזאַמענגעקנאָטן. נאָך דער אויסגעטריקנטער פֿייכטקייט געקלעפּט זיך, ווי זי וואָלט געווען אַדורכגעזאָפּט מיט לעבן און מיט שאַפֿונג־לוסט... חברטע שרה האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז אירע הענט און איר אייזן אַרבעטן אין אַ לעבעדיקן לייב. זי איז געוואָרן אָנגעפֿילט מיט אַזאַ פֿרייד, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן, אויפֿגעהויבן אַ זשמעניע שוואַרצע ערד, וואָס זי האָט אויסגעגראָבן, און באַטראַכט מיט ליבע. זי האָט עס צוגעדריקט צו איר האַרץ, באַרירט עס מיט איר מויל, ווי זי וואָלט דאָס שוואַרצע, לעבעדיקע ליים מיט איר אָטעם באַהויכט. זי האָט געוואוסט אַז דאָס איז סענטימענטאַל, ווייבעריש און נאַריש, זי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַהערשן. פֿון אירע אויגן האָבן אַ שפּראָץ געטאָן טרערן און מיט אַן אויסגעבענקטער תּאווה האָט זי זיך גענומען ווייטער צו דער אַרבעט.

זי איז געשטאַנען אין דער זון, באַגאָסן מיט אירע שטראַלן; אירע האָר, וואָס זיינען שטאַר און שטייף געווען פֿון זאָרגן, האָבן צוריק איר מיידלשן קאָליר באַקומען, זיי זיינען לעבעדיק, געדיכט, שוואַרץ און שיינענדיק געוואָרן. דאָס פּנים, אויסגעטריקנט און אָפּגעברענט, איז ליכטיק, פֿריילעך און יונג געוואָרן, דאָס גליק האָט זיין יוגנטלעכע שיין געוואָרפֿן אויף איר און האָט זי פֿאַריונגערט און באַנייט. אַזוי איז זי געשטאַנען, ווי אַ פֿאַרגעסענע, אַ פֿאַרשיכּורטע פֿון פֿרייד און געוואָרפֿן איין שטיק ערד אויפֿן אַנדערן.

— דאָס איז שוין נישט שיין, חברטע שרה! — הערט זי הינטער זיך אַ שטימע רופֿן. — די ערשטע המוציא אויסגעכאַפּט און קיין ברכה נישט געמאַכט?

זי האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. זי האָט געוואוסט, אַז עס שטייט הינטער איר חבר כאַימאָוויטש און קוקט אויף איר מיט באַגייסטערטע אויגן פֿון זיין אויסגעדאַרט און אויסגעהאַרעוועט פּנים אַרויס. זי האָט

געפֿילט און געוואוסט, אַז ער איז אַזוי גליקלעך ווי זי, און ער פֿאַרגינט עס איר פֿון גאַנצן האַרץ.

— איך ווייס עס איז נישט שיין, אָבער איך האָב מיר נישט געקאָנט העלפֿן, איך האָב געמוזט טועם זיין די ערד, — זאָגט זי אין פֿאַרלעגנהייט. נאָך אַ מינוט, פֿילט זי, אַז זי וועט זיך נישט קאָנען באַהערשן און די טרערן וועלן איר ווידער אַרויסשפּראָצן פֿון די אויגן, און דאָס קאָן זי נישט צולאָזן. וואַרפֿט זי דעם שפּאַדל, זאָגט: זייט מוחל! און גייט אַוועק פֿון פֿעלד צוריק אין איר געצעלט אַריין.

— איר האָט עס כשר פֿאַרדינט, אייך קומט טאַקע די ערשטע המוציא, — וויל זי חבר כאַימאָוויטש צוריקהאַלטן, נאָר זי הערט אים שוין נישט און גייט אָפּ מיט פֿלינקע טריט.

בלייבט ער שטיין אויף זיין אָרט, דער אַלטער בחור, פֿאַרשעמט זיך פֿאַר זיך אַליין:

— האָב איך אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט!

ער דערמאָנט זיך, אַז ער האָט זי געוואָלט וועגן עפּעס זען, וועגן אַ וויכטיקן ענין. ער האָט ספּעציעל פֿאַרלאָזט דאָס אַרבעט־פֿעלד און איז געגאַנגען זי אויפֿזוכן. אייגנטלעך, האָט ער באַדאַרפֿט מיט איר איבער־רעדן וועגן נאָך אַן ענין, אויך אַ וויכטיקן, וואָס ער קלויבט זיך שוין די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען דאָ, מיט איר איבערצורעדן, נאָר ער האָט אַלץ קיין צייט נישט דערצו. ער האָט זיך אַפֿילו אַנומלט געקליבן וועגן דעם ענין צו איר צו גיין קיין כנרת, ער האָט אָבער אַלץ קיין צייט נישט געהאַט. ער האָט עס אַלץ אָפּגעלייגט, ביז זיי וועלן זיך אַמאָל צוזאַמענ־קומען. און אַט זיינען זיי זיך שוין צוזאַמענגעקומען, זיי זיינען שוין זעקס טעג צוזאַמען, און נאָך קיין איין מאָל האָט ער נישט צוואַויסן געגעבן וועגן יענעם עסק, כאָטש עס איז דאָך זייער וויכטיק, אַז זי זאָל וויסן דערפֿון, אָבער ער לייגט עס אַלץ אָפּ, ביז ער וועט אַמאָל מער צייט האָבן. איצט איז ער געקומען צו איר וועגן אַן אַנדערער זאַך, און אַט — אַנשטאָט זיך צו פֿרייען מיט איר, האָט ער זי גאָר באַליידיקט, און דאָס האָט ער דאָך נישט געוואָלט, אַדרבא...

נאָר איצט איז נישטאָ קיין צייט צו קלערן וועגן פּערזענלעכס. ער באַדאַרף זי זען, יאָ, מכוח דעם קליינעם יודקעוויטש! און ער גייט איר נאָך אין קיך־געצעלט אַריין.

אין קיך־געצעלט געפֿינט ער זי שוין איינגאַנצן אַן אַנדערע. ניין, די זעלבע, ווי זי איז שטענדיק. אַן אַנדערע איז זי געווען איינדרויסן ביים ערשטן שפּאַדל ערד. אין קיך געצעלט איז זי די אייביקע חברטע שרה,

וואָס רוט קיין מינוט נישט און גייט שטיל פֿון איין אַרבעט צו דער אַנדערער. שטענדיק זיינען אירע הענט מיט עפּ׳עס פֿאַרנומען. און אויף שטענדיק איז דער קאָפּ מיט נאָך עפּעס אַנדערש פֿאַרנומען. און אויף איר פּנים זעט מען גאָרנישט אָן וואָס זי טראַכט. זי טראַכט גאָרנישט, זי איז גאָרנישט מער נאָר די חברטע שרה, קיין איין שפּור שוין נישט פֿון די עמאָציעס, פֿון איבערגעפּולטן הארץ מיט פֿרייד, פֿון די טרערן, וואָס ווילן זיך גיסן פֿון די אויגן — גאָרניש מער, נאָר די חברטע שרה.

— וועגן דעם קליינעם יודקעוויטש האַנדלט עס זיך! — זאָגט כאַימאָוויטש.

— וואָס איז מיט יודקעוויטשן?

— ער פֿיבערט, דאַכט זיך.

— קדחת?

— ווער קאָן וויסן, עס זעט אַזוי אויס. מען דאַרף צוגרייטן אַ געצעלט און אַ בעט!

— וואו איז ער?

— ער שטייט אין זומפּ, ער וויל נישט פֿאַרלאָזן דאָס פֿעלד פֿון אַרבעט.

— וואָס הייסט, אין זומפּ? וואָס הייסט, נישט פֿאַרלאָזן דאָס פֿעלד פֿון אַרבעט? קדחת?

— מען דאַרף אים מעסטן די היץ!

און זי איז שוין נישטאָ. זי לויפֿט פֿאַראויס, און כאַימאָוויטש נאָך איר צום ראָוו, וואו די חברים נעמען אַרויס די בלאָטע.

דערווייל שטייט חבר יודקעוויטש ביז איבער די קני אין אַ ראָוו און שעפּט מעכאַניש אין אַ בלעכענער גאַזאָלין־קאַן בלאָטע מיט וואַסער פֿון זומפּ אַרויס, און דערלאַנגט זי אַרויף דעם חבר, וואָס שטייט אויבן.

נאָך מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער געפֿילט זיין קראַנקן פּוס, און ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער געקלערט וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַ שלימזל ער איז, אַז פּונקט אים מוז די ערשטע קדחת פּאַקן. נאָך מיט אַ ווײַלע צוריק האָט ער זיך געקאָנט ווערן קעגן די חברים, וועלכע האָבן באַמערקט ווי זיין פּנים גליט און ער וואַקלט זיך, און האָבן אים גערעטן, ער זאָל אַרויסקריכן פֿון ראָוו. אויך איצט נאָך ווערט ער זיך און וויל נישט אַרויס־גיין פֿון ראָוו, וויל נישט אויפֿהערן צו שעפּן די בלאָטע אין דער בלעכענער קאָן, אָבער איצט טוט ער דאָס מעכאַניש, ער ווייסט שוין נישט מער, צי ער האָט היץ, דעם פּוס פֿילט ער שוין נישט. עס טוט אים גאָרנישט ווי, און די מידקייט האָט אים אויך פֿאַרלאָזן. שטאַרק איז ער, ווי שמשון הגיבור, ער קאָן אַלע חברים אַריבעריאָגן מיט דער אַרבעט, און ער וועט

ווייזן, אַז ער וועט מער גריבער אויסגראָבן און מער קאָנען בלאָטע אַרויס־שלעפּן פון ראָוו, ווי אַלע צוזאַמען. נאָר דעם קאָפּ פילט ער נישט מער, דער קאָפּ האָט זיך אָפּגעזונדערט פון זיין גוף, אומאָפּהענגיק, פריי זיך געמאַכט, הפקר אַ וועלט, און פליט אַזוי אַרום אין דער לופטן. זינקען די פיס וואָס אַמאָל טיפער אין דער בלאָטע אונטן, און ער ווייסט נישט, וואו ער איז, ער הענגט אין דער מיטן, צווישן דעם קאָפּ און די פיס.

איין זאַך געדענקט ער נאָך, אַז מען דאַרף זיך ווערן קעגן עמעצן, וואָרים די חברים ווילן מאַכן פון אים אַ שוואַכלינג, ווילן אים איינרעדן אַ קרענק — קדחת, כדי אים צו קאָנען אויסלאַכן, אַז אַלע שלימזלען שלעפּן זיך נאָך יודקעוויטשן. און מען דאַרף זיך ווערן, קיין קדחת האָט ער נישט, דאָס איז געוויס, והא ראיה — עס איז אים נישט הייס, נאָר קאַלט, די קעלט גייט אים דורך אַלע גלידער. עס קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן; מען דאַרף זיך נאָר גוט אָנוואַרעמען ביי דער אַרבעט, ער וועט זיי באַווייזן, צי מיט אַ קאָפּ, צי אָן אַ קאָפּ, — ער וועט מער גריבער גראָבן פון אַלע.

און ווי דער קליינער יודקעוויטש שלאָגט זיך מיט זיין קאָפּ אַרום און וויל אים דווקא אָנכאַפּן און אַרויפזעצן אים צוריק אויפן האלדז, און זאָל ער איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן אַרומשפרינגען אין דער לופטן, — דערהערט ער אַרום זיך אַ גערודער, אַ ווייבערשע שטימע. פאַר ווייבער האָט ער מורא, מיט ווייבער האָט ער פיינט זיך אַרומצושלאָגן. „ווייבער מוז מען באַהאַנדלען ווי קינדער, מען מוז זיי אַלץ נאָכגעבן" — פלעגט דער קליינער יודקעוויטש זיין לעבנס־קלוגקייט און דערפאַרונג מיט ווייבער די חברים איבערגעבן. הערט ער, ווי די ווייבערשטע שטימע צעשרייט זיך:

וואָס לאָזט איר אים אַרבעטן? איר זעט דען נישט, אַז ער האָט היץ? נעמט אים אַרויס פון דעם זומפּ!

און שוין שלעפּן אים אייזערנע צוואַנגען, שלעפּן און שלעפּן. יודקעוויטש ווערט זיך מעכאַניש און שרייט:

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט אויף מיר? איך בין נישט קראַנק! אָט זעט איר דאָך, איך שטיי אויף די פיס, — זאָגט ער, ווען מען האָט אים פון ראָוו אַרויסגעשלעפּט. נו, שטיי איך נישט גלייך?"

און דער אַרעמער יודקעוויטש גיט זיך אַ וואַקל צוריק, און אָט ליגט ער שוין אויפן נאַקעטן פעלד און ווערט זיך נאָך אַלץ:

— שטיי איך נישט גלייך?

און אָט שלעפּן אים שוין חברים אויף די אַקסלען אַהיים, דער קליינער יודקעוויטש שרייט נאָך אַלץ:

— שטיי איך דען נישט גלייך, וואָס האָט איר זיך אַנגעזעצט אויף מיר ?

און שוין האָט חברטע שׂרה אַ געצעלט אויסגערייניקט, אַ בעט פּריי געמאַכט. זי ווייסט גאַרנישט, וואָס זי האָט צו טאָן מיט דעם קליינעם יודקעוויטש. ער שטייט און וויל זיך נישט אויסטאָן, ווייל זיך נישט אָפּ־וואַשן פֿון דער בלאָטע אין דעם וואַרעמען וואַסער, וואָס זי האָט אַנגעגרייט פֿאַר אים.

— וואָס שעמט איר זיך ? אַז מען איז קראַנק, שעמט מען זיך נישט ! — זאָגט חברטע שׂרה.

טענהט ער אַלץ, אַז ער וועט זיך נישט אויסטאָן. ער וויל צוריקגיין צו דער אַרבעט. די חברים וואַרטן דאָרט אויף אים, די בלעכענע קאָן האָט ער אין דער בלאָטע איבערגעלאָזט, מען דאַרף זי אַרויסנעמען.

— אויב ער וויל זיך נישט אַליין אויסטאָן, וועט זי אים אויסטאָן ! — זאָגט חברטע שׂרה, און זי שלעפּט פֿון דעם קליינעם יודקעוויטש די פּייכטע בלאָטיקע הויזן אַראָפּ. צוערשט ווערט ער זיך, נאָר שפּעטער ווערט ער זיך שוין נישט מער.

זי וואַשט פֿון אים אַראָפּ די בלאָטע, רייניקט אים, טוט אים אָן אַ פֿריש העמד, לייגט אים אין בעט אַריין, דעקט אים צו. זי גיט אים נאָך און נאָך קאָלדרעס.

„יאָ, עס איז אים אַזוי גוט אונטער די קאָלדרעס צו ליגן, ווען דער פֿראָסט אינדרויסן רייסט זיך אין דער טיר אַריין ! אָבער וואָס איז דאָס ? דער ווינטערדיקער פֿראָסט האָט זיך צו מיר אונטער דער קאָלדרע אין בעט אַריינגעגנבעט !״ — טראַכט ער, און ער לאָזט זיך שוין טאָן מיט אים אַלץ, און גיט זיך איבער אין די הענט פֿון חברטע שׂרה, ווי אַ קליין קינד אין דער מוטערס אָרעמס . . .

קאַפּיטל 8

דער ערשטער שבת אין עמק

עס איז אָנגעקומען דער שבת, דער ערשטער שבת אין עמק. אויף דעם פֿרייטיק־צונאַכטס האָט מען אָפּגעלייגט אַלע דיסקוסיעס און טענץ. וואונדער איבער וואונדער! — אַ גאַנצע וואָך איז פֿאַרביי, און מען האָט קיין איין דיסקוסיע־אָוונט נישט איינגעאָרדנט. דער עולם איז צו מיד געווען. אַז עס איז געקומען דער אָוונט, איז מען פּשוט פֿון די פֿיס געפֿאַלן און מען האָט זיך אַוועקגעלייגט שלאָפֿן וואו מען איז געשטאַנען. סיידן ווער פֿון די חברים האָט גענומען אַ הארע טאַנצן, דאַן האָט זיך דער עולם אויפֿגעהויבן איינציקווייז און איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין ראָד.

פֿרייטיק־צונאַכטס אָבער האָט מען רעזערווירט פֿאַר דעם גרויסן דיסקוסיע אָוונט. נאָכדעם, ווי מען האָט אַרומגערעדט די נאָענטסטע זאָרגן — וועגן דער אַרבעט און פּראָוויאַנטן, וועגן ביידלעך און זיכערקייט, האָט מען אָנגעהויבן צו דיסקוטירן לשם שמים, אויפֿן טאָג־אָרדענונג איז געשטאַנען די ברענענדיקע פֿראַגע ווי אַזוי מען זאָל איינאָרדענען אין דער קבוצה די צוקונפֿטיקע קינדער־דערציאונג. כאָטש די פֿראַגע איז נאָך נישט געווען אַקטועל און האָט זיך נישט געגעוויטקט אין אַ באַלדיקער לייזונג, דאָך האָט מען אויף דער פֿאַרזאַמלונג הייס דיסקוטירט איבער איר און זי באַטראַכט פֿון אַלע שטאַנדפּונקטען — פֿון סאָציאַלן, פּעדאַגאָגישן און וועלט־דערלייזערישן. עס איז אַפֿילו געפֿאַלן אַ פֿאָרשלאָג, אַז נישט יעדע מוטער זאָל זויגן איר אייגן קינד אין קינדער־היים, נאָר כּדי איינצופֿלאַנצן דעם קאָלעקטיוון גייסט אין די קינדער מיט דער „מוטערס מילך", זאָלן די מוטערס זויגן בשותּפֿות די קינדער, אַז די קינדער זאָלן זיין אַלעמענס. דער דאָזיקער פֿאָרשלאָג איז נישט אָנגענומען געוואָרן. אַזוי ווייט איז מען נאָך נישט דערגאַנגען. מען האָט נאָך געלאָזט די מאַמעס די דאָזיקע פֿרייד פֿון זויגן זייערע אייגענע קינדער, ווייל בעוונותינו הרבים איז נאָך די וועלט נישט רייף צו אַזאַ קאָלעקטיוויזם און מען באַדאַרף ערשט דעם מענטש דערצו צוגעוואוינען. יעדנפֿאַלס, האָט זיך די

ערנסטע דיסקוסיע איבער דער צוקונפֿטיקער קינדער־דערציאונג ווי תמיד פֿאַרענדיקט מיט אַן ענטוזיאַסטישער האָרע, וועלכע האָט זיך געטראָגן איבער דעם וויסטן עמק און פֿאַרשטומט דאָס געוויין פֿון די שאַקאַלן און איבערגעשראָקן די קוואַקנדיקע זשאַבעס.

אָבער דער שבת איז נישט בלויז געוואָרן באַשטימט פֿאַר דיסקוסיעס און טענץ, דער שבת איז אויך באַשטימט געוועזן פֿאַר חלומות, וועלכע זיינען אַרויסגעדרונגען פֿון די טיפֿע וואונטשן. נאָך דעם ווי מען האָט דעם פּלאַן פֿון אַרבעט פֿאַר דער קומענדיקער וואָך אויסגעאַרבעט, האָט זיך אַ גאַנצן שבת ארומגעדרייט נירקעס, דער אַגראָנאָם, אַרום דעם צו־פֿוסנס פֿון דעם באַרג גלעד און געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי אַפּצו־ווישן די שאַנד פֿון דעם נאַקעטן שטיינערנעם באַרג, אויף וועלכן די אוראַבישע קאַזעס האָבן זינט דורות רעאַליזירט דודס קללה און האָבן אַפּגעגריזשעט פֿון אים יעדעס גרעזל און צווייגל. ער האָט געטראַכט, ווי אַזוי דעם באַרג צו באַקרוינען מיט דעם קראַנץ פֿוןביימער, ווי אַזוי צו באַקליידן זיין קללהדיקע נאַקעטקייט מיט אַ וואַלדיקן גרינעם מלבוש.

נירקעס אַליין שטאַמט פֿון אַן אַסימילאַטאָרישער פֿאַמיליע פֿון רוסלאַנד. ער איז אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן אין אַ פֿרעמדער סביבה, פֿרי אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער רעוואָלוציע, פֿאַרוואָרפֿן אַלס קינד פֿון בורזשואַזע עלטערן, האָט ער אַפֿילו נישט די מעגלעכקייט געהאַט זיין אַגראָנאָם שטודיע צו פֿאַרענדיקן.

געקומען קיין ארץ־ישראל איז ער נישט צוליב עפּעס אַנדערש, ווי נאָר צו געפֿונען אַ פֿעלד פֿון טעטיקייט אין דעם אַלט־יונגן לאַנד. ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין גדוד, אַ ביסל צוליב אידעאַלע גרונדן — גע־וואונט געוון צו אַ טאָציאַליסטיש לעבן — מער אָבער צוליב „עגאָאיס־טישע צוועקן”, צו זעטיקן זיין טעטיקייט־הונגער. די ארץ־ישראלדיקע וויסטע לאַנדשאַפֿט האָט גערייצט זיין אַפּעטיט, געצונדן זיין פֿאַנטאַזיע. וואו ער האָט געזען אַ וויסט שטיק לאַנד, האָט ער עס געוואָלט באַפֿלאַנצן, באַוועלדערן די נאַקעטע בערג, באַפֿרוכפּערן מיט שרעגנעס פֿרוכט־ביימער די טאָלן, ארץ־ישראל אין אַ גאָרטן צו פֿאַרוואַנדלען. פֿאַר זיך האָט ער גאָר־נישט באַדאַרפֿט, אַ חוץ צו שטילן זיין הונגער נאָך טעטיקייט. ער האָט געהאַט אַ משוגעת ביימער צו פֿלאַנצן. פֿונוואַנען האָט ער זיי געקראָגן? ער האָט געקענט דערשמעקן אַ פֿאַרלוירן ביימעלע, צווישן די ווילדע גראָזן, אַרויסנעמען עס און איבערפֿלאַנצן. אומעטום האָט ער שוין איבערגעלאָזט ביימער־שולן הינטער זיך. איצט קריכט ער אַרום דעם שבת נאַכמיטיק איבער דעם באַרג גלעד, שמעקט און לעקט. דאָ גראָבט ער אַ גריבל, פֿאַר־

זוכט די ערד, צי זי איז לייכט אָדער שווער, בלאָטיק אָדער זאַמדיק. ער כאַפּט אַ צווייגל, וואָס די אַראַבישע ציגן האָבן פאַרגעסן אָפּצולעקן, באַקוקט, באַטראַכט עס און דרינגט דערפון אַרויס, וואָס פאַר אַביימער דאָ קאָנען וואַקסן.

ער האַלט אין איין אויסאַרבייטן פּלענער אין קאָפּ: אָט דאָ וועט ער אַרומנעמען אַ פּאַס מיט אייקאַליפּטוס־ביימער, אויף אויסצוטריקענען די בלאָטע. זיי וועלן שאַפן שנעלן שאָטן; און דאָ וועט ער לאָזן קריכן אויף דעם משופּעדיקן באַרג שרענגעס נאָדל־ביימער, יונגע ציפּרעסן. אויסגעגלייכטע, ווי די בחורים און בחורות, וועלן זיי שטייגן אויפן רוקן פון באַרג, העכער און העכער וועלן זיי שטייגן, אַז מען זאָל זייערע גרינע קרוינען זען פון דער ווייטנס, פייגל זאָלן זיך אין זיי נעסטן. זיי וועלן באַגרינען, אויפפרישן, פאַריונגערן דאָס גאַנצע ארץ־ישראל־לאַנד. און דאָ אונטן, אין דער קבוצה, וועט ער קודם־כל דעם טייך איינבעטן אין ציפּרעסן־אַלייען, באַהאַלטן אים, אַז ער זאָל רוישן מיט טויזנטער זינגענדיקע סודות אין זיין גרינער באַהעלטעניש. די קבוצה אַליין וועט ער באַרייכערן מיט פּאַלמען פון יריחו, פון דמשק וועט ער זיי ברענגען, פון דער ווייטנס זאָל מען זיי זען, און זאָל מען וויסן, אַז דאָס איז ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון שיר השירים. אָ, ווידער וועט ער פאַרוואַנדלען די פּאַלמע אין אַ יידישן בוים; וואו אַ יידישער ישוב, דאָרט וועלן פלאַטערן ווי הייליקע פענער די פּאַלמען־צווייגן פון צווישן די רויטע דעכער אַרויס.

און אַזוי ווי נירקעס מיט זיין חלום וועגן ביימער, אַזוי גייען אַרום אַנדערע מיט זייערע חלומות. חברטע שרה זיצט אויף דער שוועל פון איר געצעלט. היינט קאָן זי זיך דאָס דערלויבן. ס'איז שבת היינט. חברה האָט זיך צום ערשטן מאָל אויסגעבאָדן אין קוואַל־וואַסער, וואָס זיי האָבן אויסגעריי‌ניגט, איבערגעטאָן זיך אין ריינע וועש, אין גאַנצע הויזן, אין פאַרריכטע העמדער, פאַרשפּרייט און פאַרזייט איז דער גאַנצער מקום מיט יוגנט און לעבן. פון דאָ און דאָרט הערט מען אַ ליד זינגען. טייל חברים האָבן זיך שוין צוגעקלעפּט צו חברטעס און אין פּאַרלעך געאַרעמט פאַרבלאָנדזשעט מען אַזש אין ווילדן עמק אַריין. זיצט שרה אויף דער שוועל פון איר געצעלט און קוקט זיך צו צום רעשיקן לעבן און הערט זיך צו צו די יוגנטלעכע געזאַנגען. זי זעט, ווי די פּאַרלעך פאַרשווינדן צווישן דעם הויכן שטעכעכץ פון עמק. פאַר זיך אַליין האָט זי אויך באַגערן, נאָר זי האָט קיינמאָל קיין צייט נישט צו טראַכטן וועגן זיי. שטענדיק איז זי מיט עפּעס אַנדערש פאַרנומען.

איצט, אין דעם מאָמענט פֿון מנוחה, אין דעם ערשטן שבת נאָכמיטיק אין דעם וויסטן עמק, ווערט זי דאָך נישט קלערן וועגן זיך. זי קוקט מיט אירע אויגן אין דער לאַנגער ווייטער וויסטעניש, וואָס שפּרייט זיך אויס פֿאַר איר, און טראַכט זיך:

„דעם זומער האָבן מיר באַטראַכט, אָבער ער אַליין ליגט נאָך ווילד און גרויס און אומבאַצוואונגען. וויפֿל קרבנות וועט ער נאָך פֿאַרלאַנגען, אַט דער עמק, פֿאַרן שטיקל ישוב! צוויי חברים ליגן שוין מיט פֿערציק גראַד היץ אין געצעלט. דער אָרעמער יאָסל איז דער ערשטער געווען. ווי ער האָט זיך דאָס געווערט קעגן דעם! אַ פּאָר וואָכן אײַנגאַנצן ביז צו די רעגנס, און אַז די רעגנס וועלן קומען, קאָן מען זיך און מער ריכטן. קודם־כּל וועט מען באַדאַרפֿן אַ ריכטיקן שפּיטאָל אײַנאָרדנען, אַ פּלאַץ אויסקלײַבן, אַז די קראַנקע זאָלן נישט אויף דער הוילער ערד ליגן. נאָך פֿאַר די רעגנס וועט מען דאַרפֿן פֿאַר די קראַנקע הילצערנע צריפֿים (שטיבלעך) אָנגרייטן. צי וועלן די אַראַבער אויפֿן באַרג דעם פּלאַץ אָפּרוימען ביז צו די רעגנס“

אַ, זי וואָלט נישט געוואָלט קלערן וועגן די אַלע נויטן, זי האָט אויך אירע פֿריידן. זי וואָלט געוואָלט קלערן וועגן דער ביימער־שולע, מיט וועלכער זי פֿרייט זיך שוין, אַז זי וועט דעם חבר גירקעס אײַנריכטן. זי פֿרייט זיך שוין אויף די יונגע פֿלאַנצן, וואָס זי וועט קאָנען מיט אירע הענט צערטלען און העלפֿן צום לעבן אַרויסרופֿן! אָבער זי פֿאַרגינט זיך נישט די פֿרייד פֿון די ליכטיקע געדאַנקען. אַ חוב ליגט אויף איר, טויזנט חובות! מען וועט באַדאַרפֿן אויפֿן אָרט אַ ריכטיקן דאָקטער האָבן, אַ קופּת־חולים אָרגאַניזירן, די חברים וועלן פֿרי פֿיבערן. און הײַנט וואָס איז מכּוח אַ וועשערײַ אײַנצוריכטן? מאָרגן מוז זי באַלד אָנהויבן די וועשערײַ אײַנריכטן. ניין, זי וויל הײַנט נישט זאָרגן, די ערשטע מינוט מנוחה אויפֿן נײַעם אָרט וויל זי, ווי די אַנדערע, אין פֿריידיקע געדאַנקען פֿאַרברענגען. זי וויל קלערן וועגן די הינער־הײַזער, וועגן די קי־שטאַלן. און וואָס עפּעס מכּוח די נײַע ערטער, וואָס וועלן זיך דאָ אין דעם ווייטן אומבאַצווינגענעם מדבר אויסשפּרייטן? אַ שעה, אַ האַלבע שעה גאַנג וועט אַ צווייטער ישוב זײַן. חברה פֿון דער קבוצה וועלן יעדן שבת אויפֿן נשף קומען. אָבער די טאָג־טעגלעכע זאָרגן שטייען לעבן איר, ווי די שלעכטע הינט, און לאָזן זי נישט אָפּ. מען וועט באַדאַרפֿן אַ קו אָדער צוויי באַלד אַרויסברענגען. די קראַנקע חברים מוזן מילך האָבן. עס איז קיין עסק נישט בײַ די אַראַבער מילך צו קויפֿן, און קודם־כּל באַדאַרף מען זיך מאָרגן אָנועקשטעלן דעם גרינס־גאָרטן צו פֿאַרלייגן, דער פּלאַץ בײַם קוואַל איז געבויג אָפּגערייניקט, זאָלן באַלד אייגענע גרינסן זײַן.

אָבער זי וואָלט נאָך געוואָלט וועגן עפּעס אַנדערש קלערן. שאַ, וואָס איז עס? אַ נאַרישקייט. אַמאָל האָט ער זיך כאָטש נאָכגעפרעגט, כאַימאָוויטש, צי זי האָט שוין אַ בחור. זינט זי איז דאָ, באַדאַרף ער זיך שוין נישט צומאָל נאָכפרעגן!...

„קיין אַנדער זאָרגן האָב איך שוין נישט?" — וואַרפט זי זיך באַלד פאָר.

און אָט קומט ער טאַקע אָן, כאַימאָוויטש אַליין. מיט די חברים פון די ווילדע גראָזן פון עמק קומט ער אַרויס. זיי זיינען געגאַנגען אויספאָרשן די קאַרעטע פון טייך, וואָס גיסט זיך פון קוואַל, כדי אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן פאַר די אויסגראָבונגען. מיט שמחה קומט ער אָן, און ווי זיין גע־וואוינהייט לויפט ער פאָראויס מיט יוגנטלעכע שפּריזן.

„ער איז צו דין". — טראַכט זיך שרה. — „בלויז הויט און ביינער. עס וואָלט געווען אַ יושר, ער זאָל מער פליש אויף זיך אַרויפ־קריגן".

מען וואָלט בכלל באַדאַרפט זאָרגן וועגן נאַרהאַפּטע שפּייזן, פון די קאַרטאָפלעס מיט בעבלעך קאָנען די חברים נישט אַרבעטן. די בלאָטעס פרעסן זיי אויף. אָבער פונוואַנען וועט זי נעמען נאַרהאַפּטע שפּייזן? אפשר קויפן פרעמדע מילך? ניין, אַ שטאָל מיט קי נאָך פאַר די רעגנס!...

— חברטע שרה, חברטע שרה! מיר האָבן אים געפונען! — קומט אָן כאַימאָוויטש.

— וואָס האָט איר געפונען?

— דעם קוואַל ישורין. דאָרט אָט ווייטער, אַנדערהאַלבן קילאָמעטער פון דאַנען גיסט ער זיך. מיר וועלן קאָנען די קאַרעטע ציען ביז צו אים, — זאָגט ער מיט פרייד.

— ווייסט איר וועגן וואָס איך קלער, חבר כאַימאָוויטש? אַז אַ שטאָל מיט קי וואָלט אונדז נויטיקער געווען איצט, ווי אַ נייער קוואַל. איר פאָלט דאָך שוין אַרויס פון די קליידער!...

— חברטע שרה, אַ שטאָל מיט קי וועט אויך זיין. און נישט נאָר אַ שטאָל מיט קי. איר זעט אָט דאָ די ווילדע פוסטקייט, וואָס קוקט צו אונדז אַהער, וואָס זעט אויס ווי אַ ווילדע מויד, וועלכע מען קאָן נישט איינגעמען? אָט די מויד וועט חתונה האָבן מיטן יידישן פאָלק. זי וועט קינדער געבוירן און דעם גאַנצן מקום מיט יידישע ישובים פאַרזייען.

— אַ, איר זענט דאָך גאָר אַ פּאָעט, כאַימאָוויטש! אָבער איידער די ישובים וועלן אויסוואַקסן, וואָלטן מיר באַדאַרפט אַ צוויי־דריי גריבער

אויסקאָלכן און אַ שפּיטאָל פאַר די קראַנקע צוגרייטן. די חברים ליגן מיט פערציק גראַד היץ אויף דער הוילער ערד.

— חברטע, וואָס איז די מעשה מיט אייך? פאַרוואָס עפּעס אַזעלכע שוואַרצע געדאַנקען? מיר דאַכט זיך, אַז אַנשטאָט אַ שפּיטאָל, וועט מען צום ערשטן באַדאַרפן אויפשטעלן אַ קינדער־היים! איר זעט, ווי די חברים גייען מיט די חברטעס געאַרעמט?...

זי האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט. אַזעלכן האָט זי אים נאָך נישט געקענט. דאָס גליק האָט אים אַרויסגעשטראַלט פון די פייכטע אויגן און באַלעבט זיין טרוקן אויסגעמאַטערט פנים.

— און ווייסט איר וואָס, חברטע שרה? אַז עס וועט זיך מאַכן אַ פרייע מינוט, באַדאַרפן מיר גאָר חתונה האָבן. עס איז שוין אויף אונז אויך צייט — זאָגט ער — נישט וואָר, שרה?

זי קוקט אים אָן ערנסט און דערשטוינט. אין איר פאַרברענטן ברוינעם פנים פון אַרבעט און זון זיינען געשטאַנען צוויי מיידלשע אויגן.

— בערל, וואָס איז די מעשה מיט אייך היינט?

— עס איז די פרייד פון עמק! — האָט ער אָפּגעענטפערט און גענומען איר אויסגעאַרבעטע האַנט אין זיין אויסגעאַרבעטער האַנט אַריין.

און זי האָט זיך געלאָזט.

קאַפּיטל 9

דער פּקדון ווערט צוריקגעגעבן

די זון און די אַרבעט האָבן צעשמאָלצן דאָס פלייש אויף זייערע לייבער און עס אָפּגעצאַפּט אין שווייס טראָפּנס, וואָס זיינען געדונען פון זייערע שטערנס, פון זייערע הענט, געשלאָגן מיט הייסער פאָרע פון זייערע גופים, אַז זיי זיינען דורך די פּאָר וואָכן, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אויף דער אַרבעט ביי די בלאָטעס, דין געוואָרן ווי די שטעקנס. מיט באַוואַק־סענע בערד, מיט אויפגעפּראַלטע ברוסטן, און די האַלבע לייבער אין די בלאָטעס פאַרשטעקט, האָבן זיי אויסגעזען, ווי פאַרשיקטע שקלאַפן, וואָס עפּעס איבער אַ זינד וויל מען זיי פאַרפּייניקן צום טויט. אָבער דאָס איז געווען אַ שקלאַפעריי וואָס זיי האָבן אויף זיך מיט ליבע גענומען. עס איז נישט געווען קיין אַרבעט, עס האָט אויסגעזען ווי אַ פרומע עבודה, אַ דינסט וועלכער מען גיט זיך איבער מיט אַנטציקונג און אומפאַרשטענד־לעכן ענטוזיאַזם. זיי האָבן צווישן זיך נישט גערעדט וועגן דעם, זיי האָבן אַפילו נישט דערמוטיקט די אָפּגעשוואַכטע, ערנסט און אין שטילשווייגן, מיט פאַרשלאָפענע פּנימער, זייערע לייבער די הייסע שטראַלן צום שמייסן און שמעלצן איבערגעגעבן, זיינען זיי געשטאַנען — אַזוי מאַן און ווייב, בחור און מיידל, — און האָבן, וויפל כּוחות עס איז זיי נאָר איבערגעבליבן, געגראָבן די בלאָטעס און דערלאַנגט די אַנגעפּילטע בלעכן פון די זומפּן אַרויס, אַרויף צו די אויבערשטע חברים.

עס איז נישט געווען קיין אַרבעט פאַר באַלוינונג, עס איז נישט געווען קיין אַרבעט פאַר אַן אידעאַל אַפילו — עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי מען אַרבעט פאַר אַ זינד־אָפּקומעניש. זיי, די קינדער פון קרעמער, סוחרים, מעקלערס און געשעפט־מענטשן, האָבן געוואָלט אָפּווישן די זינד פון די עלטערן, פאַרטיליקן די שאַנד און שמאַכט פון דורות. כּדי צו מאַכן אַ סוף פון אַ פאַרשעמט, געפּלאָגט לעבן, כּדי אָנצוהויבן אַ ניי קאַפּיטל פון זיך אַליין, כּדי צו גראָבן אַ טיפן גרוב צווישן די פאָטערס און זיי — האָבן זיי גענומען אויף זיך די פאַרשקלאַפונג,

ווי אַ באַפֿרייאונג, ווי אַ חרות! און וואָלט די אַרבעט געווען נאָך פֿיל שווערער און מיאוסער, וואָלטן זיי זי אויך מיט ליבע געטאָן. די אויסלייזונג קאָן נאָר קומען דורך דער אַרבעט.

און אַ חוץ דעם איז שוין קיין אַנדער ברירה נישט איבערגעבליבן. מען האָט אַלע באַנדן מיט דעם פֿאַרגאַנגענעם לעבן אָפּגעשניטן, געוואָרפֿן פֿרייוויליק אָדער געצוואונגענערהייט די אוניווערסיטעטן, די פּראָ־פֿעסיאָנעלע קאַריערע. ביי פֿיל פֿון זיי זיינען די עלטערן פֿאַראַרעמט געוואָרן אין דער מלחמה, ביי אַנדערע זיינען די היימען צעשטערט געוואָרן, אַזוי אַז צו זייער גייסטיקער גויט איז צוגעקומען די ריין פֿיזישע, זיי האָבן קיין אַנדערע אויסזיכטן אויף צו פֿאַרדינגען דאָס שטיקל ברויט אויף צו לעבן נישט געהאַט. ווייט אָפּגעשניטן פֿון אייראָפּע, אָן יעדן קאָנטאַקט מיט די זייעריקע, זיינען זיי אַנגעוויזן דאָ אויף דעם שמאָלן און ענגן שטרייף פֿון דעם איינדזל, וואוהין זיי האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דעם ים פֿון פֿאַר־פֿלייצנדיקער פֿאַרניכטונג. אַנדערע, וואָס האָבן יאָ געקאָנט אָן עצה געפֿונען (זיי האָבן נאָך פֿאַרמעגלעכע עלטערן אָדער קרובים געהאַט אין דער היים, וואוהין זיי האָבן זיך געקאָנט ווענדן נאָך הילף), האָבן דאָס נישט געטאָן צוליב פּרינציפּ. פֿיל פֿון זיי האָבן זיך נאָך געקענט פֿון דער אַלטער היים, זיי האָבן זיך געהאַט אויפֿגעהאַלטן צוזאַמען אין פּיאָנערן־קבוצות, וואו זיי האָבן זיך געהאַט פֿאַרבונדן מיט זייערע חברים און חבר'טעס און אָפּ־געמאַכט ביי זיך נישט צו צעשיידן זיך.

אַ קליינער טייל, אמת, האָט נישט אויסגעהאַלטן. אין דער שטיל, אָן אַ וואָרט צו זאָגן, האָבן זיי פֿאַרלאָזט די קבוצה און אַוועק, וואוהין די די אויגן האָבן זיי געטראָגן, און מ'האָט מער נישט געהערט פֿון זיי. עס זיינען נישט געווען קיין סך, איינגאַנצן אַ דריי־פֿיר, וועלכע האָבן פֿאַרלאָזט מיטן אייגענעם ווילן די קבוצה; איינעם, צי צוויי, האָט מען פֿון דער קבוצה אַוועקגעשיקט, מען האָט זיך איבערצייגט, אַז זיי פּאַסן זיך נישט אַריין אין דער סביבה, זיי האָבן אַרויסגערופֿן געשלעגן און קריגערייען צווישן די חברים. עס זעט אויס, אַז זיי האָבן געוואָלט אַוועק.

אין יעדן יידישן מענטשן, מעג ער ווי ווייט און פֿאַרפֿרעמדט זיין פֿון זיין שטאַם, ליגט נאָך פֿאַרטאַיעט אַ טראָפּן פֿון דעם אייביקן קדמון־ (אור־) יידישקייט, וואָס ווערט לעבעדיק אין אים און הויבט אָן צו ווירקן בשעת ער באַגעגנט זיך מיט אַנדערע יידן. די יונגע מענטשן, דערצויגן אונטער פֿאַרשיידענע אומשטענדן און אין סביבות, וואָס האָבן געהערט צו פֿאַר־שיידענע קלאַסן, האָבן זיך נישט געקענט און זיינען נישט געווען געוואוינט איינער צום אַנדערן, אָבער קוים זיינען זיי זיך צוזאַמענגעקומען און האָבן

גובר געוועזן די ערשטע שוועריקייטן פֿון זייער באַזונדערער דערציאונג, זיינען זיי אָבער אויף אַלגעמיינער ערד, ביי דער אַרבעט פֿאַר אַן אַלגע־מיינעם אידעאַל, צונויפֿגעקלעפּט געוואָרן אין איין גאַנצקייט, ווי מען וואָלט גלידער פֿון איין קערפּער, וואָס באַלאַנגען איינס צום אַנדערן, צוריק צענויפֿגעפֿאָרט. די טראָפּנס קדמון־יידישקייט, וואָס האָבן געשטעקט אין זייער בלוט, האָבן אויפֿגעוועקט אין זיי אַלגעמיינע זכרונות פֿון אַ בשותּפֿותדיק לעבן, וואָס איז ערגעץ־וואו אין דער ווייטער פֿאַרגאַנגענהייט צווישן זייערע אָבות געפֿירט געוואָרן. די פּאָר וואָכן פֿונעם קאָלעק־טיוון בויען אַ היים פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע, האָבן שוין די חברים און חברטעס פֿון דער נייער קבוצה צעזאַמענגעגליט אין איין משפּחה.

די נויט און די אַרבעט האָבן די טעג געשלונגען. דער זומער האָט זיך געררוקט, אָבער ווי אַ לעבעדיקע ווילדע חיה האָט זיך דער עמק אויס־געצויגן, געלעגן מיט די לאַפּעס אויסגעשפּרייט איבער דער לענג און ברייט, און זיך געוועדט קעגן ישוב מיט זיינע שטעכעדיקע קרייטעכצער, מיט זיינע מחנות מיקן און פֿאַרשיידענע אַנדערע אינזעקטן, וואָס ער האָט אַרויסגעשיקט פֿון זיינע טיפֿע גראַזיקע באַהעלטענישן, מיט זיינע פֿאַר־הוילענע אָפּנאַרנדיקע זומפּן, לעכער מיט אויבנאויף־פֿאַרטריקנטע בלאָטעס, וואָס ער האָט אָפּנאַרעריש פֿאַרשטעקט צווישן ליינען איילן־הויכע שטע־כעכץ און דערנער, כּדי מענטש און חיה צו פֿאַנגען אין זיינע באַהאַלטענע נעצן און שטרויכלונגען, און דאָרט זיי צו פֿאַרפּייניקן. דאָך איז דער מענטש געקראָכן וואָס אַמאָל אַלץ טיפֿער אין די אומבאַקאַנטע סודות־דיקע פּלעצער און אין באַגראָזטן צודעק, אַריינגעשניטן זיך מיט זיינע לאָפּעטעס, שפּאַדלעס און בלעכענע קאַנען וואָס אַמאָל טיפֿער און טיפֿער אין דעם עמק, אויסגעשפּיאַנירט די קאַרעטע פֿון טייך, וואָס איז צעגאָסן איבער דער ווילדערניש, געדרעפּטשעט אין די אומבאַקאַנטע זומפּן, געשעפּט די בלאָטע און אָנגעוואַליעט וועגט, געגראָבן טיפֿע גריבער און געלאָזט אַנזאַמלען די אויסגעגאָסענע פֿאַרפּלייצונגען, געצויגן רערן און צוגעפֿירט צו דער קאַרעטע פֿון טייך.

אָפּטמאָל זיינען זיי פֿאַלוירן געגאַנגען אין דעם ים פֿון ווילדערניש און פֿאַרלאָזנקייט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז בחינם ראַנגלען זיי זיך מיט אַ משחית, וואָס איז דאָ איינגעזעסן און איינגעפֿונדעוועט פֿון דורות. דער משחית האָט זיך געוועדט מיט פֿאַרצווייפֿלטן מוט. ער האָט צעריסן זייערע לייבער מיט דעם אומצאָליקן שטעכעכץ, די זומפּן האָבן אויסגעזאָגט דאָס חיות פֿון זייערע לייבער, די אינזעקטן האָבן זיי געשטאָכן און אַריינגעטאָן אין זייער בלוט דעם סם פֿון מאַלאַריע. איינער נאָך דעם אַנדערן זיינען זיי

געפֿאַלן פֿון די פּיס; נאָך דעם קליינעם יודקעוויטש איז געקומען דער לערער אמנון בן־טוב, דערנאָך אהרן סיביריאַק און מענדל שוואַרץ און דער טאָלסטאָיאַנער, דער „אומבאַקאַנטער" און די חברטע דבורה. אין דעם זומפּ האָט זיך זיי אָנגעהויבן דער קאָפּ צו דרייען, דער קאָפּ איז זיי אוועקגעפֿלויגן פֿון קערפּער, די פּיס זיינען שווער געוואָרן און געזונקען אין דער בלאָטע, און די הענט זיינען געוואָרן מאַט. זיי האָבן דעם שפּאַדל נישט געקאָנט אויפֿהייבן. מען האָט זיי געמוזט פֿון זומפּ מיט געוואַלד אַרויסנעמען. איצט איז שוין נישט געווען אין איין געצעלט דער „שפּיטאָל", נאָר אין פֿינף־זעקס... די געזונטע חברים האָבן נישט געהאַט וואו זיך אוועקצולייגן, זיינען זיי געלעגן צו פֿינף אין איין געצעלט. דריי חברים האָבן זיך געטיילט מיט איין פֿעלד־בעטל. מען האָט באַדאַרפֿט די געצעלטן פֿאַר די קראַנקע. מען האָט אויסגעקאַלכט גריבער און לייוונטן אויסגע־צויגן איבער זיי.

חברטע שרה איז געפֿאַלן פֿון די פּיס. ווי שטייט איר קאָפּ איצט צו דער קיך? די קיך האָט זי איבערגעלאָזט אויף גאָטס באַראָט, דאָס הייסט, אויף די צוויי העלפֿעריננס אירע, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין פֿאַר־ברענען דאָס רייזשעכץ, אין איין פֿאַרזאַלצן די קאַרטאָפֿלעס, וואָס די חברים האָבן נישט געקאָנט אין מויל אַריינעמען. זי האָט געהאַלטן אין איין לויפֿן פֿון דעם קיך־געצעלט אין דעם קראַנקן־געצעלט, כּינין איינ־געגעבן, אָן אָנדערן די היץ געמאָסטן, פֿון אונטער דער ערד מילך פֿון די אַראַבישע שכנים געשאַפֿן, די קראַנקע חברים געגנויט אין בעט צו ליגן, וואָרים זיי האָבן זיך געריסן צו דער אַרבעט.

קוים האָט דער קליינער יודקעוויטש געקאָנט אָטעמען, קוים האָט די היץ ביי אים אַביסל נאָכגעלאָזט, מיט לויזע גלידער אין קערפּער, וואָס האָבן נישט געהאָרכט זיין ווילן, אַ באַגאַסענער מיט שווייס, האָט ער זיך אויפֿגעריסן פֿון בעט און געשלעפּט זיך צו די חברים צום ראָוו. מען האָט אים געמוזט צוריק ברענגען צו שלעפּן אויף די פּלייצעס, די פּיס האָבן זיך אים אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַנג. חברטע שרה האָט זיך צום ערשטן מאָל נישט געקאָנט קיין עצה געבן. און ווי שטיל און באַהאַלטן זי איז נישט געווען, ווי אויסגעהאַלטן אין איר אויסדויער נישט צו פֿאַרלאַנגען קיין הילף, נאָר צו טאָן איר אַרבעט ביז צום פֿאַלן, האָט זי עס נישט געקאָנט איבער־טראָגן און געפֿאָדערט פֿון וועד פֿון דער קבוצה הילף. מען האָט זיך געמוזט ווענדן צום גדוד — כאָטש מען האָט געוואוסט, ווי שווער די לאַגע איז אויך ביי זיי — נאָך אַ דאָקטער, וואָרים די קראַנקע האָבן זיך געמערט פֿון טאָג צו טאָג.

איצט האָט מען שוין נישט געזונגען אין די אָוונטן, די האַרע טענץ זיינען ווינציקער געוואָרן. מען האָט שוין נישט פאַרשטומט די זשאַבעס און נישט איבערגעשראָקן די שאַקאַלן מיט די הויכע געשרייען. חברים האָבן נאָך דער אַרבעט, זיצנדיק אויף די שטיינער און אויף די „שעל"־קאַנען, אַריינגעכאַפּט דאָס טעפּעלע טיי מיט דעם היימיש גע־באַקענעם ברויט, וואָס חיימל קינסטלער האָט דאָך סוף־כּל־סוף זיך אויס־געלערנט ווייניקער צו פאַרברענען די ראַנדן און מער אויסבאַקן אינע־ווייניק דאָס טייג. קוים האָט מען נאָר פאַרקייט דאָס שטיקעלע ברויט, האָט מען זיך מיט די לעצטע כּוחות זיך דערשלעפּט צום געצעלט און ווי מען שטייט און גייט — זיך געוואָרפן אויף דעם בעטל אָדער אויף דער ערד. פּאַפּיראָסן האָט מען, צוליב עקאָנאָמיע, אויסגעטיילט פינף שטיק אויף אַ מענטש טעגלעך. און אויסגערויכערט האָט מען זיי נאָך איידער די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל. די ערשטע האָניק־וואָך נאָך דער חתונה מיטן עמק איז פאַרביי. איצט איז נאָך איבערגעבליבן די אומדערטרעגלעכע אַרבעט, די שלעכטע נאַרונג, און אַ חוץ דעם האָט דער וואָרעם פון ספק אָנגעהויבן צו פּיקן מיט זיין קופּערנעם שנאָבל אין דעם סאַמע אָנגעווייטיקטן אָרט פון האַרץ.

צי איז דאָס טאַקע דער צוועק? און וואָס וועט זיין דער תּכלית?

אָט שטייט אין דעם ראָוו דער חבר שלמה מוראַווסקי מיט חברטע לאה זילבערמאַן. חבר שלמה, ביזן האַלבן לייב אין געמויזעכץ, וואַליעט־אָן קאַנען מיט בלאָטע און דערלאַנגט זיי אַרויס דער חברטע לאה, וועלכע לייגט אָן איינע אויף די אַנדערע און מאַכט אַ וואַנט אַרום דער קאַרטעטע פון טייך. חבר שלמה און חברטע לאה קומען ביידע פון פוילן. חבר שלמה מוראַווסקי, מיט זיינע דריי־און־צוואַנציק יאָר, האָט פיל אין זיין לעבן געאַרבעט און ווייניק געגעסן. ער קומט אַרויס פון אַן אָרעמער שטוב. אין דער היים איז דער דלות געווען אַזוי גרויס, אַז ווינטער צייט איז נישט געווען געווען גענוג האָלץ און קאַרטאָפלעס די גרויסע פאַמיליע פון זיין פאָטער דער שוסטער און דער מאַמע די מאַרק־גייערין צו דערוואַרעמען און צו דערנערן, אַז זיי זאָלן קאָנען אַרומגיין אין שטוב אָדער גאָר אַרויס־קומען אויף דער גאַס און עפּעס פאַרדינען. איז אַ האַלבע משפּחה, דער טאַטע מיט אַ טייל בנים, געלעגן אַ גאַנצן טאָג אויף דעם פאַרפוילטן שעניק אין בעט און צוגעדעקט מיט אַלע שמאַטעס פון שטוב (סיי־ווי־סיי איז נישט געווען וואָס צו אַרבעטן, אויפן דאָרף אַרומגיין איז געווען צו קאַלט). אין בעט ליגנדיק האָט מען געדאַרפט ווינציקער עסן און עס איז אויך געווען וואַרעמער. די הויזן מיט די שטיוול האָט ער דער מאַמען

אוועקגעגעבן, אַז זי זאָל קאָנען ארומגיין אין די הייזער מיט אַ קאָרב ציבעלעס, כּדי אַ ברויט אַהיימצוברענגען.

פֿון ניין יאָר אָן פֿאַרדינט חבר שלמה זיין אייגן שטיקל ברויט פֿאַר זיך, צוערשט מיט פּעקלעך טראָגן פֿון דער באַן, שפּעטער מיט העלפֿן דער מאַמען די פּויערשע פֿורן אַפּוואַרטן, איידער זיי קומען נאָך אין שטאָט אריין אויפֿן מאַרק, און די פּאַר אייער אָדער אַ פּאַר הויפּטלעך קרויט, אַ פּאַר קערץ קאַרטאָפֿלעס אויפֿקויפֿן און אין די הייזער ארומ־צושלעפּן.

אין מלחמה צייט איז ער, אַ זעכצן יעריק יינגל פֿון די דייטשן פֿאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, וואו ער האָט אין די קוילן־גרובן געאַרבעט. שפּעטער, ביים סוף פֿון דער מלחמה, האָט ער זיך געפֿונען אין אַ בלאָטיקן לאַגער איינגעזוצט אין האָלאַנד, וואו ער האָט די גרענעץ געגנבעט מיט דער דעה קיין לאָנדאָן אָדער קיין אַמעריקע זיך צו דער־שלעפּן. דאָ האָט ער זיך אָנגעטראָפֿן מיט נאָך אַ פּאַר חברים, יונגע מענטשן פֿון פּוילן, וועלכע האָבן זיך אין דעם אינטערניר־לאַגער אין האָלאַנד אויפֿגעהאַלטן. פֿון זיי האָט ער זיך אָנגעשטעקט מיט דעם חשק קיין ארץ־ישראל צו גיין. עס איז אים אייגנטלעך געווען אַלצאיינס וואוהין. זיי האָבן ביינאַכט געפּרואווט זיך אַרויסקריגן פֿון לאַגער דורך די גריבער און שטעכיקע דראָטן, אַ פּאַר וואָכן זיך אַרומגעשלעפּט איבער די האַפֿנס פֿון האָלאַנד און בעלגיע. פֿון דאָרט האָבן זיי זיך מיט שלעפּ־שיפֿן ווי הייצער איבער ימים אַרומגעוואָלגערט, ביז ער איז אַראָפּ־געוואָרפֿן געוואָרן אין אַ גריכישן פּאָרט. פֿון דאָרטן האָט ער זיך קיין סיריע געלאָזט, און אין ארץ־ישראל אָן פּאַפּירן זיך אַריינגעגנבעט.

צוערשט איז ער געווען אַ „בודד”, דאָס הייסט, ער האָט געאַרבעט פֿאַר זיך ביי וואָס עס האָט זיך געמאַכט. „זיפֿזיף” (ים־שטיינדלעך, זשוויר) געשלעפּט אויף קעמלען פֿאַר נייע הייזער, ברונעמער געגראָבן. ער האָט אַפֿילו געפּרואווט זיין אַ סטרייק־ברעכער, ער האָט, צוזאַמען מיט אַראַבישע שיקסעס, געגראָבן אַ פּרדס ביי אַ יידן, ביי וועלכן עס איז געווען אַ סטרייק. ביז ער האָט אָנגעטראָפֿן אויף חברטע לאה. זי איז אויך געקומען פֿון פּוילן. זי איז געווען אַ דינסט אין אַ קליינעם האָטעל אין תּל־אביב. זי האָט אים צוריקגעבראַכט אויפֿן דרך הישר. זי האָט אים אויך אַריינ־געבראַכט אין גדוד, פֿון וועלכן מען האָט באַהאַלטן זיין פֿאַרגאַנגענהייט. פֿון דעמאָלט אָן זיינען זיי צוזאַמען. זיי זיינען מאַן און ווייב. זיי האָבן מורא געהאַט דאָס אַרויסצוגעבן, טאָמער וועט מען זיי דערפֿאַר נישט וועלן אויפֿנעמען אין דער נייער קבוצה, וואו מען האָפֿט ענדלעך אַמאָל

די בלאָטעס אויסצוטריקענען פֿאַר זיך אַליין און אַליין זיך צו אַ שטיקל תּכלית דערשלאָגן. באַהאַלט מען דאָס אויס, נאָר ווי מען קאָן, קומט מען זיך צוזאַמען. מען פֿאַרט זיך צוזאַמען ביי דער אַרבעט. מען כאַפּט אויך אַריין אַ האַלבע שעה אין אוונט נאָכן עסן, פֿאַרן שלאָפֿן גיין, מען גנבעט זיך אַרויס צווישן די גראָזן... שפּעטער, ווען מען וועט זיך האָבן אַ ביסל איינגעאָרדנט,אָדער עס וועט אַזוי ווייט קומען מיטן קינד, אַז אַלע וועלן שוין דערקענען, וועלן זיי זיך מעלדן אין וועד ווי מאַן און ווייב און בעטן אַ געצעלט פֿאַר זיך. דערווייל שלאָפֿט ער צווישן די בחורים און זי מיט די בחורות. אַרבעטן, אַרבעטן זיי אָבער צוזאַמען. שלמה איז אָבער נישט קיין גלויביקער. ער האָט זיך געצווגן אַנגעזען אין זיינע דריי־און־צוואַנציק יאָר, אַז ער זאָל האָבן צוטרויען צו מענטשן. אויך איצט, ווי ער שטייט אַזוי אין דער בלאָטע און מיט זיין טשופּרינע שוואַרצע האָר, צוזאַמענגעקלעפּט אין שווייס ביז אין די קליינע אויגן אַריין, וועלכע קוקן אָפּער מיט אַרויספֿאָדערנדיקער פּרעטענזיע, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: „פֿון מיינעטוועגן...” און מיט זיינע אויפֿגעריסענע ליפּן, איבער וועלכע עס שוועבט נאָך דער טעם פֿון ביטערקייט וואָס זיין מזל האָט אים געגעבן צו פֿאַרזוכן, — דערלאַנגט ער זיין בחורה לאה די קאַנען בלאָטע און זאָגט צו איר:

— שלעפּ, לאה, שלעפּ די ארץ־ישראל־סחורה!...

— שווייג, שלמה, זיי וועלן דערהערן.

— וואָס זאָל איך שווייגן? פֿון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זיין. מיר וועלן האָבן ס׳קדחת. די ערד וועלן סיי־ווי־סיי די רייכע באַקומען.

— וואָס רעדסטו? דאָס איז דאָך אונזער קבוצה. פֿאַר אונדז שלעפּסטו דאָך די בלאָטע!

— וואָס איז דיינס, דער דלות? וואַרט, וואַרט, זאָלן מיר נאָר די בלאָטע אויסטריקענען, וועלן זיי דיר אַ פֿייג ווייזן. מען וועט די ערד פֿאַרצוקערן פֿאַר די גבירים. דיר וועט מען געבן ס׳קדחת!

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן. כאַימאַוויטש און נירקעס... עס איז דאָך אונזער ערד!

— כאַימאַוויטש, נירקעס, חברטע שרה — גיי, ס׳איז איין באַנדע! דער גדוד, דער קאָמיטעט אין ירושלים, מען פֿאַרקויפֿט שוין אין גלות די ערד, וואָס מיר טריקענען אויס.

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן.

— איך זאָג דיר, לאה, לאָמיר מאַכן פּיס פֿון דאַנען, איידער מיר פּטרן דאָס געזונט, אַזוי לאַנג ווי די פּיס טראָגן אונדז נאָך. ווען דאָס קדחת וועט דיר אָנכאַפּן, וועט שוין זיין צו־שפּעט!

— די טראַקטאָרס זיינען דאָך שוין דאָ אויף דער סטאַנציע, דער גדוד האָט צוגעשיקט. אין אַ פּאָר טעג אַרום שטעלן מיר זיך שוין אַקערן. כאַימאָוויטש האָט עס דאָך נעכטן אויף דער אסיפֿה דערקלערט.

— דאָס וויל מען דיך אַזוי אָפּנאַרן מיט די טראַקטאָרס, כּדי דו זאָלסט האָבן מער חשק די בלאָטעס צו שלעפּן. אַז עס וועט קומען דערצו, וועלן זיי די ערד פֿאַרקויפֿן אויפֿן דונאַם, און דו וועסט בלייבן אין דרויסן, ווי זיי האָבן עס שוין אַזוי פֿיל מאָל געטאָן.

— שלמה, הער־אויף! דו ווייסט, אַז איך האָב נישט ליב, ווען דו רעדסט אַזוי. אַלע חברים אַרבעטן און האָבן צוטרוי צו כאַימאָוויטשן און צום וועד, האָבן מיר אויך צוטרוי. וואָס ס׳וועט געשען מיט אַלע, וועט אויך מיט אונז געשען. ביסט אַ חבר פֿון גדוד אָדער ביסט נישט?

פֿאַר וועמען ער האָט נישט מורא — פֿאַרן וועד נישט, פֿאַר די ירושלימער גדולים און פֿאַר דעם גאַנצן גדוד מיט כאַימאָוויטשן אין דער שפּיץ אויך נישט — אָבער פֿאַר זיין בחורה האָט דער יונג פּחד. וויפֿל דאָס לעבן איז נישט געווען ביטער צו אים און האָט ביי אים אָפּגעסמט דעם צוטרוי צו מענטשן, איז עס נישט געווען בכּוח אויסצוראָטן פֿון אים דאָס געפֿיל פֿון ליבע. וואָרים זי איז די איינציקע, וואָס האָט אים באַשאַנ־קען ער מיט דעם געפֿיל פֿון צוגעהעריקייט, וואָס די נויט האָט אַזוי פֿרי ביי אים צוגערויבט. צו זיין אייגענער משפּחה און אַפֿילו צו זיין אייגענער מוטער האָט ער קיינמאָל נישט פֿאַרמאָגט דאָס צוגעהעריקייט־געפֿיל ווי צו איר. פֿון דעמאָלט אָן, פֿון יענעם אָוונט אָן ביים ברעג ים אין תל־אביב, ווייט אַרויס צום ירדן צו, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ זאַמד־וויסטע, ווען זי האָט זיך אים איבערגעגעבן אָן יעדן צוזאָג, איז זי זיינע. זי האָט אים ביי דער האַנט אָנגענומען און געפֿירט אים צום „רויטן הויז", וואָס שטייט אויפֿן ברעג פֿון ים אין תל־אביב, וואו דער וועד איז געזעסן, אים פֿאַרשריבן אַלס חבר פֿון גדוד, און געזאָגט צו אים אויפֿן וועג אַזוי: „שלמה, אַ מענטש מוז צו וועמען געהערן, מער נאָך אונדזערס איינער, וואָס האָט קיינעם נישט". — פֿון דעמאָלט אָן ווייסט ער, אַז ער איז נישט מער אַליין, ווי ער איז עס ס׳גאַנצע לעבן געווען, נאָר ער געהערט זיך צו וועמען אָן. ער בריקעוועט זיך נאָך, פֿון צייט צו צייט קומט צוריק דער ים פֿון פֿאַרלאָזנקייט און וויל אים מיטנעמען צוריק מיט זיינע כוואַליעס. אָבער עס איז גענוג, אַז זיין בחורה זאָל אויף אים

איין בליק געבן מיט אירע פֿייכטע ביר־אויגן און דערמאָנען אים מיט אַ שטומען שווייגן פֿון אירע פֿאַרמאַכטע ליפּן דאָס, וואָס ער איז געווען, אַז ער זאָל דערזען דעם טיפֿן אָפּגרונט, אין וועלכן ער האָט זיך געפֿונען און פֿון וועלכן זי האָט אים אַרויסגעשלעפּט. און ער באַרואיקט זיך.

— איך זאָג דען עפּעס? איך זאָג דאָך גאָרנישט. איך מיין נאָר אַז ווען עס וועט קומען דערצו און מיר וועלן שוין האָבן דעם עמק אויסגעטריקנט...

— גאָרנישט זאָגסטו. שווייג! — האָט זי אים באַפֿוילן מיט יענער קראַפֿט פֿון באַצווינגענדיקער ממשלה, וואָס זי האָט געוואונען איבער אים דורך איר איבערגעבנקייט. — וואָס אַלע חברים וועלן טאָן וועסטו אויך טאָן.

— שוין, נאַ, כאַפּ דעם אוצר, וואָס די אָבות האָבן דיר איבערגעלאָזט!

— דערלאַנגט ער איר די קאָן בלאָטע, וואָס ער האָט אָנגעפֿולט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען די פֿייערונג פֿון דער גרויסער מאורה. ווען מען האָט מבער־חמץ געווען דעם עמק, האָט זיך חבר שלמה מער באַטייליקט מיט שרייען אויפֿן קול און מיטן טאַנצן די האָרא, ווי אַנדערע חברים.

נאָכדעם, ווי מען האָט אָפּגעצויגן די שטייענדיקע וואַסערן אין דער פֿעסט־געלייגטער קאַרעטע פֿון דעם טייכל, האָט די ערד געטריקנט אונטער זייערע הענט. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן שוין אַזאַ גרויסן שטח פֿון עמק אויסגעטריקנט, אַז זיי קאָנען אויף אים פֿאַרזייען די ווינטער־תבואות נאָך איידער די רעגנס קומען אָן. דעמאָלט האָבן זיי אַרומגעשניטן די גרענעצן פֿון אויסגעטרוקנטן שטח, אָוועקגע־שטעלט היטערס פֿון אַלע זייטן און אונטערגעצונדן די גראָז. די אויס־געשטעלטע וואַכן און די אויסגעגראָבענע גריבער האָבן געהאַלטן אין קאָנטראָל דאָס פֿייער, אַז עס זאָל נישט אונטערצינדן זייערע געצעלטן מיטן גאַנצן דערוואָרבענעם „משק", אָדער עס זאָל זיך נישט אַריבערכאַפּן אויף דעם נישט־אויסגעטריקנטן שטח און אונטערגעצונדן דעם גאַנצן עמק.

עס איז געווען אַ בילד, וואָס האָט אַרויסגערופֿן די פֿאַרשלאָפֿענע אַראַבער פֿון זייערע אָרעמע הייזלעך אויפֿן באַרג. שכנים זיינען געקומען צו לויפֿן פֿון אַלע ראַנדן פֿון עמק: פֿיל אַראַבערקעס — באַהאַנגען מיט אומצאָליקע געלט־קייטן אויף העלדזער און הענט, מיט אַן אַ שיעור קמיעות, מיט נאַקעטע פֿיס און פֿאַרשטעלטע און אָפֿענע פּנימער; און אַראַבער אויף פֿערד זיינען געקומען פֿון־ווייט: בעדואינער, פֿאַרזונקען צווישן די גראָזן פֿון עמק, זיינען אַרויסגעיאָגט געוואָרן מיט זייערע סטאַדעס

שאָף. דאָס פֿייער איז געגאַנגען אין הימל אַריין. עס האָט געברענט די טויזנט־יעריקע פֿאַרווילדונג, וואָס דער מדבר און די פֿאַרלאָזנקייט האָבן פֿאַרזייט. דאָס פֿייער האָט געקנאַקט און געקנאַלט מיט טויזנטערליי משונהדיקע קולות, ווי די רוחות, וועלכע האָבן געוואוינט אין אים, וואָלטן אויסגעקלאָגט זייער ווידוי־געשריי אין דער פֿאַרניכטונג פֿון דער וויסטע. בינען, פֿליגן און אַנדערע אינזעקטן האָבן זיך געהויבן פֿון פֿייער, געשאָפֿן וואָלקנדלעך און זיינען צוריקגעפֿאַלן אין די פֿלאַמען אַריין. עס זיינען געשפּרונגען מאָדנע באַשעפֿענישן פֿון די פֿייערן אַרויס, גרינע יאַשטשערקעס, זשאַבעס און אַנדערע שרצים. זיי זיינען געשפּרונגען און צוריק געפֿאַלן אין די פֿלאַמען. גאַנצע סטאַדעס שוואַרצע קראָען, ווי פֿליענדיקע טייוואָלים, האָבן זיך אויפֿגעהויבן און זיך אַוועקגעטראָגן, ווי זיי וואָלטן געווען די רוחות פֿון פֿאַרוויסטונג, וואָס טרעטן אָפּ זייער אָרט פֿאַרן ישוב. ביינאַכט האָבן זיך געהויבן די צונגען פֿייער און באַלויכטן די געגנט אַרום און אַנגעזאָגט די שטומע וויסטע בערג, אַז דער מענטש איז געקומען צוריק אין זיין מקום, און פֿון די פֿייערן אַרויס האָבן די שאַקאַלן אַרויסגעוויינט זייער לעצט געוויין איבער דעם טויט פֿון דעם מדבר.

גאַנצע נעכט איז מען געשטאַנען אויף דער שמירה איבער דעם פֿייער פֿון דער וויסטע. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען די פֿלאַמען־צונגען האָבן נישט מער געהאַט קיין נאַרונג, זיינען זיי פֿאַרשוואונדן געוואָרן איינס נאָכן אַנדערן, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט דאָס פּנים פֿון דער ערד, מיט אירע פֿיל־צוזאַגנדיקע האָפֿענונגען און ברכות. זי איז געלעגן אויסגעשפּרייט ווי אַ נאַקעטע בתולה, און זי האָט געבעטן מקדש צו ווערן צום מענטש... אויף איר איבערפֿלאַך האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט שטיינער, גרויסע און קליינע, סקעלעטן פֿון שטיקער אברים פֿון חיות, וואָס זיינען פֿאַרברענט געוואָרן, רעשטן פֿון חורבות. אָבער זיי זיינען נאָר געווען אינזלען פֿון פֿאַרוויסטונג אין דעם ים פֿון פֿרוכטבאַרער שוואַרצער ערד. און מען האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז דער מדבר האָט צוריקגעגעבן דעם פּקדון, וואָס די פֿריערדיקע דורות האָבן אים אַנגעטרויט אויף איבערצוגעבן זייערע קינדער, ווען זיי וועלן צוריקקומען אין לאַנד אַריין.

צוויי טראַקטאָרס און זעקס אַקער־אייזנס, צוגעשפּאַנט צו פּרידות, זיינען צום ערשטן מאָל אַרויס איבערן נאַקעטן קערפּער פֿון טאָל און האָבן מיט זייערע אייזערנע מעסערס זיך אַריינגעשניטן אין דעם טיפֿן בתולהדיקן לייב פֿון דער אויפֿגעדעקטער ערד, — צו דער דערשטוינונג

פֿון די אַראַבישע שכנים, וועלכע זיינען אַרויסגערופֿן געוואָרן פֿון זייערע פֿאַרשלאָפֿענע כאַנען דאָס בייזע וואונדער צו זען, ווי דער „נאַקעטער שבט" באַאַקערט די ערד מיט אייזערנע פֿערד.

אין דעם אָוונט פֿון טאָג, אין וועלכן מען האָט די זכיה געהאַט צום ערשטן מאָל דעם אַקער־אייזן אין דעם לייב פֿון עמק אַריינצושניידן, איז געפֿייערט געוואָרן אַ גרויסע שמחה. די חברים האָבן זיך נישט געקאָנט באַרואיקן, ווי זיי וואָלטן דאָס געשריי פֿון דער עוולה אין גלות און דאָס געזאַנג פֿון אויסלייז געוואָלט אויסשרייען און אויסזינגען אין דעם חלל אַריין פֿון דעם באַפֿרייטען עמק. די לייבער, צוגעשמידט איינס צום אַנדערן דורך שנירן פֿון איין עבר און איין עתיד; פֿון איין מזל און איין גורל, האָבן זיך געהאַלדזט און געאָרעמט און געשפּרונגען אין אַ ווילדן טאַנץ. די שטערן זיינען גרויס געוועזן און די נאַכט איז געוועזן טרוקן אין דער שפּעטער חשוון־צייט. דער הימל איז געוועזן זייערער, דער אַלטער ארץ־ישראל הימל. איצט איז אויך די ערד געוואָרן זייערע...

קאַפּיטל 10

דער גשם

איבער דעם בלויען הימל פֿון עמק, וועלכער האָט תּמיד זיין חשמל־ליכט פֿאַרשפּרייט מיט אַ פֿאַרשווינדערישער האַנט איבער דער ערד, איבער דעם בלויען אומבאַפֿלעקטן הימל, האָבן אָנגעהויבן אָנציען שווער־באַלאַדענע, ווייס־בלוילעכע, מיט זילבער־באַזוימטע וואָלקנדלעך. זיי האָבן געוואָרפֿן זייערע שאָטנס איבער דעם טאָל. פֿון ים זיינען זיי אָנגעקומען, נאָר דאָס מאָל זיינען זיי נישט געגאַנגען זייער וועג צום ירדן און פֿאַרשוואונדן הינטער די בערג, ווי תּמיד. נייך, דאָס מאָל זיינען די וואָלקנדלעך געבליבן הענגען איבער דעם עמק, ווי סטאַדעס שאָף, וואָס וואָלטן געפֿונען גוטע פּאַשע און זיך אָפּגעשטעלט דאָ פּיטערן...

חברה איז געווען פֿאַרשפּרייט אין דרויסן אויפֿן פֿעלד, וואָס מען האָט פֿון האַרץ פֿון עמק אַרויסגעשניטן. באַקעטע, אַנגסט־באַגאָסענע, גלאַנציקע רוקנס און ברוסטן האָבן זיך געבויגן, געהויבן, זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך די אַקערס. גרויסע שטחים זיינען געלעגן אויפֿגעפּראַלטע און האָבן מיט שוואַרצער ערד געקוקט אין הימל אַריין. איבער דעם פֿעלד איז אָנגעגאַנגען אַ פֿיבערישע טעטיקייט. טייל האָבן געאַקערט, אַנדערע האָבן געזייט, פֿיל זיינען געווען פֿאַרנומען מיט קלייבן די שטיינער, נאָך אַנדערע זיינען ווייטער געווען פֿאַרנומען מיט אויסטריקענען די בלאָטעס, מיט אָפּציען שטייענדיקע וואַסערן אין פֿליסענדיקע קאַרעטעס. אין מיטן פֿון דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך חבר כאַימאָוויטש אויסגעגלייכט פֿון הינטער דעם אַקער, אויפֿגעהויבן זיין דאַר פּנים מיט דער עקיקער באָרד און פֿאַרוואָרפֿן אין הימל אַריין, אָנגעוויזן די חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט אים אין שכנות:

— איר זעט, ווער עס קומט אָן? — דער גשם! דער רעגן שטייט שוין הינטער אונדזער טיר!

ביז צום רעגן האָט מען נאָך געמוזט פֿיל זאַכן, פֿיל וועלטן מתקן זיין. קודם־כּל האָט מען באַדאַרפֿט די טויזנט דונאַם לאַנד, וואָס מען האָט

אויפֿגעאַקערט, פֿאַרזייען מיט האָבער און ווייץ, עס זאָל זיין ברויט פֿאַר מענטש און בהמה. פֿאַרן גרינס־גאָרטן זאָרגן די בחורות, אָבער וואָס טוט מען מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ? די אַראַבער, וועלכע האָבן געזאָלט אָפּ־רייניקן די פֿאַרלויזטע כאַנען אויפֿן באַרג, רירן זיך נישט פֿון אָרט, אַז מען זאָל צום ווינציקסטן קאָנען די פּאָר קראַנקע, וואָס געפֿונען זיך אין דער קבוצה, אונטער אַ שוץ ברענגען. דער קליינער יודקעוויטש פּיבערט אַלץ, ער האָט זיך געפּרוּווט אַרויסרייסן צו דער אַרבעט אין פֿעלד און מען האָט אים געמוזט צוריקברענגען, אַראָפּטראָגן אים פֿון דער אַרבעט. אַזאַ מזל האָט ער שוין! און וואָס וועט זיין מיט חברטע שרהס געצעלט? חברטע שרהס געצעלט איז אויסגעוואַקסן צו אַ כּרך גדול, עס איז אַרומ־געצוינן געוואָרן מיט קליינע ביידלעך און געצעלטלעך. נישט נאָר האָבן זיך אין דעם געצעלט געפֿונען די קיך און די פּראָוויאַנט־קאַמער, די וועשעריי, דער שניידער־וואַרשטאַט, די זיצונגען פֿון וועד, די ביוראָ פֿון דער קבוצה, דער שפּייז־זאַל, דער טאַנץ־זאַל, נאָר עס איז אויך געוואָרן די היים פֿון אַלעמען. חברים קלעפּן זיך צו דעם געצעלט, ווי הינדלעך אונטער דער מוטערס פֿעדערן בשעת אַ רעגן. זיי ווילן נישט אָפּטרעטן פֿון חברטע שרהס קיך. און דאָס גאַנצע געצעלט שטייט נאָך דערוויל אויף הינערשע פֿיסלעך פֿון אַריינגעקלאַפּטע פּלאָקנס אין דער ערד, פֿון איין זייט אַ װענטל מיט געפֿלאָכטענע צווייגן און בלעטער, און באַדעקט איז דאָס אינגאַנצן מיט אַ גרויסן לייוונט, אַזוי, אַז ווען דער ערשטער ווינט קומט, הויבט ער אויף דעם לייוונט, צעפּירט די ווענטלעך און עס איז אויס היים!

דעם אָוונט נאָך דער אַרבעט איז אויף דער אַסיפֿה פֿיל דיסקוטירט געוואָרן וועגן דעם ערשטן צריף (באַראַק), וואָס איז נויטיק אויפֿצושטעלן, אײדער די רעגנס קומען אָן. אַלע האָבן מסכּים געווען, אַז מען מוז די היים פֿאַרזיכערן. אַז חברטע שרהס געצעלט איז דער וויכטיקסטער פּונקט פֿון דעם ישוב, ער נעמט אַלעמען אַריין אונטער זיינע פֿליגל, ווי אַ הון אירע הינדלעך, און מען דאַרף שוין איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל אַ סוף מאַכן צו דעם לייוונטענעם געצעלט מיט די אָנגעוואַקסענע און אָנגעיוירענע דעכלעך און ווענטלעך, וואָס זיינען אַרום אים אָנגעוואַקסן און וואָס דער ערשטער ווינט וועט זיי אַראָפּטראָגן. מען דאַרף אויפֿשטעלן אַן אמתן צריף פֿון האָלץ, מיט אַן אָפּטיילונג פֿאַר דער קיך, אַז עס זאָל זיין אַ גרויסער מקום־מקלט פֿאַר די חברים, וואו זיי זאָלן זיך קאָנען צוזאַמענקומען און אָפּעסן ווי מענטשן און אָפּהאַלטן אַ פֿאַרזאַמלונג אָדער שפּילן אַ דאָמינע, לייענען אַ בוך, שרייבן אַ בריוו נאָך דער אַרבעט, מיט איין וואָרט — אַ ריכ־טיקע היים. דאָס וועט אויפֿעסן אַ גרויסן טייל פֿון בודזשעט, וואָס דער

קאָמיטעט אין ירושלים האָט פֿעסטגעשטעלט פֿאַר דער ערשטער צייט, ביז די תבואות וועלן רייף ווערן. וואָרים מען האָט זיך געריכט אויף די אַראַבישע הייזלעך, אַז מען וועט פֿון זיי קאָנען אויסשטוקעווען אַ קיך מיט אַ פֿאַרזאַמלונג־אָרט; אָבער, ערשטנס, זעט מען נישט, אַז די אַראַבישע כאַנען זאָלן ווערן אָפּגערוימט גאָך פֿאַרן רעגן, און צווייטנס, זיינען זיי אַזוי פֿאַרלויזט, מיט אַזוי פֿיל פֿליי און ווערים, אַז טירן און פֿענסטער, אַז חברים, וועלכע האָבן זיי באַטראַכט, האָבן באַשלאָסן ליבערשט אינגדרויסן אויפֿן רעגן צו הויזן, איידער אין אַזאַ הייל איגוועניק.

פֿאַרפֿאַלן, מען וועט מאַכן עקאָנאָמיע אויף עפּעס אַנדערש, מען קאָן אויסשטרייכן דאָס רויכערן. ניין, רויכערן נישט, אַ פּאַפּיראָסל דערהאַלט דאָס חיות אין אַ רעגנדיקן טאָג; מען קאָן איינשפּאָרן אויפֿן עסן. מען וועט זיך באַגעגנוגן לאָזן מיט ברויט און טיי, אָן קאַרטאָפֿלעס און באַבלעך; מוחל דאָס אַגריישעכץ פֿון די ציבעלעס, וואָס זיינען טיי־ווי־סיי שטענדיק פֿאַרברענט און מען קאָן עס נישט נעמען אין מויל אַריין, אַבי צו האָבן אַ שטיקל ריכטיקע היים, נאָך וועלכער אַלע בענקען.

אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די חברטע שרה, וועלכע איז געווען אַ מומחה אויף די זאַכן. זי האָט געזאָגט, אַז איצט, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעגעסן צו דער זאַט מיט בעבלעך און קאַרטאָפֿלעס, האָבן זיי גרויסע מיילער. אַז די חברים וועלן נישט עסן, וועלן זיי נישט האָבן קיין כוח צו אַרבעטן. ניין, אויף עסן קאָן מען קיין עקאָנאָמיע נישט מאַכן. איז דעריבער געזעצט געוואָרן, אַז אַ טייל חברים זאָלן גיין אין שטאָט אַריין אויף פֿאַרדינסט און אַרבעטן ביי וואָס עס וועט זיך לאָזן, כדי אונטערשטיצן די קבוצה.

— ניין, דאָס איז אויך נישט קיין פּלאַן, האָט זיך אָנגערופֿן כאַימאָוויטש.
— אין די רעגנס וועט מען באַדאַרפֿן זאָרגן וועגן דעם וועג צו דער באַן־סטאַנציע, וואָרים אַנישט וועט מען ווערן אָפּגעשניטן פֿון אַ ישוב. און ווער זאָגט דאָס, אַז מען קאָן נישט אין רעגן פֿעלד־אַרבעט טאָן? וואָס זיינען מיר, פֿון צוקער? מיר וועלן צעגיין? טאָקע אין די רעגנס קאָנען מיר ווייטער ציען דעם קאַנאַל פֿון טייכל.

הידד פֿאַר כאַימאָוויטשן! ער זאָל מאָרגן פֿאָרן קיין חיפֿה אַדורכרעדן זיך מיטן וועד און טאָקע באַלד ברענגען די ברעטער פֿאַרן צריף. אָבער וואָס עפּעס אין הייזל? און וואו זיינען די קראַנקע? אַז די אַראַבער זאָלן טאָקע נישט אָפּרייניקן די כאַנען, וועט אויסקומען די קראַנקע איבערצוהאַלטן די רעגנס אין די קאַלך־גריבער, אין וועלכע זיי ליגן. צי ווייסן זיי נישט,

אַז אַ חוץ דעם קליינעם יודקעוויטש געפֿינען זיך שוין פֿינף חברים און דריי חברטעס אין די קראַנקן־געצעלטן ?

— ניין, דאָס ערשטע הייזל דאַרף מען אוועקשטעלן פֿאַר אַ שפּיטאָל פֿאַר די קראַנקע, — רופֿט זיך אָן דער סאַניטאַר.

אַלע חברים גיבן אים גערעכט, מיט פֿאַרשעמטקייט, וואָס מען איז אַזוי עגאָאיסטיש געווען און צוליב דער אייגענער היים פֿאַרגעסן אָן די קראַנקע. ניין, דער ערשטער צריף מוז ווערן אויפֿגעשטעלט פֿאַר די קראַנקע, ווערט באַשטימט.

— און איך מיין, אַז דאָס ערשטע הייזל מוז מען גאָר אויפֿשטעלן פֿאַר קימפּעטאָרינס — רופֿט זיך אָן יוחנן הסנדלר.

אַלע קוקן אָן דעם שוסטער יוחנן הסנדלר און מיינען, אַז ער מאַכט אַ שפּאַס. וואו האָט ער דאָ קימפּעטאָרינס ? וואו וועט ער נעמען די קינדער פֿאַר דער קינדער־היים ? אָבער דער שוסטער איז דאָס מאָל טויט־ערנסט.

— איידער, חברים איר וועט אייך אומקוקן, וועלן מיר דאָס ערשטע קינד האָבן אין דער קבוצה. איך ווייס, וואָס איך רעד, און איך וואָלט אייך געראָטן, איר זאָלט שרייבן צום וועד, אַז אַנשטאָט אַ רב, זאָלן זיי אונדז בעסער שיקן אַ מוהל !

חברים מיינען נאָך אַלץ אַז יוחנן הסנדלר וויצלט זיך.

— ער ווייסט נישט, וואָס ער רעדט ! — רופֿט זיך אָן עמעצער.

— איך ווייס שוין גאַנץ גוט ! — ענטפֿערט אָפּ דער שוסטער און חזרט איבער נאָכאַמאָל : — עס געפֿונען זיך צווישן אונדז חרטעס, וועלכע זיינען שוין אין די הויכע חדשים. זיי מוזן זיך געפֿינען אונטער אַ שוץ בעת די רעגנס !

און עטלעכע חברטעס, וועלכע קענען זיך אויף די זאַכן, זיינען מסכּים צום שוסטערס ווערטער שווייגנדיקערהייט. און חברטע לאה, דעם חבר שלמה מוראַווסקיס ווייב הייבט זיך אויף און פֿאַרלאָזט די פֿאַרזאַמלונג. נאָך אַ חברטע אָדער צוויי טוען איר נאָך. דער עולם מאַכט זיך נישט ווויסנדיק, אָבער עס איז שוין מער קיין סוד נישט : עטלעכע חברים האָבן מיטגעבראַכט זייערע ווייבער מיט „די בייכער צווישן די ציין". אַ הויז פֿאַר טראָגעדיקע חברטעס — דאָס איז דער ערשטער חוב. הידד פֿאַר יוחנן הסנדלר ! ער האָלט טאַקע אָן אויג אויף אַלץ.

— איך האָב שוין, — זאָגט ער, — די ערשטע קינדער־קאָפּאָטע צוגעשניטן !

— הידד פֿאַר די קינדער פֿון אונדזער קבוצה !

און דאָס גיט אַ געלעגנהייט פֿאַר אַ טאַנץ.

ניין, מיט דער „היים", זעט אויס, וועט מען דאַרפֿן אַ ביסל צוואַרטן. דאָס ערשטע הייזל מוז מען צונויפֿקלאַפּן פֿאַר אַ שפּיטאָל, פֿון דעם איז אָפּגערעדט. און ווען עס האַלט שוין אַזוי ווייט מיט אונזערע בחורות, באַדאַרף מען האַלטן אָנגעגרייט אַ הייזל פֿאַר די טראַגעדיקע ווייבער, זיי קאָנען זיך נישט געפֿינען אין די ביידלעך בעתן רעגן.

כאַימאָוויטש איז געפֿאָרן אין שטאָט אַריין אַדורכרעדן זיך מיטן וועד. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען דער טראַנספּאָרט ברעטער. חברה האָט זיך גענומען אויפֿשטעלן די צריפֿים.

צו ערשטן איז פֿאַרטיק געוואָרן דאָס ביידל פֿאַר די קראַנקע. באַדעקט האָט מען עס מיט צינק־בלעך, און אַהין האָט מען אַריינגעטראָגן די קראַנקע. מען האָט עס אַ נאָמען געגעבן „קופּת־חולים".

דערנאָך האָט מען אַ צווייט הייזל אויפֿגעשטעלט, אין וועלכן די צוקונפֿטיקע מוטערס פֿון נייעם ישוב האָבן אַריינגעשטעלט זייערע בעטלעך. פֿון די איבעריקע ברעטלעך און דרענגלעך האָט מען, ווי עס האָט זיך געלאָזט, מתקן געווען דער חברטע שרהס געצעלט. קודם־כּל האָט מען די ווענטלעך פֿון צווייגן אויסגעטוישט אויף ברעטער, — פֿון איין זייט ברעטער און פֿון די אַנדערע זייטן מיט לייוונט, — אַ שעטנז, האַלב־דירה, האַלב־סוכּה. און אַזוי אויך דער דאָך: האַלב האָט מען אים פֿאַרדעקט מיט צינק־בלעך, — דאָס איז געווען פֿאַר די פּראָוויאַנטן צו באַהאַלטן; פֿאַר זיך, פֿאַר דער קיך און עס־צימער האָט מען זיך געלאָזט באַנוגענען מיט לייוונט, באַלייגט מיט געפֿלאָכטענע גראָזן, ראַגאָזשעס און זעק. קיין היים איז טאַקע נאָך נישט געווען, אָבער אַ הרחבה איז געקומען. די קיך איז צוויי מאָל אַזוי גרויס געווען, און בשעת הדחק, האָט זיך אַ העלפֿט חברים געקאָנט געפֿינען אינעווייניק. דערפֿאַר אָבער האָט מען אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר ברעטער פֿאַר אַ פּראָוויזאָרישן טיש און פֿאַר צוויי לאַנגע בענק. אָבער דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס מ'האָט אויך איינצייטיק אָנגעלענט אויף חברטע שרהס געצעלט (וואָס חברטע שרהס געצעלט האָט אַלץ געמוזט אויסהאַלטן!) די ערשטע שטאַל פֿאַר די מויל־אייזלען איבערצו־ווינטערן, — די שטאַל איז באַשטאַנען פֿון פֿיר פֿלאָקנס אין דער ערד אַריינגעקלאַפּט, מיט אַ פּראָוויזאָרישן דאַך פֿון ראַגאָזשעס און זעק. און אַזוי אויסגעשטאַט, מיט די צוקונפֿטיקע מוטערס און קראַנקע אונטער אַ שיצנדיקן דאַך, האָט מען זיך געריכט אויף די רעגנס.

דערווייל האָבן זיך די וואָלקנדלעך אין הימל אַלץ געקליבן, וואָס אַמאָל זיינען זיי דיקער געוואָרן. יעדעס מאָל זיינען נייע אָנגעלאָדענע, אָנגעבלאָזענע בייכיקע וואָלקנס אָנגעקומען, געוואַליעט זיך איינס אויפֿן

אַנדערן, געדריכערט און צוזאַמענגעפּאַרט זיך, באַהאַלטן זיך און געוואָרן איין געדיכטקייט... אַ טונקלער שאָטן האָט שוין איצט צוגעדעקט דעם עמק, סיי דאָס שטיק, וואָס איז געלעגן מיט זיין אויפגעדעקטן ערד־לייב, און סיי דאָס שטיק, וואָס איז נאָך געווען פאַרהוילן אונטער דער גראַזיקער דעק. די וואָלקנס אין הימל זיינען געגאַנגען וואָס אַמאָל ווייטער. זיי האָבן שוין דערגרייכט איצט די שפּיצן בערג און באַהאַלטן זיך מיט זיי, און מיט זיי איז מיטגעגאַנגען דער שאָטן איבער דער ערד און געוואָרפן זיינע פליגל ווייט אַרויס צו בית־שאָן. אַ שטילקייט איז געקומען איבער דער וועלט און אַ געשפּאַנטקייט. דער חלל איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט עלעקטריציטעט. מען האָט געמיינט יעדעס מאָל, אַז אָט ברעכן־צוזאַמען די וואָלקנס איבערן הימל און עס פאַלט אַראָפּ דער רעגן, נאָר קיין טראָפּן האָט מען נישט געזען.

איינמאָל ביינאַכט, ווען חברה זיינען געלעגן אויסגעלייגט אויף די פעלד־בעטלעך אין זייערע געצעלטן און געשלאָפן דעם שלאָף פון די געראַכטע נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, האָט זיך דערהערט אַ רעש. מען האָט צוערשט נישט געוואוסט וואָס דאָס איז. מען האָט געמיינט, אַז אינ־דרויסן האָט אַ וואַלד געקראַכט און איז צוזאַמענגעבראָכן. עס איז געווען איין־איינציקער קוויטש, וועלכער האָט געטראָגן אין זיך דאָס געשריי פון די בערג, דאָס ברומען פון די גראָזן אין עמק, אַ געוויין פון חיות, אַ מיאַוטשען פון שאַקאַלן, אַ זשומען פון אינזעקטן. — אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען אין איין ווילדן ווירבלדיקן געוואַלד. דערנאָך איז שטיל געוואָרן, און אַ פינצטערניש, ווי דאָס פינצטערניש פון פאַר דעם באַשאַף, האָט צוריק די ערד באַדעקט, און אויך אַ שטילקייט — ווי פאַרן באַשאַף. מיטאַמאָל האָט זיך דער הימל געעפנט, ווי אַ פייערדיקע שווערד וואָלט מיט אַ בליץ־שניט זיין האַרץ אויפגעעפנט, אַ ווירבלדיקער דונער מיט אַן אויסלייז־געשריי איז איבער דער וועלט אַדורכגעגאַנגען, און שוין איז עס געשען...

הונדערטער רוחות האָבן זיך אָנגעטשעפּעט אין די פיר פלאַקנס פון די געצעלטן און זיי געטרייסלט, אויפגעפּראַלט די לייוונטן און אויפגעדעקט זייער באַדעקעניש. נאָר איידער די בחורים האָבן נאָך צייט געהאַט צו קומען צו זיך, האָבן זיי געהערט, ווי הונדערטער פויסטן קלאַפּן איבער זייערע לייוונטענע געצעלטן, און שוין זיינען זייערע בעטן געשטאַנען אין קאַלוזשעס וואַסער.

עס איז נישט געווען קיין רעגן, עס איז געווען אַ מבול, אַקוראַט ווי די הימלען וואָלטן זיך אויפגעעפנט און אַלע ימים וואָלטן זיך פון זיי

אויסגעגאָסן אויף דער ערד אַראָפּ. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין אַלץ נאַס געווען. די ליילעכער, די קאָלדרעס און די קישנס אַדורכגעווייקט. און מען איז געזונקען מיטן בעט אין אַ טייך. מען איז אויפֿגעשפּרונגען אינגעדערהייך, געזוכט אַ שיצונג, אָבער דער ווינט האָט געטראָגן די לייוונטן פֿון די געצעלטן. מען האָט פֿלינק געכאַפּט אויף זיך די הויזן, די שיך, די העמדער, — אַלץ איז געווען אַדורכגעווייקט פֿון רעגן, און מען האָט זיי נישט געקאָנט אויפֿן נאַסן לייב אַרויפֿשלעפּן. און אַזוי ווי מען איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון די נאַסע בעטן, נאַקעטע, איז מען אַנטלאָפֿן פֿון די געצעלטן, טייל נאַקעטע, טייל אַרומגעוויקלטע אין די קאָלדרעס, און געזוכט שוץ אין חברטע שרהס געצעלט.

חברטע שרהס געצעלט איז שוין איבערגעפּילט געווען מיט אַדורכגעווייקטע בחורים און בחורות. טייל האָבן געהאַט אויף זיך אַנטועכץ, אַנדערע זיינען געווען איינגעהילט אין קאָלדרעס. פֿון אַלע הויזן און ספּאַדניצעס איז דאָס וואַסער גערונען אין די שיך אַריין. חברטע שרהס נעסט איז באַלד אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַדורכגעצוואָגענע גופֿים, וועלכע האָבן געזוכט איינס דאָס אַנדערע צו דערוואַרעמען. יוחנן הסנדלר האָט צו דער חברה געשריען:

— נו, וואָס שטייט איר ווי די לעמלעך און ציטערט? אַנו, לאָמיר פּרוּוון ווער עס וועט וועמען איבערשרייען, מיר דעם ווינט, אָדער דער ווינט אונדז?

און ווי עס איז נישט געווען קאָלאָמוטנע אויפֿן האַרץ, האָט זיך שוין געהערט דאָ און דאָרט אַ ברומען: „עם ישׂראל חי", און אַ פֿלעכטן זיך פֿון נאַסע אָרעמס און לייבער צוזאַמען. חברטע שרהס געצעלט איז באַלד פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַלוזשע וואַסער, אין וועלכער אַדורכגעצוואָגענע מענטשן האָבן זיך געדרייט אין אַ ווילדן קאַראַהאָד, אָבער אינמיטן דעם איז אַריינגעקומען צו לויפֿן חבר כאַימאָוויטש, אַן אָפּגעצוואָגענער, מיט אַ צוגעקלעפּטער טשופּרינע צו זיין שטערן, און האָט הויך אויסגעשריען:

— וואָס פֿאַר אַ טאַנצן, חברים, דער ווינט וועט אונדז די געצעלטן אוועקטראָגן, קומט אַרויס! — און ער איז שוין נישטאָ.

באַלד האָט זיך דאָס טאַנצן איבערגעריסן, דאָס געזאַנג איז פֿאַרשטומט געוואָרן, און איינער נאָכן אַנדערן זיינען זיי אַרויס אין דער שטורעמדיקער נאַכט, געקראָכן אין די קאַלוזשעס וואַסער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט אויף דעם ליימיקן פֿעלד. זיי האָבן זיך איינגעוויקלט אין דעם געצעלט־לייוונט, — וואָס דער שטורעם האָט אָפּגעריסן פֿון די פּלאָקנס, — כדי דער ווינט זאָל

עס נישט אָוועקטראָגן, און אַזוי איז מען געשטאַנען אויף שמירה איבער די געצעלטן. דער שטורעם האָט געפּליאַסקעט מיט רעגנדיקע בייטשן איבער די נאַקעטע לייבער. אָבער ביי אַלעמען איז געווען דאָס געפיל, אַז די קראַנקע חברים און די צוקונפטיקע מאַמעס געפינען זיך אונטערן שוץ...

מיטן אויפברעכן פון מאָרגן האָט זיך דער רעגן איינגעשטילט. באַרואיקטע וואָלקנס האָבן זיך פריי געצויגן איבער דעם הימל, די דורש־טיקע ערד האָט מיט הונדערטער מיילער איינגעזויגן אין זיך די פייכטקייט. די ערשטע זאַך האָט מען זיך גענומען אַרומקוקן אין „משק“, צי דער שטורעם האָט, חלילה, קיין שאָדן נישט געמאַכט. מען איז בלויז אָפּגעקומען מיט אַ פּאָר אָפּגעריסענע לייוונטן און פלאַכטעס, וועלכע דער ווינט האָט פאַרטראָגן. אויך האָט דער ווינט אָוועקגעריסן די גאַנצע געפלאַכטענע וואַנט פון דער חברטע שׂרהס געצעלט און אויפגעהויבן דאָס דעכל פון ראַגאָזשעס און זעק. מען האָט זיך גענומען די היזקות צו פאַרריכטן.

נאָכן טיי און ברויט, וואָס חברטע שׂהה מיט אירע צוהעלפערינס האָבן אין דעם מאָרגן בשפע צעטיילט, האָבן חברה אין אַ פּאָר טרוקענע זעק, — וואָס זיינען געבליבן געשוינט אין דעם פּראָוויאַנט־קאַמער, — איינגעהילט זייערע לייבער, גענומען די שפּאַדלעס און די בלעכענע קאַנען און זיינען אַרויסגעגאַנגען אין ווייסן עמק די קאַרעטע פון טייכל באַפּעס־טיקן. קריכנדיק אין די קאַלוזשעס וואַסער, וואָס דער רעגן האָט אָנגע־זאַמלט אין די גריבער, האָט איין חבר ציטערנדיק פאַר פייכטער קעלט און נישט אויסגעשלאָפענערהייט געברומט דאָס געזאַנג פון דער ביינאַכט־איבערגעריסענער האָרא:

„עם ישׂראל חי! עם ישׂראל חי!“

— לאָז מיך שוין אָפּ מיט דיין „עם ישׂראל!“ דאָס עם ישׂראל באַדאַרף דיך מיטן גאַנצן עמק אויף טויזנט שאָק כפּרות! — האָט עמעצער אויסגערופן.

קאַפּיטל 11

צוויי חברים

חבר שלמה מוראַווסקי איז געוואָרן אַ גרויסער פּאַטריאָט פון דער קבוצה. פּאַטריאָטן זיינען זיי אַלע געווען. כאָטש עס איז, אייגנטלעך, נאָך נישט געווען צו וואָס — נאָר צו דעם בלויזן דרויסן, אין וועלכן מען האָט געוואוינט — אָבער דאָך האָט מען זיך צוגעבונדן צו דעם שטיק ערד, אויף וועלכן מען איז געזעסן, יעדער דונאָם ערד, וואָס מען האָט פון דער וויסטע אַרויסגעקראָגן, יעדער פּלאָקן, וואָס מען האָט אַריינגעשלאָגן אין דער ערד, האָט געשאַפן דאָס געפיל ביי אַלעמען פון אייגנס און בויענדיקס, וואָס האָט גענערט זייער אַמביציע. אָבער ביי שלמה מוראַווסקי איז אָט דער אַרומיקער דרויסן, אויף וועלכן מען האָט זיך באַזעצט, געוואָרן „היים״, אַ זאַך, וואָס ער האָט ביז איצט קיינמאָל נישט פאַרמאָגט.

דאָס געפיל פון „היים״ איז געוואַקסן ביי אים מיט דעם וואַקסן פון דער קבוצה. און זינט זיין ווייב, חברטע לאה, איז טראָגעדיק און אַלע האָבן גענומען קוקן אויף איר, ווי אויף דער צוקונפטיקער ערשטער מוטער, וואָס וועט געבוירן דאָס ערשטע קינד פון דער קבוצה (און צוליב דעם האָבן אַלע געהויכט איבער איר און אַכטונג געגעבן אויף איר, און מען האָט זי באַהאַנדלט ווי אַן איידל איי), האָט שלמה מוראַווסקי געוואוסט, אַז אָט דאָ געפינט ער אַן אַנלען און אַ צוגעהעריקייט, ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זיך מיט זיין חברטע פאַרבונדן אויף דעם ברעג ים פון תל־אביב, ביים ירדן. עס איז אַ צווייט חתונה האָבן... דעריבער האָט ער נישט פאַרשטאַנען און נישט באַדאַרפט די אַלע הויכע ווערטער, וואָס די „אינטעליגענטן״ און די גדולים, — אָדער ווי מען האָט זיי גערופן, — די אַריסטאָקראַטן, — האַלטן אין איין רעדן אויף די פאַרזאַמלונגען וועגן אויפלעבן דאָס פאָלק און בויען דאָס לאַנד און נאָך אַנדערע שמאַכטעס. ווער דאַרף דאָס?

געוויינטלעך האָט ער געשוויגן אָדער מיטגעבאַמקעט, ווייל זיי ווייסן וואָס זיי רעדן. אָבער אין האַרצן האָט חבר שלמה מוראַווסקי

זיך גאַרנישט געגויטיקט אין די אַלע זאַכן. אין וואָס ער האָט זיך יאָ געגויטיקט, איז געווען אין אַ דאַך איבערן קאָפּ פֿאַרן ווייב און פֿאַר דעם וואָס וועט קומען; אַ דאַך, פֿון אונטער וועלכן מען זאָל דיך שוין מער נישט אַרויסיאָגן, ווי אַ הונט, און עס זאָל זיין ברויט צו עסן און אַ פּאָר הויזן די שאַנד צו פֿאַרדעקן. און דאָס, האָט ער געוואוסט, ווערט דאָ געשאַפֿן. דאָס איינציקע, וואָס מען דאַרף טאָן דערצו, איז — אַרבעטן. אַרבעטן, ברידער, נישט רעדן, נאָר מיט דעם רוקן אין כאַמוט אַריין, און צי דעם וואָגן! און דאָס האָט ער געטאָן.

חבר שלמה מוראַווסקי האָט זיך מיט אַן אימפּעט און אַ ברען געוואָרפֿן אין דער אַרבעט אַריין. ער האָט זיך מיט חשק אויפֿגעריסן פֿון שלאָף אין די פֿרימאָרגנס, תּמיד פֿון די ערשטע. די רעגנס, וואָס האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין נאַכט, אַז מען זאָל קאָנען שלאָפֿן אין מנוחה, האָבן פֿאַר אים וויינציק־וואָס אויסגעמאַכט. צו רעגנס איז ער געוואוינט געווען. אַ האַלב לעבן זיינס האָט ער פֿאַרבראַכט אויף דער גאַס, דער דרויסן איז געווען זיין שטוב, און דער הפֿקר — זיין מוטער, וואָס האָט אים אויפֿגעצויגן. וואָס איז אַ רעגן, אַ שטורעם? זיין לייב איז געווען ווי אויסגעקנאָטן פֿון ווינט מיט רעגן. דאָס בלוט זיינס — צעמענט, זיינע אָדערן — פֿון אייזערנע דראָטן — האָבן געגוג געוויטער אויסגעהאַלטן. אין וואָס פֿאַר אַ זאַווערוכעס און שנייען האָט ער זיך שוין נישט געבאָדן?

ווי טיף דער רעגן האָט זיך נישט איינגעגעסן אין זיינע ביינער מיט דער דעמפּקייט, וואָס האָט אַרומגענומען די לייבער, ווי אַ פּאַרע, האָט דאָס אים געאַרט, ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי. ביינאַכט, ווען עס האָט געכליאַפּעט אויפֿן ביידל, דאָס בעטל איז געזונקען אין דער בלאָטע, האָט ער געצויגן די אויסגעווייקטע קאָלדרע איבער זיך און דורכגע־שנאָרכט די נאַכט. אינדערפֿרי איז ער אויפֿגעשטאַנען אַ פֿרישער, אַ לעבעדיקער, — אַבי דאָרטן נישט ווייט שטייט חברטע שרהס געצעלט, וואו מען קאָן קריגן אַ טעפּל וואַרעמס און עס אין די קאַלטע געדערים אַריינגיסן, און דאָרטן — דער „צריף“, אין וועלכן עס שלאָפֿט איצטער זיין לאה מיט נאָך אַ פּאָר בחורות. און ער ווייסט אויך אַז דער קליינער יאַטל, וועלכער געפֿינט זיך איצט ביי דער מוטער אין די געדערים, ווען עס וועט אַרויסקומען אויף דער ליכטיקער שיין, וועט האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ. זיין דאַך, זיין צריף! מיט אַ שפּאַדל איבערן קאָפּ וואָלט ער געגעבן דעם, וועלכער וואָלט געוואַגט איצט דאָס לאַנד, וואָס זיי האָבן אָפּגערייניקט, ביי אים צוצונעמען. עס איז זיין היים מיט אַלע חברים בשותּפֿות. פֿיל האָט ער טאַקע אין דער שותּפֿות נישט אַריינגעלייגט, ער

האָט אָבער אַרײַנגעלעגט אַזוי פֿיל ווי פֿל די אַנדערע, און ער איז גרייט אַרײַנצולייגן דערין זײַנע פֿאַר הענט און זײַן ביסל כּוחות — וויפֿל עס וועט סטאַיען! און ער פֿילט, אַז ער איז קונה דאָס שותּפֿות דורך זײַן אַרבעט. און אַרבעטן וויל ער, ווייל ער אַרבעט נישט פֿאַר קיין פֿרעמדע, נאָר פֿאַר זיך און פֿאַר דעם קליינעם יאַטל שוין... וואָס גייט אים אָן רעגן, בלאָטע?

פֿון אַ גאַנץ אַנדערן טייג איז געקנאַטן זײַן געצעלט־חבר און זײַן אַרבעטס־חבר, זײַן קבוצה־ברודער הערשל פּערלמאַן, וואָס האָט זיך דאָ דעם נאָמען איבערגעמאַכט אויף ריין לשון־קודש — צבי בעל־מרגליות. חברים רופֿן אים אין שפּאַס צביעלע, ווייל צבי אַליין פּאַסט נישט פֿאַר אים, צוליב זײַן וואוקס און אויסזען, וואָס בעטן זיך צו פֿאַרקלענערן זײַן נאָמען.

צבי בעל־מרגליות איז אַליין אַן אינטעליגענט, אַ משׂכּיל און אַ ציוניסט פֿון זײַן קינדהייט, און ער איז אַ זון פֿון אַן אינטעליגענט, אַ משׂכּיל און אַ ציוניסט. מיט זײַן מוטערס מילך, קאָן מען זאָגן, האָט ער אײַנגעזויגן אין זיך דעם ציוניזם. זײַן פֿאָטער, דער שניט־סוחר אין דער פּוילישער פּראָווינץ־שטאָט האָט געחלומט זײַן גאַנץ לעבן אַוועקצוּוואַרפֿן די קראָם, צו גיין קיין ארץ־ישׂראל און אַוועקשטעלן זיך מיטן שפּאָדל און רידל אויף „ציונס ערד" און צו זינגען „ציונס לידער".

די פּרנסה, דאָס ווייב און קינד און די וועקסעלעך האָבן אים געהאַלטן צוגעבונדן מיט אײַזערנע קייטן צום געוועלב, אָבער חלומען האָט ער געקאָנט. איז ער געשטאַנען, משה־אריה, דער גרויסער משׂכּיל פֿון שטעטל, הינטער דעם קרעמער־טיש, האָט אָפּגעמאָסטן פֿאַר פּויערטעס און ווייבער שניט־סחורה, און געחלומט וועגן שניט־צײַט אין ארץ־ישׂראל. עס איז בײַ אים אין הויז געווען אַ זאַמלפּונקט פֿון ציוניסטן און משׂכּילים פֿון זײַן שטעטל, בײַ אים האָט מען געקאָנט געבן אַ כאַפּ אַ קוק־אַרײַן אין דער „הצפֿירה", וואָס ער האָט אויסגעשריבן, און אַ שמועס־טאָן מכּוח חיבת־ציון, פֿון וועלכן ער האָט געהאַט אַ ידיעה. ער איז אַפֿילו בימי רוסלאַנד געזעסן צוויי וואָכן אין דעם שטאָטישן קאַרצער צוליב זײַן „ציוניסטישער משוגעת", ווי זײַן ווייב האָט עס אָנגערופֿן. ער האָט זיך געשוואוירן, אַז אָט אין אַ ליאַדע טאָג, ווען עס טרעפֿט זיך אים נאָר אַ קונה אויפֿן געוועלבל, מאַכט ער איינס־און־צוויי — און ער איז שוין נישטאָ. אָבער די פּרנסה, דאָס ווייב און קינד, און דער עיקר — די וועקסעלעך, וואָס ער האָט געהאַט צו צאָלן, האָבן אים געהאַלטן צוגעשמידט צום גלות.

דערפֿאַר אָבער האָט ער זיין עלצטן זון הערשל, אָדער צביעלע, ווי זיין פֿאָטער האָט אים שוין גערופֿן אויפֿגעהאָדעוועט פֿאַר „אַן ערד־אַרבעטער פֿאַר ארץ־ישראל". דאָס הייסט ער האָט אים נאָך קינד־וויז אַריינגעגעבן אין אַ „חדר־מתוקן", דעם ערשטן און איינציקן אין שטעטל, וואָס אַ ליטווישער מלמד האָט אויפֿגעעפֿנט, אויף דער געפֿאַר דאָס גאַנצע שטעטל, חלילה, אָפּצושמדן... ווען צביעלע האָט געענדיקט דעם חדר־מתוקן, האָט זיך דער פֿאָטער געקליבן אים צו שיקן אין גימנאַזיע קיין יפֿו. דערווייל האָט ער דעם פֿאָטער געהאָלפֿן אין געשעפֿט און געגרינדעט אין שטעטל דעם ערשטן ציוניסטישן יוגנט־פֿאַראיין.

בינו־לבינו איז די מלחמה אויסגעבראָכן, ארץ־ישראל איז געווען פֿאַרמאַכט.

דערפֿאַר אָבער איז צביעלע געווען אַ פֿאַרברענטער ציוניסט אין דער היים, האָט זיך געהאַלטן אין איין צוגרייטן צו ווערן אַ „חלוץ אין ארץ־ישראל", אַ חלוץ אָדער אַ שומר. ער האָט געלייענט העברעאישע ביכלעך און פֿאַרשפּרייט זיי אין שטעטל, געגרינדעט אַ חברה „חובבי שפֿת עבר" און געגעבן לעקציעס אויף העברעאיש אין די אָוונט־שטונדן בחינם.

ער האָט געשאַפֿן אַ מאַסע נייע ווערטער, געשריבן שירים און עטלעכע קאָרעספּאָנדענציעס אין דער „הצפֿירה", און איז באַקאַנט געוואָרן ווי דער סופֿר פֿון שטעטל.

באַלד נאָך דער מלחמה, ווי נאָר דער וועג קיין ארץ־ישראל איז צוריק פֿריי געוואָרן, איז צביעלע, מיטן פֿאָטערס ברכה אָראָפּגעפֿאָרן צוצוגרייטן אַ היים פֿאַר דער משפּחה. אין ארץ־ישראל אָבער איז צביעלע געוואָרן אַ גאַנצער אַרבעטער־פֿירער. נאָך אין דער היים האָט ער געהערט צו די „פּועלי־ציון". צביעלע האָט מקיים געווען מצוות אַרבעטער אין אַ פּאָר קאָלאָניעס ביי פּרדסים אין דער סעזאָן־אַרבעט. געלעבט האָט ער אָבער דערפֿון וואָס דער טאַטע האָט צוגעשיקט חיונה פֿון דער היים. געאַרבעט האָט ער נאָר פֿון צייט „לשם שמים", „צוליב דער הייליקייט פֿון דער אַרבעט", אָבער דערפֿאַר האָט ער מאמרים געשריבן איבער אַרבעטער־פּראָבלעמען. צבי בעל "מרגליות איז געוואָרן אַ גאַנצער עקספּערט איבער אַרבעטער," און נאַציאָנאַלע־פֿראַגן, געווען אַ ידען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, אינטערעסירט זיך מיט די ציוניסטישע פּראָבלעמען, געלייענט איבער סאָציאַל־עקאָנאָמישע ענינים, גענומען אַ וואָרט בעל־פּה און בכתב (לשון־קודש האָט ער

געקענט — אַ געוואָלד!) איבער די פֿראַגן, וואָס זיינען דעמאָלט דיסקו־טירט געוואָרן אין די ציוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטייען — וועגן דער געשטאַלטונג פֿון די צוקונפֿטיקע ייִדישע ישובים: צי פּריוואַטע איניציאַטיוו אין אייגענערווירטשאַפֿט, צי מיט בשותּפֿותדיקער הילף, אָדער גאָר קאָלעקטיוון, קבוצות לויטן שטייגער פֿון כּנרת. ער האָט דאָס געשטורעמט איבער דעם „אויסלייז דורך אַרבעט", איבער דער „רעליגיע פֿון אַרבעט"! דאָס וואָרט „אַרבעט" איז נישט אַראָפּ פֿון זיין מויל און האָט נישט פֿאַרלאָזט קיין איין טראָפּן פֿון זיין פֿעדער. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען אַ מיטגליד אין גדוד פֿון ערשטן טאָג אָן, ווען ער איז געגרינדעט געוואָרן. און ווען כאַימאָוויטש איז געגאַנגען גרינדן דעם גרויסן קיבוץ, וואו דער קאָלעקטיוו זאָל אַריינעמען אַ ברייטע מאַסע, וועלכע זאָל טראָגן די זאָרגן איבער אַלע נויטן פֿון דעם קיבוץ, און מען האָט זיי אויף פֿראַבע איבערגעגעבן דעם עמק אויסצוטריקענען, האָט זיך צבי מרגליות באַלד אָנגעשלאָסן.

ער איז געווען פֿון די ערשטע ענטוזיאַסטישע טוער אין דער קבוצה, איינער פֿון די ראש־המדברים אויף אַלע פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער קבוצה (לשון קודש האָט ער גערעדט ווי אַ וואַסער!) ער האָט גענומען אַ שטעלונג אין אַלע פּראָבלעמען און ענינים, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער פֿאַרזאַמלונג פֿון דער קבוצה — פֿון אויסצואַרבעטן דעם פּלאַן פֿאַר דער מאַרגנדיקער אַרבעט, פֿון פּראָבלעם וועגן פֿאַר־גרעסערן חברטע שרהס געצעלט, ביז דער צוקונפֿטיקער קאָלעקטיווער קינדער־דערציאונג.

אין די ערשטע טעג פֿון טריקענען די בלאָטעס איז צבי בעל־מרגליות געווען איינער פֿון די בעסטע אַרבעטער. ער האָט מיט זיין אייפֿער אָנגעשטעקט די אַנדערע חברים. ער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט אַזאַ ברען און פֿייער, ווי עס וואָלט זיך געווען געהאַנדלט ביי אים אין אַן אַרטיקל פֿאַר דער צייטונג אָנצושרייבן — אָפּגעשריבן און אויס!

ער איז געווען פֿון די ערשטע, וואָס האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, פֿון די לעצטע אָפּצולאָזן אַ האַרא טאַנץ. אין אַ וואָך צייט אַרום אָבער, ווען מען האָט געהאַלטן אין איין קריכן אין די גריבער און מען האָט נאָך גאָרנישט אָנגעזען, איז ער אַ ביסל מיד געוואָרן. ער האָט געשלעפּט די קאַנען מיט בלאָטע פֿון די גריבער לאַנגזאַמער און איז געווען אויך איינער פֿון די ערשטע וואָס האָבן זיך אויף פֿאַרזאַמלונגען געקלאָגט איבערן עסן. אָבער דאָך איז דער ברען און פֿייער פֿון דער אַרבעט, און נאָך מער

ביי די האָראַ טענץ, געווען אין לשער. אַז די אַרבעט האָט אָנגעהאַלטן פֿיר וואָכן, זעקס וואָכן, און קיין ענדערונג איז נישט געקומען, האָט זיך צבי בעל־מרגליות געמאָלדן אַ פּאָר מאָל קראַנק און איז געבליבן אין געצעלט איבערן טאָג. שפּעטער איז ער אַביסל אויפֿגערוימט געוואָרן, ווען מען האָט דעם ערשטן אַקער איבערגעפֿירט איבער דער ערד, ער האָט צו דער געלעגנהייט אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטן אַרטיקל, מיט פֿיל פּאָעזיע אין דעם, וואָס ער האָט אַדורכגעלייענט פֿאַר די חברים, איידער ער האָט עס אָפּגעשיקט צום דרוקן.

אָבער זינט עס זיינען געקומען די רעגנס, איז צבי מרגליות געוואָרן אויס מענטש. נאָך איינער, צוויי נעכט נישט שלאָפֿן און כאַפּן די נאַסע קאָלדרע אויף זיך און אַנטרינען אונטער דעם דעכל פֿון חברטע שרהס געצעלט, איז ער אויפֿן צווייטן טאָג געווען שלאַבעריק, די ביינער פֿייכט און פֿויל, און ער האָט געמוזט גאַנצע טעג ליגן אויפֿן בעטל. מען האָט עס טאַקע אויף אים אָנגעזען אויך. זיין קליינער אויסגעהויכטער גוף, איבער וועלכן די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, אין איין פּאַשן און קאָרמען קליינערהייט, איז אויסגעמאָגערט געוואָרן. אויך אַנדערע זיינען אויסגעמאָגערטע געווען, אָבער פֿון אונטער זייער הויט האָבן אַרויסגעקוקט גלידער און ביינער. ביי אים איז דאָס אויך נישט געווען, און דער עיקר — ער האָט פֿאַרלוירן דעם מוט, וואָס מען האָט אָנגעזען פֿון זיין האַלטן זיך. אויף די אַסיפֿות האָט ער שוין ווינציקער גענומען דאָס וואָרט, און האָט ער גענומען אַ וואָרט איז עס שטענדיק געווען נאָר צו קריטיקירן און פּרעטענזיעס צו האָבן.

ער האָט זיך געשעמט פֿאַר די חברים, און עס האָט אים אויך ווייגעטאָן, וואָס ער איז אַזאַ ווייכער, ער קאָן נישט אַזוי אויסהאַלטן, ווי די אַנדערע. און אָט האָט ער זיך היינט איינגעפֿרי, נאָכדעם ווי דער רעגן האָט די נאַכט נישט געגאָסן, געמאָלדן צו דער אַרבעט און איז אַוועק מיט זיין געצעלט־ברודער, חבר שלמה, אין עמק אויסצוטריקענען ווייטער די בלאָטעס.

זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך ברויט אויף איבערן טאָג, וואָרים זיי וועלן נישט קאָנען אַהיים קומען צום עסן, עס וועט זיך נישט לוינען, עס האָט ביי זיי גענומען אַ שעה צייט איידער זיי זיינען צוגעקומען צום פּלאַץ פֿון דער אַרבעט. באַלד נאָך די ערשטע רעגנס האָט זיך דער גאַנצער שטח פֿון עמק, וועלכן זיי האָבן אָפּגערוימט, פֿאַרוואַנדלט אין איין קלעפּיקער בלאָטע. איבער דעם טייל, אויף וועלכן עס זיינען נאָך געוואַקסן די ווילדע גראָזן, האָט מען ווי־עס־איז נאָך געקענט שפּרייזן, אָבער די

אויפֿגערוימטע באַאַרבעטע ערד איז פֿון רעגן אַזוי צעווייקט געוואָרן, אז מען איז געזונקען אין דער בלאָטע ביז איבער די קני. די פֿייכטע בלאָטעס האָבן פֿאַרפֿלייצט דעם גאַנצן מקום, פֿון דעם ווייטן עמק ביז אין „משק״ אַריין און זיינען אויך אַריין אין די געצעלטן. פֿון פֿרימאָרגן אָן, ווען מען האָט נאָר אַראָפּגעשטעלט אַ פֿוס פֿון בעט אַראָפּ, איז מען גלייך געזונקען אין דעם פֿייכטן שליים, וואָס איז געווען ארום בעט, און עס איז נישט געווען וואו איין טריט צו שטעלן — סיי אין דרויסן, סיי אין געצעלט און סיי אין דער קיך — אויף אַ טרוקן אָרט. ביי דער אַרבעט, ביים עסן און אַפֿילו ביינאַכט אויפֿן בעטל איז מען געזונקען אין פֿייכטקייט.

אַ חוץ דעם, האָט נאָך מער ווי דער עצם־רעגן, די פֿייכטע לופֿט פֿון חלל דורכגעזאַפּט די קליידער, אַריינגעביסן זיך אין די לייבער. שטענדיק זיינען די בלוילעך־אַשיקע וואָלקנדלעך, באַלאָדן מיט וואַסער, געהאַנגען האַרט איבער דער ערד ווי לאָגלען מיט וואַסער, און מען האָט קיינמאָל נישט געקאָנט וויסן, ווען עס וועט זיך זיי פֿאַרגלוסטן אויסצולײדיקן זייערע אָנגעלאָפֿענע באַלאָנען און גיסן וואַסער איבער די מענטשנס קעפּ. מיט אַ מינוט פֿריער איז טרוקן געווען, מען איז געזעסן אויף דער באַנק האַלב אין געצעלט, האַלב אין דרויסן, מיט די טעפּלעך טיי אָדער טעלער געקעכץ. און קוים זיינען די טעלער האַלב אויסגעלעפֿלט געוואָרן, האָבן זיי זיך אָנגעפֿילט מיט וואַסער. דאָס לעבן איז נמאס געוואָרן און עס איז פֿאַרגעסן געוואָרן יעדע פֿרייד פֿון שאַפֿן. די אידעאַלן זיינען אויסגעוועפּט געוואָרן, עס איז נאָר איבערגעבליבן דאָס קלאָגעדיקע לעבן אין אַ נאַסן און דאַכלאָזן דרויסן.

מערסטנס האָבן געליטן די אינעליגענטן, די שטוב־מענטשן. זיי זיינען נאָך אַ וואָך רעגענען געבליבן זיצן אין אַ מעמד, ווי זיי וואָלטן פֿאַרלוירן דאָס געפֿיל פֿון צו זיין מענטשן, ווי זיי וואָלטן פֿאַר־וואַנדלט געוואָרן אין בהמות, וועלכע לעבן אין דער בלאָטע. זיי האָבן געלעכצט נאָך אַ באַשיצונג, נאָך פֿיר ווענט, נאָך אַ טרוקן שטיקל באָדן, אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואָס זאָל זיי פֿון דער גאָס אַהיימנעמען...

גייען זיי דאָ, די צוויי חברים, שלמה מאָראַווסקי און צבי בעל מרגליות, מיט זעק איבער די קעפּ פֿאַרהוילן, דאָס ברויט אויף אַ גאַנצן טאָג אין פּאַפּירן איינגעוויקלט און אין דער קאַן באַהאַלטן, פּאַפּיראָסן — אין טאַש, די כּלים — אויפֿן אַקסל.

זיי גייען? זיי קריכן. מיט איין פֿיס זינקט מען אַריין אין דער קאַ־לוזשע, דעם אַנדערן שלעפּט מען אַרויס. שלמהן אַרט נישט וואו ער טרעט. עס קוקט אויף אים חבר צבי מרגליות און זעט, ווי זיינע ברייטע

מוסקולדיקע אָרעמס שטאַרצן אַרויס פֿון דעם זאַק, און מיט זיינע שטאַרקע פֿיס טרעט ער אין דער בלאָטע, און ער איז אים מקנא. פֿאַרוואָס האָט מען אים אויך נישט אַזוי דערצויגן, מיט אַזעלכע פּלייצעס? פֿאַרוואָס האָבן אים זיין פֿאָטער און מוטער נישט געגעבן אַזעלכע מוסקולדיקע הענט און אַזעלכע שטאַרקע פֿיס? אַנשטאָט דעם האָבן זיי אים ביכלעך געגעבן.

און צום ערשטן מאָל פֿאַלט־איין צבי מרגליותן, אַז אין וואָס ארץ־ישראל נויטיקט זיך צום בעסטן, איז נישט קיין ביכלעך, נאָר אין שטאַרקע מוסקולירטע הענט און פֿיס און קרעפֿטיקע לייבער, דער רעגן זאָל זיי נישט אַרן.

„אַ שיינער געדאַנק!" — טראַכט זיך בשעת מעשה צבי מרגליות און קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פֿון שרייבערשער תאווה. ווי קאַלאָמוטנע עס איז אים נישט אויפֿן האַרצן. — „מען וועט עס דאַרפֿן אַרויסזאָגן אין אַן אַרטיקל".

אָנגעקומען נאָך אַ שעה דרעפּטשען, אויפֿן אָרט פֿון דער אַרבעט, מאַכט חבר שלמה נישט קיין לאַנגע שהיות, וואַרפֿט אַראָפּ פֿון זיך דעם זאַק, וויקלט אין אים איין דאָס ברויט מיט דער פֿלאַש געקאָכטן טיי, און אַזוי ווי ער שטייט־און־גייט, אין די אויפֿגעפּראַלטע צעריסענע שיך, גיט ער אַ שפּרונג אַריין אין דעם מיט וואַסער אָנגעפֿולטן ראָוו און הויבט אָן מיט זיינע מוסקולדיקע לאַפּעס צו שאַפֿלען און אַרויסוואַרפֿן די בלאָטיקע ערד פֿון גרוב אַרויס.

צבי בעל־מרגליות שטייט נאָך פֿון דרויסן, עס גלוסט זיך אים נישט דעם זאַק פֿון קאָפּ און פּלייצעס אַראָפּצונעמען. דער זאַק איז די איינציקע טרוקענע מחיצה צווישן זיין לייב און די טריפֿנדיקע טראָפּנס, וואָס פֿאַלן איצטער פֿון אַ פֿאַרביי־גייענדיקן וואָלקן.

חבר שלמה מאַכט זיך ווייניק־וואָס פֿון דעם. די וואַסער טראָפּנס פֿאַלן אויף זיינע נאַקעטע פּלייצעס און רינען אַראָפּ איבער זיי. ווי זיין לייב וואָלט נישט באַשטאַנען פֿון מענטשן־פֿליש, נאָר פֿון אייזערנע פּלאַטן. דער רעגן קלאַפּט אין זיי און פֿאַלט צוריק. שלמה מוראַווסקי באַמערקט זיין חבר דעם פּוליאַק, ווי ער שטייט און שפּרינגט־אונטער פֿון איין פֿיס אויף דעם אַנדערן, פּרוּווט נעמען דעם שפּאַדל, איינצושניידן זיך אין דער פֿייכטער ערד און גליטשט זיך אַראָפּ נאָכן שפּאַדל אין ראָוו אַריין.

— וואָס איז, חבר? — זאָגט שלמה — וואָס שטייסטו און מעלקסט די וואָלקנס? דאָ האָסטו אַ קאָן מיט גאָלד, כאַפּ עס אויף און שיט עס אויס — דערלאַנגט אים חבר שלמה פֿון דעם ראָוו אַרויס אַן אָנגעפֿילטע קאָן מיט בלאָטע.

— און איך זאָג, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט, דער וועד, די חברים אַרויסצונעמען אין עמק אַריין, איידער די אַראַבער האָבן נישט די כאַנעז אָפּגערוימט. שוין אַכט טעג, ווי מיר שטייען אין רעגן און מיר האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ, וואו זיך צו שיצן! — פּלאַצט אַרויס חבר צבי בעל מרגליות.

— וואָס האָבן זיי נישט געהאַט קיין רעכט? אפשר האָבן זיי באַדאַרפט פֿאַר דיר אַ פּלאַץ אָנגרייטן, מיט דיוואַנען און גאַרדינען, ווי ביי דיין מאַמען אין דער היים, איידער זיי האָבן דיך אין עמק פֿאַרבעטן? כאַפּ, חבר, די קאָן מיטן אוצר, כאַפּ, און רעד קיין סך נישט. דאַנק גאָט דערפֿאַר, אָט קומט אָן אַ שוואַרצער אָדלער, ער וועט דאָס עפּעס איבערלאָזן אונטער זיך, — זאָגט חבר שלמה און ווייזט אָן אויף אַן אָנציענדיקן שוואַרצן וואָלקן.

אָפּגעאַרבעט אַ האַלבע שעה, עס ווערט טונקל. מען קוקט אויפֿן הימל, עס האָט זיך געדיכט אָפּגעלייגט אַ געוועלב פֿון וואָלקנס. און איידער די חברים האָבן נאָך צייט געהאַט איבערצוקלערן, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען, כליאָפּן שוין אויף זיי צעבערס מיט וואַסער.

מיט איין שפּרונג איז חבר שלמה אַרויס פֿון גרוב. ער כאַפּט דעם זאַק און שלעפּט אַרונטער דעם דערשראָקענעם, טרייסלענדיקן חבר צבי אונטער אים, דאָס ברויט צום נאַקעטן לייב פֿאַרשטעקט אונטער דעם אָרעם, קנייפּט אָפּ אַ שטיק, און אונטער דעם זאַק און אונטער דעם רעגן אַ כאַפּ אין מויל אַריין און דערלאַנגט אַ שטיק ברויט דעם חבר צבי בעל מרגליות און זאָגט מיט אַ פֿול מויל:

— נאַ, קיי, עס איז אַ סגולה פֿאַרן רעגן!

— מען באַדאַרף וואַרפֿן די אַרבעט און אַהיימגיין — זאָגט חבר צבי. — סיי־ווי־סיי קאָן מען דאָ גאָרנישט אויפֿטאָן.

— פֿאַרוואָס? וואָס ביסטו, פֿון צוקער? דער וואָלקן וועט באַלד פֿאַרבייגיין, ביי דער אַרבעט וועלן מיר זיך דערוואַרעמען און זיך אויסטריקענען.

חבר צבי שטייט צוגעדריקט ביי אַ זייט פֿון חבר שלמה, וואַרעמט זיך אין זיין קערפּער, פֿון וועלכן אַ געזונטע פּאַרע שלאָגט אַרויס, און ציטערט פֿון קעלט.

—ניין, זיי האָבן נישט געהאַט קיין רעכט מענטשן אַרויסצוברענגען אין פֿעלד אַריין אָן באַשיצונג. איך וועל היינט מאַכן אַ פֿאָרשלאָג, אַז חבר כאַימאָוויטש זאָל קיין ירושלים פֿאָרן און זען, דער וועד זאָל פּועלן, אַז די אַראַבער זאָלן עוואַקואירן דעם פּלאַץ, אָדער באַראַקן פֿאַר אונדז אויפֿשטעלן, אַנישט זאָלן מיר פֿאַרלאָזן דאָס אָרט ביז איבער די רעגנס.

— וואָס פֿאַרלאָזן? — שרייט חבר שלמה מיט אַ פֿול מויל פֿון ליטער כּעס.

— די קבוצה.

— די קבוצה? — וואָס ביסט משוגע געוואָרן?

חבר שלמה איז אַזוי בייז געוואָרן, אַז ער האָט נישט געוואָלט מער שטיין מיט חבר צבי בעל מרגליות אונטער איין זאַק. ער איז אַרויס פֿון זאַק, דאָס ברויט צוגעדריקט צום לייב און האָט אונטערן רעגן געגעבן אַ שפּרונג אַראָפּ אין גרוב אַריין און אַרויסגעשריען פֿון אונטערן רעגן צום באַדעקטן חבר צבי בעל מרגליות:

— חבר צבי, גיי דיר אַהיים. איך וועל שוין די אַרבעט אַליין טאָן. סיי־ווי־סיי ציטערסטו ווי אַ פֿיש. די מאַמע האָט דיך צו־ווייך געמאַכט.

חבר צבי האָט אים געפֿאָלגט.

אין אָוונט איז פֿאָרגעקומען אַן אסיפֿה. אין דער חברטע שׂרהס געצעלט אונטערן דאַך איז געשטאַנען דאָס פּרעזידיום, און וויפֿל עולם עס האָט געקאָנט אַריין. די איבעריקע זיינען געווען אויף דער גאַס אינדרויסן. חבר צבי בעל מרגליות האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע אין בעסטן לשון־קודש, ווי ער האָט נאָר געקענט, אין וועלכער ער האָט אויפֿגעבויט אַ לאַנגן באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דעם וועד, וואָס איז געווען אַזוי אומפֿאַרזיכטיק אַרויסצוברענגען מענטשן אין פֿעלד אַן באַשיצונג. און ער האָט פֿאַרענדיקט זיין רעדע מיט דעם פֿאָרשלאָג, אַז מען זאָל שיקן שלוחים קיין ירושלים מיט אַ שטרענגן אולטימאַטום: אָדער אַראַבישע היזלעך, אָדער צריפֿים, און דאָס טאָקע באַלד. און ביז די כאַנען וועלן ווערן אָפּגערייניקט, זאָל די אַרבעט אָפּגעשטעלט ווערן, די חברים זאָלן גיין אין שטאָט אַריין אויף פֿאַרדינסט. אין דער קבוצה זאָל נאָר איבער־בלייבן אַ קליינער קיבוץ אויף שמירה.

דער פֿאָרשלאָג האָט אַרויסגערופֿן גרויס אויפֿרעגונג. אַ סך חברים זיינען געווען גענייגט אַנצונעמען דעם פֿאָרשלאָג, וואָרים עס איז זיי מיאוס געוואָרן צו בלייבן אין די בלאָטעס.

חבר שלמה, וועלכער איז געשטאַנען אינדרויסן, האָט מיט שטורכעס פֿון זיינע שטאַרקע עלנבויגנס זיך דורכגעאַרבעט אַ וועג צווישן די לייבער פֿון די חברים און אַריינגעריסן זיך אין געצעלט, פֿאַרוואָרפֿן מיט דער האַנט זיין אַראָפּפֿאַלנדיקע טשופּרינע, האָט געגעבן צוערשט אַ גוטן שנאָרך מיט דער נאָז, דערנאָך זיך אָנגערופֿן האַלב פֿאַרשעמט, וואָס ער איז פּלוצלינג אָנגעקומען פֿון אויבן־אָן.

— וועט איר מיך לאָזן רעדן אַ פּאָר ווערטער אויף פּראָסט יידיש, וועל איך אייך עפּעס זאָגן!

נאָך אַ שקלא וטריא האָט מען געלאָזט רעדן דעם חבר שלמה אַ פּאָר ווערטער אויף יידיש.

— איך ווייס נישט וואָס דער חבר האָט דאָ געזאָגט. איך פֿאַרשטיי נאָך נישט גוט קיין לשון־קודש. מען האָט מיך קליינערהייט נישט געלערנט. נאָר אויב עס איז דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט היינט אינדרויסן ביי דער אַרבעט, וועל איך זאָגן אָט־וואָס: ווער עס וויל גיין, דער קאָן גיין! מיר וועלן זיך נישט רירן פֿון אָרט, מעג דונערן און בליצן! צי איז עס אונדזער היים, צי נישט? פֿון דער היים אַנטלויפֿט מען נישט דערפֿאַר, ווייל עס רעגנט אַריין דורך דעם דאַך. מען שטעלט אונטער אַ פּאָר שיסלען און דאָס איז אַלץ.

נאָך אַ היילע האָט דער עולם זיך געכאַפּט, וואָס שלמה האָט געזאָגט, און מען האָט אים אַפּלאָדירט, און עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען. חבר שלמה האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, נאָר חברטע לאה, מיט דעם גרויסן בויך שוין פֿראַנק און פֿריי, איז צוגעקומען, האָט איהם אונטערן אָרעם גענומען און געזאָגט אים: „גענוג!". איז ער שטיל געוואָרן.

אויפֿן צווייטן טאָג האָט אַ גרופּע אינעליגענטן פֿאַרלאָזט די קבוצה. עס האָט געהייסן, אַז זיי גייען אויף אַרבעט אין שטאָט אַריין און נאָכן רעגן־סעזאָן וועלן זיי צוריקקומען. אָבער אַ טייל פֿון זיי איז קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען, און צווישן זיי איז אויך געווען דער חבר צבי בעל מרגליות.

קאַפּיטל 12

יאָסל יודקעוויטש הייליקט דעם עמק

עס איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. אין פּעלד האָט מען מער נישט געקאָנט אַרויסגיין, דער גאַנצער באַאַרבעטער טייל פון עמק איז געשטאַנען אונטערן וואַסער, און איבער אים אַדורכגיין צום ניט־באַאַרבעטן טייל האָט גענומען שעהן לאַנג. אָבער אין דער היים זיין האָט מען אויך נישט געקאָנט, עס איז פשוט נישט געווען קיין היים. די טראָגעדיקע חברטעס האָט מען געהאַלטן אין איין באַראַק, די קראַנקע זיינען געלעגן אין אַ צווייטן באַראַק.

חבר יאָסל יודקעוויטש איז שוין די לעצטע וואָך נישט אַראָפּ פון בעטל, און מען האָט געטראַכט אים אַוועקצופירן אין שטאָט אַריין. נאָר מען האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי, ווייל ער איז פון דער מאַלאַריע־היץ אַזוי אויסגעצערט און דין געוואָרן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט אַ בחור, נאָר אַ קינד — אַריינגעוואָרפן אין אַ צו־גרויסן סוועטער — ליגט צו־געדעקט מיט פיל קאָלדרעס אויפן בעטל און ציטערט.

אויך אין די באַראַקן האָט דער ערדישער באָדן איינגעזאַפּט אין זיך דאָס וואַסער פון דרויסן. אָבער מען האָט זיך דאָך דאָך אונטערן דאַך געפונען. די אַנדערע חברים האָבן אָבער קיין דאַך נישט געהאַט, וואו צו באַהאַלטן זיך. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו טריפן, און דאָס וואַסער איז אויפן בעטל אַרויפגעפאַלן, האָט מען ליבערשט געוואָלט נאָס ווערן אַ שטייענדיקער און באַוועגלעכער, איידער אַ ליגנדיקער; איז מען געקומען אין קיך אַריין, איז זי שטענדיק געווען איבערפילט מיט מענטשן, אַלע מיט לאַנגע באַוואַקסענע בערד, און בלאָטיקע שיך און אָפּגעריסענע קליידער, — אַז מען האָט געמאַכט דעם איינדרוק איינער אויפן צווייטן נישט ווי חברים פון אַ קיבוץ, נאָר ווי די באָסיאַקעס, ווי אַרויסגעוואָרפענע אויף דער גאַס. עס איז איבערדריסיק געוואָרן איינער דעם אַנדערן אויף די נעזער צו ליגן. יעדן טאָג איז אַן אַנדערע גרופּע געגאַנגען אין שטאָט אַריין אויף פאַר־דינסט; אָבער ווער ווייסט — וואָס דער סוף וועט זיין? אַלע אויסגע־

פרואוטע חברים זייגען אַנמוטיק געוואָרן, געפֿאַלן פֿון די כּוחות און פֿאַרלוירן דעם קוראַזש. בחינם האָט אין די אָוונטן מענדל שוסטער געפּרואווט אויפֿהויבן די שטימונג און אויפֿגעפֿאָדערט צו טאַנצן אַ האָרע; אָבער גיי טאַנץ, אַז די פֿיס בלייבן שטעקן אין אַ קאַלוזשע וואַסער!

ווי מען האָט געקאָנט, האָט מען געפּרואווט זיך באַהאַלטן איינער פֿאַרן אַנדערן, איינגענאָרעט דאָס פּנים אין אַן אַלטער צייטונג, אין אַ בוך, אָדער דיסקוטירט און זיך אונטערגעגעבן חשק מיט אויסלייגן פּלענער וועגן נייע אַרבעטן, וועגן פֿלאַנצן ווייַנשטאָקן און פּרוכט־גערטנער אין דער צוקונפֿט.

נאָר צוויי האָבן נישט געוואוסט, וואָס עס הייסט אַנמוטיק זיין.. חברטע שרה איז, ווי איר געוואוינהייט, געווען אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט פֿאַרנומען. זי האָט אויף קיין איין רגע נישט געהאַט קיין צייט צו באַטראַכטן, צי אין דרויסן איז טרוקן אָדער פֿייכט, זי איז פֿאַרנומען געווען מיט איר טאָג־טעגלעכער אַרבעט אין דער קיך, כּדי צוצוגרייטן דאָס טעגלעכע געקעכץ, די פּראָוויאַנטן צו באַזאָרגן: זי האָט אַן אויג אויף דער וועשעריי; ווייטער איז איר צוגעקומען מער אַרבעט אין שפּיטאָל. דריי חברים האָבן זיך געפֿונען אין די בעטן, אַ חוץ אַ פּאָר, וואָס זייגען אַרומ־געגאַנגען און האָבן געפֿיבערט. מער פֿון אַלעם האָט אָבער פֿאַרשאַפֿט זאָרג דער קליינער יודקעוויטש. זינט דריי טעג עסט ער נישט. חברטע שרה האָט אים מיט געוואַלט געצוואונגען אַראָפּצושלינגען די הייסע מילך, וואָס מען האָט נאָך אַלץ פֿון די אַראַבישע שכנים געקויפֿט. אָבער זינט נעכטן וויל ער אַפֿילו די מילך נישט טרינקען; ער ליגט איבע־געדעקט מיט די קאָלדרעס איבערן קאָפּ, שוויצט אַ שרעק און פֿיבערט פֿאַר קעלט. זי האָט נאָך געזאָגט, איידער די רעגנס זייגען געקומען, אַז מען באַדאַרף דעם קליינעם יודקעוויטש אַריבערפֿירן אין שטאָט אַריין. האָט, ערשטנס, דעמאָלט, קיינער קיין צייט נישט געהאַט דערצו, און צווייטנס, איז די סכּנה גאָרנישט געווען אַזוי גרויס, ער האָט געפֿיבערט ווי אַלע אַנדערע. אָבער זינט די רעגנס האָבן זיך אָנגעהויבן, האָט ער זיך אַ רוק־געגעבן. ווען זי האָט נאָר אַ מינוט צייט, לויפֿט זי איבער די בלאָטעס אַריין אין שפּיטאָל־באַראַק, זעצט זיך אַוועק לעבן דעם חבר יאָסל, מעסט אים די היץ, גיט אים כינין צו שלינגען און דערמוטיקט אים מיט אַ גוט וואָרט וועגן דער אַרבעט, מיט וואָס חבר יאָסל הערט זיך נישט אויף צו אינטערעסירן אין זיין קראַנקהייט. חברטע שרה פֿאַרנאַכלעסיקט צוליב דעם קליינעם יודקעוויטש אירע פֿליכטן צו די געזונטע און צו די

אַנדערע קראַנקע. נאָר עס אַרט איר נישט. קיינער גייט איר נישט אָן אַזוי, ווי חבר יאָסל.

זינט ער איז קראַנק געוואָרן, האָט זי אים ליב באַקומען ווי אַ מוטער, און ער פֿילט אויך דאָס אייגענע צו איר. פֿון קיינעם וויל ער דעם כינין נישט נעמען, אָדער די מילך טרונקען. ער דעקט זיך איבער דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע און ליגט, זי איז די איינציקע, וואָס האָט נאָך איבער אים אַ שטיקל שליטה. קוים קומט זי אין באַראַק אַריין, איז ווי ער וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון היטער־פּלעט, קוקט מיט זיינע בלאַנדזשענדיקע אויגן אויף איר און פּרואווט מיט אַלע כּוחות צו שמייכלען פֿון דער היץ אַרויס. קומט ער אַ מינוט צו זיך, באַרואיקט ער זי, אַז עס איז גאָרנישט, אַז אָט, ווען עס וועט זיך נאָר אויסלייטערן, וועט ער זיך אויפֿהייבן און זיך אָנטאָן און אַרויס צו דער אַרבעט.

די חברטע שרה איז מסכּים, און זי דערציילט אים, וויפֿל דונאָם מען האָט שוין אונטערן אַקער געבראַכט, וויפֿל דונאָם פֿאַרזייט, און ווי ווייט די קאָרעטע פֿון טייכל שניידט זיך שוין אין עמק אַרויס. חבר יאָסל הערט זיך צו איר צו, און זיינע אויגן, ווי גלעזערנע חאַטשערקעס, פֿינקלען שטום אַרויס פֿון צעהיצטן פּנימל, און מען ווייסט נישט, צו ער האָט יאָ פֿאַרנומען דער חברטע שרהס בשורה וועגן דעם פּראָגרעס פֿון אַרבעט, אָדער נישט. ער האָט אָבער יאָ געמוזט פֿאַרנעמען; וואָרים ער באַמיט זיך צו שמייכלען, און אויף זיין קליין־געוואָרן פּנימל פֿאַרשניידט זיך דער שמייכל צו אַ קינדערשער גרימאַסע פֿון געוויין.

דער צווייטער איז חבר כאַימאָוויטש. ווי יעדע בויענדיקע נאַטור, איז חבר כאַימאָוויטש אייפֿערזיכטיק אויף זיין ווערק און ער זעט גאָרנישט, נאָר זיין קיבוץ, זיין קבוצה, זיין משק, וועלכע ער ליבט און גאָרט אויפֿצובויען מיט דעם גאַנצן ברען פֿון זיין חסידישער נאַטור, וואָס ער האָט געירשנט פֿון זיין פֿאָטער, דעם קאָצקער.

עס איז אַ שאָד געלט אַרויסצוואַרפֿן אויף הילצערנע ביידלעך, וועלכע מען וועט סיי־ווי־סיי אַמאָל מוזן איבערטוישן אויף צעמענטענע הייזער, ווען עס וועט קומען די צייט און מען וועט אָפּקויפֿן דעם טייל עמק, וואָס ליגט אויף יענער זייט, וואו די ערד איז הויך און טרוקן. דערווייל מוז מען זיצן דאָ און היטן דעם קוואַל, וואָס איז די נשמה, דאָס גאַנצע היות אין עמק; איבערוואַרטן מיט געדולד די רעגנס, און ביז די אַראַבער וועלן באַוויליקן אָפּצוריינקן דאָס אָרט און מען וועט קאָנען איבער־טראָגן דעם לאַגער אויף דער צווייטער זייט פֿון טייכל — אויפֿן באַרג, וואו די אַראַבער וואוינען.

און ווידער זיינען באַלד אויפֿגעשטאַנען אַנדערע זאָרגן און פֿיל וויכטיקערע, ווי דאָס איבערגעכטיקן אויפֿן רעגן. מען באַדאַרף קלערן וועגן מיסט. דאָס ערשטע יאָר האָט מען די פֿאַלכע געקאָנט פֿאַרזייען אויף די אויסגעטריקנטע זומפּן, וועלכע זיינען פֿעט, אָבער אָן מיסט קאָן מען זיך נישט רירן. מען באַדאַרף אויך קלערן וועגן אַ שטאַל מיט היגער, וועגן וועלכע חברטע שרה הערט נישט אויף צו וואָרטשען. אויך האַנדלט מען אונטער מיט די שכנישע אַראַבער אַפּצוקויפֿן ביי זיי אַ סטאַדע קי.

חבר כאַימאָוויטש, נאָכדעם ווי דער רעגן האָט אַזוי פּלוצלינג אינמיטן אַזאַ שטורם אָנגעמאַכט, האָט גענומען אויף זיך די זאָרג אָנצוהאַלטן די פֿאַרבינדונג צווישן דעם קיבוץ מיט דער אויסערלעכער וועלט. די איינציקע פֿאַרבינדונג מיט דער אויסערלעכער וועלט איז נאָך אַלץ געווען דער בעדואינער שטעג ביים ראַנד פֿון עמק צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע קיין עפֿולה; אָבער דורך די רעגנס זיינען די גריבער, וואָס געפֿינען זיך אויפֿן שטעג, איינגעפֿילט געוואָרן מיט וואַסער. די רעגנס האָבן צוריק פֿאַרפֿלייצט די אַלע לעכער, וועלכע מ׳האָט געהאַט אויסגעטריקנט און באַלייגט מיט גראָז; צוריק אָנגעפֿולט די שוין איינגעגאַנגענע קאַלוזשעס און צוזאַמענגעמישט מיט אַנדערע שטייענדיקע וואַסערן, און דאָס האָט געדראָעט אָפּצושניידן דעם נייעם ישוב אינגאַנצן פֿון דער איבעריקער וועלט. אָבער דאָס טאָר נישט געשען! מען ווייסט נישט, וואָס עס קאָן זיך טרעפֿן; מען מוז אָנהאַלטן אַ קאָמוניקאַציע מיט דער באַן אויף איבערצופֿירן פּראָוויאַנטן און זאַכן.

חברים האָבן געפֿאָדערט פֿון חבר כאַימאָוויטש, אַז ער זאָל פֿאָרן קיין ירושלים, דורכצורעדן זיך מיטן קאָמיטעט און זען צו פּועלן, אַז די אַראַבער זאָלן פֿאַרלאָזן דאָס אָרט. חבר כאַימאָוויטש האָט אָבער געוואוסט, אַז דער קאָמיטעט אין ירושלים האָט אויך אָן אים זיינע זאָרגן, און מן־הסתם טוט ער אַלץ וואָס איז מעגלעך, ער ווייסט, אַז די בחורים זיצן אין דער בלאָטע, און אים אונטעריאָגן האָט קיין שום טעם נישט. די אַראַבער מיט געוואַלט אַרויסצויאָגן, דאָס וויל ער אויסמיידן. אַגב, איז נישט איצט די צייט די קבוצה צו פֿאַרלאָזן ביי דער שטימונג וואָס הערשט, אַפֿילו אויף איין טאָג נישט. גייט ער יעדן פֿרימאָרגן מיט אַ פּאָר חברים, וועלכע מעלדן זיך אַליין צו דער אַרבעט. ווייל דאָס איז אַ קאַטאָרזשנע שטיקל אַרבעט צו טאָן, און חבר כאַימאָוויטש האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל עמעצן באַשטימען פֿאַר איר, — נאָר בלויז יענע, וועלכע האָבן אַליין פֿון אייגענעם ווילן זיך אָנגעשלאָסן צום חבר כאַימאָוויטש.

מען נעמט מיט אַ פּאָר ברויטן, אַ פּאָר פֿלאַשן געקאָכטן טיי, אַמאָל אַ פּאָר רויע ציבעלעס, העק און לאָפּעטעס און צוויי מויל־אייזלען, — די וועגענער קאָן מען נישט באַנוצן אין דער בלאָטע, — און מען שטעלט זיך אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג, — יאָ־רעגן, נישט־רעגן, — פֿאַרלייגן די קאַלוזשעס. מען שלעפּט אָן שטיינער, וואָס מען קלויבט פֿון עמק אַרויס, מען האַקט אויס גראָזן און קאַקטוסן, און מען פֿאַרשטאָפּט די לעכער. און דער עיקר — דאָס אַלטע מיטל: מען ציט אָפּ די וואַסערן דורך גריבער אויף דער נידעריקער ערד.

אין אָוונט קומט מען אַרויס צעיאָכמערטע — די מענטשן און די אייזלען — די רוקנס ברעכן זיך צוזאַמען פֿון אַ גאַנצן טאָג בויגן זיך און שלעפּן די שטיינער. הויזן אוי שיך זיינען דורכגענעצט פֿון פֿייכטקייט, פֿון די פֿייכטע לייבער רויכערט זיך פּאַרע און די לייבער טריקענען זיך אונטער די זעק. מען כאַפּט־אַריין די פּאָר לעפּל געקעכץ, און מען וואַליעט זיך אַוועק אויף די בעטלעך אין דיביידלעך. ווער קלערט דענסטמאָל: יאָ־רעגן אָדער נישט־רעגן?

עס נעמט אַ פּאָר שעה, ביז מען כאַפּט דעם אָטעם, דערנאָך שלאָפֿט מען איין, און מיט דעם ערשטן בליאַסק — ווידער אַרויס דעם וועג פֿאַר־ריכטן. חבר כאַימאָוויטש מיט די איבעריקע חברים זיינען אויסגעדאַרט ווי די שטעקנס פֿון דער אַרבעט; אָבער די קאָמוניקאַציע מיט דער באַן־סטאַנציע האָבן זיי איינגעהאַלטן.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען חבר כאַימאָוויטש קומט אַהיים אין קבוצה אַריין מיט די אַנדערע חברים פֿון דער אַרבעט, אַ פֿייכטער און אַ צעוואָרעמטער, געפֿינט ער, אַז אין דער קיך איז נישטאָ קיין ליכט און נישט קיין פֿייער, קיין עסן האָט מען היינט נישט געקאָכט. די צוויי חברטעס, וואָס באַזאָרגן צוזאַמען מיט חברטע שרה דאָס עסן, זיצן אין די ווינקלען אין דער טונקל און ווישן זיך די אויגן. אַ פּאָר חברים דרייען זיך אַרום ווי יתומים אַרום די געצעלטן אין לאַגער. אַפֿילו דער שטענדיק פֿריילעכער יוחנן הסנדלר שטייט אין אַ זאַק איינגעוויקלט אינדרויסן פֿון געצעלט.

— וואָס איז געשען?

— מיט חבר יאָסל האַלט נישט גוט...

חברטע שרה איז דאָרט ביי אים. חבר כאַימאָוויטש, ווי זיין געוואוינ־הייט, ווען עס קומען צרות, גיט זיך אַ קראַץ אין דעם הינטערשטן טייל פֿון קאָפּ, מיט דער אויסגעאַרבעטער דלאָניע אַ פֿיר איבער דעם דאַרן, לאַנגן פּנים, אַ כאַפּ־אַריין אין מויל דאָס שטעכעדיקע בערדל און גיט

עפּעס אַ ברום פֿאַר זיך. ער גייט מיט פּאַמעלעכע טריט אַריין אין דעם באַראַק פֿון די קראַנקע. חבר יאָסל איז פֿון די איבעריקע חברים, וואָס ליגן אין די בעטן, אָפּגעטיילט שוין דורך אַ הענגענדיקן ליילעך. אויף יענער זייט ליילעך ביים קראַנקן ברענט אַ לאָמפּ. דער איבעריקער באַראַק איז אין פֿינצטערניש איינגעהילט.

חבר כאַימאָוויטש גיט אַ בליק הינטער דעם ליילעך. שרה זיצט ביים בעט, האַלט די האַנט פֿון קראַנקן. דעם קראַנקנס פּנים איז אין שטיק פֿייער, די אויגן שוין פֿאַרגלייזט. און פֿון די קלאַפּנדיקע ציין וואַרפֿט ער אַרויס אומפֿאַרשטענדלעכע, האַלב־אָפּגעריסענע ווערטער.

דערווייל ליגט חבר יאָסל אין אַ שנײ־גרוב. עס פֿרירט אים אָפּ אין אבר נאָכן אַנדערן, אָבער ער געדענקט גוט, אַז ער געפֿינט זיך אויפֿן וועג קיין ארץ־ישראל. מען גנבעט די גרענעץ. ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ שנײ־גרוב און קאָן זיך נישט רירן. די פֿיס זיינען אים אָפּגעפֿרוירן, די חברים זיינען שטיין געבליבן, ווילן אים מיטנעמען, איבער אים קאָנען זיי ווייטער נישט גיין. און יאָסל איז אומצופֿרידן, ער רעדט דורך די פֿאַרקלאַמערטע ציטערנדיקע ציין:

— גייט ווייטער, גייט, גייט... לאָזט מיך דאָ אַליין...

און אָט האָבן זיי אים, ענדלעך, געהאָרכט. די חברים דערווייטערן זיך פֿון אים, וואָס אַמאָל מער ווערן זיי מער פֿאַרשוואונדן, ער איז איינער אַליין איבערגעבליבן שטעקן אין דעם שנײ־גרוב. דאָס אייז וואַקסט איבער אים, דעקט אים באַלד צו. אָ, עס איז אַזוי וואַרעם אונטערן אייז, ער האָט עס גאָרנישט געוואוסט. און אָט זעט ער די חברים. אויף יענעם בערגל איז שוין ארץ־ישראל, עס איז שוין דער עמק, דער נייער ישוב. אָט שטייען זיי שוין איבער דעם עמק, אַקערן דאָס פֿעלד, און ער ליגט אין שנײ־גרוב. און פֿון דאַנען זעט ער, ווי די חברים באַאַרבעטן די ארץ־ישראל־פֿעלדער, און עס איז אים אייגנטלעך זייער גוט... ליגט אויסגעבעט אין אייז און קוקט זיך צו, ווי די חברים שטייען אויף דער זון מיט האַלב־נאַקעטע לייבער און באַאַרבעטן די ארץ־ישראל־ערד — וויל זיך אויפֿרייסן פֿון אייז־גרוב, און פֿאַלט צוריק...

צומאָרגנס באַגינען זיינען חבר כאַימאָוויטש מיט חבר נירקעס, דעם אַגראָנאָם, חבר מענדל, אַמנון בן־טוב פֿון וועד — אַרויס איבערן לאַגער און אויסגעזוכט אַן אָרט אויף אַ בית־הקברות. זייער אויסוואַל איז געפֿאַלן אויף דעם קליינעם בערגל, נישט ווייט פֿון די אַראַבישע הייזלעך, צופֿוסנס דעם באַרג־גלבוע, איבער וועלכן חבר נירקעס פּלאַנעוועט צו פֿאַרפֿלאַנצן זיין וועלדל. פֿון דעם אָרט גייט אַ גראַדע ליניע צו דער קבוצה־צו, וואו

חבר נירקעס האָט שוין געזען אויסגעשניטן אַ וועג און פֿאַרפּלאַנצט אַן אַלייע מיט ציפּרעסן. דאָס אָרט איז אויך געווען טרוקענער פֿון אַנדערע ערטער. און דאָרט האָט מען זיך אָוועקגעשטעלט אויסהאַקן דעם ערשטן קבר — פֿאַר חבר יאָסל.

ווען די חברים זיינען פֿאַרנומען מיטן גראָבן דעם קבר (חבר נירקעס האָט אַפֿילו אין דער סיטואַציע נישט פֿאַרגעסן צו מאַכן זיינע באַמער־קונגען וועגן דער שווערקייט פֿון דער ערד, און ווי טיף עס גייען די וואָרצלען פֿון די ווילדע קושאַקעס, כּדי דערפֿון צו לערנען מיט וואָס פֿאַר אַ ביימער דעם וואַלד צו פֿאַרפּלאַנצן), — קומען אַרויס פֿון זייערע הייזלעך די פֿאַרשלאָפֿענע אַראַבער, איינער, דער אַלטער, אין אַ ווייסער אַבאַיע; די אַנדערע צוויי, יונגע, מיט אַבאַיעס פֿון שוואַרצע קעמל־האָר, מיט האַלב פֿאַרשטעלטע פּנימער. זיי זיינען נייגעריק וואָס די חברים טוען דאָ. ווען זיי האָבן דערזען דעם קבר גראָבן, האָט זיך דער אַלטער אָנגערופֿן:

— אהאַ, עס האָט זיך אָנגעהויבן! מיר האָבן אייך באַלד געוואָרנט, בחינם אייער אַרבעט דאָ... איר זעט דאָרט ווייט דעם אָפּגעפּליקטן ציפּרעס בוים?...

די חברים האָבן זיי גאָרנישט געענטפֿערט, אָבער מענדל קאָן זיך נישט צוריקהאַלטן, אין האַלב־יידיש, האַלב־העברעאיש, מערסטנס אַראַביש מיט אוקראַיניש אויסגעמישט, האָט ער זיך צעשריען:

— דאָס איז אַלץ צוליב אייך. איר האָט באַקומען אייער אָפּטרעט־געלט און צוגעזאָגט צו פֿאַרלאָזן די הייזלעך נאָך פֿאַר די רעגנס. איצט מוזן מיר זיצן צוליב אייך אין דער בלאָטע.

עס זעט אויס, אַז דער אַלטער האָט אים פֿאַרשטאַנען, האָט ער זיך אויך צעשריען. אָבער ווען מענדל האָט אים ווידער געוואָלט אָפּענטפֿערן, האָט אים חבר כּאַימאָוויטש, וועלכער האָט פֿאַרשטאַנען אַראַביש, באַרואיקט:

— לאָז אָפּ. ער זאָגט אונדז אָן די בשורה, אַז זיי פֿאַרלאָזן נאָך היינט דאָס אָרט. זיי האָבן מורא דאָ לענגער צו פֿאַרבלייבן, ווייל דער נביא האָט זיך צעבייזערט דעריבער, וואָס מען האָט דעם קוואַל אויסגערייניקט און דעם עמק אונטערגעצונדן. ער פֿאַרלאַנגט דערפֿאַר קרבנות.

די חברים זיינען געווען צו טרויעריק, כּדי צו פֿרייען זיך מיט דער דאָזיקער נייעס.

און ווען די חברים שטייען אַזוי אַרום און מען פֿאַרשיט יאָסלען אין דער ערד, פּאַסירט עפּעס. חבר כּאַימאָוויטש הייבט זיך אויף פֿון קבר

פֿאַרשיטן, גלייכט זיך אויס, קוקט אויפֿן עמק אַראָפּ, און זיינע אויגן דערזעען עפּעס.

— חברים, זעט נאָר דאָרט!

עס האָט זיך פֿאַר זיי געעפֿנט אַ הערלעך בילד. די וואָלקנדלעך אויפֿן הימל, באַפֿרייט פֿון זייערע שווערע מאַסעס, האָבן זיך לייכטער באַוואויגן, אָפּגעריסן זיך איינס פֿון אַנדערן און צעריגען, געלאָזט פֿון זייערע זילבער־באַזוימטע שפּאַלטן דורכשיינען די זון. די קאַנטן פֿון די בערג זיינען באַהויכט געוואָרן מיט אַ זאַטן טונקל־בלויען קאָליר, האָבן זייערע קאָנטורן שאַרף געשניטן אין דעם אויסגעלייזטן, לייכט געוואָרענעם, מיט פֿריילינג־לופֿט אָנגעפֿילטן חלל. די זון האָט איבער זייערע רוקנס געשיינט און אַראָפּגעגליטשט זיך און באַלויכטן אַ ברייטן, ווייכן טעפּיך פֿון קינדעריש־פֿרישע יונגע גראָזן, אין וועלכע דער ווינט האָט זיך געשפּילט. דער גרינער איידעלער טעפּיך האָט זיך ווייט פֿאַרצויגן פֿון דעם ראַנד פֿון זייערע געצעלטן ביז צום ווילדן באַוואַקסענעם עמק אַרויס.

— חברים, אונזערע זאַנגען גייען אויף!

דער עולם איז געשטאַנען ביים האַלב־באַדעקטן קבר מיט אָפֿענע מיילער און האָבן נישט געוואוסט, צי זיי זאָלן זיך פֿרייען אָדער טרויערן. זיי האָבן אַ מינוט פֿאַרגעסן אָן דעם טויטן יאָסל. זיי האָבן געזען דעם בליענדיקן עמק.

זיי זיינען געשטאַנען אַ לאַנגע ווילע ביים האַלב־פֿאַרשאָטענעם קבר, און באַטראַכט די יונגע ציטערנדיקע גראָזן, וואָס האָבן געלויכטן אין דער זון, ביז זיי האָבן זיך דערמאָנט אָן יאָסלען. עס האָבן זיך ביי זיי אויסגעמישט טרויער און פֿרייד צוזאַמען. פֿון דעמאָלט אָן האָבן זיי צוזאַמענגעבראַכט חבר יאָסלס טויט מיט די אויפֿגייענדיקע זאַנגען, און עס איז ביי זיי געוואָרן איין זאַך...

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך יאָסלס טויט זיינען די חברים איבער־ראַשט געוואָרן פֿון אַ קאַראַוואַן מיט וועגענער, וואָס האָט זיך געצויגן צו זיי אין דער קבוצה. זיי האָבן צוגעדרשט נישט געוואוסט, וואָס דאָס באַטייט. וואָרים חבר כאַימאָוויטש האָט דעם סוד פֿאַרטרויט נאָר צו איין חברטע שׂרה, כּדי זי זאָל אָנגרייטן עסן פֿאַר די אָנקומענדיקע. ער האָט געוואָלט די איבעריקע חברים איבערראַשן. מען איז געקומען צוזאַמענצולויפֿן פֿון די פֿעלדער אַראָפּ, פֿון די פֿייכטע לעכער אַרויס אין דער קבוצה אַריין. און דאָ ציט זיך פֿון וועג אַרויס איין וואָגן נאָכן אַנדערן, איינגעשפּאַנט

מיט מויל־אײזלען, אָנגעלאָדן מיט געצעלטן און כּלים. און נאָך די װעגע־נער — חברים און חברטעס, פּונקט אַזױ װי זײ זײנען אָנגעקומען. מען האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר חברטע שׂרהס געצעלט. עס האָט זיך אױס־געלאָזט, אַז דער גדוד האָט אַרױסגעשיקט די צװײטע קבוצה צו באַזעצן דעם צװײטן פּונקט פון עמק. די חברים האָבן נישט געלאָזט װײטער ציען די װעגענער צו זײער באַשטימטן אָרט. פאַרהאַלטן זײ אין דער קבוצה פאַר איבער נאַכט. עס האָבן זיך געפונען אַלטע פרײנט, מיט װעלכע מען איז נאָך צוזאַמען אין דער הײם אין קבוצות געװען. עס זײנען אױך געװען פרישע, נײ־אָנגעקומענע. חברטע שׂרה האָט פאַר זײ עסן אָנגעגרײט, מען האָט זיך געטײלט איבער נאַכט מיט בעט און געצעלט.

אין אָװנט, נאָכן צוזאַמענדיקן עסן, איז די שטימונג צוליב די נײ אָנגעקומענע חברים אױפגעהױבן געװאָרן. יוחנן הסנדלרס פּיאַטקעס האָבן געסװענדזשעט, געריסן זיך צו אַ הורא. ער האָט אָבער נישט געװאוסט צי ער זאָל דאָס פאַרשלאָגן, צוליב יאָסלס טױט, װאָס האָט די גאַנצע קבוצה געהאַלטן אײנגעהילט אין טרױער. און װי ער שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה, כאַפּט אים חבר כאַימאָװיטש אַרױס דעם פאַרשלאָג:

— חברים, — רופט ער זיך אָן, — װען ער װאָלט געװען מיט אונדז, װאָלט ער אױך געװאָלט דאָס װאָס מיר אַלע.

און חברים האָבן פאַרשטאַנען.

— לכבוד חבר יאָסל יודקעװיטש פון דער ערשטער קבוצה, װאָס האָט געהײליקט דעם עמק — אַ הורא! האָט עמעצער אױסגערופן.

און באַלד האָבן זיך אָרום און אָרום געבונדן אַקסל צו אַקסל, לײב צו לײב, די פיס אין דער בלאָטע:

וטהר לבנו,
וטהר לבנו
וטהר לבנו
לעבדך באמת!...

קאַפּיטל 13

חברטע שרה

מען האָט שוין געמיינט, אַז חברטע שרה איז נישט קיין מענטש, נאָר אַ זאַך אַזעלכע, וואָס ווייסט נישט פון שטימונגען און אויפגעלייגט־זיין, פון ספקות און פאַרלאַנגען. אָבער חברטע שרה איז אַזוי לאַנג געגאַנגען אין שפּאַן, ווי אַן אונטערטעניקער אייזל, אויף וועלכן מען האַלט אין איין אָנלאָדן, ביז זי האָט נישט אַמאָל אַ בריקעווע געטאָן. זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן די קיך, עס איז איר מער נישט אָנגעגאַנגען, ווי אַזוי די דריי חברטעס, אירע העלפערינס, טוען, וואָס זיי מאַכן פון די פּראָדוקטן, וועלכע דער חבר „עקאָנאָם" גיט אַרויס, צי זיי פאַרברענען די ציבעלעס און טריקענען אויס דעם אויל אויף דער צו־לאַנג געהאַלטענער פאַן אויפן פייער, אַז מען קאָן עס מער נישט געניסן; צי די אַרבעס בלייבן רוי און זיינען אַזוי האַרט, אַז מען באַדאַרף צו זיי אַ האַמער; צי די קאַרטאָפלעס ווערן פאַרטאַכלעוועט ביים שיילן. די חברים האָבן באַלד אָנגעהויבן צו דערפילן, אַז חברטע שרהס האַנט פעלט אין דער קיך. נאָך ערגער איז געווען מיט דער באַקליידונג. די חברים זיינען אַרומגעגאַנגען האַלב־נאַקעט: די רעשט קליידער, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט פון דער היים, זיינען זיך באַלד אין די בלאָטעס צעפאַלן. אין דער וועש־נייעריי האָט אויסגעפעלט לייוונט מיט וואָס צו אַרבעטן. זי שטעלט נישט צו די נויטיקע צאָל וועש פאַר די חברים. די חברים גייען אַרום שמוציק, ווי ווילדע.

חברים האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס איז מיט חברטע שרה מיטאַמאָל געשען.

אַ ביסל זיינען דאָס געווען אויסערלעכע סיבות. דער טויט פון דעם קליינעם יודקעוויטש האָט זי אַזוי דערשלאָגן אַז זי איז געוואָרן אַפּאַטיש; זי האָט אַליין נישט געוואוסט, אַז חבר יאָסל איז איר אַזוי אָנגעגאַנגען דורך דער צייט פון זיין קראַנקהייט האָט זי זיך צו אים צו־געבונדען. אָבער דאָס איז נישט נאָר געווען אַ געפיל צו אַ קראַנקן חבר,

וואָס יאָסל האָט אין איר דערוועקט, נאָר עפּעס טיפערס און אומפאַר־שטענדלעכעס האָט ער אַרויסגערופן דורך זיין קראַנקהייט ביי איר, בשעת ער האָט געלעבט.

ווען זי פלעגט אַפּטמאָל אַריינקומען צו אים, ווען ער איז געלעגן אין גרויסער היץ, דאָס קוחות האָט אים געהאַלטן געפאַנגען מיט זיינע אייזיקע פינגער, — האָט ער געזוכט שוץ ביי איר. ווען ער האָט געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן פאַר קעלט, געציטערט איבערן גאַנצן לייב, האָט ער זיך מיט זיין קליינעם אויסגעדאַרטן קערפּער געצויגן צו איר, ווי ער וואָלט זי געבעטן, אַז זי זאָל אים דערוואַרעמען. זי האָט פאַרשטאַנען זיין פאַרלאַנג און אים מיט מוטערלעכער צערטלעכקייט אַרומגענומען דורך דער קאָלדרע, צוגעדריקט צו זיך, און האָט אים געוואַרעמט.

דעמאָלט האָט ער אין איר דערוועקט אַן אינסטינקט, וואָס זי האָט נישט געגלויבט, אַז זי פאַרמאָגט אים, אַז זי איז פעאיק דערויף. אין אָנהויב, ווען דאָס איז איר באַוואוסט געוואָרן, האָט זי זיך אַליין פאַר זיך פאַרשעמט. דערנאָך איז זי שטאָלץ געוואָרן דערויף. דער קליינער קראַנקער יודקעוויטש האָט דורך זיין דורשט נאָך צערטלעכקייט דערוועקט אין איר אַ מוטערלעך געפיל. בשעת זי האָט אַרומגענומען זיין קראַנקן קערפּער, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי האַלט אַ קליין קינד אין איר שויס. זי איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער מוטערלעכער ברכה, מיט וואָס דער קראַנקער האָט זי געבענטשט. פון דעמאָלט אָן בענקט זי אַ מוטער צו ווערן.

זי האָט געפּרוואווט דעם אַרויסגערופענעם מוטער־אינסטינקט דער־שטיקן אין זיך, ווי ביז איצט — דורך אַרבעט, דורך אויפלייזן אים אין מוטער־טראַפּנס, מיט וועלכע זי באַשענקט די חברים, פאַרוואַנדלען אים אין די זאָרגן פאַר דעם קאָלעקטיוו, ווי ביז איצט; אָבער עס איז מער נישט געגאַנגען. זי האָט פאַרלוירן דעם אינהאַלט, וואָס זי האָט געהאַט ביז איצט אין דער אַרבעט — די אידייע פון דעם וואויל פון כלל. זי איז באַהערשט געוואָרן ווי אַ חיה פון איר אייגענעם מוטערלעכן דראַנג...

און חבר כאַימאָוויטש איז געבליבן, ווי ביז איצט, חבר כאַימאָוויטש. אַמאָל פלעגט ער פון צייט צו צייט איר לאָזן וויסן פון זיין עקזיסטענץ דורך נאָכפרעגן זיך אויף איר ביי חברים, „צי זי האָט שוין אַ בחור”. היינט איז ער געוואָרן אַ שטאָפּל וויטער: „עס וועט באַלד קומען די צייט אויף אויך אונדז, שרה...” — זאָגט ער צו איר יעדעס מאָל, ווען עס מאַכט זיך אַ געלעגנהייט צו זיין מיט איר אַליין. צו עפּעס מער דערגייט עס נישט. זי ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיין קאָפּ איז אים נישט צו פערזענלעכע אינטערעסן; ער האָט עפּעס וויכטיקערס אויף זיינע פּלייצעס. נו, געוויס,

מען באַדאַרף אים דאָס דען זאָגן? די סיכסוכים מיטן גדוד, וואָס האָבן זיך אַזוי פֿרי אָנגעהויבן; די שרעק, וואָס דער פֿאַרנעם פֿון דעם גרויסן קיבוץ האָט ביי געוויסע ציוניסטישע עלעמענטן אַרויסגערופֿן; דאָס מיען זיך פֿון געוויסע צדדים צו פֿאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פֿון אויפֿבויען דעם קיבוץ; היינט דער אַנגסט, צי מען וועט טאַקע זיין בכּוח צופֿרידנצושטעלן די דערוואַרטונגען און באַווייזן די ערשטע פֿרוכטן פֿון דער אַרבעט; די אַלע זאָרגן, וואָס ליגן אויף אים ווי גאַנצע בערג, — ווי אַזוי קאָן ער איצט האָבן זיין געדאַנק וועגן איר? ווי אַזוי קאָן ער זיך אָפּגעבן מיט פּערזענלעכע ענינים? צי איז דען דאָס נישט עגאָאיסטיש פֿון איר זייט?... אָבער חברטע שרה, נאָך אַלע פֿאַרוואורפֿן און חרטה־שמיץ, וואָס זי טיילט זיך אַליין אויס ביינאַכט אויפֿן געלעגער, קאָן זיך דאָך נישט העלפֿן. עס זעט אויס, ווי דער מוטער־אינסטינקט וואָלט זי באַפֿאַלן ווי אַ גזלן, געבונדן איר די הענט און פֿיס, אָפּגעטויט דאָס גאַנצע גוטע און ערלעכע אין איר און פֿאַרשקלאַפֿט זי צו איינאיינציקן וואונטש און פֿאַרלאַנג, אין וועלכן זי איז איינגאַנצן אויפֿגעגאַנגען...

זי האָט זיך געעפּרוואוט העלפֿן צו באַפֿרייען זיך פֿון דעם אַנפֿאַלנדיקן גזלן, זי האָט זיך אָנגעהויבן צו פֿאַרנעמען מיט אַן אַרבעט, וואָס איז, נאָך איר מוטער־געפֿיל, געווען איצט ביי איר די שטאַרקסטע ליידנשאַפֿט. דאָס איז געווען די אַרבעט אין דער ביימער־שולע.

חבר נירקעס האָט גענומען פֿאַרלייגן אויף אַן אָפּגעצוימט שטיק פֿעלד זיין ביימער־שולע. ער האָט צוגעצויגן צו דער אַרבעט די חברטעס, וואָס האָבן זיך געריסן צו דער דאָזיקער מלאכה. חבר נירקעס איז געווען פֿאַרנומען מיט דער איינציקער זאַך — מיט פֿלאַנצן ביימער. ער איז געווען אַ ריכטיקער בוים־מענטש, ער האָט פֿאַרשטאַנען זייער לשון, אַזוי אַז ער האָט זיך געקאָנט מיט זיי דורכרעדן. ביימער האָט ער באַהאַנדלט ווי דערוואַקסענע מענטשן, זיינע פֿריינד, און ביימער־פֿלאַנצונגען — ווי קליינע קינדער. אַ שטילער פֿון דער נאַטור, אַ באַהאַלטענער אין זיך, האָט ער ווייניק־וואָס געמישט זיך אין דער פּאָליטיק פֿון דער קבוצה. ער האָט זייער זעלטן גענומען אַ וואָרט אויף די פֿאַרזאַמלונגען. אַ חוץ דעם, איז ער געווען פֿאַרנומען מיט זיין אַרבעט, אַז עס איז געבליבן ווייניק צייט אין אַנדערע ענינים אים צו פֿאַראינטערעסירן. עס איז פֿאַרגעשטאַנען אַ גרויסער קאַמף מיט די אינזעקטן, און מען האָט געדאַרפֿט אויספֿאָרשן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם, שטודירן די ערד־קוואַליטעטן, דאָס באַוואַסערונג־פּראָבלעם, די קוואַליטעטן פֿון די פֿרוכט ביימער, וועלכע קאָנען געדייען אין די דאָזיקע קלימאַטישע באַדינגונגען. און

חבר נירקעס האָט פֿון ערשטן טאָג אָן, וואָס ער איז אַרויסגעקומען אין דער ווילדערניש, — פֿאַרנומען, ווי יעדער אַנדערער חבר, ביי טריקענען די בלאָטעס, — אויך געפֿונען צייט אַרומצוקריכן און נישטערן צווישן די גראָזן, כּדי אויסצוגעפֿינען וואָס פֿאַר אַ פֿלאַנצונגען עס וואַקסן דאָ אין דעם ווילדן צושטאַנד פֿון דער נאַטור, כּדי זיי צו קולטיווירן.

און נאָך האָט מען נישט ריכטיק געהאַט די בלאָטעס אויסגעטריקנט נאָך האָט קיין אַקער די ערד נישט געהאַט דורכגעשניטן, אָבער חבר נירקעס האָט שוין פֿון דער ערשטער שוואַרצער ערד, וואָס מען האָט אַרויסגעקראָגן פֿון טריקענען די בלאָטעס אַרום קוואַל, און אויף וועלכן די חברטעס האָבן דעם גרינס־גאָרטן באַאַרבעט, אַ שטיקל באָדן אָפּגעגנבעט פֿאַר זיין ביימער־שולע. ער האָט דאָס שטיקל באָדן אַרומגעצוימט מיט דראָטן און פֿאַרטראָגן צו אים יעדע פֿלאַנץ, יעדעס בלעטל, אַ רעשטל פֿון אַ צווייגל, וואָס די אַראַבישע קאָזעס האָבן פֿאַרגעסן אויסצואוואָרצלען. ער האָט אַרומגענישטערט אַרום די נאַקעטע בערג, דערטאַפּט אַ ריטל, אַ זכר פֿון אַ ביימל, און ער טראָגט עס שוין אַהיים, ווי אַ פֿאָטער — אַ צערטלעך קינד. און שוין זיינען אַלע בלעכן פֿון די אַמעריקאַנער אויל־קאָנסערוון אָנגעפֿילט מיט ערד און פֿאַרפֿלאַנצט מיט שטעקלעך, בלעטער און וואָרצלען, מיט איילבירטן־ריטלעך, יונגע ציפּרעסן, ווי קינדער, אַ פֿאַרטריקנטן צווייג פֿון אַן איינגעגאַנגענעם אַלעאַנדער, שפּראָצלינגען פֿון אייביקן גרינס, אַפֿילו ליפּעוור־ און דעמבע־בלעטלעך; שוין אָפּגערעדט פֿון די ווילדע פֿלאַנצונגען, וואָס ער האָט געפֿונען אויפֿן אָרט. חברים לאַכן פֿון אים אין דער שטיל, אַנדערע זיינען אַפֿילו קעגן חבר נירקעסעס גאַנצן עקספּערימענט, וועלכן זיי האַלטן פֿאַר צו־פֿרי, און אַז ער קאָסט צופֿיל אַרבעט־טעג. אַלע באַטראַכטן דאָס מער ווי אַ שפּיל, איידער ווי אַן אַרבעט. עס הערן זיך אָפֿענע שטימעס קעגן אים אויף די פֿאַרזאַמלונגען, ווייל די ביימער־שולע ציט־צו די חברטעס, ווי אַ בלום — אינזעקטן, אַלע רייסן זיך צו דער דאָזיקער אַרבעט. נאָך קינדער־האָבן, שטילן פֿרויען זייער מוטער־הונגער דורך שרייבן פּאָעזיע אָדער פֿלאַנצן. אַזוי ווי קיין מענטשן־קינדער זיינען נאָך דערווייל נישטאָ צו צערטלען, קלויבן זיך די חברטעס צו חבר נירקעסעס ביימער־קינדער.

איצט איז חבר נירקעס באַשעפֿטיקט מיט צוגרייטן די גריבער, אַריינצוזעצן די ווייַנשטאָקן, וואָס דער וועד שיקט־צו פֿאַרן ווייַנגאָרטן. אויך האָט ער שוין אָפּגערייניקט אַ שטיק פֿעלד און גרייט עס צו פֿאַר אַ יונגן איילבירן־וועלדל, וואָס ער וויל פֿאַרזעצן צופֿוסנס פֿון באַרג

גלעד. דער וואַלד, וואָס וועט זיך ציען אויף זיין שיפּוע, שטייט נאָך אין קליינע ריטלעך אין דער ביימער־שולע. אַ חוץ דעם האָט ער שוין באַזעצט מיט אייקאַלופּטוס ביימלעך אַ טייל פֿון דער טייך קאַרעטע, וואָס מען האָט אויסגעטריקנט. אויך פֿאַר דער ציפּרעסן־אַלייע גראָבט ער שוין גריבער, וועלכע ציען זיך פֿון לאַגער אַן ביז דעם בית־הקברות. אָבער פֿון דער ביימער־שולע נעמט ער קיין אויג נישט אַראָפּ. דאָרט האַלט ער, ווי חברים רופֿן דאָס, אין אַיין „עקספּערימענטירן", מיט דער הילף פֿון אַ פּאָר חברטעס. פֿון וואַנען האָט ער אַזויפֿיל צייט דערצו? אַז בסך־הכל פֿאַרברענגט ער די נעכט מיט לייענען און שטודירן די פֿאַרשיידענע פּראָבלעמען פֿון ביימער־דערציאונג אין זיין קליינער אָבער ערנסטער פֿאַך־ביבליאָטעק, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אין דער קבוצה.

בשעת חברטע שרה איז נאָך געווען פֿאַרנומען אין דער קיך און מיטן קראַנקן יאָסל, פֿלעגט זי יעדעס מאָל, ווען זי איז דורכגעלאָפֿן פֿון דער קיך און דעם שפּיטאָל־באַראַק, וואַרפֿן אַ פֿאַרבענקטן בליק אַהין אין חבר נירקעסעס ביימער־שולע, פֿון וועלכער די איידעלע ציטערדיקע צווייגלעך האָבן פֿון דערווייטנס צוגעצויגן איר האַרץ. ווען זי האָט נאָר אַ מינוט צייט געהאַט, איז זי שוין דאָרט געווען. די אַרבעט אַרום די יונגע צווייגלעך איז געווען איר אַפּרו, איר שבת און יום־טוב. איצט, ווען זי האָט אַזוי עקשנותדיק געוואָרפֿן די קיך מיט אַלע זאָרגן פֿון אירע פּלייצעס, איז זי אַריינגעקומען צו חבר נירקעס אין זיין ביימער־שולע, און געזאָגט צו אים:

— חבר נירקעס, נעמט מיך צו צו אייער אַרבעט.

— איך וואָלט אייך שוין צוגענומען, חברטע שרה; אָבער וואָס וועלן די חברים זאָגן?

די חברים? איך בין מיד. עס זיינען דאָ אַנדערע, וואָס קאָנען באַזאָרגן די קיך.

חבר נירקעס האָט זי פֿאַרשטאַנען. דאָס געשריי „איך בין מיד" האָט אים געריירט. און ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— פֿון מיינעטוועגן פּרוּווט. איך האָב מורא פֿאַר אַ שטורעם.

חברטע שרה האָט זיך צוריקגעפֿונען. זי איז פֿול געווען מיט צערט־לעכקייט און ליבע, ווי אַ רייפֿע טרויב מיט וויין. זי האָט באַהאַנדלט די יונגע געוויקסן מיט דער זעלבער צערטלעכקייט, ווי זי פֿלעגט צערטלען דעם קראַנקן יאָסל. ווי זי האָט דאָס ליב געהאַט אַדורכצוזופּן דורך אירע פֿינגער די שוואַרצע ערד בלעך אַריין, ווען זי האָט פֿאַרפֿלאַנצט אַ יונגן שפּראָצלינג, אַ צווייגל פֿון אַ בוים, אַ ציבעלע פֿון אַ בלומען־

קושאַק. עס איז צוריקגעוואַקסן אין איר די שאַפֿונג־פֿרייד, וואָס זי האָט געהאַט לעצטנס פֿאַרלוירן. און ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז פֿון דעם צווייגל וועט אַמאָל אַרויסוואַקסן אַ בוים, איר בוים, וואָס וועט פֿאַרדעקן די שאַנד פֿון דער נאַקעטקייט פֿון די ארץ־ישראל־בערג, האָט זי פֿאַרשטאַנען דעם טעם פֿון איר לעבן. ווי זי האָט זיך דאָס געפֿרייט צו זען, ווי דאָס נאַקעטע צווייגל באַקומט דאָס ערשטע קנאָספּל, דאָס הערצל פֿון בלעטל, דורך וועלכן עס ציט זיין אָטעם, ווי אַ קינד וואָלט דאָס ערשטע ציינדל באַקומען. אירע צווייגלעך גייען אויף! מיט ליבע איז זי אַרום זיי געגאַנגען: דעם האָט מען צו־טיף אַריינגעזעצט אין דער ערד און עס ווערט דערשטיקט; יענעם צווייגל האָט מען פֿאַרשטעלט אין שאָטן, און די פֿלאַנצונג האָט מען פֿאַרגעסן צו באַוואַסערן... זי איז צוריק פֿריילעך און אויפֿגעלעבט געוואָרן, די אַלטע חברטע שרה, די פֿרייד פֿון שאַפֿן האָט אָנגעהויבן אויסצוגלייכן די טיפֿע פֿאַלדן פֿון אירע אויגן־לעדלעך און פֿון אונטער איר גאָמבע, וואָס די זאָרג און די קיך האָבן געגראָבן.

די פֿרייד איז איר אָבער אויף לאַנג נישט באַשערט געווען. חבר נירקעס האָט רעכט געהאַט: צווישן די חברים איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם. די חברים, וועלכע זיינען אייפֿעריק געווען צו זען דעם עמק ווי צום גיכסטן צוגעדעקט מיט זאַנגען, אין וועלכע דער ווינט זאָל ווי אויף די כוואַליעס פֿון אַן אָזיערע בלאָזן, זיינען צו־אומגעדולדיק געווען צו וואַרטן, אַז פֿון די קליינע שטעקלעך זאָלן ווערןביימער. זיי האָבן די גאַנצע האָפֿענונג געלייגט אויף די תבואות, זיי האָבן איבערהויפּט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס מען פּטרט אַזוי פֿיל כוחות, געלט און אַרבעטהענט אויף אַ זאַך פֿון דער ווייטער צוקונפֿט. איצט, ווען חבר נירקעסעס „שפּיל" האָט ביי זיי צוגערויבט דאָס טייערסטע, וואָס זיי האָבן פֿאַרמאָגט, צוגענומען ביי זיי די חברטע שרה, אָן וועלכער זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַגיין, זיינען זיי ווילד געוואָרן. אויף די פֿאַרזאַמלונגען האָבן זיך געהערט שטימעס קעגן דער ביימער־שולע, אַז עס איז נאָך צו־פֿרי, און מען פּטרט בחינם כוחות, א. אַז. וו.

חבר כאַימאָוויטש האָט פֿאַרשטאַנען דער חברטע שרה. ער האָט נישט געקאָנט פּועלן ביי זיך, אַז ער זאָל רעדן מיט איר וועגן דעם ענין, וואָס איז זיי צום נאָענטסטן אָנגעגאַנגען און וואָס — ווי ער האָט געפֿילט — איז די הויפּט סיבה פֿון חברטע שרהס געמיט. די לאַגע אין דער קבוצה איז געווען אַזעלכע, אַז זי האָט אָפּגענומען ביי אים אַלע זיינע אינטערעסן, זי האָט פֿאַרלאַנגט אַלע זיינע מאָראַלישע און פֿיזישע כוחות. אָבער דאָס וואָס ער האָט פֿאַרלאַנגט און דערוואַרט פֿון זיך, האָט ער נישט פֿאַרלאַנגט

און דערוואָרט פֿון אַנדערע, אַפֿילו נישט פֿון דער חברטע שרה. ער האָט דערפֿאַר אויסגעמיטן מיט איר צו רעדן. וואָס קאָן ער איר זאָגן? אַז זי זאָל צוריקגיין אין קיך אַריין? אַז זי געפֿינט נישט מער קיין שאַפֿונג־פֿרייד אין דער דאָזיקער אַרבעט, אַז איר נשמה און רו ליגט אין דער ביימער־שולע.

אָבער איינמאָל, שבת נאָכמיטיק, נאָכדעם ווי זיי האָבן באַשטימט דעם פּראָגראַם פֿאַר דער וואָך אַרבעט, האָט חבר כאַימאָוויטש געטראָפֿן די חברטע שרה אין הויף פֿון משק. פֿאַרלעך האָבן זיך שוין צוזאַמענגעפֿאָרט און זיינען געגאַנגען באַזונדער איבער דעם לאַגער, אַרויסגעקראָכן אין דרויסן, געזעסן צו גאַסט אין די געצעלטן. חבר כאַימאָוויטש און חברטע שרה זיינען געגאַנגען איבער דער בלאָטיקער „אַלייע", וועלכע חבר נירקעס האָט דערוויַיל אָנגעמערקט מיט אויסגעגראָבענע גריבער פֿאַר זיינע ציפּרעסן, אַרויף אויפֿן באַרג צום בית־עולם צו. דער בית־עולם, וואו דער אָרעמער יאָסל יודקעוויטש איז געלעגן איינער אַליין, איז געוואָרן דער נאַטירלעכער שפּאַציר־גאַנג פֿון דער קבוצה. איצט גייען זיי ביידע, האַלב־אויסגעצערטע מענטשן, מיד פֿון דער אַרבעט, מיט פֿאַרשטיינערטע פֿאַלדן אין זייערע פּנימער, און שוויגן ווי קליינשטעטלדיקע חתן־כּלה, וואָס מען פֿירט צונויף צום ערשטן מאָל. ער קאָן נישט מנצח זיין, דער אַלטער בחור, דעם צנועהדיקן צוגאַנג צו אַ פֿרוי, וואָס ער האָט געירשנט פֿון זיין פֿאָטער, דעם חסיד, דורך זיין שטרענג־רעליגיעזער דערציאונג און דורך זיין אינערלעך־מאָראַלישן מהות, — מעג עס אַפֿילו זיין צו חברטע שרה. דאָס מאָל איז ער אַפֿילו נישט פֿריילעך אין איר קעגנוואָרט ווי תּמיד, זאָגט נישט אַפֿילו אין האַלבן שפּאַס, אין האַלבן ערנסט ווי תּמיד: עס וועט שוין באַלד אויף אונדז אויך צייט זיין!" זי פֿילט, אַז עפּעס דריקט אים אויפֿן האַרץ, אין די קליינע קנייטשן פֿון זיין שטערן זעט זי, אַז ער האָט זאָרגן. זי קריגט רחמנות אויף אים און וויל אים אַרויסהעלפֿן. זי רופֿט זי אָן די ערשטע:

— וואָס איז, וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרדאגהט?

— איך האָב מורא, אַז חבר נירקעסעס משתלה (ביימער־שולע) שטייט אין סכּנה. וועגן דעם האָב איך געוואָלט רעדן מיט דיר. די חברים האַלטן, אַז דער עקספּערימענט מיט די ביימער איז צו־פֿרי און צו־קאָסטבאַר.

— אַלץ דערפֿאַר, ווייל איך בין פֿון קיך אַוועק. ווען איך וועל אַפֿילו נישט זיין אין דער ביימער־שולע, וועל איך אין דער קיך סיי ווי נישט צוריקגיין, — דערוועקט זיך אין איר אַ טראָציקייט.

— שרה, די חברים באַדאַרפֿן דיך, מיר קאָנען זיך אָן דיר נישט קיין עצה געבן, דו ווייסט עס.

— אָבער איך מוז דאָך פֿאַר מיר אויך אַ ביסל צייט האָבן, איך מוז דאָך איינמאָל אויך טאָן דאָס, וואָס איך האָב ליב און וויל.

חבר כאַימאָוויטש האָט געשוויגן.

— ביז ווי לאַנג איז דער שיעור?

חבר כאַימאָוויטש האָט זי ביי דער האַנט אָנגענומען.

— שרה!

— איך ווייס, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן: אַז עס איז שוין באַלד אויף אונז אויך צייט... — ווען זי האָט געזען, אַז די ווערטער האָבן אים דאָס בלוט אין זיין פּנים געבראַכט, האָט זי חרטה געהאַט אויף די רייד און זיך מצער געווען דערפֿון.

חבר כאַימאָוויטש האָט עס געפֿילט.

— נו, וואָס דען זאָל מען טאָן? אויב דו ווילסט, קאָנען מיר זיך היינט דערקלערן פֿאַר מאַן און ווייב!

זי איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל, וואַרפֿנדיק אַ יוגנטלעכן לאַק האָר, וואָס איז איר אַריין אין די אויגן, און אים אָנגעקוקט:

— זיינען מיר דען שוין נישט?

— שרה!

און דער אַלטער בחור האָט זי מיט זיין אָרעם אַרומגענומען, און געאָרעמט זיינען זיי שוין אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג.

— אָבער מיר קאָנען נישט פֿאַרלאַנגען פֿון די חברים אַ באַזונדער געצעלט פֿאַר אונדז, נאָכדעם וואָס מיר האָבן עס אַנדערע אָפּגעזאָגט, — כאַפּט ער פֿלינק אַריין.

געוויס נישט.

— נאָך די רעגנס, ווען עס וועט ווערן אַ ביסל גראַמער.

— אָבער דאָס ענדערט נישט מיין באַשלוס. איך גיי נישט מער צוריק אין דער קיך אַריין. איך בין שוין מיד דערפֿון.

— טו ווי דו פֿאַרשטייסט, — ענטפֿערט ער.

— די חברטעס וועלן זיך אויסלערנען קאָכן, זיי מוזן דאָך אַמאָל דאָס קאָנען אָן מיר אויך.

כאַימאָוויטש שווייגט.

— וואָס שווייגסטו?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דו ווייסט, אַז עס איז נישט דאָס קאָכן בעסער אָדער ערגער, די חברים באַדאַרפֿן דיך האָבן אין קיך, אין דער

וועשעריי, אַז דו ביסט דאָ, איז אַלץ דאָ. מיר קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן אָן דיר. נאָך דערצו איצט, אין דער ערשטער צייט.

— ניין, ניין. איך גיי נישט מער צוריק אין דער קיך. איך קאָן נישט, איך קאָן נישט. איך האָב ליב מיין איצטיקע אַרבעט.

כאַימאָוויטש האָט שוין געשוויגן.

זיי האָבן נישט באַמערקט, ווי זיי זיינען אָנגעקומען צו יאָסלס קבר. די פֿיס האָבן זיי אינסטינקטיוו פֿאַרטראָגן צו דעם קליינעם בערגל, וואָס דער רעגן האָט עס כּמעט אויסגעגלייכט מיט דער ערד. בלויז דאָס אָרעמע ברעטל צוקאָפּנס האָט עדות געזאָגט, אַז דאָס איז אַ קבר. יאָסל איז געלעגן איינער אַליין צופֿוסנס פֿון נאַקעטן באַרג גלבוע און האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם באַאַרבעטן טאָל, וואָס האָט זיך שוין איצט ווייט אַריינגעשניטן אין דער ווילדערניש אַ באַוואַקסענער מיט גרינע גראָזן. אַ ווינטל איז אַדורכגעגאַנגען און געגלעט די יונגע גראָזן און געצערטלט זיי מיט מוטערלעכער האַנט. אָן אַ זייט האָבן זיך געזען רויטע ריטער פֿון חבר נירקעסעס ביימלעך. דער הימל איז געווען פֿאַרוואָלקנט, דער טאָל אין די ווייטע בערג זיינען געווען בלוילעך. דאָס גרינס פֿונעם באַאַרבעטן עמק איז געשטאַנען פֿאַרלוירן און דערשראָקן אינמיטן פֿון דער גרויסער ברייטער ווילדערניש אַרום, באַדראָעט פֿון דעם פֿאַרכמאַרעטן הימל און פֿון דעם ערנסטן אָנבליק פֿון די בערג. יאָסלס קליין קברל מיטן קליינעם בערגל האָט אויסגעזען ווי אַ שומר, וואָס ליגט אויפֿן באַרג און היט דעם באַאַרבעטן עמק מיט די פּאָר פֿאַרשפּרייטע געצעלטן, וועלכע ליגן פֿאַרשלונגען אין מויל פֿון דער פּוסטקייט.

שרה האָט אינסטינקטיוו מיט איר האַנט געגלעט דאָס קליינע ברעטל אויף יאָסלס קבר, ווי עס וואָלט געווען יאָסלס געקרייזלטער שוואַרצער קאָפּ, וואָס זי האָט אַזויפֿיל מאָל געהאַלטן אויף איר שויס בעת זיין קראַנקהייט. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי דערהערט פֿון קבר אַרויס זיינע לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעקריצט צווישן זיינע פֿאַרשטייפֿטע ציין: „גייט... גייט ווייטער... מיר איז אַזוי קאַלט...״

אויפֿן וועג אַהיים האָט זי שוין גערעדט מיט חבר כאַימאָוויטש אַט וואָס:

— די באַשפּייזונג פֿון די חברים מוז דורכאויס בעסער ווערן. מען קאָן נישט פֿאַרלאַנגען פֿון די חברים בעת די רעגנס און ביי דער דאַזיקער שווערער אַרבעט אַז זיי זאָלן זיך לאָזן באַנוגענען מיט בלויזע קאַרטאָפֿלעס און בעבלעך. מען מוז אַ שטיק פֿון בודזשעט אויסגעבן אויף בעסערע באַשפּייזונג. מיר קאָנען נישט זיין ווי ביי פּרעהן, „קיין

שטרוי גיט מען אונדז נישט און די מאָס ציגל מוזן מיר שאַפֿן", — האָט זי צוגעלייגט אויף העברעאיש מיט אַ פּסוק פֿון חומש. — אויך מוז מען זאָרגן וועגן באַקליידונג. אויב ווער פֿון די חברים וועט זיך צוקילן אין די רעגנס, וועט עס טייערער קאָסטן. איין קבר האָבן מיר שוין, גאָט צו דאַנקען, פֿאַרזייעט אויפֿן באַרג. ניין, באָרוועס און נאַקעט קאָן מען נישט אַרומלויפֿן אין די בלאָטעס. מען מוז פֿאָרן קיין חיפה אַדורכ־רעדן זיך מיטן וועד פֿון גדוד, מען באַדאַרף ברענגען לייזונט און אַמעריקאַנער קאָנסערוון. עס איז שוין אַלעמען מיאוס פֿון די באַבעס.

דעם אָוונט אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָט חברטע שרה גענומען אַ וואָרט און געמאַכט דעם געהעריקן פֿאָרשלאָג וועגן רעאָרגאַניזירן די גאַנצע באַשפּייזונגס און באַקליידונגס סיסטעם. חברים זיינען אַזוי דער־שטוינט און דערפֿרייט געוואָרן, אַז מען האָט בגנבה פֿלינק אַראָפּגענומען פֿון דער טאָג־אָרדנונג דעם פּונקט פֿון חבר נירקעסעס ביימער־שולע, וועלכע מען האָט געהאַט אַרויפֿגעשטעלט. מען האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נאָך יאָסלען, חברטע שרהס אַ געליבט קינד, און מען האָט זיך נישט געוואָלט טשעפּן צו דעם.

קאַפּיטל 14

אין דער קי־שטאַל

די וועלט איז געשטאַנען אַ באַנייטע. אָפּגעצוואָגן פון רעגן, האָבן די פאַרבן צוריק באַקומען זייער קדמונישע ליכט. די בערג זיינען טיף־בלוי געווען. דער באַאַרבעטער עמק — גרין, און דער הימל, באַפרייט פון די אָנגעלאָדענע וואָלקנס, האָט אויף אַ ווייל צוריקבאַקומען זיין אַלט ארץ־ישראלדיק חשמל־פייער. דער חלל איז לייכט געווען און דער ווינט האָט געטראָגן פריילינג־הויכן.

חברטע שרה שטייט אויף דער שוועל פון איר געצעלט, זעט ווי די אַראַבער, וועלכע זיצן אויפן באַרג, פאַרלאָזן זייערע הייזלעך און באַוועגן זיך. זי רופט אַרויס די חברטעס פון קיך־געצעלט. עטלעכע חברים, וואָס זיינען באַשעפטיקט אין משק, שטעלן זיך אָפּ און קוקן נאָך די אַראַבער: יאָ, ס׳איז טאַקע אמת, זיי פאַרלאָזן זייערע הייזלעך. עס ציט זיך אַ גאַנצער קאַראַוואַן פון באַלאָדענע אייזעלעך מיט בעט־געוואַנט און מעבל־שטיקער, אַראַבערקעס מיט קינדער אויף די הענט און קינדער ביי די לאַנגע שוואַרצע ספּאָדניצעס שלעפּן זיך נאָך די אייזעלעך, די מענער גייען פאַראויס און טרייבן אָן די אויסגעמאָגערטע סטאַדעס מיט קאָזעס.

באַלד איז איבערן גאַנצן משק פאַרהילכט געוואָרן די בשורה: די אַראַבער ציען אָפּ!

חברים און חברטעס, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די נאָענטע פעלדער, קומען אָנצולויפן, מען באַשטימט אויף געשווינד, אַז מען זאָל איבערטראָגן די געצעלטן אויפן באַרג אַרויף, נאָך איידער די חברים קומען אַהיים פון דער אַרבעט.

נאָר קוים האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די פאַרלאָזענע אַראַבישע הייזלעך, האָבן זיי שוין חרטה געהאַט אויף זייער באַשלוס. עס האָט זיי אַנטקעגן געשלאָגן אַ געשטאַנק, וואָס איז אוממעגלעך געווען איבער־צוטראָגן. מען האָט געפּרוואווט אויפּרוימען דאָס שמוץ פון אַרום די הייזלעך, איז נאָך ערגער געוואָרן, מען האָט מיט די שפּאַדלעס און גראַבליעס

אויפֿגעדעקט מיסטן, וועלכע זיינען דאָרט געלעגן זינט דורות. די דורכ־געווייקטע קופּעס מיט אָפּפֿאַלעכץ האָבן געשלאָגן פֿון זיך אַ וואַרעמע פּאַרע. די איינציקע עצה איז געווען זיי דערווייל באַשיטן מיט ערד און זיי צוצודעקן אַזוי, אַז מען זאָל זיי נישט פֿילן און זען...

נאָך ערגער איז געווען, ווען די חברים האָבן זיך אַריינגעריסן אַטעמ־לאָזע אין דעם הויף׳ וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אָנגעיורענע ליימענע הייזלעך, אָנגעלענט איינע אויף די אַנדערע. אַ שאַרפֿער געשטאַנק פֿון פֿוילנדיקע נבלות און פֿון רויכנדיקן מיסט האָט פֿאַרהאַלטן דעם אָטעם. אין די הייזלעך איז געווען פֿול מיט שפּינען און ווערים, אַלץ איז געווען פֿאַרשוואַרצט און פֿאַררויכערט, מענטשלעך אָפּפֿאַלעכץ איז געלעגן אַרום אין אַלע ווינקלעך, צוזאַמענגעבאַקן מיט בהמהשן, וואָס די אַראַבער האָבן פֿאַרנוצט פֿאַר ברען־מאַטעריאַל. ניין, אין דעם מיסטקאַסטן אַריבעצוטראָגן די וואַוינונגען איז געווען אוממעגלעך. מען האָט באַשטימט דערווייל איבערלאָזן דעם לאַגער דאָרט, וואו ער איז געשטאַנען, נאָר די אויפֿגעשלאָגענע געצעלטן אַריבערצופֿירן אויף דער צווייטער זייט פֿון קוואַל, נעענטער אַרויף צום באַרג, וואו דער באָדן איז צוליב זיין משופּע־דיקייט פֿיל טרוקענער. דעם הויף מיט די ליימענע אַראַבישע הייזלעך האָבן זיי, נאָכן אויסרייניקן, באַשטימט צו פֿאַרוואַנדלען אין שטאַלן פֿאַר דער סטאַדע אַראַבישע קי, וואָס דער וועד פֿון גדוד האָט איינגעקויפֿט פֿון די שכנותדיקע אַראַבער ווי אַן אָנהויב פֿון אַן אינווענטאַר פֿאַר דער קבוצה. אויך האָט מען גערעכנט דאָרט צו פֿאַרלייגן אַ הינער־שטאַל. על־כּל־פּנים איז דאָך געוואָרן אַ ביסל גראַמער, נאָכדעם ווי די אַראַבער האָבן אָפּגעצויגן.

און אַ רחבות איז געקומען אויף דער וועלט. הידד, מיר וואַקסן! די ערשטע הינער־שטייג איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן׳ צוויי הונדערט איטאַליענישע „לעגהאָרנס״, ווייסע מוטערס, מיט צוואַנציק פֿאָטערס דרייען זיך שוין אַרום אין דעם גראַמען פֿעלד, וואָס מען האָט פֿאַר זיי אָפּגעצוימט. אַן אינקובאַטאָר אין שוין באַשטעלט, און ער איז צו דערוואַרטן יעדן טאָג. און ענדלעך האָט מען אַריינגעטריבן אין לאַגער די סטאַדע קי, וואָס דער גדוד האָט אָפּגעקויפֿט ביי די אָרטיקע אַראַבער און באַשטימט פֿאַר אַ טייל פֿון דעם אינווענטאַר פֿון דער קבוצה. די קי זיינען געווען פֿון דמשקער ראַסע, זייער אויסגעמאָגערט. מען האָט זיי איינקוואַרטירט אין די אַראַבישע הייזלעך, וועלכע מ׳האָט — ווי וויט עס האָט זיך געלאָזן — אויסגערייניקט און איבערגעמאַכט אויף שטאַלן. די אויפֿזיכט

איבער דעם טייערן אוצר — די האָפֿענונג פֿון דער קבוצה — האָט מען איבערגעגעבן דעם חבר בורלאַק און דער חברטע חנה זלאַטשאָוו.

די קי האָט מען באַלד „מגייר" געווען אויף העברעאיש. איינע האָט געהייסן „עדינה", אַ צווייטע — „עניה", „שחורה", נאווה", „חמדיה" און „חפֿצי־בה" — כאָטש עס איז גאָרנישט געווען דאָ וואָס צו גלוסטן אין איר. רופֿן האָט מען זיי גאָר באַדאַרפֿט נאָך די נעמען פֿון די זיבן מאָגערע קי, וואָס פּרעה בשעתו האָט געזען אין חלום... די זשעברעס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פֿון דער פֿעל, מיט איינגעפֿאַלענע לעכער. דערווייל האָט מען נאָך פֿאַשע פֿאַר די קי געמוזט קויפֿן פֿון דרויסן, און עס איז נישט אַזוי לייכט געווען דער שאָדן, וואָס די אַראַבער האָבן אין די בהמות אַנגעטאָן, אַזוי גיך גוט־צו־מאַכן. אָבער דער חשק און דער ווילן, די קי וואָס גיכער אויף די פֿיס צו שטעלן, אַז זיי זאָלן זיין אַ פּראַכט, „מיט וועלכע ישראל זאָל זיך קענען רימען", איז גרויס געווען; נאָך מער — ביי די חברים, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זיי, ביי חבר בורלאַק און חברטע חנה, וועלכע האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען. אָבער קיין וואונדער קאָנען זיי נישט באַשאַפֿן. דערווייל האָט מען אַ חוץ דער אַרבעט, ווייניק וואָס געהאַט פֿון דעם אינווענטאַר, די אייער פֿון די הינער און דאָס ביסל מילך, וואָס די קי האָבן געגעבן, האָט מען באַדאַרפֿט אָפּפֿירן יעדע נאַכט קיין עפּולה און אָפּשיקן מיט דער באַן קיין חיפֿה, כדי צו האָבן פֿאַרוואָס איינצוקויפֿן שפּייז פֿאַר זיי. וואָרים אַ חוץ וואַסער, האָט מען נאָך אַלצדינג באַדאַרפֿט קויפֿן פֿאַר די בהמות.

מיט אומגעדולד קוקט אויס חבר בורלאַק אויפֿן ערשטן בינטל היי, וואָס מען האָט פֿאַרזייט. די הינער האָבן דערווייל מער געקאָסט צו פֿיטערן, ווי די אייער האָבן אַריינגעבראַכט. אָבער דאָך האָט חברטע שרה געהאַט מיט וואָס די זופּ צו פֿאַרשלאָגן, מען האָט געקאָנט אַ פּאָר אייער אַראָפּגנבענען פֿאַר אַ קראַנקן, אויך אַ פּאָר קוואָרט מילך אויפֿצוקאָכן און אַריינגיסן אין דעם רייז. דאָס איז געווען אַ געשמאַק און נוצלעך מאַכל אין די טעג פֿון רעגנס, עס האָט צוואָרמט די ביינער. אָבער אַ חוץ דעם, האָט עס די פֿאַרמוטשעטע חברים געגעבן מיט האָפֿענונג און אויסזיכטן — דאָס פֿאַרמעגן וואַקסט איבער נאַכט!

און געפֿינט זיך שוין דען נישט אויפֿן וועג פֿון האָלאַנד די „האָפֿענונג פֿון ישראל" — דער ביק פֿון דער ריינסטער האָלשטיין־פֿריזער־ראַסע, וואָס דער וועד פֿון גדוד מיט אַלע ארץ־ישׂראל אינסטיטוציעס צוזאַמען האָבן געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען זיך איינצושאַפֿן דעם דאָזיקן תכשיט, כדי אים משדך צו זיין מיט די דמשקער קי און אויסבעסערן

זייער ראָסע אין ארץ־ישראל? גאַנץ ארץ־ישראל איז געווען פֿאַראינטע־רעסירט אין דעם דאָזיקן שידוך, און אַלע אינסטיטוציעס האָבן זיך באַשטיי־ערט אויף דעם גרויסן נדן, וואָס מען האָט פֿאַרלאַנגט פֿאַר דעם „חתן". ער שטאַמט פֿון גרויסן יחוס. זיין פֿאָטער, זיידעס און עלטער־זיידעס זיינען געווען באַרימט אין דער וועלט, און אַלע לעגנדער האָבן זיך פֿאַר זיי געריסן. דער דור קי, וואָס גייט אַרויס פֿון זיינע לענדן, גיט דרייסיק ליטער מילך אַ טאָג. זיי זיינען ברייט־פּיסיק, מיט קרעפֿטיקע ביינער. די קעלבער ווערן געבוירן גאַנצע אָקסן, — האָט מען דערציילט וועגן אים גבורות ונפֿלאָות, איידער ער איז נאָך אָנגעקומען. און דערפֿאַר איז מען איינגע־גאַנגען אויף דעם גרויסן נדן, וואָס האָט אָנגעטראָפֿן אַ סומע, פֿאַר וועלכער מען האָט שוין באַלד געקאָנט אַ צווייטע קליינע קבוצה גרינדן. איידער ער איז נאָך אָנגעקומען, האָט אים שוין גאַנץ ארץ־ישראל געהאַלטן אין געבן יתרוס נעמען, כּדי אים מגייר צו זיין אויף לשון־קודש. מען האָט אים געגרופֿן „שמשון הגיבור". אין דער קבוצה האָט מען אים געוואָלט אַ נאָמען געבן, צוליב לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם, „יפֿתח הגלעדי". אַנדערע חברים האָבן אים געוואָלט אַפֿילו אַ נאָמען געבן „קאַרל מאַרקס", כּדי אונטערצושטרייכן דעם סאָציאַליסטישן סיסטעם, וואָס ער איז באַרופֿן צו דינען. אָט דעם „שמשון הגיבור", האָט מען צוגעזאָגט דעם ערשטן אַריינצושיקן אין דער קבוצה, כּדי צו באַפֿרוכפּערן דעם עמק מיט אַ דור בהמות, וואָס זיינען ווערט דעם רוף פֿון זיינע לענדן... דערווייל האָט מען זיך אָבער געמוזט באַנוגענען מיט די דמשקער קי, פֿאַר וועלכע חבר בורלאַק און חברטע חנה האָבן אַלץ געטאָן, כּדי צו פֿאַר־בעסערן זייער אויסזען נאָך איידער דער ביק קומט אָן, אַז ער זאָל זיך מיט זיי נישט באַדאַרפֿן שעמען.

חברטע חנה זלאַטשאָווי, זינט עס האָט זיך מיט איר געטראָפֿן דאָס אומגליק בעת דעם פּאָגראָם אין איר אוקראַינישער שטאָט, האָט געמיינט, אַז פֿאַר זיך איז זי שוין גאָרנישט. אויב זי לעבט, איז עס נאָר מיט דעם זכות פֿון אַרבעט, פֿאַר וועלכער זי האָט זיך געשענקט. זינט יענע טרויעריקע געשעעניש, וואָס לאָזן זיך אויף קיין איין מינוט נישט פֿאַר־געסן, קאָן זי נישט פֿאַרטראָגן דעם גערוך פֿון אַ מאַן... ביי יעדער באַרירונג מיט דעם מענלעכן מין, דערוועקט זיך אין איר דער גאַנצער עקל, וואָס איז געבליבן אין איר לייב שטעקן ווי אַן אומפֿאַרהיילבאַרע וואונד. אויף די אָונטן, ביי וועלכע עס זיינען געטאַנצט געוואָרן די האָראַס אין די פֿאַרשיידענע ערטער, אין וועלכע זי האָט זיך געפֿונען, איז זי תמיד געזעסן באַזונדער אַליין ווי אַ סוטה און זיך באַטראַכט ווי טמא...

וויפֿל חברים עס האָבן זיך נישט געמיט זי אַריינצוציען אין דעם רעדל פֿון טאַנץ, האָט זי זיך באַלד דערפֿון אַרויסגעדרייט, פֿאַרשוואונדן איינע אַליין אין דרויסן, אין דער נאַכט אַריין, און זיך פֿאַרקוקט אין די שטערן. זי האָט אַפֿילו נישט געקאָנט וויינען...

זינט אָבער זי געפֿינט זיך אויף דעם נייעם אָרט אין דער קבוצה מיט די חברים, הויבט זי זיך אָן פֿאַמעלעך צו ענדערן. זי באַמערקט עס אַליין נישט. צי איז עס דערפֿאַר, ווייל זי פֿילט צום ערשטן מאָל, אַז זי אַרבעט נישט פֿאַר פֿרעמדע, ווי ביז איצט ביי די רייכע יידישע קאָלאָניסטן, וועלכע באַהאַנדלען זייערע ברידער־אַרבעטער מיט יענער זינד פֿון שנאַת־אַחים, וואָס האָט גורם געווען, אַז דאָס בית־המקדש זאָל חרוב ווערן און יידן זאָלן פֿאַרטריבן ווערן פֿון זייער לאַנד! דאָס ערשטע מאָל וואָס זי אַרבעט פֿאַר זיך, פֿאַר חברים, צווישן וועלכע זי געפֿינט אַ היים, און די אַרבעט קומט איר פֿאַר ווי אַ רייניקונג־טבילה, וועלכע וואַשט אָפּ דעם שאַנד־פֿלעק, וואָס איז געבליבן קלעפּן אויף איר.

וואָס שווערער און שמוציקער די אַרבעט איז, אַלץ מער פֿילט זי זיך דורך איר גערייניקט, און זי רייסט זיך צוליב דעם צו דער אומאָנגענעמסטער און אומריינסטער מלאכה.

באַלד ביים אָנהויב איז אויפֿגעשטאַנען די פֿראַגע פֿון האַלטן אין אָרדנונג די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען". עס איז איינגעטיילט געוואָרן אַזוי, אַז יעדער איינער פֿון די חברים, נישט געקוקט אויף דעם עלטער אָדער פֿאַרדינסטן, האָט נאָך דער ריי נאָך געהאַט צו פֿאַרריכטן די „סאַניטאַרישע באַדינגונגען". חנה זלאַטשאָוו האָט עס נישט נאָר געטאָן פֿאַר זיך, נאָר עס נאָך געטאָן פֿאַר אַנדערע חברטעס, וואָס דאָס איז געווען קעגן דעם איינשטעל. עס איז איר פֿאָרגעקומען, אַז דורך דער אַרבעט, וואָס האָט דאָ ביי קיינעם קיין באַזונדערע סיבות פֿאַר מיאוסקייט נישט אַרויסגערופֿן, ווייל די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן פֿאַר זיך, קריגט עפּעס אין איר אַ תיקון. דאָס זעלבע איז אויך געווען ביי דעם וואַשן וועש. חברים און חברטעס האָבן יעדע איינע דערפֿילט די מצווה פֿון וועש־וואַשן, אָבער מען קאָן נישט זאָגן, אַז מען האָט זיך געריסן צו דער דאָזיקער אַרבעט. אַז מען האָט געהאַט אַ געלעגנהייט זיך אויסצודרייען דערפֿון און איבערצובייטן די אַרבעט אויף עפּעס אַנדערש, האָט מען עס אַוודאי געטאָן. חברטע חנה, אָבער, איז גרייט געווען יעדן איינעם צו פֿאַרבייטן. ווען זי איז געשטאַנען ביי דער מולטער און געריבן די העמדער און די אונטער־וועש, וועלכע זייגען פֿון די בלאָטעס און אַרבעט דורכגעזאַפּט געווען מיט ערד און שוויס, אַז עס איז מער נישט געווען צו דערקענען

פֿון וואָס פֿאַר אַ מאַטעריאַל דער שטאָף פֿון די וועש איז געמאַכט ; ווען זי האָט געריבן מיט אירע הענט די שוואַרצע פֿלעקן, — האָט זי צוזאַמען מיט דעם שמוץ, וואָס איז אַרויס פֿון די העמדער און אָפּגעזעצט זיך אין וואַסער, זיך געפֿילט אָפּגעוואַשן פֿון די שאַנד־פֿלעקן, וואָס זיינען קלעפּן געבליבן אויף איר נשמה...

זינט אָבער די חברטע חנה איז באַשעפֿטיקט אין שטאָל ביי די קי, האָבן חברים און חברטעס געקאָנט באַמערקן אַ בוילעטע ענדערונג אין געמיט, אין דער אויפֿגעלייגטקייט, אַפֿילו אין אויסזען פֿון דער חברטע חנה. נישט אַלע חברים האָבן געוואוסט די אמתע סיבה, פֿאַרוואָס חברטע חנהס האַרטן פּנים ליגט אַזאַ שווערע זאָרג און טרויער, פֿאַרוואָס די חברטע גייט שטענדיק איינע אַליין, רעדט קיינמאָל קיין וואָרט נישט אויס צו איר חבר בעת דער אַרבעט. און וויפֿל דער אָדער יענער חבר באַמיט זיך נישט אַריינצוציען אין דער אַלגעמיינער שמחה, וויפֿל מען באַמיט זיך נישט אַרויסצורופֿן אויף איר פּנים אַ שיין פֿון אַ שמייכל, דרייט זי זיך כּסדר אַרויס דערפֿון. מען האָט פֿאַרשטאַנען אַז עפּעס־וואָס דריקט אויף איר נשמה, אָבער מ׳האָט נישט געוואָלט אַריינדרינגען אין יענעמס סוד, און מען האָט זי געלאָזט אַליין. זינט אָבער די חברטע חנה איז אין קי־שטאָל, האָט מען באַמערקט, ווי אַן אינערלעכע צופֿרידנקייט פֿאַרווייכערט דעם שאַרפֿן שניט פֿון איר האַרטן מויל. אירע טרויעריקע, צו דער ערד אַראָפּגעהאַנגענע אויגן זיינען פֿרייער זיי פֿאַרלירן די שרעק, וואָס איז געלעגן אין זיי, זי קוקט אָפֿן אַ מענטשן אין פּנים אַריין. אין די אָוונטן ביים טאַנץ האָט זי זיך גיכער געלאָזט אַריינציען אין דעם קאַראַהאָד, און ווען אַפֿילו זי האָט געריטשעט מיט די פֿיס און געטאַנצט, אַזוי אַז מען האָט געהאַט דאָס געפֿיל, ווי שווערע צענטנערס משא ליגן אויף אירע פּלייצעס, האָט זי זיך אויך שוין נישט אַרויסגעריסן פֿון ראָד ; און אָפּטמאָל האָט מען געקאָנט באַמערקן אַפֿילו אַ טרויעריקן שמייכל צעגיסן זיך איבער איר פּנים, וואָס פֿאַרווייכט און פֿאַררונדיקט אָפּ מיט אַן אויסלייז־גרימאַסע דעם שאַרפֿן עק פֿון איר גאָמבע.

חברטע חנה האָט צווישן די בהמות געפֿונען די נחמה פֿאַר דעם אומרעכט, וואָס מענטשן האָבן איר געטאָן. נאָך אין דער נאַכט, ווען עס איז נאָך פֿינצטער, אַז זי גייט אַרויס פֿון איר געצעלט, וואָס זי טיילט מיט אַ פּאָר חברטעס, דורך די פֿייכטע פֿעלדער אין דער שטאָל אַריין, דאַכט זיך איר, אַז דער דיקער נאַכט־טוי וואַשט זי אָפּ, שוין פֿונדערווייטנס דערהערן די קי אינעווייניק איר דערנעענטערן זיך, און איר פֿריינדין, חברטע „עזיבה״ באַגריסט זי מיט אַ מרוק. זי האָט אירע פֿריינדינס

צווישן די בהמות, די נאָענטסטע איז איר די חברטע „עזיבה". „עזיבה" רופֿט זי דערפֿאַר די קו, ווייל זי פֿילט, אַז די בהמה איז פֿאַרלאָזט און איינזאַם געווען ווי זי...

פֿון דער ערשטער צייט אָן, אַזוי ווי זי האָט נאָר אָנגעהויבן זיך צו באַשעפֿטיקן אין דער שטאַל, האָט זי זיך אויסגעזוכט די גרויע, ווייס־געפֿלעקטע קו, און האָט איר אַ נאָמען געגעבן „עזיבה". די קו האָט געמוזט האָבן נישט קיין גוט לעבן ביי איר פֿריערדיקן באַלעבאָס, זי איז געווען אויסגעדאַרט, מיט די זשעבערעס אַרויס, מיט איינגעפֿאַלענע לעכער אין די זייטן, מער ווי אַלע אַנדערע. עס זעט אויס, אַז דער אַראַבער האָט זי געמוזט ביים אַקער פֿאַרפייניקן מיט אַרבעט האַלב צום טויט. אַ טרויעריקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר לאַנגען שמאָלן קאָפּ, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי טרויערט אויף דער שלעכטקייט פֿון די מענטשן, וועלכע זיינען זיך מיט איר אַזוי אונברחמנותדיק באַגאַנגען. די קו איז געווען דער אָנבליק פֿון פֿאַרלאָזנקייט, קוים וואָס זי איז געשטאַנען אויף אירע לאַנגע דאַרע פֿיס, און מיט אירע טרויעריקע בהמשע אויגן, וועלכע האָבן תמעוואַטע אַרויסגעקוקט פֿון אירע גרויסע ברעמען־ראַנדן, געבעטן מחילה פֿאַר איר אָרים און בידנע דאָ־זיין. אירע גרויסע אויפֿגע־שטעלטע אויערן האָבן געציטערט, זיי זיינען שטענדיק אויף דער וואַך געווען, אויסגעהאָרכט, צו עס קומט נישט אַ קלאַפּ, אַ שמיץ מיט אַ בייטש, אַ קאָפּע מיט אַ פֿוס אָדער נאָך עפּעס ערגערס פֿון הינטן אַרום, צו וועלכן זי איז געוואוינט געווען איר גאַנץ לעבן...

ווען חברטע חנה האָט זי געגלעט מיט דער האַנט איבערן קאָפּ און רוקן, האָט די קו אויסגעשטעלט אויגן און אויערן און דערוואַרט דעם קלאַפּ, און זי האָט זיך געוואונדערט, פֿאַרוואָס ער קומט נישט. די קו האָט באַלד געפֿאַנגען חברטע חנהס האַרץ מיט איר טרויעריקן אָנבליק, און חנה האָט זיך פֿאַר איר מער אָנגענומען ווי פֿאַר די אַנדערע קי. זי האָט געפֿילט אין דער בהמה אַ שוועסטער אין צער, און האָט אויסגעלאָדן אויף איר די צערטלעכקייט און ליבע, וואָס איז אין איר אָפּגעסמט געוואָרן פֿאַרן מענטש. זי האָט די קו אַ נאָמען געגעבן „עזיבה", אין האַרץ האָט זי חנה אָבער גערופֿן „אָחות לצרה" און פֿלעגט „עזיבה" אויפֿן חשבון פֿון די אַנדערע קי געבן מער צו עסן. זי האָט „עזיבהן" גערייניקט מיט דער באַרשט ביי דער ברכה לענגער ווי די אַנדערע. זי האָט זי געצערטלט און אָפּגעגעבן זיך מיט איר מער ווי מיט די אַנדערע קי, ווי זי וואָלט דער חברטע „עזיבהן" געוואָלט פֿאַרגיטיקן פֿאַר אַלע עוולות, וואָס מענטשן האָבן איר אָנגעטאָן ביז איצט.

און „עזיבה" האָט עס געפילט און פאַרשטאַנען. די בהמה האָט זיך צוגעבונדן צו איר, און ווען זי האָט געזען, אַז אַנשטאָט שטורכעס, שטעכן און אַנדערע יסורים, וואָס דער אַראַבער האָט איר אָנגעטאָן, כדי זי זאָל גיין נאָכן אַקער, באַקומט זי גאָר עסן און צערטלעכקייט, איז זי דאַנקבאַר געווען פאַר אַלעם גוטן מיט יענער שטומער, אומבאַגרענעצטער, טיפער און אונטערטעניקער דאַנקבאַרקייט, אויף וועלכע חיות און בהמות זיינען נאָר פעאיק. זי האָט איר גאַנץ האַרץ, אירע אַלע געפילן, וואָס זי האָט געוואָלט אויסזאָגן צו דער חברטע חנה, אַריינגעלייגט אין דעם שטומען בליק, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע תמעוואַטע אויגן, בשעת חנה האָט זיך צו איר דערנעענטערט. זי האָט דערשמעקט מיט אירע נאָזדרעס חברטע חנהס גערוך, ווען יענע איז נאָך געווען אין דרויסן, און זי האָט איר אַנטקעגנגערופן מיט אַ שטומען מרוטשען. זי האָט אויך חברטע חנהן געהאָלפן אין איר נייעם באַרוף. מען קען זאָגן אַז „עזיבה" האָט חברטע חנהן אויסגעלערנט ווי אַזוי אַ קו צו מעלקן, ווי אַזוי מען באַדאַרף מיט די פינגער אָנגרייפן דעם אייטער, אַראָפדריקן די מילך אין די וואָרצלען אַריין און מיט די קנאָכן פון די שפּיץ פינגער דורכפירן מיטן גאַנצן כוח איבער די ציצן. ווען חברטע חנה האָט זיך צום ערשטן מאָל גענומען קי־מעלקן, איז עס איר אַזוי לייכט נישט אָנגעקומען, די קי האָבן זיך געווערט, געשלאָגן מיט די עקן איבערן פנים. ערשט ביי „עזיבה" האָט חנה געלערנט ווי אַזוי אַ קו איינצונעמען ביים מעלקן און טאָן עס אַזוי, אַז עס זאָל דער קו גוט־טאָן, און זי זאָל זיין ווילִיק די מילך אָפּצוגעבן.

אויך איצט, ווען די חברטע חנה דערנעענטערט זיך צו דער שטאַל, מיט אַ שעפל וואַסער, וואָס זי האָט אין קיך אָנגעוואַרעמט אויף צום וואַשן ביי דער קו די וואָרצלען פאַרן מעלקן,דערשמעקט „עזיבה" איר גערוך פון דער ווייטנס און רופט איר אַנטקעגן. אין דער שטאַל געפינט חנה שוין דעם לאָמפּ אָנגעצונדן. חבר בורלאַק, אָדער ווי מען רופט אים שוין איצט חבריש, חבר מאיר, שטייט ביים קאַסטן פּאַשע, מישט צענויף דעם צעריבענעם קאָרן מיט געהאַקטע שטרוי און שיט עס אַריין אין די קאָרעטעס, כדי די קי זאָלן האָבן מעלה־גרה צו זיין ביים מעלקן און זיי זאָלן שטיין רואיק.

חבר בורלאַק האָט שוין לאַנג באַמערקט חברטע חנהס שוואַכקייט צו „עזיבהן", און כדי דער חברטע גוט־צו־טאָן, האָט ער אויך באַהאַנדלט „עזיבהן" מיט מער איינזעעניש ווי די אַנדערע קי. ער האָט אין איר קאָרעטע אַ גרעסערע קופּע פּאַשע אַריינגעשאָטן, אַ שווערן גאָפּל היי ביי איר ליטערל איבערגעלאָזט, כאָטש ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַן

אומגערעכטיקייט לגבי די אַנדערע קי; ער האָט עס געטאָן בלויז דער חברטע חנה צו דערפֿרייען.

ווי חברטע חנה צו „עזיבהן", אַזוי פֿילט חבר בורלאַק צו חנהן. די לאַסט, וואָס ליגט אויף אירע פּלייצעס, די טרויעריקייט פֿון איר פּנים האָט גערירט חבר בורלאַקס פּראָסט־פּשוט מענטשלעך האַרץ. ער האָט זי געפּרואווט דערפֿרייען מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט.

— „עזיבה" האָט זיך שוין פֿאַרבענקט נאָך אייך! — רופֿט ער איר אַנטקעגן, און בשעת מעשה גיסט ער אַריין פֿריש וואַסער אין די עמערס, וואָס הענגען ביי דער קו.

ווי תמיד, ענטפֿערט חנה גאָרנישט, און גייט צו צו איר ליבלינג־קו.

חבר בורלאַק איז אַ פּראָסטער מענטש. צום ציוניזם איז ער צוגעקומען דורך זיין פּשוטן, פּראָסטן שכל. פֿאַרשטייט זיך, אַז די חברים האָבן אויף אים אַ בלבול אויסגעטראַכט, אַז ער איז נישט קיין ייד. חבר בורלאַק איז אַ ייד, ער איז נאָר דערצויגן געוואָרן אין אַ גויאישער סביבה צווישן קאָזאַקן אין קרים. דער פֿאָטער זיינער, אַ שניידער פֿון דער ליטע, וועלכער האָט אויסגעוואָנדערט אין קרים, איז אַפֿילו געווען אַ פֿרומער ייד און ער האָט בורלאַקן דערצויגן אין פֿרומען גייסט, געלערנט אים תנ"ך. וויט איז בורלאַק נישט אַוועק אין די יידישע לימודים, אָבער אויף דער באַנק פֿון דער שול איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג דורך חברים, דורך רוסיש־יידישע בראַשורן. ער האָט עס גענומען פּשוט: פּונקט אַזוי ווי די גויים האָבן זייער „ראָדינע" (פֿאָטערלאַנד), האָבן די יידן אויך זייערע, און מען באַדאַרף צוריקגיין די „ראָדינע" אויפֿבויען. ער איז קיינמאָל נישט געווען אין יידישן „תחום" און קיין אמתע יידן האָט ער קיינמאָל נישט געזען. די יידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין זייער קאָזאַקישן שטעטל, זיינען געווען קינדער פֿון ניקאָלאַיעווער סאָלדאַטן, כּמעט האַלבע גויים. צום ציוניזם איז ער געקומען דורך צער. ער האָט אייגנטלעך קיינמאָל נישט געליטן ווי אַ ייד. דאָס יידנטום איז ביי אים אויך נישט געווען קיין קאָמפּליצירטע פּראָבלעם, עס איז ביי אים געווען אַ פֿאַרלאַנג און אַ בענקשאַפֿט נאָך אַן אייגן נאַטירלעך לעבן. ער האָט געזען זינטיק ווי די קאָזאַקן מאַכן בעיעג־געוועטן אויף זייערע פֿערדלעך, האָט ער זיי „מקנא" געווען, געוואָלט האָבן אַ „ראָדינע", ווי די קאָזאַקן האָבן, און יידישע יונגעלייט זאָלן אַרומרייטן אויף פֿערדלעך און זיך פֿילן פֿריי און זיך נישט דאַרפֿן באַהאַלטן מיטן אָפּשטאַם. ער האָט זיך נאָך בעת דער מלחמה אַנגעשלאָסן אין אין אַ קבוצה פֿון קרים, אין וועלכער ער איז געווען פֿון ערשטן טאָג אָן דער בעסטער אַרבעטער, אַפֿילו

אַ שטאַל חזירים פֿאַרלייגט. ער איז געווען איינער פֿון די לעצטע צו פֿאַר־לאָזן דעם קיבוץ, דערנאָך מיט אַ שיף פֿון אָדעס ווי אַ מאַטראָז פֿאַר־בלאָנדזשעט קיין ארץ־ישראל. אין דיסקוסיעס האָט ער קיין אָנטייל נישט גענומען, ביי אים זיינען אַלע פֿראַגן געווען פֿאַרענטפֿערט. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס איז זיך דאָ פֿאַראַן צו אַמפּערן. די זאַך איז פּשוט: יידן האָבן זייער אייגן לאַנד, ארץ־ישראל, ווי אַנדערע האָבן זייערס, און מען באַדאַרף אַראָפּקומען און נעמען דעם פּיאַש אין דער האַנט אַריין. און דאָס האָט ער געטאָן.

צו חברטע חנה האָט ער באַקומען אַ שוואַכקייט, זינט ער איז פֿון אַ חבר געוואָריר געוואָרן בדרך סוד וועגן אירע איבערלעבענישן. אַ ביסל האָבן אים חברטע חנהס איבערלעבנישן געריייצט... מער אָבער איז עס געווען אַ געפֿיל פֿון רחמנות. חבר בורלאַק מיט זיינע גרויסע מעכטיקע הענט האָט ער זיך געפֿילט פֿאַרפֿליכטעט אַז ער מוז זי באַשיצן ווי אַן אייגענע שוועסטער, — פֿון וועמען און פֿון וואָס, איז אים געווען אַלץ איינס. נאָר יעדעס מאָל, ווען חבר בורלאַק האָט געזען דער חברטע חנה זיצן אַליין פֿאַרזאָרגט, איינגעהילט אין טרויער, אָדער בשעת אַלע האָבן געטאַנצט, איז זי געשטאַנען אַליין אין דרויסן און אַריינגעקוקט, ווי זי וואָלט זיך נישט געווען געטרויט אָנטייל צו נעמען, איז חבר בורלאַק צו איר צוגע־שטאַנען און דווקא געוואָלט זי מיט־אַריינפֿלעכטן אין ראָד אַריין, געגנויט זי מיטצוטאַנצן.

— אַלע מיידלעך טאַנצן, און איר שטייט אַליין, קומט, חברטע חנה, — און ער האָט פּשוט מיט כּוח זי מיטגענומען.

זינט עס איז זיי ביידן אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דער קי־שטאַל, הויבט דאָס פֿאַרלאָזענע מיידל אָן צו פֿילן, אַז עס איז וועד דאָ, וואָס האָט אַן אינטערעס פֿאַר איר. חבר בורלאַק, אַזוי אומגעהובלט און פּשוט ווי ער איז, פֿאַרמאָגט אַן אינערלעכן טאַקט. אַזוי ווי דאָס געפֿיל וואָלט אים געווען אונטערגעזאָגט די פֿאַרמען, וועלכע ער זאָל צום בעסטן נוצן, כּדי אויסצוהיילן די חברטע חנה פֿון איר קרענק. ער האָט זי קיינמאָל נישט אָנגערירט מיט קיין האַנט, ער האָט זי קיינמאָל נישט פֿאַרוואונדעט מיט קיין וואָרט. צו ערשט האָט ער זי געפּרואווט אַריינציען אין די טענץ, פֿאַרפֿירט מיט איר געשפּרעכן און אין געשפּרעך זי אַרויסציען אויף אַ שפּאַציר. דאָס מיידל האָט אַליין נישט באַמערקט, ווי פֿון אונטער דער איידעלער אויפֿמערקזאַמקייט פֿון חבר בורלאַק ווערט זי אַריינגע־צויגן אין לעבן אַריין. זינט זיי זיינען צוזאַמען אין דער קי־שטאַל, האָט ער געפֿונען אַ וועג ווי אויסצודריקן זיין פֿאַרערונג פֿאַר איר דורך דעם,

וואָס ער האָט מיט אַ פֿאַרשווענדערשער האַנט פֿאַשע געגעבן איר ליבלינג, דער „עזיבה", אָדער, ווי ער האָט זי אין שפּאַס גערופֿן חברטע חנהס בת־יחידה. אַזוי ביסלעכווייז האָט חברטע חנה געמוזט באַמערקן, אַז פֿון די ברייטע שטאַרקע אַקסלען און ברוסטן פֿון דעם חבר שטראַלט צו איר אַ זון פֿון פֿריינטשאַפֿט, וועלכע היילט זי פֿון אירע וואונדען.

נאָכן מעלקן די קי נעמט זיך חבר בורלאַק רייניקן די שטאַל. חברטע חנה — מיט אַ באַרשט און וואַסער די קו פּוצן. חבר בורלאַק קערט און גראַבליעט־אַרום דאָס מיסט פֿון אונטער די קי, טראָגט עס אויפֿן הויף אַרויס און לייגט עס אָן אין הויפֿנס. בשעת ער טרעט אָן מיט זיינע שטיוואַלעס די קופּעס מיסט, פֿון אונטער וועלכע עס רינט די געלע אָפּ־געזעסענע פֿליסיקייט, באַמערקט ער ווי חברטע חנה שטייט ביים עמער וואַסער מיט „עזיבהן", שפּילט זיך לאַנג מיט איר, צערטלענדיק מיט דער באַרשט איבער די לאַנגע קינבאַקן פֿון איר אויסגעצויגענעם קאָפּ. זי פֿירט אַדורך מיט דער באַרשט איבער אירע זשעבערעס, וועלכע הויבן זיך אָן אויסצופֿילן. די אַנדערע קי האָט זי אָפּגעפּטרט מיט אַ צוויי־דריי רייבן, אָבער איר „עזיבה" גיט זי אָוועק די גאַנצע צייט.

—חברטע חנה, איר פּיעשטשע זיך צופֿיל מיט אייער בת־יחידה.

— וואָס אַרט עס אייך, עס קאָסט אייך טייערער? — זאָגט זי אים אַנטקעגן.

— די אַנדערע קי וועלן זיין אייפֿערזיכטיק אויף איר!

— זאָלן זיי זיין!

— און נישט נאָר די קי!

— נאָר ווער דען נאָך? — פֿרעגט זי.

— נישט איין בחור. און מער פֿון אַלע נאָך דער, וואָס שטייט איצט אין מיסט.

— אַזוי גאָר? פֿון דעם האָב איך נישט געוואוסט.

און חבר בורלאַק באַמערקט ווי חברטע חנהס טרויעריק פֿאַרהאַר־טעוועט פּנים ווערט פֿאַרווייכערט פֿון אַ קוים־באַמערקבאַרער דורכגייענ־דיקער מיידלשער רויטלעכקייט.

דעם פֿאַרמיטאָג, ווען חברטע חנה האָט אין איר געצעלט, וואָס זי האָט געטיילט מיט אַנדערע חברטעס, אָפּגעוואַשן זיך פֿון איר שטאַל־אַרבעט, איבערגעטאָן זיך אין אַנדערע קליידער, כּדי מיטצוהעלפֿן אין דער קיך, האָט זי באַמערקט ווי אויפֿן בענקל פֿאַר חברטע דבורהס בעטל

ליגט אַ שטיקל שפּיגעלע, וואָס חברטע דבורה האָט פֿאַרגעסן אויפֿצורוימען בשעת זי האָט זיך אויך דערוויייל אַנגעטאָן. חברטע חנה האָט זיך אומ־געקוקט אין געצעלט, צי קיינער זעט נישט, און ווי אַ גנבטע גענומען דאָס שפּיגעלע אין האַנט אַריין און אין דעם אַריינגעקוקט. עס האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אין דעם שטיקל שפּיגל־גלאָז, אַז זי האָט גאָרנישט קיין מענטשלעך פּנים, און זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען ווי מען קאָן גאָר דאַרויף איבערזיכטיק זיין. נישט אַנדערש, סיידן חבר בורלאַק שפּאַסט פֿון איר...

זי האָט דאָס שפּיגעלע פֿלינק און מיט בייזקייט צוריקגעלייגט.

דאָס צווייטע מאָל, ווען זי איז געקומען צו דער אַרבעט און חבר בורלאַק האָט זי באַגריסט מיט זיין געוויינטלעכן פֿריילעכן שמייכל, האָט זי אים נישט אָפּגעענטפֿערט.

קאַפּיטל 15

אויסגעגלייכט די עוולה

די רעגנס האָבן אַ ביסל נאָכגעלאָזט, אָדער מען האָט זיך גאָר צו זיי צוגעוואוינט; די ערד איז אַביסל טרוקענער געוואָרן און געגעבן אַ געלעגנהייט דעם חבר נירקעס זיין איילבירטן־וועלדל צו פֿאַרפֿלאַנצן. אויך איז געטאָן געוואָרן מער אַרבעט אין דער „משתלה״, אין דער ביימער־ שולע, דער ווייִנגאָרטן איז שוין געווען אינגאַנצן פֿאַרפֿלאַנצט מיט די ווייִנשטאָקן, וואָס דער וועד האָט צוגעשיקט. אויף דער היגער־ שטאָל האָבן אָכטונג געגעבן דער „טאָלסטאָיאַנער״ און דער חבר געצל זעלמאַנאָוויטש. דאָס עסן איז בעסער געוואָרן; אויך אין דער באַקליידונג איז אַריינגעקומען אַן ענדערונג צום בעסערן. און וואָס דאַרף דער מענטש מער? אין די אויסגעשטערנטע לבנה־נעכט האָבן זיך איצטער מער געהערט די האָרא־געשרייען און דאָס טאַנצן, וואָרים די שטימונג אין לאַגער איז געוואָרן געהויבענער!

דאַן איז אָנגעקומען דער גרויסער טאָג, ווען מען האָט פֿון דער באַן־סטאַנציע אַהיימגעפֿירט דעם „גיבור ונורא״ — דעם ביק, וואָס איז אָנגעקומען פֿון האָלאַנד, און וועמען מען האָט איינגעקויפֿט פֿאַר אַ שלל מיט געלט, די „האָפֿענונג פֿון ישראל״, אַז ער וועט די ארץ־ישׂראלדיקע בהמות־צוכט פֿאַרבעסערן. דער נאָמען זייַנער איז געווען „שמשון הגיבור״, — אַזוי האָט געוואָלט דער ישוב.

די חברים האָבן איבערגעלאָזט די שופֿלעס פֿון די בלאָטעס אין פֿעלד, אַנדערע — די אָקערס, און זייִנען אויף די מויל־אייזלען אַהיימ־ געקומען צו רייטן; די פֿלאַנצערס האָבן אָוועקגעוואָרפֿן די יונגע אייל־ בירטן־צווייַגלעך, און אינמיטן פֿלאַנצן זייִנען זיי געקומען אַהיימצולויפֿן; פֿון אַלע זייטן איז מען געקומען אין גרויס איילעניש אין לאַגער אַריין. די שניידערס האָבן געוואָרפֿן די מאַשינען, די שוסטערס — די אָל און דראַטווע, די מיידלעך — די טעפּ אויף די קאָך־מאַשינקעס, און אַלע זייִנען אַרויסגעקומען פֿון די געצעלטן מקבל־פּנים זיין די „האָפֿענונג פֿון יידן״ — „שמשון הגיבור״...

חבר בורלאַק, וועלכער איז מיט נאָך צוויי חברים געגאַנגען צו דער באַן־סטאַנציע אים אָפּנעמען, איז געווען דערשוויצט. צעיאָכמערט, אָן אַ רעקל און אין אויפגעפּראַלטן העמד מיט די אַרויסגעשאַרטע אַרבל, האָט ער דעם אָקס געפירט ביים דראָנג, וואָס איז געווען אָנגעטשעפּעט אין „שמשון הגיבורס״ נאָזלעכער. די אַנדערע חברים האָבן אים געשלעפּט ביי די שטריק מיט וועלכע די הערנער זיינען געווען אַרומגעבונדן; זיי האָבן אים געצויגן פון דריי זייטן — איינער פון רעכטס, דער אַנדערער פון לינקס און דער דריטער פון פאָרנט. מען האָט אים מורא געהאַט צו פּענטן דעם קאָפּ צו די פיס, כדי ער זאָל זיך נישט אויף דעם בלאָטיקן וועג אויסגליטשען. איבער דעם האָט די שמירה געמוזט זיין אַ גרויסע. לזכר די ביכורים, וואָס מען האָט געבראַכט קיין ירושלים, האָט מען זיינע הערנער באַקראַנצט מיט איילבירטן־צווייגלעך, און אַזוי ביי די שטריק און דעם דראָנג האָט מען אים אַריינגעפירט מיט גרויס פּאַראַד אין הויף פון משק.

עס איז געגאַנגען די גבורה אַליין... זיין שטאַרקער און מעכטיקער רוקנביין באַוועגט זיך ווי אַן אייזערנער שטאַנג, אונטער זיין שוואַרצער מיט ווייסע פלעקן גלאַנציקער פעל. פון זיין מעכטיקן קאַרק שפּריצט אַרויס גבורה. זיינע היפטן, איינגעבעט אין דעם דיקן פליש, באַוועגן זיך ווי שטאָלענע רעדער אונטער זיין פעל. זיינע לערך גאַנץ דינע פיס זיינען ווי אויסגעשמידטע שטאָלענע שטאַנגען, אויף וועלכע עס האַלט זיך די מעכטיקע מאַסע פון זיין ביינערדיקער קאָנסטרוקציע, באַדעקט מיט ווענט פון פליש. מיט שטומער ענערגיע זעצט ער מיט די פאַרשפּרייטע ברייטע קלאָען און לאָזט נאָך זיך טיפע שפּורן פון די טריט אין דער טייגיקער ערד. דעם גראַדליניקען, דריי־עקיקן, צו אַ שופל־ענלעכן, מעכטיקן קאָפּ זיינעם האַלט ער ערנסט אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, נאָר זיינע גרויסע קיילעכדיקע גלעזערנע אויגן, ווי געשליפענע שטיינער, קוקן פון זיינע גרויסע אויגן־ראָמען אַרויס מיט דער נאַאיווקייט און גוטסקייט, וואָס נאָר גבורה אַליין באַזיצט.

אַזוי שפּרייזט ער מיט גבורה אין שטאָל אַריין. די קי, וועלכע זיינען צייטיק אים אויפצונעמען, שטייען שטיל, פאַרטראַכט אין זייערע בהמהשע געדאַנקען; די אַנדערע ווערן נערוועז, ווען זיי דערשפּירן אין דער לופט דורך זייערע נאַסע נאָזדרעס דאָס דערנעענטערן זיך פון בהמהשער גבורה. זיי קלימפּערן מיט די קייטן, מיט וועלכע זיי שטייען צוגעבונדן צו די קאָרעטעס, וואַרפן מיט די קעפּ פון אַלע זייטן, טרעטן־איבער מיט די פיס און רייסן זיך פון זייערע ערטער, שמייסן מיט די עקן, און רופן מיט

שרעקנדיקע מעלה־גרהדיקע גאַווערס אין דער לופֿט אַרויס. דער ביק דערהערט די קיעישע קולות, ווערט ער אומגעדולדיק, וויל לויפֿן פֿאַראויס; ער ווערט אָבער דורך דעם דראַנג, וואָס איז צוגעקייטלט צו זיינע נאַזדרעס, און פֿון חבר בורלאַקס שטאַרקע אָרעמס, צוריקגעשטויסן און געהאַלטן אין טעמפּאָ.

די חברים און חברטעס, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען אויף זיין בייזן וואונדער, גיבן אים כמעט אַ געצנדיגערשן קבלת־פּנים, ווי מען וואָלט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל געוואָלט אַ סוף מאַכן צום גאַנצן מוסר היהדות, וואָס האָט געהאַלטן געפּענטעט זייערע געפֿילן צו דער נאַטור זינט דורות, ווי מען וואָלט געוואָלט אַ שטריך אונטערציען איבער דעם ביז־אַהעריקן יידישן לעבן, וואָס איז קאָנטראָלירט געוואָרן דורך תרי״ג מצוות, באַגרע־נעצט דורך צוימען איבער צוימען, באַוואַכט דורך מוסר ספֿרים, אָפּגעשניטן און אָפּגעריסן פֿון דער נאַטור דורך איינגעשלאָסענע בתי־מדרשים ווענט, דורך פּרושימדיקע מנהגים, און מען וויל ווערן מיט גויים גלייך, אויפֿגיין אין דער נאַטור, לאָזן די געפֿילן אויסשפּאַנען זיך אין אומגעצוימטן פֿרייד־שטראָם, וואָס גיסט זיך פֿון דער נאַטור, — האָט מען זיך איבערגעגעבן אומפֿאַרשעמט צו דעם נייעם געטשקע.

בחורים און בחורות מיט שטראַלנדיקע פּנימער באַטראַכטן די גבורה פֿון זיין פּאַטענץ, וואָס שפּראָצט פֿון אים, און שעמען זיך נישט אַרויסצו־ווייזן זייער באַוואונדערונג פֿאַר דער פֿיזישער קראַפֿט מיט געצנדי־גערשער אָפֿנקייט, מיט היידענשער פֿרייד.

— דרייסיק קוואַרט מילך גיבן זיינע קי!

— אַ קאַלב פֿון אים איז שטאַרקער פֿון אַן אַראַבישן אָקס!

— חברים, לאָמיר גיין אַ האָראַ לכבוד שמשון הגיבור!

און עס האָט לאַנג נישט געפֿעלט, אַז די חברים און חברטעס זאָלן אַרומרינגלען דעם ביק און טאַנצן אַרום אים אַ האָראַ. ווען נישט חבר בורלאַק, וועלכער האָט מורא געהאַט, אַז דער ביק זאָל נישט נערוועז ווערן; ער האָט אים גיך געשלעפּט אין דער שטאַל אַריין. וואָרים די זון, וואָס איז אין דעם טאָג געווען ליכטיקער און וואַרעמער ווי אין די אַנדערע טעג, האָט „שמשון הגיבורן" אָנגעהויבן צו שטעכן, און ער האָט געפֿינקלט מיט זיינע אויגן פֿאַר דער ברייטער קלאָרקייט, צו וועלכער ער איז נישט געוואוינט געווען.

אין דעם טאָג האָבן די צוויי חברים, דער „טאָלסטאָיאַנער" און געצל זעלמאַנאָוויטש, דיסקוטירט איבער דעם קבלת־פּנים, וואָס מען האָט

געגעבן דעם ביק, אין דער הינער־שטאָל, בעת זיי האָבן געגעבן די הינער עסן.

חבר זעלמאַנאָוויטש, אַ יונגערמאַן, געניוגט צו מוסר היהדות, מיט רעליגיעזע שטימונגען, איז מלא חימה איבער די געצנדינערשע מנהגים, וואָס מען גייט דאָ איינפירן, און איבער דער גויאישקער פריד, וואָס די חברים און חברטעס האָבן אַרויסגעוויזן פאַר דער פיזישער קראַפט.

חבר געצל זעלמאַנאָוויטש קומט פון דער ליטע, וואו ער איז ביז נישט לאַנג צוריק געווען אַ ישיבה־בחור אין אַ מוסר־ישיבה. כּדי זיך אַליין צו דערנידעריקן, צו צעברעכן זיין גאווה, האָט ער זיך אַליין נישט איינמאָל מבזה געמאַכט פאַר מענטשן, געשטאַנען מיט אָרעמע לייט ביי דער בית־המדרש טיר, כּדי אַהיימגענומען צו ווערן אויף שבת, אָדער ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער מיט אָרעמעלייט, כאָטש ער איז געווען אַ קינד פון פאַרמעגלעכע עלטערן. שפּעטער, ווען ער איז „קאַליע" געוואָרן און האָט אָוועקגעוואָרפן די גמרא צוזאַמען מיט דעם מוסר־שיעור, איז ער געוואָרן אַ גרויסער חסיד פון אחד־העמס שיטה, פון אַ גייסטיקן צענטער אין ארץ־ישראל. אין לאַנד אַריין איז ער געקומען נישט נאָר בלויז „אויפצולעבן דאָס יידישע פאָלק און בויען דאָס לאַנד", נאָר דער עיקר — זיך צו קאָנען אויסלעבן אין רוח היהדות.

— דאָס יהדות, — פלעגט ער זאָגן, — איז מער אין גלות, ווי די יידן אַליין; עס ווערט פאַרשעמט און באַליידיקט סיי פון פרעמדע און סיי פון אייגענע. ארץ־ישראל דאַרף מען, נישט נאָר עס זאָל די יידן אויפ־ריכטן, נאָר אויך דעם יידישן גייסט, וועלכער האָט אין גלות קיין מעגלעכקייטן נישט צו אַנטוויקלען זיך. אין ארץ־ישראל, ביי אַ פריי יידיש לעבן, וועט דער יידישער גייסט ווידער ווערן שעפעריש, אַרויס־געבן פון זיך, ווי בימי הנביאים, נייעם אינהאַלט און פאָרעם, וואָס וועט ווערן אַ ליכט פאַר די פעלקער.

אַ סך זאַכן זיינען אים נישט געפעלן געוואָרן אין ארץ־ישראל. דאָס בילד, וואָס ער האָט זיך געמאָלט אין זיין פאַנטאַזיע וועגן דעם נייעם ארץ־ישראל לעבן, בשעת ער האָט זיך נאָך געפונען אויף דער בית־המדרש באַנק, איז באַלד צערונען געוואָרן, ווי אַ זייפנבלאָז, ווען ער האָט זיך באַרירט מיטן לעבן. די קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן פאַרגעסן דעם אידעאַל און זיינען געוואָרן קליינע, ענגהאַרציקע באַלעבאַטים, וואָס זיינען גרייט דעם גאַנצן אידעאַל פון ארץ־ישראל אָוועקצוגעבן פאַר דעם קלענסטן געווינס, האָבן אים געטריבן פון זיך, ווי אַן אַנשיקעניש, נישט געוואָלט אים געבן קיין אַרבעט. צום נאָענטסטן צום אידעאַל פון

אַ נײַ לעבן, וואָס ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַז עס דאַרף אײַנגעפֿירט ווערן אין ארץ ישראל, זײַנען געווען די אַרבעטער, די חלוצים. ער האָט זיך צו זיי אָנגעשלאָסן, געגאַנגען מיט זיי אין עמק. ער האָט זיך אָפֿט־מאָל געפֿילט באַליידיקט אין זײַנע געפֿילן דורך זייער גרינגשעצונג פֿון דער יידישער רעליגיע, אָבער ער האָט זיי מוחל געווען. זיי קאָנען דאָך נישט זײַן קיין גאַנצע יידן — דער גלות, דער דור המדבר! דערפֿאַר אָבער זייערע קינדער...

איצטער, ווי ער שטייט אַזוי אין דער הינער־שטאַל מיט אַ פֿאַרטעך פֿול מיט קערנער, און די הינער אַרום אים מיט אויסגעשטרעקטע קעפּ, איז אָנשטאָט די קערנער פֿאַר די הינער צוצווואַרפֿן, צעשרייט ער זיך אויפֿן גאַנצן קול פֿאַר זײַן חבר דעם „טאָלסטאָיאַנער", וועלכער רייניקט דערווײַל אויס די כּלים פֿון שמוציקן וואַסער:

— וואָס איז דאָס? וואָס פֿאַר אַ נײַע מאָדעס גייט מען דאָ אײַנפֿירן אין ארץ־ישראל? פֿרייען זיך מיט אַ ביק! וואָס איז דאָ געשען? אַ בהמה איז אַ בהמה! מיר דאַרפֿן די בהמה פֿאַר אַ געוויסן צוועק, און מיר האָבן זי אָהערגעבראַכט — און פֿאַרטיק! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געצנדינסט, וואָס מען פּראַוועט אַרום דער בהמה?! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ יידישע איבערגעטריבנקייט נאָכצוטאָן די גוים? מיר זײַנען נישט געקומען קיין ארץ־ישראל, כּדי עס זאָלן ווערן נאָך אַ ביסל גוים אויף דער וועלט. מיר זײַנען געקומען קיין ארץ־ישראל, כּדי דאָ צו פֿאַרשטאַרקן דעם יידישן אידעאַל, כּדי דאָ אײַנצופֿירן אַ לעבן, וואָס זאָל זײַן אַ בײַשפּיל פֿאַר אַנדערע, אַ פּראָדוקט פֿון מוסר היהדות פֿון אונדזער תּורה, וועלכע מיר האָבן נישט געקאָנט פֿירן אין דער היים! און דאָ קומט מען גאָר און מען וויל נאָכטאָן די גוים. וואָס ווערט שוין זײַן דערפֿון ווען מיר וועלן ווערן פֿאַרגרעבט און מגושמדיק און אויפֿגיין אין דער נאַטור, ווי די אַנדערע אומות. פּראַווען שמחות מיט בהמות! איז דאָס דער אידעאַל? צו דעם זײַנען מיר געקומען קיין ארץ־ישראל?

דער „טאָלסטאָיאַנער", אָנשטאָט אָנצוגיסן דאָס פֿרישע וואַסער אין די כּלים פֿאַר די דורשטיקע הינער, וועלכע קוקן שוין אויס דערויף, צעשרייט זיך אַזוי, אַז די הינער דערשרעקן זיך און אַנטלויפֿן אין די ווינקלען.

— יאָ, ווי די גוים, פֿרייען זיך מיט דער בהמה, געניסן פֿון דער נאַטור, אויפֿגיין אין איר, ווערן אַליין צוריק נאַטירלעך. אַ, מיר זײַנען שוין מיד פֿון דעם מוסר היהדות, מיד פֿון די אַלע שיינע ווערטער, וועלכע האָבן אונדז געהאַלטן אין דער לופֿט, אָפּגעריסן פֿון דער ערד

און געמאַכט פֿון אונדז קאָפּ־מענטשן, צוגעשטעלט לופֿט־הענגענדיקע אינטעליגענץ אויף עקספּאָרט, גמרא־קעפּלעך פֿאַר דער וועלט. מיר זײַנען מיד צו זײַן דאָס אויסדערוויילטע פֿאָלק, מיר ווילן נישט מער זײַן קיין מאָרך־מענטשן, נאָר מוסקול־מענטשן, ערד־מענטשן, גראָב און פּריידיק, ווי די גויים, נאַטירלעכע גויאישע יידן!

די דאָזיקע ווערטער זײַנען געקומען פֿון דעם „טאָלסטאָיאַנער", חבר אָשר גרינבערג. וואונדער איבער וואונדער — קיינמאָל האָט מען פֿון אים קיין וואָרט נישט געהערט. ער איז אַרומגעגאַנגען, דער עלטערער ייד שוין, אין וועמענס לאַנגן שפּיציקן בערדל עס האָבן זיך שוין באַוויזן ווײַסע האָר, אַן אויסגעדאַרטער און מיט אַ בחורשן גוף. מען האָט געוואוסט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ רעוואָלוציאָנער, — דאַכט זיך, אויך אין סיביר געווען, כאָטש מען האָט זײַנע דינע ווײַבלעכע הענט נישט געקאָנט צוזאַמענפּאָרן מיט קייטן. הײַנט איז ער אַ פֿאַרברענטער ציוניסט. ער זעט אין ציוניזם דעם איינציקן פֿאַקטאָר, וואָס קאָן איבעראַנדערשן דאָס יידישע פֿאָלק, עס אָפּציען פֿון האַנדל, אָוועקנעמען פֿון שטאָט און צוריקברענגען אויף דער ערד, אָדער, ווי ער דריקט זיך אויס: „טויטן דעם אינטעליגענט!" ער האָט פֿײַנט דעם אינטעליגענט בתכלית השנאה; און אַליין איז ער גאָרנישט מער, ווי נאָר אַן אינטעליגענט, דאָס גאַנצע לעבן זײַנס, זײַנע אַלע טעאָריעס, זײַן צוריקקומען צו דער נאַטור איז אויך נאָר אַ רעזולטאַט פֿון זײַן אינטעליגענטישקייט.

ערשט אין אָוונט, ווען מען האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אין דער קיך פֿראַווען די ריכטיקע שמחה איבער דעם אָנקומען פֿון דעם ביק, האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ דיסקוסיע, וועלכע איז געפֿירט געוואָרן מיט הייסן יידישן טעמפּעראַמענט. עס האָט זיך צעפֿלאַמט אַ וויכוח צווישן די חברים איבער דער טעמע: „צי דאַרפֿן מיר זײַן ווי אַנדערע פֿעלקער", אָדער „צי זײַנען מיר אַ פֿאָלק, וואָס הויזט אַליין"; אַ וויכוח, וואָס האָט געשטעלט אין געפֿאַר דעם גאַנצן אָוונט און דאָס גאַנצע טאַנצן, צו וועלכן די בחורים און די מיידלעך האָבן זיך געריסן, וואָרים דער ענין האָט צופֿיל אינטערעסירט.

יוחנן הסנדלר, ווי תּמיד, האָט געראַטעוועט די סיטואַציע.

— חברים, מיר וועלן רופֿן אַ ספּעציעלע פֿאַרזאַמלונג אויפֿן קומענדיקן שבת אָוונט, ווען מיר וועלן דעם גאַנצן ענין דיסקוטירן. חבר געצל זעלמאַנאָוויטש און חבר אָשר גרינבערג וועלן צוגרייטן די נויטיקע רעפֿעראַטן אויף צו באַלייכטן די טעמע פֿון זייער שטאַנדפּונקט, דער הײַנטיקער „נשף" איז גערופֿן און באַשטימט געוואָרן ספּעציעל דערפֿאַר,

כּדי מקבל־פּנים צו זיין אונדזער נייעם חבר, אויף וועלכן מיר לייגן אַזוי פֿיל נייע האָפֿענונגען, אַ „נשף" לכבוד „שמשון הגיבור"; און בכלל ווערט ביי אונדז לויט דער גמרא געפּסקנט, אַז מען מישט נישט אויס איין שמחה מיט דער אַנדערער, און פֿאַר אַ דיסקוסיע איז מען נישט דוחה קיין טאַנץ.

„הידד! — מי יבנה הגליל?

שמשון יבנה הגליל!"

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו פֿלעכטן הענט און אַקסל.

חבר געצל זעלמאַנאָוויטש איז געשטאַנען אין דרויסן און געקוקט אין דער ליכטיקער לבנה אַריין, וועלכע האָט באַלויכטן איצטער, ווי מיט זילבערנע שטראַלן באַגאָסן, דעם איידעלן באַאַרבעטן עמק. ער האָט געקוקט אין די ליכטיקע שטערן אַריין, און עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט ביי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן קומען און עדות זאָגן איבער דעם יידישן צניעותדיקן לעבן, וואָס איז אַמאָל געפֿירט געוואָרן אויף דער ערד אונטער זייער ליכט...

„„צי האָבן זיך אונדזערע דעמאָלטיקע ברידער אויך געפֿרייט און געפּראַוועט שמחות מיט אַ בּיק, ווי זייערע שכנים, די גריכן?" — האָט ער געפֿרעגט די שטערן.

דערווייל טראָגט זיך דאָס געזאַנג און דער טאַנץ אין דער נאַכט אַרויס. די נאַכט איז אַ ליכטיקע און אַן אויסגעשטערנטע, ווי האַלבער טאָג וואָלט געוועזן אויף דער וועלט, אָבער דאָך נישט טאָג — דער טאָג איז קלאָר, און די נאַכט האָט אין זיך אַ טבע, אַז וואָס ליכטיקער זי איז, אַלץ פֿאַרהוילענער און פֿאַרשטעלטער ווערט זי. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין ריכטיק, נאָר אַן אָגגענאַרט ליכט, און עס פֿאַרקליידט יעדע זאַך מיט אַ פֿאַנטאַסטיש קלייד, עס פֿאַרפֿירט די אָפּגעצוימטע גרענעצן, וואָס יעדער חפֿץ פֿאַרמאָגט און מישט עס אויס מיט דער מילכיקער נעפּלדיקייט פֿון דעם אַטמאָספֿערישן אַרום, און עס דאַכט זיך, גאָט ווייסט, וואָס דאָרטן שטייט...

אַזוי טראַכט זיך אין דער נאַכט שטייענדיק חבר בורלאַק. אין דער אַלגעמיינער שמחה, וואָס דאָס אָנקומען פֿון "שור הבר" האָט אַרויסגערופֿן, און וואָס מען פּראַוועט איצט מיט געזאַנג און טענץ, וועלכע טראָגן זיך פֿון דער באַלויכטענער קיך, האָט חבר בורלאַק נישט פֿאַרגעסן אַן זיינע פֿליכטן. מען ווייסט נישט וואָס עס קאָן פּאַסירן מיט אַזאַ טייערער בהמה, וואָס מען האָט צום ערשטן מאָל אַריינגעפֿירט אין שטאָל אַריין. הגם עס איז קיינער נישטאָ אַרום, מיר ליגן אָבער אין פֿרייען פֿעלד, בעדואינער

שלייכן זיך אַרום זינט עס איז דאָ געוואָרן אַ ישוב; מען מוז אויף דער וואַך זיין! פאַרלאָזט זיך נישט חבר בורלאַק אויף דער אַלגעמיינער שמירה, וועלכע שטייט יעדע נאַכט אַרום די באַאַרבעטע פעלדער און עסט אויף אַ שטיק בודזשעט. ער נעמט אַ ביקס אין דער האַנט און גייט אַליין אַרויס, שטעלט זיך אָפּ ביי דער מויער פון שטאַל, לענט זיך אָן אויף דער וואַנט און קוקט אין דער נאַכט אַריין...

וואָס טראַכט אַ יונגערמאַן, וואָס שטייט אויף שמירה אין ארץ־ישראל מיט אַ ביקס אין דער האַנט ביי אַ ניי־איינגעקויפטן ביק? גאָרנישט טראַכט ער, און דאַך אַזוי פיל. בורלאַקן דאַכט זיך, אַז נישט ער איז אַלט פיר־און־צוואַנציק יאָר און קומט פון רוסלאַנד קיין ארץ־ישראל, נאָר אַז ער איז אַזוי אַלט, ווי די גאַנצע וועלט דאָ, ער האָט דאָס דאָזיקע אָרט דאָ קיינמאָל נישט פאַרלאָזט, און אַפילו ווען ער איז דאָרטן געווען אין דער קרימער שטאָט צווישן די קאָזאַקן, ביי זיין טאַטן דעם ליטווישן שניידער, אין דער רוסישער שול, איז ער אויך דאָ געווען. ער דערמאָנט זיך, וואָס דער טאַטע, דער ליטווישער שניידער, האָט מיט אים געלערנט פון חומש אַרויס, וועגן פאַטריאַרך יעקב, וואָס איז געגאַנגען קיין חרן. וואו איז חרן? חרן איז דאָרטן הינטער יענע מילך־באַשלייערטע בערג, וועלכע פאַרלירן זיך אין דער געדיכטער בלויקייט. און אויף דעם וועג איבער די פעלדער איז דער פאַטריאַרך יעקב געגאַנגען פון זיין פאַטערס הויז צו לבנען, און די נאַכט איז אויף אים צוגעפאַלן אינטימן וועג, און ער האָט זיך געמאַכט אַ געלעגער פון שטיינער, געלייגט זיך שלאָפן און געחלומט וועגן מלאכים, וואָס גייען אויף אַ לייטער פון הימל אַראָפּ אויף דער ערד, פון דער ערד אויפן הימל. דאָס איינע געדענקט ער נאָר, וואָס דער טאַטע האָט געלערנט מיט אים, און דאָס קומט איצטער צוריק צו אים, ווי ער שטייט אַזוי אין דער נאַכט אָנגעלענט אויף דער מויער פון דער שטאַל. אָט דאָס איז דער הימל, אונטער וועלכן דער פאַטריאַרך יעקב האָט גענעכטיקט. חבר בורלאַק דערפילט מיטאַמאָל, אַז דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט אים, ער איז אַ המשך פון פאַטריאַרך אַברהם און פאַטריאַרך יעקב, און פונקט ווי זיי, שטייט ער אויף דער ערד און קוקט אין הימל אַריין.

די ערד און דער הימל זיינען זיינע, שטענדיק געווען זיינע; דאָס אַלץ אַנדערע דאָרטן אין רוסלאַנד, דאָס לעבן ביים טאַטן דעם שניידער, די רוסישע שול, אַפילו די קבוצה אין קרים, איז געווען אַ טעות, אַ שלעכטער חלום. דאָ איז דאָס אמתדיקע רעאַלע לעבן, דאָס וואָס איז שטענדיק געווען און וועט שטענדיק זיין, אַ לעבן, וואָס איז איינגעפונדעוועט

פֿון פּאַטריאַרך אַברהם און פֿון פּאַטריאַרך יעקב און ציט זיך ביז הייַנט; ער, בורלאַק, האָט פֿאַרריכט דעם טעות פֿון זיין פֿאָטער, פֿון אַלע זייַנע אורעלטערן, דורך דעם, וואָס ער איז צוריקגעקומען און איז אַנגעקניפּט צוריק מיט די פּאַטריאַרכן אַברהם און יעקב, און ער וועט ווייטער ציען דעם שנור פֿון דער ליניע. איצט פֿאַרשטייט ער, בורלאַק, דעם זין פֿון דעם אַלעם, פֿון דער מלחמה, פֿון דעם קומען פֿון די באָלשעוויקעס; דאָס אַלץ איז געווען נאָר, כּדי ער, בורלאַק, זאָל פֿאַרריכטן דעם טעות פֿון זייַנע עלטערן און אורעלטערן. דאָס איז דער צוועק פֿון זיין לעבן און וואָס ער טראַכט דאָ אין דער נאַכט. ער שטייט אויף דער וואַך און היט דעם ביק, וועלכער זאָל באַפֿרוכפּערן די קי פֿון ארץ־ישראל, אַז זיי זאָלן געבן מער מילך און האָבן געזינטערע קעלבער, כּדי צו דערנערן די ארץ־ישראלדיקע באַפֿעלקערונג. דאָס איז זיין אויפֿגאַבע אין דער לאַנגער רייע, וואָס ציט זיך פֿון פּאַטריאַרך אַברהם און יעקב צו אים, צו בורלאַקן, דעם ליטווישן שניידערס זון פֿון זלאַטאָפּאָלסק אין דער קרים...

און ווי בורלאַק שטייט אַזוי און טראַכט אַזעלכע געדאַנקען אונטער דעם ארץ־ישראל־הימל, דערהערט ער טריט. ער דערזעט אַ פֿאַרנעפּלטן סילועט וואָס דערנעענטערט זיך צו אים פֿון לאַגער. ווער קאָן דאָס אַרויפֿגיין צו אים? באַלד דערקענט ער אין דעם שאָטן, וואָס פֿאַלט פֿון די קאָנטורן פֿון סילועט, אַז דאָס איז חברטע חנה. חברטע חנה אייַנגעהילט אין אַ קאָלדרע, קומט אַרויף צו אים צו די שטאַלן. „אַן אומגליקלעכע נשמה!" טראַכט זיך בורלאַק. „אומגליקלעכע נשמה"? — באַליידיקט זיך חבר בורלאַק פֿאַר דעם אויסדרוק, וואָס האָט זיך אין זייַנע געדאַנקען אַרויסגעכאַפּט וועגן דער חברטע חנה. „אומגליקלעכע נשמה"? אַ שוועסטער מייַנע איז זי, פֿון פּאַטריאַרך אַברהם און יעקבס אָפּשטאַם, וואָס איז באַליידיקט און פֿאַרשעמט געוואָרן דורך פֿרעמדע און רויע הענט, אַ קרבן פֿון דעם טעות, אין וועלכן אונזערע עלטערן האָבן געלעבט!"

אייגנטלעך, וואָלט מען באַדאַרפֿט דעם שאָדן גוטמאַכן! יאָ, ער קלערט שוין לאַנג דערפֿון. חברטע חנה וואָלט געווען אַ גוטע בחורה פֿאַר אים. זי איז אַ געזונטע, אַרבעטן קאָן זי און טוט אויף מער פֿון צוויי בחורים. ער באַטראַכט זי שטענדיק, בעת זי זיצט אויפֿן בענקל און מעלקט די קי, ווי אירע היפֿטן פֿאַרשפּרייטן זיך. זי האָט געזונטע שטאַרקע היפֿטן. אייגנטלעך, זעט זי גאָרנישט אויס ווי אַ יידיש קינד, — רונדיקע פֿולע באַקן, געדיכטע צעפּ, און הענט האָט זי דיקע און קורצע.

צוערשט איז עס געווען בלויז רחמנות געפֿיל, וואָס איר טרויעריק געמיט, וועלכעס איז שווער געלעגן אויף אירע רונדיקע אַקסלען, האָט

אים געריררט, איר פֿאַרהאַרטעוועטער מויל־שניט און דער טרויער אין די אויגן, וואָס האָט זיין האַרץ ווייך־געמאַכט צו איר. נאָר זינט ער האָט זי אַנומלט געזען, ווי זי האָט געהויבן שופֿלעס מיסט, און אירע שטאַרקע היפֿטן זיינען געווען אויסגעשפּרייט און אירע פֿולע בריסטן האָבן זיך געבאַמבלט, ווי רונדיקע עפּל, אונטער איר קאַפּטן, בעת זי האָט געוואָרפֿן די שפּאַדלעס מיסט, האָט ער צו איר חשק געקראָגן. פֿון די דאַזיקע היפֿטן קאָן אַ געזונטער דור אַרויסקומען, די דאַזיקע בריסטן וועלן קינדער שטאַרק מאַכן. ער האָט לוסט באַקומען מיט איר קינדער צו האָבן. נאָר וואָס האַלט זי זיך אַזוי ווייט און איז שטעכדיק ווי אַ ווילדער קאַקטוס, ווי אַ פֿאַרעקשנטע פּרידה! „מען וואָלט געדאַרפֿט איר עקשנות ברעכן", — טראַכט זיך דער יונג, און עס רייצט אים די אויפֿגאַבע בשעת זי קומט אָן. „וואָס האָט זי דאָ אַהער געבראַכט צו די שטאַלן?" — וואונדערט זיך דער יונג אין אויפֿרעגנדיקער נייגעריקייט. — „אַז זי איז אַרויסגעקומען, וויל זי דאָך עפּעס!"

— חברטע חנה, — רופֿט ער איר אַנטקעגן, — וואָס איז די מעשה, איר קאָנט נישט שלאָפֿן?

— כ'בין אַרויסגעקומען די שמירה פֿאַרשטאַרקן, — זאָגט זי, און זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטיין לעבן דער וואַנט פֿון שטאַל, אָפּגערוקט פֿון אים און איינגעוויקלט אין איר קאָלדרע.

— די שמירה צו פֿאַרשטאַרקן? — וואונדערט זיך בורלאַק און איז שוין לעבן איר. — אָן איך וועט דער ביק אַנטלויפֿן?

צוערשט ענטפֿערט זי אים נישט. נאָך אַ שטיקל ישוב־הדעת זאָגט זי:

— חברים זיינען פֿאַרשלאָפֿן נאָך דעם נשף. אין אַזאַ נאַכט קאָן אַלץ פּאַסירן.

— געוויס קאָן אין אַזאַ נאַכט אַלץ פּאַסירן...

אַ מינוט שוויגן זיי ביידע. ער פּרוּווט זי אָנצונעמען ביי דער האַנט, זי רייסט זי מיט ענערגיע אַרויס פֿון אים.

— וואָס איז?

— גאָרנישט.

שווייגן זיי ביידע.

— וואָס איז חברטע חנה, און איר ווילט טאַקע גאָרנישט קיינמאָל מיט קיין בחור זיך צוזאַמענקומען? וואָס וועט זיין דער סוף?

זי שווייגט.

ער פּרוּווט ווידער איר האַנט נעמען. אַ מינוט לאָזט זי זיך. באַלד דערמאָנט זי זיך אָבער און רייסט איר אַרויס פֿון אים.

— די בחורות האָבן שוין באַלד אַלע בחורים אויסגעכאַפּט. פאַר אייך וועט באַלד גאָרנישט איבערבלייבן.

זי שווייגט.

— חברטע חנה! — וועקט ער זי.

— וואָס איז?

— איר ווילט טאַקע נישט חתונה האָבן?

זי שווייגט.

אין אַ ווײַלע אַרום:

— צוויי טויזנט דונאָם, גאָט צו דאַנקען, זיינען באַאַרבעט. אַן איילבירטן וועלדער פּאַרזייט, דעם וויינגאָרטן פלאַנצט מען, אַ ביק האָבן מיר שוין אויך, גאָט צו דאַנקען, פאַר די בהמות. דער עמק וועט אויסגעטריקנט, מען דאַרף אים באַפעלקערן מיט יידישע קינדער. נישט וואָר, חברטע חנה?

זי שווייגט.

ער פּרואווט ווידער נעמען איר האַנט אין זיינער.

— וואָס, איר ווילט טאַקע נישט דערפילן אייער פליכט פאַרן ישוב? ארץ־ישראל נויטיקט זיך אין תוצרת הארץ...

זי שווייגט.

אַ לאַנגע ווײַלע געדויערט דאָס שווייגן. חבר בורלאַק זוכט עצות אין זיך, ווי אַזוי איר הארץ צו געווינען. ער פּרואווט, אָבער ער קלאַפּט אָן אויף אַ פאַרשלאָסענער טיר. נייִן, די טיר מוז געעפנט ווערן, עס מוז זיין אַ שליסל צו איר.

פלוצים פאַלט אים איין עפּעס. ער גיט זי מיטן גאַנצן כוח אַ נעם־אַרום מיט זיינע שטאַרקע הענט, ווי אַ געניטער רייטער וואַרפט זיך מיט איין שפּרונג אויף אַ ווידערשפעניקער קאָבילע, גיט אַ גראַב־איין זיין געזונט באָרד־שטעכיק פּנים אין איר פולן האַלדז און זאָגט איר מיט אַ וואַרעמען אָטעם, וואָס יאָגט פון זיין מויל אַרויס:

— איך וויל מיט דיר קינדער האָבן, חברטע חנה, דו האָסט שטאַרקע היפטן, גרויסע בריסטן, עס וועט פון דיר אַ געזונטער דור אַרויסקומען. קום מיט מיר אין שטאָל אַריין...

זיין הייסער אָטעם, וואָס האָט איר געשלאָגן אין פּנים אַריין, זיינע מעכטיקע אָרעמס, וואָס האָבן זי געהאַלטן, ווי אין צוואַנגען איינגע־קלאַמערט, האָבן אין איר דערוועקט אַ פאַרגעסן, אָבער אייביק־לעבנדיקן געפיל. און ווי דעמאָלט האָט עס דערוועקט אין איר עקל מיט תאווה

אויסגעמישט, צו זיך און צו אַלע, ווי דעמאָלט האָט זי געוואָלט מיט אירע נעגל זיך איינדראַפּען אין דעם פלייש, וואָס האָט זי איינגעמויערט. אָבער מיטאַמאָל איז איר עפּעס געשען: אַנשטאָט אין כּעס צו זיין, האָט דאָס עקל און תּאווה־געפיל זיך אויפגעלייזט אין איר אין אַן אויס־ברוך פון אַ היסטעריש־געוויין. זי האָט איר שטאַרקן קאָפּ איינגעגראָבן אין זיין ברוסט, אַ הייסער גאַוועער האָט געשלאָגן פון איר מויל און פון אירע אויגן. אַן אַ וואָרט צו רעדן האָט זי לאַנג געוויינט.

— איך וויל מיט דיר חתונה האָבן, — האָט דער יונג, צעבראָכן פון תּאַווה און רחמנות, געפּלאָפּלט.

ער האָט זי געשלעפּט נאָך זיך אין שטאָל אַריין, און זי איז געגאַנגען...

צומאָרגנס האָט חבר בורלאַק דערקלערט אויף דער פאַרזאַמלונג, אַז חברטע חנה איז זיין בחורה, און זי בעטן, אַז ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען מען וועט אויסטיילן פאַר די פּאַרלעך באַזונדערע געצעלטן, זאָל מען אַן זיי אויך נישט פאַרגעסן.

קאַפּיטל 16

חברטע מהאַטמאַ

מהאַטמאַ איז אַ שכנטע פֿון דאָרף שונם, וואָס ליגט אויפֿן בערגל, אונטער וועלכן מען פּלאַנט שפּעטער איבערצוטראָגן דעם משק פֿון דער קבוצה. מען האָט זי געקענט אין די יידישע קאָלאָניעס אין מרחביה, אין עפֿולה, וואו זי האָט געאַרבעט ביי יידן. זי האָט מיט אַראַבישער פֿלינקייט אויסגעלערנט זיך יידישע און העברעאישע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט זיך באַנוצט אין איר שפּראַך.

מהאַטמאַ איז די פֿאַרקערפּערונג פֿון אַרבעט. איר הויכע שלאַנקע פֿיגור איז אויסגעטריקנט, דאַר און אויסגעאַרבעט. מיט איר מוסקולירטער פֿיגור, לאַנגע הענט און אויסגעצויגענע ביינער דערמאָנט זי אָן אַ וואָרצל פֿון אַן איילבירט בוים, וואָס ליגט נאַקעט אויפֿן וועג, און פֿאַרבייגייער טרעטן אויף אים, רעדער גייען אַדורך איבער אים, קאָזעס גריזשען אים אַרום, און ער לעבט דאָך. איר טונקל, מיט פּאָקן־באַשטומפּלט פּנים איז איין געוועב פֿון בלויז קנייטשן און רונצלען, שניטן און שפּאַלטן ווי די קאָרע פֿון דעם איילבירט בוים, וואָס דער ווינט און דער שטויב האָבן אויפֿגעגעסן זיין אויבערפֿלאַך. אירע ציין — פֿאַרלוירן, נאָר אַ צוזאַמענגעשנירטער, אויסגעטריקנטער שניט פֿון אַ מויל קוקט אַרויס פֿון איר חורבהדיק פּנים. געהילט אין שוואַרצן, באַהאַנגען מיט אַן אַ שיעור אַמולעטן, רינגען, פּאַטשערקעס, אַלטע זילבערנע מטבעות, וועלכע שווערן אַראָפּ אירע גרויע פֿאַרפֿלאָכטענע האָר, — גייט זי דאָך מיט אַן אומגעבראָכענעם שטאָלץ און גלייכקייט, ווי אַן אַלטער ציפּרעס בוים. יעדן טאָג קומט זי אין לאַגער אַריין און פֿרעגט זיך אויף אַרבעט. זי האָט טרויעריק געקרעכצט, וואָס דער „יהודי" (ייד) אַרבעט אַליין און נויטיקט זיך נישט מער אין פֿרעמדע הענט. וואָס וועט זיין דער סוף?

וואָרים ווי לאַנג זי געדענקט דורך איר יונגן לעבן, האָט זי געאַרבעט ביים „יהודי", אין עפֿולה, אין מרחביה. זי איז נישט אַזוי אַלט, מהאַטמאַ, לויט איר אויסזען. עס איז גאָרנישט אַזוי לאַנג, ווען איר מאַן רעשיד האָט

זי געקויפֿט ביי איר פֿאָטער און מיט געזאַנג זי געפֿירט אַהיים פֿון איר פֿאָטערס הויז אויף אַן אויסגעפּוצט פֿערד. עס איז געווען אַ שטיקל צייט פֿאַר דער מלחמה. דעמאָלט איז זי געווען יונג און שיין, אָבער נישט לאַנג איז זי געווען ביי איר מאַן. ער איז גערופֿן געוואָרן צו די זעלנער. האָט זיך מהאַטמאַ געטראַכט, אַז זי וועט דורך דער צייט, וואָס דער מאַן איז אין טערקישן מיליטער דינסט, אָוועקגיין צום „יהוד" אין דער קאָלאָניע, אָנזאַמלען געלט, און ווען רעשיד וועט צוריקקומען פֿון מיליטער דינסט, וועלן זיי קויפֿן פֿאַר דעם געלט אַ שטיקל פֿעלד מיט אַן אייזל און וועלן האָבן אַן אייגענע נחלה.

דאָס דינען ביי די זעלנער האָט זיך לאַנג געצויגן. רעשיד איז געגאַנגען אין דער מלחמה אַריין, און מהאַטמאַ האָט געאַרבעט ביים „יהוד", געזאַמעלט אין אַ טאָרבעלע, צווישן די בריסטן אָנגעהאַנגען, דעם פֿאַרדינסט אין גאָלדענע און זילבערנע מטבעות, ביז רעשיד וועט צוריקקומען. ווען רעשיד איז צוריקגעקומען פֿון טערק נאָך דער מלחמה, איז זי געגאַנגען צו אים אין דאָרף אַריין און אים איבערגעגעבן דאָס זעקל מיט גאָלדענע און זילבערנע מטבעות, וואָס זי האָט פֿאַרדינט מיט איר שווערער אַרבעט דורך די יאָרן פֿון קריג, אַז ער זאָל קויפֿן אַ שטיקל פֿעלד און אַן אייזל. אָבער אָנשטאָט אַ יונג ווייבל, וואָס רעשיד האָט געלאָזן אין דער היים, בשעת ער איז אַוועק צו די זעלנער, האָט ער איצט געפֿונען אַן אויסגעאַרבעטע זקנה. רעשיד האָט זיך געפֿילט באַעוולהט און ער האָט געפֿונען פֿאַר רעכט זיין שאַדן גוט־צו־מאַכן דורך דעם, וואָס ער האָט גענומען דאָס זעקעלע מטבעות, וואָס מהאַטמאַ האָט אים איבערגעגעבן און דערפֿאַר געקויפֿט זיך אַ יונג ווייב. מהאַטמאַן האָט ער געשיקט ווייטער אַרבעטן צום „יהוד". האָט ער דען נישט קיין רעכט אויף איר? איז זי דען נישט זיין אייגנטום? האָט ער דען נישט איר פֿאָטער צוואַנציק נאַפּאָלעאָנס פֿאַר איר אין גאָלד־מטבעות באַצאָלט? אויך מהאַטמאַ האָט איינגעזען אַז איר מאַן, רעשיד, האָט אַ רעכט אויף איר, זי איז אָפּגעאַרבעט און אַלט. קיין צוואַנציק נאַפּאָלעאָנס איז זי מער נישט ווערט. זי איז גליקלעך געווען דערפֿון, וואָס רעשיד לאָזט זי יעדן פֿרייטיק אַהיימקומען צו זיך אין דאָרף אַריין און ברענגען רעשטלעך עסן, וואָס זי קלייבט אויף אַ גאַנצע וואָך פֿאַר אים און פֿאַר זיין יונג ווייבל.

און עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און מהאַטמאַ איז אַלט און אויסגעפּראַצעוועט געווען, אַז מען האָט מער זי נישט געוואָלט נעמען אויף שטענדיקער אַרבעט. אָבער קיין בחינמדיק ברויט איז נישטאָ ביי רעשיד.

עס איז בכלל קיין ברויט נישטאָ. האָט ער דאָך באַצאָלט פֿאַר איר גוט געלט, וואָס האָט אים גאָרנישט אַריינגעבראַכט, ווייל ער איז באַלד אַוועק צו די זעלנער. אַפֿילו קיין קינד האָט זי אים נישט געבראַכט, וועלכעס זאָל אים פֿאַרגיטיקן דעם טייערן פּרייז, וואָס זי האָט אים געקאָסט. וואָס איז זי בעסער פֿון אַן אַלטן אייזל? האָט ער איר איינגעשפּאַנט מיט דעם אייזל צום הילצערנעם אַקער, ווען ער האָט באַדאַרפֿט אַקערן זיין שטיקל ערד, געיאָגט זי אויף פֿאַרדינסט, וואו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און ווען קיין פֿאַרדינסט האָט זיך נישט געמאַכט — זי געשיקט ברויט בעטלען אין די יידישע קאָלאָניעס, וואו זי האָט אַמאָל געאַרבעט.

פֿון ערשטן טאָג אָן, ווען די קבוצה איז אַרויסגעקומען אויפֿן פּלאַץ, האָט זיך מהאַטמאַ אין איר שוואַרצער צעריסענער הילע באַוויזן און געבעטן אַרבעט. אַז מען האָט איר אָפּגעזאָגט, און זי האָט געזען, אַז דער „מאַסקאָבי״ נויטיקט זיך נישט אין איר, איז זי נישט אַוועק פֿון דער קבוצה, נאָר געפּרוּווט זיך נוצלעך מאַכן ביי וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. די חברטעס ביי דער קיך האָבן רחמנות געהאַט אויף איר, גע־געבן איר אַ טעלער געקעכטס, אַ שטיק ברויט. דאָס געקעכטס האָט זי אויפֿגעגעסן, דאָס ברויט האָט זי אַריינגעוואָרפֿן אין איר שוואַרצער הילע, צווישן אירע טאָרבעדיקע בריסטן, כדי עס אַהיימצוברענגען פֿאַר רעשיד.

פֿון דעמאָלט אָן האָט זי נישט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון דער קבוצה. ווי אַן אַלט־געוואָרענע שטוב־חיה בעט זי זיך אָן אָנהאַלט אין דער באַלע־באַטישקייט, און וויפֿל מען יאָגט זי נישט אָפּ, וויל זי נישט אָפּטרעטן און ליגט ביי דער שוועל פֿון דער טיר. אַזוי איז מהאַטמאַ יעדן טאָג אין דער קבוצה געקומען און אַליין זיך געכאַפּט צו דער אַרבעט. דאָ איז זי געגאַנגען אין שטאַל אַריין; האָט מען זי פֿון שטאַל אַוועקגעטריבן, איז זי געגאַנגען צו די חברטעס אין דער וועשעריי, גענומען די וועש אויס־דרענגען. האָט מען זי נישט געלאָזט, האָט זי מיט אַזאַ שטום־בעטנדיקער מינע פֿון אירע פֿאַרראָפּעטע אויגן אין איר אויפֿגעטריקנט פּנים געקוקט, אַז עס איז שווער געווען איר אָפּצוזאָגן. ביסלעכווייז האָבן זיך צו איר די חברטעס צוגעוואוינט. מהאַטמאַ איז געוואָרן אַ גאַנצע היימישע אין דער קבוצה. ביים עסן האָט מען אויך פֿאַר איר אַ שיסל אָנגעגאָסן. און וויפֿל די חברטעס האָבן איר נישט פֿאַרזיכערט, אַז זיי וועלן איר עקסטרע ברויט מיטגעבן אַהיימצוטראָגן, האָט מען נישט געקענט פּועלן ביי איר, אַז זי זאָל איר חלק ברויט אויפֿעסן. זי האָט עס געוואָרפֿן אין אירע טאָרבע־בריסטן, און שמייכלענדיק געדאַנקט מיט איר אַלטן אויסגעפּראַ־צעוועטן פּנים.

מהאַטמאַ איז געוואָרן אַ גאַנצע חברטע. מהאַטמאַ האָט זיך מיטגע־פֿרייט מיט דעם וואַקסן פֿון דער קבוצה. צוערשט, אַז זי האָט געזען ווי די חברים קריכן אין די זומפּן און שעפּן אויס די בלאָטעס, האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען וואָס דאָס איז, זי איז געווען צעמישט. נאָר דערנאָך, ווען זי האָט געזען, וואָס דערפֿון איז געוואָרן, האָט זי געשמייכלט און געפֿרייט זיך. ווען מ׳האָט צום ערשטן מאָל דעם טראַקטאָר געבראַכט, איז זי פֿאַר שרעק אַנטלאָפֿן. זי האָט זיך זייער געעסקט מיט יאָסלס טויט, און ביי זיין לוויה איז זי געזעסן אין דער בלאָטע ביי דער קיך און געשפּילט די קלאָג־פּרוי; זי האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך אומפֿאַרשטענדלעכע קולות און יללות און קוויטשערייען, אַזוי אַז חברים האָבן אַ גאַנצע נאַכט נאָך יאָסלס לוויה געהערט איר קלאָגנדיקע שטימע. אָבער אויפֿגעריכט איז זי געוואָרן, בשעת מען האָט די ערשטע הינער־שטאָל פֿאַרלייגט ביי די הינער האָט זי זיך אויך נוצליך געמאַכט. בשעת מען האָט דעם אָקס אַריינגעפֿירט אין לאַגער, האָט זי געשפּילט די מוזיק פֿאַר אים. פֿאַר ענטוזיאַזם האָט זי די באַקן אירע אָנגעבלאָזן און געפּויקט מיט אירע פּויסטן, ווי אין אַ פּייקל.

מהאַטמאַ האָט געקאָנט אַרויסגעבן פֿון זיך פֿאַרשיידענע קלאַנגען. זי האָט זי זיך בכלל פֿאַרשטענדלעך געמאַכט נישט דורך ווערטער, נאָר דורך יללות, דורך כאָרכלענדיקע קולות, אירע גאָרגל־טענער זיינען נאָך געווען צו דערטראָגן, זי האָט אָבער פֿאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל נאָז־טענער, דורך וועלכע זי האָט אַרויסגעבראַכט אירע פֿריידיקע און טרויעריקע עמאָציעס.

איינמאָל, ווען די חברים זיינען נאָר־וואָס געהאַט אַהיימגעקומען פֿון די פֿעלדער און פֿון די שטאַלן נאָך זייער טאָג אַרבעט, זיך אָפּגעוואַשן און זיינען געווען פֿאַרנומען מיטן עסן דאָס אָוונט ברויט מיט דעם אמתן אַפּעטיט נאָך אַ פֿולן טאָג אַרבעט, — דערהערט מען אין דער טונקלקייט פֿון דרויסן מהאַטמאַס כאָרכלענדיקע יללות, אַרויסגעקוויטשעט מיט אַזאַ האַרצרייסנדיקן שרייען, ווי דעמאָלט בשעת מען האָט געטראָגן יאָסלען צו דער קבורה. וואָס קאָן דאָס זיין? מהאַטמאַ איז נאָך אַהיימגעגאַנגען בייטאָג, וואָס־זשע טוט זי אין לאַגער? חברים זיינען פֿלינק אַרויס, און זיי זעען, ווי מהאַטמאַ קומט צו לויפֿן אַ צעיאָכמערטע פֿון די פֿעלדער, בלאָזט אין די אַלטע באַקן, שלאָגט אין זיי מיט די פּויסטן און קוויטשעט און קוויטשעט.

וואָס איז?

עס האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַט וואָס: קוים האָט זיך נאָר דער עמק באַדעקט מיט מענטשלעך־באַפֿלאַנצטע גראָזן, קוים האָבן זיך נאָך אָנגעהויבן צו וויגן די ציטערנדיקע זאַנגען אין ווינט, האָבן די בעדואינער אַרויפֿגעלאָזט זייערע סטאַדעס שאָף, קאָזעס, אויסגעמאָגערטע פֿי אויף די יונגע גרינע פֿעלדער. מען האָט געוואָרפֿן די שיסלען, געכאַפּט וואָס מען האָט געקראָגן אין די הענט און געלאָפֿן אין פֿעלד אַריין. אין אַ שעה אַרום זיינען די חברים צוריקגעקומען און אַריינגעטריבן אין הויף פֿון לאַגער די אַראַבישע סטאַדע, וואָס זיי האָבן אַראָפּגענומען פֿון די פֿעלדער.

געמיינט האָט מען, אַז די בעדואינער וועלן באַלד נאָכקומען און אונטערהאַנדלען, כּדי צו פֿאַרריכטן דעם היזק, און מען וועט זיי אַרויסגעבן די בהמות. פֿאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט נישט געקלערט זיי צו פֿאַרהאַלטן, מען האָט זיי נאָר געוואָלט אָנשרעקן. אָבער די בעדואינער זיינען נישט געקומען.

די נאַכט זיינען שוין ווייניק חברים געשלאָפֿן אין דער קבוצה, מען האָט פֿאַרשטאַרקט די שמירה.

חבר כאַימאָוויטש איז נישט געווען אין דער היים. ווען דאָס איז פֿאָרגעקומען, געווען אין שטאָט אונטערהאַנדלען מיטן וועד פֿון גדוד וועגן דעם אינווענטאַר פֿון דער קבוצה, צומאָרגנס איז ער אַהיימגעקומען. געוואויר געוואָרן, וואָס דאָ איז געשען, האָט ער זיך, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, בשעת עס האָט זיך געמאַכט אַ צרה, געקראַצט אין זיין האַרט בערדל און געזאָגט, אַז די חברים האָבן זיך איבערגעאיילט. דאָס וואָס די אַראַבער זיינען נישט באַלד געקומען נאָך דער סטאַדע, געפֿעלט אים נישט.

— וואָס דען דאַרפֿן מיר טאָן?

— פֿאַרשטאַרקן די שמירה און זיי פֿון אָנהויב אָן נישט אַרויפֿלאָזן, — זאָגט חבר כאַימאָוויטש.

— פֿאַרשטאַרקן די שמירה וועט אונדז קאָסטן אַ שטיק פֿון אונדזער בודזשעט. די חברים קאָנען נישט אויפֿזיין אַ גאַנצע נאַכט און היטן, און דערנאָך בייטאָג גיין צו דער אַרבעט. מען קאָן עס טאָן איין נאַכט, צוויי נעכט, אָבער נישט אויף צו לאַנג.. דאָס הייסט, אַז מען וועט באַדאַרפֿן אָנשטעלן שומרים, אָדער אַ טייל פֿון די חברים אַראָפּנעמען פֿון דער טעגלעכער אַרבעט און זיי אויסשטעלן אויפֿן פֿעלד. דאָס וועט דאָך אונדז קאָסטן אַ שלל מיט געלט!

— וועלן מיר דאַרפֿן אַ ביסל ווינציקער עסן! — זאָגט זיך אָפּ כאַימאָוויטש מיט אַן ערנסטן טרויער.

— ניין, מיר דאַרפֿן זיי באַווייזן, ווער מיר זיינען, אַז מ׳יט אונז שפּילט מען זיך נישט. מיר דאַרפֿן זיי אָנלערנען, אַז זיי זאָלן געדענקן. באַלד פֿון אָנהויב זיי אַזאַ לעקציע געבן, אַז זיי זאָלן פֿאַרזאָגן אַ צענטן נאָכאַמאָל דאָס נישט צו טאָן, — האָט זיך איינער געקאָכט.

— אָן יד חזקה וועט מען דאָ גאָרנישט אויפֿטאָן. זיי מיינען אַז זיי האָבן צו טאָן נאָך מיט דעם אַלטן ישוב — האָט זיך געקאָכט אַ צווייטער.

און אַ דריטער און אַ פֿערטער...

חבר כאַימאָוויטש איז געשטאַנען און אויסגעהערכט, ער איז בלייך געווען. זיין שוואַרץ בערדל איז מיטאַמאָל גרויער געוואָרן, זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט. ער האָט זיך געשטאַרקט, געדולדיק אויסצוהערן. דערנאָך, ווען אַלע חברים האָבן זיך שוין אויסגעשריען, האָט ער זיך געלאָזן אָנגערופֿן.

— דאָס ווייסן מיר אַלץ, און דאָס אַלץ האָבן מיר שוין דורכגעמאַכט. אַז מען וועט דאַרפֿן מלחמה, וועלן מיר גיין אויף מלחמה. פֿאַר ארץ־ישראל און פֿאַר אונדזער אידעאַל וועלן מיר שוין אַלץ טאָן. אָבער מלחמה איז אַ טייערער ביסן, און מען ווייסט נישט, ווי עס ענדיקט זיך. יעדנפֿאַלס דאַרפֿן מיר זיין די לעצטע צו באַנוצן זיך מיט דעם מיטל. עס זיינען דאָ אַנדערע מעגלעכקייטן צו פֿאַרהיטן דעם שאָדן, מעג עס קאָסטן וואָס עס זאָל נישט קאָסטן, אַפֿילו אונדזער לעצטן ביסן, וועלן מיר זיך דערמיט באַנוצן. נישט נאָר דערפֿאַר, ווייל וואָס פֿאַר אַ מיטלען מיר זאָלן נישט אָנווענדן, איז עס אַלץ ביליקער און זיכערער ווי מלחמה, נאָר ווייל עס איז אויך עטישער און ערלעכער. און מיר זיינען אַהערגעקומען נישט נאָר בלויז וויסטע שטיקער לאַנד אויסצוטריקענען, נאָר אויך צו לעבן אַ מאָראַליש לעבן און צו געבן אַ ביישפּיל פֿאַר אַנדערע.

אָבער עס איז שוין געווען פֿאַרפֿאַלן. די סטאַדע איז שוין געווען אין לאַגער, און איצט זי אַרויסגעבן אָן אונטערהאַנדלען, וואָלט געהייסן אַרויסווייזן שוואַכקייט און מורא, און דאָס איז געווען אַ געפֿאַר. דערווייל האָט מען די צוגענומענע בהמות געמוזט געבן עסן. מען האָט געוואַרט אַ גאַנצן טאָג, אַז די בעדואינער זאָלן קומען אונטערהאַנדלען, זיי זיינען אָבער נישט געקומען. מען איז ווידער אַ נאַכט נישט געשלאָפֿן און געהיט, אַלץ איז געווען שטיל. אויפֿן דריטן טאָג האָט מען געזוכט מיטלען ווי אַזוי זיך צו פֿאַרשטענדיקן מיט די אַראַבער. מען האָט געוואָלט וויסן, וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן, נאָר מען האָט קיינעם נישט געזען פֿון זיי. און אַ מאָדנע זאַך: זינט דעם פֿאַרפֿאַל האָט זיך מהאַטמא אויך נישט באַוויזן אין לאַגער און מען האָט גאָרנישט געקאָנט דערגיין.

אויף דער דריטער נאַכט איז דער עולם מיד געוואָרן צו היטן, מען האָט איינגעטיילט די נאַכט אויף דריי שמירות, אויסגעשטעלט טאָפּלטע פּאָסטנס, און דער עולם איז אַריין אין די געצעלטן.

נאָר קוים איז מען אין ערשטן פֿעסטן שלאָף אַריינגעפֿאַלן, האָט זיך דערהערט הינטער די געצעלטן אַ פּויקן אין די באַקן, אַ כאַרכלענדיקע יללה. מען האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מהאַטמאַ. מען איז געקומען אַרויסצולויפֿן פֿון די געצעלטן. מהאַטמאַ, אַן אָפּגעיאָכמערטע, אַן אָטעם אָפּצוכאַפּן, שרייט:

— זיי קומען אָן!

— ווער?

— די אַראַבער! פֿון דריי זייטן וועלן זיי קומען. עס האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט בעדואינער פֿון גאַנצן טאָל, אַנטשלאָסן די קבוצה אומצוברענגען. זיי זיינען אין דאָרף, וואו זיי פּראַווען אַ סעודה ביי שעפּס רייז. דער שעיך טיילט־אויס געווער. נאָך אין מיטן דער נאַכט וועלן זיי זיך רירן פֿון דריי זייטן אויף דער קבוצה.

די גאַנצע קבוצה איז שוין געשטאַנען אויף די פֿיס. מ׳האָט איינגעטיילט די חברים, יעדער גרופּע אַ פֿירער באַשטימט. דאָס ביסעלע געווער, וואָס איז געווען, האָט מען צעטיילט. מען האָט זיך דערמאָנט, אַז מען האָט שוין, גאָט צו דאַנקען, שכנים, האָט מען געשיקט אַ חבר אויף אַ פּרידה צו די ניי־אָנגעקומענע חברים אין עמק אַרויס, אַז זיי זאָלן זיין גרייט. אַליין האָט מען זיך גיך צוגעגרייט פֿאַרן אָנפֿאַל, פֿאַנאַנדערגעפֿירט די גרופּעס אין די ווינקלען, זיי אוועקגעלייגט הינטער די קופּעס שטיינער הינטער די ווענט פֿון די שטאַלן. מען האָט אַרויסגעשיקט אין פֿעלד אַריין באַזונדערע אויסקוקער. די חברטעס האָט מען באַשטימט אין די צריפֿים זיך צו פֿאַרזאַמלען. זיי האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, געפֿאָדערט זייער גלייכבאַרעכטיקונג, אָבער עס איז געווען פֿאַרפֿאַלן, די חברטעס דאַרפֿן זיין אונטער באַשיצונג.

— פֿון אונדזער זייט מוז אַלץ געטאָן ווערן, כּדי בלוט אויסצומיידן, — האָט חבר כאַימאָוויטש געזאָגט, — עס וועט זיך אָנהויבן דערנאָך אַ לאַנגע קייט פֿון גאולת הדם. מיר דאַרפֿן איינהאַלטן דעם כּעס, נאָר אָפּוווערן זיך, כּדי דעם ענין אין שלום אָפּצושליסן.

— דאָס וועט אונדז שפּעטער טייערער קאָסטן, — האָט ווער געברומט.

— מעג עס אונדז קאָסטן, וואָס עס זאָל נישט קאָסטן. איצט מוזן מיר דעם שלום פֿאַר אַלע פּרייזן קויפֿן! האָט כאַימאָוויטש אָפּגעענטפֿערט.

און די חברים האָבן געהאַרכט. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי צוריקגעהאַלטן דעם אַנפאַל, און קיין קרבן איז נישט געפאַלן. ביי יעדער דערנעענטערונג פון די בעדואינער האָט מען זיי אָפּגעשראָקן דורך שיסן אין דער לופטן.

סיי ווי סיי, מהאַטמאַ האָט געראַטעוועט די סיטואַציע. . דורך דעם וואָס די חברים זיינען געווען צוגעגרייט צו באַגעגענען די איבערפאַלער, האָבן זיי אָפּגענומען דעם חשק ביי די לעצטע. נאָך דערצו, ווען זיי האָבן געזען, אַז די חברים זיינען גוט צוגעגרייט.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך באַוויזן דער שעיך פון דאָרף אונטערצו־האַנדלען וועגן שלום.

דאָס איינציקע וואָס זיי ווילן, איז — מען זאָל זיי אַרויסגעבן די סטאַדע, וועלן זיי אָפּטרעטן פון דעם באַאַרבעטן עמק און וועלן זיך ווייטער אַריינציען אין ווילדן טאָל.

זיי האָבן דערוויילּ די שלום באַדינגונגען געהאַלטן, זיי האָבן אָפּ־געצויגן מיט זייערע טשערעדעס און שוואַרצע געצעלטן אין ווייטן עמק אַריין, וואָרים דער ישוב איז איצט ביינאַכט דורך אַ דרייפאַכער שמירה באַוואַכט געווען.

מהאַטמאַ איז פון דעמאָלט אָן, ווי אַ גלייכע חברטע, באַרעכטיקט געווען צו די געמיינזאַמע מאָלצייטן פון דער קבוצה. און ביי דער נעקסטער האָראַ האָט מען דערמאָנט איר נאָמען צווישן אַלע גדולים, וואָס מען האָט אויסגערעכנט, וועלכע וועלן בויען דעם גליל...

— האָבן מיר געמאַכט אַ שיינעם עסק דערביי. עס האָט אונדז נאָר אָפּגעקאָסט איבעריקע פאַשע, וואָס מען האָט דריי טעג זייער סטאַדע געמוזט ביים לעבן דערהאַלטן, און איצט די פאַרשטאַרקטע שמירה! האָט זיך געקלאָגט יוחנן הסנדלר.

— וואָס קאָנסטו דיר העלפן, האָסט אָן אַנדערע עצה? שווער צו זיין אַ ייד! דאָס האָט נאָך שלום עליכם געזאָגט... — האָט אים חבר כאַימאָוויטש געענטפערט.

קאַפּיטל 17

יאָסל קומט צוריק אין לעבן

„שמשון הגיבור" האָט זיך נישט אויפֿגעפֿירט, אַזוי ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן פֿון אַזאַ „גיבור ונורא", נאָר פּונקט פֿאַרקערט: אַזוי ווי מען האָט אים נאָר אין שטאַל אַריינגעבראַכט, האָט ער פֿון ערשטן טאָג אָן אָנגעהויבן אַרויסצואווייזן באַאומרואיקנדיקע סימנים, וואָס האָבן מיט פּחד צו וויסן געגעבן, אַז עפּעס געפֿעלט אים דאָ נישט. אַזוי ווי עס וואָלט אים ווער אַן עין־הרע געגעבן, אָדער אַ שטראָף פֿון גאָט וואָלט אַראָפּגעפֿאַלן, — דער ביק איז אויס ביק געוואָרן. ער האָט מער מעלה־גרה געווען, ווי געגעסן, כאָטש פּאַשע האָט ער געהאַט איבערגענוג, דער מולטער איז שטענדיק געווען פֿול. ער האָט געגעבן אַ בויג אַראָפּ דעם מעכטיקן געניק אין דער איבערפֿגעפֿולטער קאַרעטע, אַ שמעק געגעבן צו דער שטייענדיקער שפּייז, אַ נויג געטאָן דעם קאָפּ, אַ כאַפּ אַ ביסן היי פֿון לייטערל אַראָפּ, וואָס ער האָט געהאַט איבער זיך, אַ לעק דאָס זאַלץ, אַרויסגעשטעקט די צונג, — און איז געשטאַנען און געקוקט תּמעוואַטע מיט זיינע גרויע אויגן פֿון די געדיכטע האָר־רעמלעך און פֿאַרטראַכט זיך לאַנג אויף איין אָרט.

בחינם האָבן חבר בורלאַק און הינטער אים הברטע חנה מיט האַרצקלאַפּעניש באַטראַכט זיינע באַוועגונגען, געפּרוּווט אויסצוגעפֿונען, וואָס עס דערקוטשעט אים. זיי האָבן פּראָבירט אים אַלערליי לעקער־ביסנס צו געבן, מען האָט פֿאַר אים אַנדערש געמישט די פּאַשע, מער קאָרן אַריינגעטאָן; כּדי צו רייצן זיין אַפּעטיט, האָט מען פֿאַרטאַפּלט זיין פּאָרציע זאַלץ, געבראַכט אים דאָס ערשטע פֿרישע גראָז פֿון פֿעלד אַראָפּ. ער האָט דאָס געלעקט, מעלה־גרה געווען — און איז געשטאַנען און געקוקט. אין זיין שטאַרקן קאָפּ־קנאָכן, אין זיינע תּמעוואַטע אויגן איז געלעגן אַ שטומע, האַרץ־ברעכנדיקע בענקשאַפֿט נאָך דער דעמפּיקער, פֿייכטער לאַנדשאַפֿט פֿון זיין היימלאַנד, נאָך די גרין־באַגראָזטע ווייטע לאָנקעס, וועלכע באָדן זיך אין פֿייכטע טויען, נאָך דעם פֿריזן־לאַנד, פֿון וואַנען

ער קומט. אין זיין אָפֿן מויל, אין זיין אַרויסגעשטעקטער צונג, אין זיינע שנאָפּלדיקע פֿייכטע נאָזדרעס האָט מען אָנגעזען, אַז עס פֿאַרפֿעלט אים אָטעם, אַזוי ווי די לופֿט וואָלט פֿאַר אים געווען צו־שיטער און זעטיקט נישט דעם דורשט פֿון זיינע לונגען. עס איז געווען אַ רחמנות צוצוקוקן, ווי די בהמה ליידט; און אַז זי ליידט, דאָס האָט מען באַשיינפּערלעך אָנגעזען אין אירע פֿאַרגלייזטע שרייענדיקע אויגן — און מען האָט נישט געוואוסט מיט וואָס צו העלפֿן.

די קבוצה האָט בכלל נישט געהאַט קיין מזל צו די שטוב־חיות און צו די בהמות. אויך אין דער הינער־שטאַל איז נישט צוגעגאַנגען, ווי מען האָט עס שטאַרק געוואונטשן. די שניי־ווייסע „לעגהאָרנער" הינער האָבן געגעבן ווינציק אייער, און געווען איז דאָס דווקא דער סעזאָן, ווען הינער הויבן אָן צו לייגן. יעדן טאָג האָט מען געפֿונען צווישן זיי אַ פּאָר טויטע — זיי זיינען געשטאָרבן אויף אַ קרענק, וואָס מען האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס איז.

נאָר ביי די הינער האָט מען זיך באַלד געכאַפּט די סיבה פֿון דעם דורכפֿאַל. שוין פֿון לאַנג האָט חברטע שרה באַמערקט, אַז דער הינער־שטאַל איז זייער שמוציק און פֿייכט; אַז די צוויי חברים — דער ליטווישער בעל־מוסרניק מיט דעם אידעאַליסטישן טאָלסטאָיאַנער, וועלכע האָבן געהאַט דעם אויפֿזען איבער די הינער — האָבן בשעת דעם רייניקן די שטאַל צו־פֿיל דיסקוטירט איבער מוסר היהדות, צי יידן באַדאַרפֿן זיין „ככל הגויים", אָדער אָן „עם לבדד ישכּון", — אויפֿגיין אין דער נאַטור, אָדער מען באַדאַרף נישט דאָ פֿאַרגעסן די ספּעציעלע יידישע מיסיע. און דערווייל האָבן זיך די שפּינען פֿון די אַראַבישע שטאַלן פֿאַרקליבן צו די הינער און פֿאַרלייגט זייערע וועב־שטולן, שטשורעס זיינען געקראָכן פֿון די קופּעס מיסט, און מאַסקיטעס, ווערים און פֿליי האָבן זיך אויפֿגע־האַלטן אין די אַראַבישע לעכער — עס איז זיי נישט געווען צו פֿאַריאָגן. מען האָט באַלד די צוויי דיסקוטירנדיקע חברים דערווייטערט פֿון דער הינער־שטאַל, זיי איבערגעגעבן אַן אַנדערע אַרבעט. און איבער די הינער האָבן איצט אַכטונג געגעבן עטלעכע חברטעס. עס איז נאָך נישט בעסער געוואָרן, אָבער עס איז דאָ אַ האָפֿענונג.

אָבער מיטן ביק איז גאָרנישט צו פֿאַרשטיין, וואָס עס קאָן זיין די סיבה פֿון זיין קראַנקהייט.. חבר בורלאַק און חברטע חנה האָבן געהאַלטן די בהמות אין בעסטער אָרדנונג. ווי ווייט עס איז מעגלעך געווען, האָבן זיי אויסגערייניקט די אַראַבישע לעכער אין וועלכע די שטאַלן האָבן זיך געפֿונען, פֿון אַלע שמוציקייטן און ווערים. עס איז אָבער נישט געווען צו

דערדרייניקן. די הייזלעך זיינען געשטאַנען אויף אַ מיסט בערגל, וואָס דורות אַראָבער האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך. דאָסגלייכן דער גאַנצער הויף אַרום, וועלכער איז פֿון אויבנאויף אויסגעטריקנט געווען און איז באַלייגט געווען מיט אַ האַרטן שיכט ערד, — מען האָט נאָר באַדאַרפֿט טיפֿער אַ גראָב טאָן מיט אַ שפּאַדל און און מען האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ קופּע מיסט. פֿון די קופּעס מיסט האָבן זיך געהויבן מחנות פֿליי, וועלכע האָבן פֿון די בהמות דאָס בלוט אויסגעזויגן. מען האָט געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך: חבר בורלאַק האָט צוויי מאָל אין טאָג די שטאַלן געריי־ניקט, חברטה חנה האָט יעדן טאָג די קי צו דער סאַזשעלקע געפֿירט און זיי געוואַשן, געריבן מיט אַ באַרשט, מען האָט מלחמה געהאַלטן מיט די פֿליי און כלערליי אינזעקטן, מיט די ווערים און שטשורעס, וויפֿל עס האָט זיך נאָר געלאָזט, מען האָט די שטאַלן אויסגעקאַלכט. שוין אָפּגערעדט, אַז זיי האָבן דעם ביק, וועלכער האָט געטראָגן מיט זיך אַזוי פֿיל האָפֿנונג, געהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ פֿון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס ער איז אין שטאָל אַריינגעקומען. זיי האָבן געזאָרגט פֿאַר אים, אַז ער זאָל האָבן זיינע באַדער־פֿענישן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. וואָרים, ווען עס זאָל, חלילה, עפּעס געשען מיט דעם ביק, וואָלט דאָס געווען אַ וועלט־אומגליק!

מען איז אין געאייל אַוועק קיין חיפֿה, געבראַכט אַ וועטערינאַר. ער האָט באַקוקט דעם ביק אַהין און אַהער, און געפּסקנט, אַז ער באַדאַרף האָבן מער באַוועגונג און מער זאַלץ. אָבער דער ביק האָט גאָר קיין חשק נישט אַרויסגעוויזן צו האָבן מער באַוועגונג. ווען מען האָט אים אַרויס־געפֿירט פֿון שטאָל, האָט ער קוים זיינע פֿיס געשטעלט, זיי האָבן זיך איצט געבראָכן אונטער דער שווערער מאַסע פֿון זיין געבוי און האָבן דאָס שוין נישט געקאָנט דערטראָגן. דאָס רוב צייט איז ער געלעגן אין זיין קאַסטן אויפֿן שטרוי, געקוקט מיט די האַלב פֿאַרכמורעטע אויגן מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטומער בענקשאַפֿט און אַסטמאַטיש, מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג געלעכצט נאָך לופֿט.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן אַריינפֿירן „שמשון הגיבור" אין דער שטאָל אַריין מיט אַזאַ געצנדינערשער פֿרייד, באַגלייט מיט אַזוי פֿיל ברכותדיקע האָפֿנונגען, האָט מען געפֿונען ליגן אין זיין קאַסטן שטרוי אַ חורבה פֿון אַ צוזאַמענגעבראָכענער ביינערדיקער קאָנסטרוקציע באַדעקט מיט אַ באַרג פֿלייש. עס איז געווען ווי אַ מאַטעמאַטישע אויפֿגאַבע, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז געבויט געווען אויף אַ טעותדיקן חשבון.

— איך האָב באַלד געוואוסט, אַז עס וועט זיך אַזוי ענדיקן. דאָס איז אַ שטראָף פֿאַר דעם געצנדינערשן „ככל הגויים", וואָס מען האָט

געפּראַוועט אַרום אים! — האָט דער ליטווישער בעל־מוסרניק געזאָגט פאַר חברים, וועלכע האָבן אים פאַר דער שאָדנפרייד געוואָלט שיער דורס זיין.

דאָס הייסט, אַז אַלץ איז אויס!

כאַימאָוויטש, וועלכער איז געזעסן אין חברטע שרהס געצעלט, דעם קאָפּ פאַרזונקען אין זיינע הענט, האָט זיך דערמאָנט אַן דער עקספּערטיזע, וואָס דער דאָקטער האָט אָפּגעגעבן, אויספאָרשנדיק די קלימאַטישע באַדינגונגען פון אָרט, אידעד ווי זיינען אַרויף אויף דעם פּלאַץ. — „אויף דעם אָרט דאָ קאָן קיין ישוב ניט זיין" — האָט דער דאָקטער געפּסקנט, — „די מאַלאַריע־מיקן וועלן אַלץ פאַרניכטן". הייסט עס, אַז מען בויט אויף אַ בלאָטע, און די בלאָטע וועט אין זיך אַלץ פאַרזינקען!...

און דאָך האָט כאַימאָוויטשן זיין אינסטינקט געזאָגט, אַזוי איצט ווי פריער, אַז אויף דעם אָרט וועט ווימלען מיט לעבן. ער האָט שוין געזען די יידישע שטעט און דערפער, וואָס זיינען פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן ברייטן טאָל, אַזוי ווי זיי זיינען אַמאָל געווען פאַרשפּרייט ביי אונזערע אבות.

איז ער זיך טועה? ניין, ער איז זיך נישט טועה. אין דעם איז ער געווען זיכער. מען מוז זיך דאָ פאַרבערייטן צו אַ לאַנגער מלחמה מיט דער נאַטור. אָבער צי וועלן מיר פעאיק זיין די מלחמה צו פירן, מיר, די מענטשן פון שטאָט, וועלכע זיינען געוואוינט געוואָרן צו קומען צום גרייטן; מיר, די שטאָט־מענטשן, וועלכע האָבן איינגעטונקען די מאָס און צאָל־שטאָק, דאָס בוך און די פעדער אויף דעם אַקער־אייזן? וואָס וועט ער זאָגן דעם וועד פון גדוד? ווי אַזוי וועלן זיי גוט־מאַכן דעם שאָדן? די באַשולדיקונגען וואָס וועלן זיך שיטן אויף זיי! אַזוי שוין אויך רופט אַרויס דער עקספּערימענט, וואָס ער פירט דאָ איין, אַ ווידערשטאַנד צו זיך. וואָס וועט ערשט איצט זיין, ביי די מניעות, וואָס שטעלן זיך זיי אויפן וועג? וואָס וועט ער זאָגן היינט די חברים אויף דער פאַרזאַמלונג אויפצוהייבן זייערע געמיטער?

ווי ער זיצט אַזוי פאַרטראַכט, פאַלט ער אויף זיך בליקן; בליקן, וואָס וואַרעמען און היילן; בליקן, צו וועלכע ער איז געוואוינט און דאָך נישט געוואוינט, ווייל זיי זיינען צום ערשטן מאָל גאַנץ אַנדערע ווי תמיד.

— קום אַרויס, בערל, וואָס זיצטו דאָ?

ער איז אַרויסגעגאַנגען נאָך דער חברטע שרה. זיי האָבן ווידער זיך גענומען אינסטינקטיוו מיטן שטעגל צום בית־הקברות.

— צו צרות ביסטו דאָך געוואוינט, — זאָגט זי.

— יאָ, אָבער די אַנדערע?

— וועלן זיי זיך מוזן צוגעוואוינען, ווי מיר.

דער „מיר" האָט מיט אַ גאַנץ אַנדער ליכט דעם ענין באַלויכטן. אים איז מיטאַמאָל אַלץ קלאָר און ריכטיק פֿאָרגעקומען.

ער האָט זי אַנגענומען ביי דער האַנט און געקוקט איר אין פּנים אַריין. ער האָט עס געקענט, דאָס אָפֿענע מיידלשע פּנים, וואָס איז שווער און אויסגעטריקנט געוואָרן, געריינצלט אונטערן האַלדז און מיט זעקלעך אַרום די אויגן פֿון זאָרגן און אַרבעט. דאָס פּנים אירס איז ביי אים געווען אַ שטיק ארץ־ישראל, וואָס האָט כּולל געווען אין זיך אַלע אמתן און אידעאַלן, פֿאַר וועלכע עס לוינט זיך צו לעבן, לוינט זיך צו ליידן און לוינט זיך צו שטאַרבן. נאָר ביז איצט איז שרהס פּנים געווען אַ שטיק ארץ־ישראל בכּלל, וואָס באַלאַנגט צו אַלעמען, און מיטאַמאָל איז עס געוואָרן זיין חלק ארץ־ישראל, וואָס איז פֿאַר אים געווען אַנגעגרייט און באַשערט, און עפּעס איבער אַ סיבה האָט ער עס נישט גענומען ביז איצט. איצט איז געקומען די צייט צו נעמען זיך זיין טייל. ער האָט געפֿילט צום ערשטן מאָל, אַז ער האָט רעכט דערויף און אַז ער איז רייף דערצו.

— שרה!

— וואָס איז בערל?

— דו ווייסט, איצט איז געקומען די צייט, ווען מיר זאָלן ווערן מאַן און ווייב!

ער האָט זי אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, וועלכע זיי האָבן באַפֿרייט פֿון אַ טויזנט יאָריקער פֿאַרשקלאַפֿונג פֿון וויסטעניש, און האָט זי אַרומגענומען מיט דער גאַנצער קראַפֿט פֿון זיין ליבע. ער האָט זיין באַבערדיקט־שטעכעדיק פּנים צוגעטראָגן אין איר פּנים אַריין. איר האַרץ האָט געקלאַפּט, און זי האָט געפֿילט פֿון אים דעם גערוך פֿון ערד — פֿון זייער ערד...

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען אין געצעלט אַריין, איז שוין געווען אָוונט.

אויף דער פֿאַרזאַמלונג, וועלכע איז צוגעגאַנגען זייער שטורמיש, און אויף וועלכער עס האָט געהערשט אַ פּעסימיסטיש און נידערגעשלאָגענע שטימונג, האָט כאַימאַוויטש שוין געפֿונען דאָס וואָרט.

„חברים! — האָט ער געזאָגט. — מיר זיינען יונגע אויף דעם אָרט אין דער אַרבעט. אונזערע עלטערן האָבן פֿאַר אונדז ניט צוגעגרייט דעם באָדן, מיר האָבן פֿון קיינעם גאָרנישט געירשנט, מיר האָבן פֿון קיינעם נישט צו לערנען. מיר מוזן אַנהויבן אַלץ פֿון זיך אַליין. מיר שטייען פֿאַר

פֿיל נסיונות, די מניעות הויבן זיך ערשט אָן. עס וועלן נאָך קומען שווערערע און האַרטערע פּרואוואונגען, וואָס די נאַטור וועט אונז לייגן אויפֿן וועג, און אויך מניעות פֿון פֿרעמדע. די שווערסטע וועלן אָבער זיין די מניעות, וואָס ליגן אין אונז אַליין, ווייל מיר זיינען יונג און אומדערפֿאַרן. אָבער מיר וועלן זיי אַלע בייקומען. ווייסט איר פֿאַרוואָס? ווייל מיר האָבן קיין אַנדערע ברירה נישט! צי זאָטע צי הונגעריקע, צי באַקליידטע אָדער אָפּגעריסענע, — מיר באַלאַנגען אַלע דאָ אויף דעם אָרט, די ערד דאָ איז אונזער מזל, זי איז אונדז באַשערט מיט אַלע ברכות און קללות, וואָס זי האָט צו געבן, צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט — כּי לכך נוצרנו!"

דער עולם איז שטיל געוואָרן. די פֿאַרזאַמלונג האָט זיך אָפּגעבראָכן. די חברים האָבן זיך איינציקווייז אָנגעהויבן אַרויסצורוקן אין דרויסן. עס האָבן זיך געשאַפֿן גרופּקעס, אין וועלכע מען האָט דיסקוטירט אין די ווינקלען. אייניקע האָבן זיך פֿאַרקליבן אין זייערע געצעלטן, אַנדערע האָבן דאָס ליכט פֿון דער קיך באַנוצט צו לייענען אַ ציַיטונג אָדער אַריינקוקן אין אַ בוך, כּדי צו פֿאַרטרינקען דעם יאוש, וואָס האָט אַלעמען געשטיקט.

ווי חברים זיצן אַזוי אין געהאַקטע צרות, קומט חברטע דבורה אַריינצולויפֿן פֿונעם ווייבער־באַראַק, וואו די טראָגעדיקע חברטעס האַלטן זיך אויף, לויפֿט־צו צו דער חברטע שרה און רוימט איר עפּעס איין אין אויער. באַלד ווערט אַ באַוועגונג, מען טרייבט אַרויס די חברים פֿון דער קיך, מען שטעלט־צו גרויסע קעסלען מיט וואַסער צו קאָכן. די חברטעס לויפֿן הין און צוריק פֿון דער קיך אין ווייבער־באַראַק. באַלד זיינען אַלע חברים אַרויס פֿון די געצעלטן. מען איז געגאַנגען מיט פֿאַמעלעכע טריט אין דער בלאָטע אַרום דעם געצעלט פֿון די טראָגעדיקע חברטעס. מען האָט זיך נאָכגעפֿרעגט אין דער שטיל, ביי די פֿאַרנומענע חברטעס, וואָס עס הערט זיך.

אַלע האָבן שוין געוואוסט, אַז חברטע לאה, שלמה מוראַווסקיס בחורה, האָט פֿון אויפֿרעגונג צוליב דעם אָנגעוואוירענעם ביק באַקומען ווייען.

און מיטאַמאָל איז אויף אַלעמענס געדאַנק אַרויפֿגעשוואומען די געשטאַלט פֿון חבר יאָסל, און יעדער איינער האָט געטראַכט דאָס זעלבע:

„חבר יאָסל קומט צוריק אין לעבן אַריין."

וואָס ביק, ווער ביק? אַ שיינע ריינע כּפּרה הונדערט ביקעס, דאָס ייִדישע פֿאָלק איז רייך גענוג אויסצושטיין אַ היזק פֿון אַ ביק. די פּיס האָבן זיך געריסן צום טאַנץ, די גאַרגלען צום שרייען, נאָר מען האָט מיט

אַלע כּוחות געמוזט צוריקהאַלטן דעם יצר־הרע פֿון טאַנץ, צוליב איינ־זעניש מיט דער חברטע קינפּעטאָרן.

דערפֿאַר האָט מען די גאַנצע תּאווה פֿון טאַנץ אויסגעלאָדן מיט אַ פּאָר אָונטן שפּעטער, ווען חבר כאַימאָוויטש האָט געמאָלדן אויף דער פֿאַר־זאַמלונג, אַז ער איז זיך צונויפֿגעגאַנגען מיט דער חברטע שרה, וועלכע איז געוואָרן זיין בחורה, און זיי בעטן אַ באַזונדער געצעלט פֿאַר זיך. מען האָט זיי, ווי אַנדערע פּאָרלעך, אָפּגעלייגט אויף נאָך דעם רעגן־סעזאָן. דערפֿאַר אָבער האָט עס געגעבן אַ געלעגנהייט פֿאַר דער גרויסער האָרע, וואָס מען האָט געטאַנצט לכּבוד דער חברטע שרה.

דערצו איז נאָך אין דעם צריף פֿון די טראָגעדיקע חברטעס געלעגן די ערשטע מוטער פֿון נייעם ישוב מיט דעם בכור פֿון עמק ביי איר צופֿוסנס, וועלכן מען האָט שוין אָנגעהויבן צו באַהאַנדלען ווי אַ בן־מלך, און ווען אַלע האָבן באַטראַכט פֿאַר זייער אייגענעם און גערופֿן מיט דעם נאָמען: „הבכור שלנו יאָסל״!

לכּבוד אים האָט מען געטאַנצט אַ באַזונדער האָרא אונטער אַ נייעם מאָטיוו:

„זה חלקנו מכּל עמלנו!״

קאַפּיטל 18

דער ערשטער וואָגן היי

חבר בן־טוב, כאָטש ער איז אַהער געשיקט געוואָרן פֿאַר אַ משגיח אויף דער כשרות, דאָס הייסט, ער זאָל אַכטונג געבן אויף דעם העברעאיש־רעדן, איז פֿונדעסטוועגן מיט זיין גאַנצער אויסגעדאַרטער לערנערישקייט נישט געווען קיין ערגערער אַרבעטער, ווי די אַנדערע: ער איז געקראָכן אין די זומפּן, אין די ווינטער רעגנס, האָט געהויבן די בלאָטע, און עס האָט אים גאָרנישט געאַרט. איצט איז אויך די צייט געקומען אויף אים. ווי ער שטייט אַזוי מיט זיין בית־מדרש־בחורישער פֿיגור אין דעם גרוב, וואָס ער גראָבט אויס פֿאַר חבר נירקעסעס ווייַנגאָרטן, פֿילעט ער, אַז אַרויסגיין פֿון גרוב וועט ער שוין נישט. אַ ווייטיק, וואָס האָט זיך נאָך פֿאַר אַ פּאָר וואָכן אַריינגעכאַפּט צו אים אין זיינע פֿיס־קנעכל און נאָגט אים אויס דאָס חיות ווי אַ טעמפּער צאָן ווייטיק, האָט אים אינגאַנצן די קנעכלעך איבערגעשניטן. הייַנט אין דער פֿרי נאָך, ווען ער איז געגאַנגען אין פֿעלד אַריין, זיינען זיינע פֿיס געקראָכן אין דער דורכגעווייקטער בלאָטיקער ערד ביז צו די קנעכלען, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די פֿייכטע ראָסע, וואָס איז געלעגן איבער די גראָזן אויף דער ערד, האָט זיך דורך זיינע שטיוול אין פֿלייש אַריינגעזויגן אין זיינע קנאָכנס. דער ווייטיק האָט אָנגעצויגן שטאַרקער און איז געשפּרונגען פֿון איין גליד צום אַנדערן, אָבער האָט זיך ווינציק־וואָס געמאַכט דערפֿון. ער האָט געמיינט, אַז עס וועט איבערגיין, געפֿיבערט האָבן פֿיל, צו ביסלעך רעוו־מאַטיזם האָבן אַלע חברים געהאַט, און דאָך האָט מען ווייטער געאַרבעט. און מען האָט נישט גערעדט דערפֿון. אָבער איצט איז עס אויס! ער קאָן פּשוט מער נישט אויסגלייכן דעם רוקן און אויפֿהייבן זיך פֿון פּיאַש, אויף וועלכן ער שטייט אָנגעלענט. די פֿיס זיינען מער נישטאָ, צוויי ווייטיקדיקע קלעצער, ווי צוויי שלעכטע אומזיכטבאַרע באַק־ציין, אויף וועלכע מען האָט מורא צו בייסן.

ער האָט גערופֿן אַ חבר, וועלכער האָט געאַרבעט לעבן אים.

— ברוך, קום נאָר אַהער! גיב מיר אַ האַנט, איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט מײַנע פֿיס.

דאָס איז געווען דער אַכטער שווערער פֿאַל פֿון רעוומאַטיזם. אין דעם שפּיטאָל בּאַראַק זײַנען געלעגן צוועלף חברים, דורך אַ ליילעך אָפּ־געטיילט — זיבן חברטעס אויף קדחת, רעוומאַטיזם און שווערע צוגעקילט־קייט, אַ חוץ אַ פֿינף־זעקס, וואָס זײַנען שוין געקומען צו זיך, אָבער צו דער אַרבעט האָט מען זיי נאָך נישט צוגעלאָזט. פֿאַר חבר בן־טוב איז שוין קיין בעט מער נישט געווען אין שפּיטאָל באַראַק, מען האָט זיך געמוזט צוריק אַנהויבן באַנוצן מיט די קאָלד־גריבער, איבער וועלכע מען איבערגעצויגן אַ געצעלט פֿאַר די קראַנקע, אַזוי ווי פֿריער, איידער מען האָט אויפֿגעשטעלט דעם שפּיטאָל באַראַק.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז די זון אויפֿגעגאַנגען ברייט, און גע־וואָרעמט די פֿײַכטע ערד.. מיטאַמאָל איז די גאַנצע וועלט פֿאַרענדערט געוואָרן, ווי עס וואָלט פֿון איר אַ גרויסער יאָך אַראָפּגעפֿאַלן. ס'איז אָנ־געקומען דער ערשטער פֿרילינג־טאָג און, ווי תּמיד אין ארץ־ישׂראל, באַלד אַרומגענומען מיט וואָרעמקייט.

חברטע שׂרה איז אין דעם טאָג געווען פֿאַרנומען מער ווי אַן אַנדער מאָל און האָט נישט געהאַט קיין צײַט צו באַמערקן די זון. דאָך נאָכמיטיק, ווען זי האָט זיך אַ ביסל באַפֿרייט פֿון דער אַרבעט און איז אַריבערגעלאָפֿן פֿון קיך אין דעם שפּיטאָל באַראַק, האָט זי באַמערקט ווי עפּעס רויט־לעכס שײַנט איר אַרויס צווישן די גראָזן פֿון די פֿעלדער אַראָפּ.

— אוי, טאַטע, די ערשטע בלימעלעך באַווײַזן זיך דאָך שוין! — האָט זי אויסגערופֿן מיט פֿרייד פֿאַר זיך. זי האָט נישט געקאָנט צוריקהאַלטן איר יצר־הרע פֿון פֿאַרשן בלומען, און איז געגאַנגען באַטראַכטן, וואָס פֿאַר אַ בלומען דאָס זײַנען, וואָס באַווייזן זיך פֿון די פֿײַכטע פֿעלדער אַראָפּ. און זי האָט באַמערקט אַז דאָס זײַנען אירע ליבע, היימישע, גוט באַקאַנטע מאָן־קעפּלעך, וואָס דעקן־צו די ארץ־ישׂראל פֿעלדער אין פֿריען פֿרילינג.

זי האָט אָפּגעריסן איינס אָדער צוויי. די נאָך נישט אינגאַנצן רויטע, דינע קליידעלעך האָבן געציטערט פֿאַר אימה, אַז זיי זאָלן נישט אַראָפּ־פֿליען פֿון דעם קנאָספּל. עס איז געווען דער ערשטער פֿרילינג־צייכן, וואָס האָט זיך באַוויזן איבער דער ארץ־ישׂראל ערד. און איר האַרץ איז פֿול געוואָרן מיט פֿרייד, אויף אירע ליפּן איז געקומען אַ סטראָפֿע פֿון אַ ליד, וואָס זי האָט אַמאָל געלייענט אָדער אַליין אויסגעטראַכט:

„עלו נציצים, עלה תקותנו...” — עס גייען אויף די בלימעלעך, עס גייט אויף אונזער האָפֿנונג!

זי האָט מער נישט געקאָנט צוריקגיין צו דער אַרבעט אין דער קיך און זי האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אין עמק. דער הימל איז געווען אויסגעלייטערט, בלוי און קלאָר, דער אַלטער באַקאַנטער ארץ־ישראל הימל, און די ערד איז געווען איבער־געצויגן מיט אַן איידעלן ציטערדיקן גרינעם טעפּיך פֿון אויפֿגייענדיקע זאַנגען. ווייץ און קאָרן מיט זייערע שטעכעדיקע בערדלעך האָבן זיך מיט זייער זאַטער גרינקייט באַוואויגן ווי די כוואַליעס אין טייך איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון גאַנצן שטח אַרום. און דאָרט, וואו די זאַנגען ענדיקן זיך, ציִען זיך פֿעלדער פֿון שוואַרצער ערד, חברים גייען נאָך די אַקערס און פֿערד, אַנדערע זייען, גאָר אַנדערע בייגן זייערע רוקנס איבער גריבער. אָט דאָ נישט ווייט פֿון דער מושבה ציט זיך אַ ריי פֿון חברים און חברטעס, וועלכע זעצן־איין ריטער אין דער ערד, דאָס פֿאַרפֿלאַנצט מען דעם ווייַנגאָרטן. דאָרט אַ ביסל ווייטער גייט חבר אהרן סיביריאַק און בייגט זיין ביינערדיקן קערפּער איבער דעם אַקער, און חברטע מלכה הינטער אים. דאָס אַקערט ער אויף דאָס פֿעלד, און חברטע מלכה פֿאַרזייעט אַרבעס. און אָט שלעפּט חבר חיים יודקעוויטש אַ טאַטשקע מיט אַנגעקליבענע שטיינער און וואַליעט זיי אַן אויפֿן וועג, וואָס פֿירט אין דער מושבה אַריין, צעוואַרפֿט זיי איבער דער בלאָטע, און איצט קלאַפּט ער זיי אַן מיט אַ שווערן אייזן, וואָס ער הייבט אויף מיט זיינע שטאַרקע הענט. קיין איין וואָרט האָט מען נישט געהערט פֿון אים וועגן זיין ברודערס טויט, קיין שאָטן פֿון צער האָט זיך נישט באַוויזן אויף זיין פּנים, כאָטש מען האָט געוואוסט, ווי ער איז געווען צוגעבונדן צו זיין יינגערן ברודער, יוסף, וועלכן ער האָט פֿון שניי־לאַנד אַרויסגעראַטעוועט אויף זייער וועג קיין ארץ־ישראל. ער איז געגאַנגען נאָך זיין לוויה, ווי די איבעריקע, און געשוויגן. פֿון דעמאָלט אָן טוט ער זיין אַרבעט אין עקשנותדיקן שוויגן און טאַנצט־מיט די האָראַס אין די אָוונטן, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען.

חברטע שרה האָט זיך געלאָזט אין די פֿעלדער אַרויס, איז נאָכגעגאַנגען נאָך די בלימעלעך, וואָס האָבן זיך באַוויזן. אונטער אַ שטיין האָט זיך פֿאַרקליבן אַ גרופּקע פֿון ווילדע ציקלאָמען. נאָך האָבן זיך די קעפּלעך נישט געהאַט באַפֿרייט פֿון די פֿאַרשלאָסענע קנאָספּן, אָבער זיי באַווייזן שוין אַרויס זייערע רויטע ליפּעלעך, ווי געפֿאַנגענע זומער־פֿייגעלעך זיצן זיי נאָך באַהאַלטן אין די מיילעכלעך פֿון די קנאָספּן־לעכער. און אָט דאָ און דאָרט שיילן זיך אַרויס די ווילדע, בלוילעכע איריסן פֿאַרוויקלטן שטאָם, אין קליינע שקאַרמיצלעך פֿון בלויע קראָקוסן, פֿון אַ בלוילעכע ריטער מיט לייוונט באַדעקט. און אָט באַווייזט זיך שוין אַ

פֿאַרבלאָנדזשעטער דראַגאָן, וואָס הויבט אָן זיינע פֿולע מויל־קעפּלעך אַרויסשלאָגן. גאַנצע פּעק מיט ווייסע אייגלעך פֿון יאַשמין הויבן אָן פֿרי צו פֿאַרשכורן די לופֿט. דאָ און דאָרט קומען אַרויס מיט צנועהדיקער באַהאַלטנקייט די בלויע קעפּלעך פֿון די קאַרנבלימלעך פֿון צווישן דעם ברייטן אויסגעשפּרייטן טייך מיט מעוברתדיקע האַריקע קערנער־זאַנגען, וועלכע פֿאַרדעקן די חרפּה פֿון די זומפּן...

ווי פֿול איז איר האַרץ געוואָרן מיט פֿרייד ביים אַנבליק פֿון בליענ־דיקן, זינגענדיקן עמק! זי איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרען צוריק אין אַ יונג מיידל, וועלכע האָט זיך געמאַכט יום־טוב, גייט אַרויס אין די פֿעלדער און רייסט בלימעלעך.

זי האָט געוואָלט די בלימעלעך אָפּרייסן און אָוועקטראָגן צו די חברים אין שפּיטאָל אַריין, אָבער זיי זיינען נאָך געווען יונג און ציטערדיק, אַז עס איז איר אַ שאָד געווען זייער יונג לעבן אונטערצושניידן. איצט איז איר געווען אַלץ איינס ווי די בלימעלעך וואַקסן, דער גאַנצער עמק אַרום איז שוין נישט געווען קיין ווילדער דרויסן, דער גאַנצער עמק איז שוין אַריינגענומען געוואָרן אין זייער רשות היחיד, און זי האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז די בלימעלעך וואַקסן אין זייער אייגענעם גאָרטן...

זי האָט שוין איצט מיט גאַנץ אַנדערע אויגן די וועלט געזען, ווי אַ שלייער וואָלט פֿון זיי אַראָפּגעפֿאַלן. נישט נאָר דאָס פֿעלד, דער עמק אינדרויסן האָט געזונגען דאָס געזאַנג פֿון אַרבעט, דורך זיין בליענדיקן גאָרטן, נאָר אויך די מושבה איז פֿאַרהילכט געוואָרן מיט שטימעס פֿון באַוועגונג און טעטיקייט. דאָרט האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פֿון די האַמערס ביים נייעם קיך־באַראַק, וואָס פֿיר חברים שטעלן אויף פֿון ברעטער, באַדעקט מיט צינק בלעך. חברטעס האָבן געקניט אין דעם גרינס גאָרטן אַרום דעם קוואַל, אויספֿליקנדיק דאָס ווילד־גראָז. פֿון שוסטער געצעלט האָט זיך געהערט דאָס חזנישע געזאַנג פֿון יוחנן הסנדלר ביי די שיך און שטיוול, אויסגעמישט מיט דעם קלאַפּן פֿון דעם העמערל אין די פּאַדעשוועס, מיט דעם רעש פֿון דער זינגער מאַשין אין דעם שניידער וואַרשטאַט, וואָס איז אין שכנות. באַלד ווי דער קיך באַראַק וועט פֿאַרטיק ווערן, וועט דאָס „גרויסע" געצעלט ווערן אָפּגעגעבן פֿאַר די געוועקשאַפֿטן. אָט, וועט דעמאָלט זיין אַ הרחבה!

אָט פֿאָרט אָן דער ליטווישער מוסרניק אויף אַ וואָגן מיט מיסט, איינגעשפּאַנט צו אַ פּרידה, הינטער וועלכער עס גייט נאָך מיט אַ גראַבליע אין דער האַנט דער הויכער טאָלסטאָיאַנער מיט דער באָרד. זיי פֿירן דאָס מיסט אין פֿעלד אַרויס. שרה וואונדערט זיך, וואָס אויך איצט גייט

אַן צווישן זיי די אייביקע דיסקוסיע פֿון מוסר היהדות, וואָרים זיי זיינען ביידע אויפֿגערעגט און שרייען־אַריבער איינער דעם אַנדערן. אָבער דאָס לערנט גאָר איצט דער טאָלסטאָיאַנער דעם מוסרניק, ווי אַזוי צו פֿירן די פּרידות איבער דעם זומפּ־לאַנד, וואָס דער לעצטער רעגן האָט אָנגע־מאַכט און וואָס חיים יודקעוויטש האַלט איצט אין פֿאַרריכטן אויפֿן וועג צו די פֿעלדער אַרויס.

ניין, זי האָט היינט נישט געקאָנט צוריקגיין צו איר טעגלעכער באַשעפֿטיקונג, און נישט פֿריער אַריינקוקן אין דערביימער־שולע דאָרט, וואו איר האַרץ ליגט. זי מוז זיך דאָרט אַריינרייסן פֿון צייט צו צייט, און אויב נישט צו אַרבעטן, איז כאָטש צו קוקן און צו חלומען וועגן דער צייט, ווען זי וועט קאָנען גיין צו דער אַרבעט פֿון ביימער דערציען, נאָך וואָס זי גלוסט אַזוי. ווען זי איז זייער מיד, טרויעריק, אָנגעשפּאַנט, כאַפּט זי זיך אַריין אין דער ביימער־שולע אויף אַ האַלבער שעה, כדי אָפּצורוען זיך און נייע כוחות צו שעפּן.

הינטער דעם לאַגער, אויף אַ גרויס שטיק פֿעלד, שוין אָפּגעצוימט אַרום מיט איינגעזעצטע ריטער פֿון יונגע אייקאַליפּטוס ביימער, גייט אַן אַ גרויסע טעטיקייט פֿון די חברטעס, וואָס אַרבעטן דאָרט אין דער ביימער־שולע. אין לאַנגע קאַסטנס פֿון ברעטער ליגן אויסגעבעט קישנס מיט אָנגעפֿולטער צעמאַלענער, דורכגעזיפּטער שוואַרצער ערד, אין זיי זיצן רייען פֿון נאַקעטע ריטלעך. דאָ צינט־אויף חבר נירקעס די ביימער־קינדער פֿון די צוקונפֿטיקע וועלדער און גערטנער פֿון עמק. דאָ פֿירט ער אויס זיינע עקספּערימענטן. דער פּלאַץ איז צעטיילט אין בייטן: אַ לאַנגע בייט מיט פּיאַלעט־רויטלעכע ריטלעך. דאָ ציען זיך אויף די פּרוכט־ביימלעך, וואָס ער פּרוּווט אויס — וועלכע וועלן קאָנען געדייען אין דעם קלימאַט און אויף דער דאָזיקער ערד. אַ צווייטע לאַנגע בייט פֿון אַ ציטערדיק וועלדל פֿון אייביקן גרינס, אַ בייט פֿון ווייס־באַפּלעקטע ריטלעך פֿון סיקאָמאָר, אַ וועלדל פֿון קליינע פּאַלמעס אין בלעכענע „שעל" קאַנען, וועלכע מען באַהאַנדלט אינדיווידועל, יעדעס איינע באַזונדער. אויך פֿון נאָרדישן קלימאַט האָט מען אַהער געבראַכט ריטלעך פֿון דעמבעס און ליפּעס, און דערלעבן — אַ יונג וועלדל פֿון ציפּרעס־קינ־דערלעך, אין וועמענס אויסגעגלייכטער, שטייפֿער האַלטונג מען האָט געקאָנט אַנזען דעם יחוס פֿון די עלטערן.

חבר נירקעס האָט מקבל־פּנים געווען חברטע שרה מיט אַ לאַרבער צווייגל אין דער האַנט, וואָס ער האָט ערשט נאָר־וואָס אַהיימגעבראַכט

פֿון פֿעלד, וואו ער האָט זיך אַרומגעשלײַכט יעדע פֿרײַע מינוט, וואָס ער האָט נאָר געהאַט, כּדי צו געפֿינען רעשטן פֿון פֿלאַנצונגען.

— חברטע שׂרה, איר זעט דאָס צווײַגל, — זאָגט ער מיט פֿרייד אין זײַן פּנים. — איך האָב עס געפֿונען פֿאַרשטעקט אין אַ בלאָטע־גרוב דאָ אונטערן באַרג. איך האָב אין עמק געפֿונען פֿאַרטריקנטע שטאַמען פֿון אַלעאַנדערס, איך האָב זיי איבערגעטראָגן, און זיי הויבן אָן צו לעבן. אַלץ וועט דאָ וואַקסן, איר וועט זען.

זי האָט אים אָנגעקוקט נישט אָן קנאה.

— איר זענט אַ גליקלעכער מענטש, חבר נירקעס!

חבר נירקעס האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר די רייד, ער האָט געוואוסט פֿון חברטע שׂרהס ליבע צו דער דאָזיקער אַרבעט.

— נו, ווען קומט איר צו אונדז? — און עס האָט אים שוין באַנג געטאָן פֿאַר דער דאָזיקער פֿראַגע.

— אדרבא, רעדט מיט בערלען! — דאָס האָט זי געמיינט איר מאַן כאַימאָוויטש.

— איך זאָל רעדן מיט אים? אויב עס קאָן ווער פּועלן ביי אים, זענט איר עס, חברטע שׂרה!

— איך קאָן גאָרנישט פּועלן ביי אים. איר ווייסט דאָך אַז אויף די פֿאַרזאַמלונגען איז ער מײַן גרעסטער קעגנער, ער וויל מיך דווקא האַלטן צוגעבונדן צו דער קיך.

כּדי זי אָפּצואווענדן פֿון געשפּרעך, זאָגט ער צו איר:

— קומט, חברטע שׂרה, וועל איך אײַך עפּעס ווײַזן.

ער האָט זי צוגעפֿירט צו אַ ווינקל פֿון דער ביימער־שולע, וואָס איז געווען באַשיצט מיט ווענטלעך פֿון אויסגעפֿלאָכטענע גראָזן, האַלב באַדעקט פֿון אויבן פֿאַר דער קעלט מיט צווײַגן און ראָגאָזשעס. ער האָט אויפֿגעדעקט פֿאַר איר דאָס באַדעקעכץ, און עס האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַר איר אַ קליינער גאָרטן. עס האָט געשטעקט אין בלעכן ערד פֿאַרשיידענע בלעטלעך און צווײַגלעך.

— דאָ דערציִען מיר אונזערע האָפֿענונגען! — זאָגט ער.

— וואָס האָט איר דאָ?

— די צוקונפֿט פֿון עמק, — לאַכט ער און ווײַזט איר אָן אויף ווילדע ציטרין־צווײַגלעך, וועלכע זײַנען ווי קראַנקע קינדער פֿאַרבונדן געווען נאָך דער הרכּבֿה־אָפּעראַציע.

— וואָס, איר פּרוּווט דערציִען אָראַנזשן־ביימער דאָ אין עמק?

— נישט נאָר אָראַנזשן, נאָר אויך גרעיפּ־פֿרוכט.

— קעגן דער עקספּערטיזע פֿון די מבינים, אַז דאָ קאָנען קיינמאָל נישט וואַקסן קיין ציטרוס־ביימער ?...

— די מבינים האָבן דאָך אויך געזאָגט, אַז דאָ קאָן קיינמאָל קיין ישוב נישט זיין, און דאָך האָבן מיר זיך נישט דערשראָקן !

זי האָט זיך פֿאַרטראַכט אַ מינוט.

— מיר האָבן די קאַלך־גריבער געמוזט באַנוצן פֿאַר אַ שפּיטאָל, היינט אַ נייער חבר קראַנק געוואָרן פֿון קדחת, עס איז דער פֿופֿצנטער פֿאַל.

— איך האָב היינט אָנגעטראָפֿן אויף די ערשטע ציקלאַמען, — טרייסט זי חבר נירקעס. — איך האָב זיי איבערגעטראָגן אין דער שולע, — ווייזט ער אָן אויף די האַרטע רויטלעכע בלעטער פֿון בוראַקעס־קאָליר, וואָס ער האָט אין דער ערד אַריינגעטאָן, כּדי זיי אויסצואיידלען, — די פֿעלדער הויבן זיך אָן צו באַדעקן מיט פּרימולן און היציאַנטן, די שווערע רעגנס זיינען שוין פֿאַרביי.

— יאָ, זאָגט זי, איך האָב אויך היינט אָנגעטראָפֿן אויף ציקלאַמען און מאָן־קעפּלעך. — באַשטעטיקט זי.

— אַ שאָד, — קרעכצט ער. — האָט איר מיר צוגענומען אַ געלעגנהייט אייך צו איבערראַשן מיט דער ערשטער יידישער בלום !

— וועלכע רופֿט איר אָן די יידישע בלום ?

— טאָקע די מאָן־קעפּלעך. אַז איך האָב זיי היינט געזען, ווי זיי באַשפּרענקלען מיט זייערע רויטע גלעקלעך די פֿעלדער, איז מיר אויפֿן זינען געקומען : דאָס איז די ריכטיקע יידישע בלום, נישט נאָר בלויז וויל זי באַדעקט די ארץ־ישראל ערד אין פֿרילינג, נאָר אויך וויל איר בלוט־רויטקייט סימבאָליזירט אונדזער בלוטיקע געשיכטע. נאָ, דאָ האָט איר זיי ! איך האָב געדעכנט היינט אין קיך זיי אַריינצוברענגען.

זי האָט די ציטערדיקע רויטע גלעקלעך אין דער האַנט גענומען, און אַ רויטלעכקייט האָט אַרויסגעשלאָגן אויף איר פּנים, זי האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן איר אַרבעט.

— האָב איך דאָס היינט באַלעמוטשעט ! איך האָב גאָר פֿאַרגעסן, אַז די חברים דערוואַרטן אָן אָוונט־ברויט נאָך דער אַרבעט. — זי האָט געזאָגט „אַ דאַנק", און איז שוין נישט געווען.

זי האָט געדעכנט דאָס ערשטע בינטל רויטע מאָן־קעפּלעך אָדער יידישע בלום, וואָס חבר נירקעס האָט איר געווידמעט, אָוועקצוטראָגן אויפֿן קבר פֿון חבר יאָסל, וואָס איז נאָר געווען אַ שפּרונג פֿון דאַנען.

אָבער ווען זי איז פֿאַרבייגעגאַנגען דעם קאַלך־גרוב, אין וועלכן חבר בן־טוב איז געלעגן אין זיינע רעוומאַטישע ליידן, האָט זי זיך געטראַכט, זי וועט זיי ליבער דעם קראַנקן חבר אַריינטראָגן, כדי אים אויפֿצומונטערן.

נאָך פֿלוצלינג האָט אין איר פּנים אַ שלאָג געטאָן אַ שטאַרקער ריח פֿון פֿריש־געשניטענעם היי. זי האָט זיך אומגעקוקט און געזען, ווי חבר בורלאַק פֿירט אַריין אין הויף פֿון לאַגער אַ הויכן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט פֿריש־געשניטענעם היי, צווישן וועלכע עס קוקן אַרויס — פֿאַרטרונקען אין אים ביזן האַלבן לייב — די חברטע חנה. צווישן היי האָבן זיך געפֿונען פֿיל אָפּגעשניטענע רויטע מאָן־קעפּלעך. זי האָט אויך אירע אַרויפֿגעוואָרפֿן און באַקראַנצט דעם ערשטן וואָגן היי פֿון עמק מיט דער יידישער בלום...

ביים אוונט־ברויט זיינען די חברים געזעסן מידע און פֿאַרהאָרעוועטע פֿון דעם טאָג אַרבעט. זייערע פּנימער זיינען געווען צעביסן, באַדעקט מיט בלאָטערלעך און קרעצלעך, — מתנות פֿון די אינזעקטן, מיקן און פֿליי, וועלכע זיינען דורך די רעגנס פֿאַרניכטעט געוואָרן, אָבער די סימנים פֿון זייערע גיפֿטיקע שטעך האָבן זיך אויף די פּנימער געהאַלטן.

אויסגעמוטשעט פֿון די לאַנגע רעגנס, אויסגעמאַטערט פֿון דער שווערער אַרבעט, האָבן די חברים אויסגעקוקט פֿאַרעלטערט. חברטע שרה איז מיט איר „בחור" בערל כאַימאָוויטש געזעסן צוזאַמען. זיי האָבן ביידע געגעסן דאָס מאַלצייט און געקוקט אויף די חברים, ווי זיי מיען זיך פֿריילעך צו זיין. אָבער דער פּאָפּצנטער פֿאַל פֿון קדחת איז אויף אַלעמען געלעגן ווי אַ שווערע מאַסע און געדריקט. „זעקס חדשים זיינען מיר קוים דאָ, און די חברים זיינען פֿאַרעלטערט געוואָרן אויף זעקס יאָר" — טראַכט זיך די חברטע שרה. דעם דאָזיקן טרויעריקן געדאַנק האָט אַפֿילו דער וואָגן היי, וואָס זיין גערוך איז נאָך געשטאַנען אין דעם חלל, נישט געקאָנט פֿאַריאָגן.

ווי די חברים זיצן אַזוי געשמאַק ביים עסן, קומט אַריינצוגיין דער חבר יוחנן הסנדלר און רופֿט זיך אָן:

— קומט אַרויס, וועט איר זען עפּעס שיינס!

ווען זיי זיינען אַרויס פֿון קיך געצעלט, האָט זיך פֿאַר זיי געעפֿנט אַ שטיק הימל, — פֿון דער וויטער טיפֿעניש אַרויס, אונטער דעם צודעק פֿון אַ געדיכטן נעפּל, וואָס האַלט אין זיינע ברוסטן דעם גאַנצן עמק,

באַוויזט זיך אַ גרויסער פֿלאַם פֿייער. דאָס האָבן די חברים, וועלכע זיינען אַרויף אויפֿן עמק נאָך זיי, אונטערגעצונדן די ווילדע גראָזן, כדי אָפּצו־רייניקן זייער אויסגעטריקנטן טייל פֿאַרן אַקער.

חברטע שרה, אָנגעלענט אויף איר „בחור” כאַימאָוויטש, איז געשטאַנען אויף דער שוועל פֿון געצעלט, און זיי האָבן ביידע געקוקט אויף דעם גאולה־פֿייער וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אויסלייז פֿון עמק.

— סוף —

דער מזבח

קאַפּיטל 1

אויף דער שיף

מיט אַ האַרץ פֿול מיט געבעט האָב איך זיך געלאָזט אין וועג אַריין אויף מיין איצטיקער ארץ־ישׂראל רייזע. יעדעס מאָל, ווען די שיף טראָגט מיך איבער דעם מיטללענדישן ים, ווערט מיין געמיט אָנגעזאַפּט מיט אַ ווייטיקדיקער בענקשאַפֿט. אין די פֿאַרנאַכטן, ווען די זון לאָזט זיך אין ים אַריין, קומט די שעה פֿון חסד, ווערן דיר קלאָר זאַכן, וואָס דו האָסט פֿריער נישט געוואוסט. עס גלוסט זיך דיר צו בעטן צו וועמען. פּונקט אַזוי ווי אין דרויסן, אויפֿן דעק פֿון דריטן קלאַס, ליגן איצט אויסגעצויגן אויף זייערע שטיקלעך דיוואַנען, אונטער דעם „געצעלט", וואָס זיי האָבן זיך אויפֿגעשלאָגן, די מאַכמעדאַנער פֿון פֿאַרשיידענע טיילן פֿון דער וועלט. איך ווייס נישט פֿאַרוואָס דאָס איז אַזוי. יעדעס מאָל, ווען ס'קומט מיר אויס צו שיפֿן זיך איבער דעם מיטללענדישן ים, ווערט מיין האַרץ אָנגעגאָסן, ווי אַ פֿולער וויינטרויב, מיט געבעט. אַ שעת־הכּושר קומט איבער מיר, און איך פֿיל זיך נעענטער צו די הימלען, ווי אַן אַנדער מאָל.

צי איז עס דערפֿאַר, ווייל די וואַסערן פֿון דעם ים שווענקן זיך אויף ברעגן פֿון לענדער, אין וועלכע טעמפּלען זיינען געשטאַנען און געטער האָבן געהויזט? צי דערפֿאַר, ווייל אויף די אינזלען פֿון דעם ים האָבן די מעכטיקע פֿון הימל געוואוינט? צי דערפֿאַר, ווייל אַזוי פֿיל גאָט־זוכענדיקע פֿאַר מיר זיינען שוין איבער דעם ים געשוואומען? נאָר עפּעס האָט אין זיך דער מיטללענדישער ים גאָט־פֿאַרכטיקייט, ער איז נישט אַזוי פֿאַרלוירן, וויסט און ליידיק, שטורעמדיק ווי דער אָקעאַן, וואָס, ווען דו פֿאָרסט אויף אים, דאַכט זיך דיר, אַז דו האָסט זיך איבערגעגעבן די עלעמענטן אין זייער רשות אַריין. דו פֿאַרלירסט אינגאַנצן אַ צוזאַמענבונד מיט וועמען, און דו בלייבסט ווי די ערשטע, ווידער אין דער מאַכט פֿון שלעכטע כּוחות. דער מיטללענדישער ים איז מילד און רואיק, און ווערט ער פֿורכטיק, ווערט ער נאָר אויף אַזוי פֿיל, כּדי דיך צו דערמאָנען, אַז דו מיט דיינע כּוחות ביסט גאָרנישט: אַז דו מוזט האָבן אויף וועמען זיך צו פֿאַרלאָזן.

פֿון וואַנען קומט דאָס רעליגיעזע געפֿיל צום מענטשן ? צי איז עס נאָר טאָקע דערוואָרבן געוואָרן דורך דעם עגאָאיסטישן אינסטינקט פֿון מענטשן, ווי די מאַטעריאַליסטן ווילן האָבן, כּדי אונז צו באַזאָרגן מיט נאָך אַ לעבן און כּדי אונדז צו באַשיצן פֿון בייזע גייסטער ? ניין ! אַז דו זעסט אַ זון־אונטערגאַנג אויף דעם מיטללענדישן ים, און ווען עס קומט איבער דיר דאָס באַדערפֿעניש פֿון געבעט, פֿילסטו, אַז דאָס רעליגיעזע געפֿיל איז אַ פֿיל טיפֿערס און אַ נעענטער־אינערלעכס און דרינגט אַרויס פֿון אַן איבערגעפֿילטער מאָס פֿרייד, גאָט איז נישט אַ באַהיטעניש פֿון שלעכטס, נישט אַ טייוול אַזעלכער, מיט טויזנט אָפּשרעק־קעפּ, וואָס די אַלטע מעקסיקאַנער, די אַלטע יאַפּאַנעזער און די כינעזער נאָך ביז היינטיקן טאָג שטעלן אַוועק פֿאַר די שוועלן פֿון זייערע טירן, כּדי צו פֿאַרטרייבן די קליינע טייוואַלים. גאָט — אין ערשטן געשטאַלט, ווי ער איז אַנטדעקט געוואָרן פֿאַרן אור־מענטש (יעדנפֿאַלס, אין די ליכטיקע לענדער, אין די ליכטיקע ימים, אין וועלכע איך געפֿין זיך איצט) — איז געווען אַן אומנוצלעכער צוועק פֿאַר זיך אַליין. ער איז געווען דער אור־קוואַל פֿון פֿרייד. דורך דעם — די ליבע צו אים, ווי דאָס געזאַנג. דערנאָך ערשט זיינען געקומען די קרבנות, די אימה און דער פּחד, און די „נוצלעכקייט" פֿון גאָט, אָפּצוהיטן פֿון שלעכטס. מיט אַנדערע ווערטער : נישט אונדזערע פֿינצטערע מיסטיריעזע אינסטינקטן, געירשנט פֿון פֿייכטע אור־וועלדער, פֿון שרעקענס נעכט, האָבן אויסגעפֿונען גאָט ; נאָר דווקא אונדזערע ליכטיקע, פֿון הימל געגנבעטע, פֿון גן־עדן קומענדיקע אינסטינקטן, וואָס ליגן אין אונדז — זיי האָבן אויסגעפֿונען גאָט. און אויסגעפֿונען האָבן זיי אים נישט פֿאַר מאַטעריעלע באַדערפֿענישן, כּדי זיי צו באַשיצן, נאָר פֿאַר אַן אומצוועקלעכקייט, פֿאַר זיך אַליין, ווי זיי האָבן אויסגעפֿונען די פֿרייד, דאָס געזאַנג. דאָס געפֿיל פֿון געטלעכקייט פֿילט זיך צום שטאַרקסטן ביי אונדז, ווען עס איז שמחה־ברבים : אין גרויסער אַחדותדיקער צוזאַמענגעהעריקייט, ווי מען פֿילט עס ביים אָנהויב פֿון פֿאַרווירקלעכונגען פֿון יעדער גרויסע אידייע — סיי מעסיאַניש־רעליגיעזער, סיי מעסיאַניש־סאָציאַלער. אין „שמחה־ברבים" דערפֿילט זיך גאָט פֿיל נעענטער, ווי אין „צרת־רבים". אין אַ גרויסער בשותּפֿותדיקער לייד פֿילט זיך יעדער מענטש איינזאַם און אַליין ; אין גרויסער בשותּפֿותדיקער פֿרייד פֿילט זיך דער יחיד אויפֿגעלייזט ווי אַ יחיד און שפּירט זיך נאָר ווי אַ טייל אין גרויסן. דאָס איז דער באַווייז, אַז גאָט איז אַ ליכטיקער אינסטינקט־געפֿיל, נישט קיין פֿינצטערער . . .

איך ווייס נישט אויב עס וועט לאַנג אָנהאַלטן דער וואָפנשטילשטאַנד, וואָס איך שליס מיט מיין גאָט. נאָך אַזעלכע פאַרביטערטע מלחמות, וואָס איך האָב געפירט קעגן אים. יעדנפאַלס, איז דער מיטללענדישער ים שולדיק אין מיינע געדאַנקען. נישט בחינם זאָגט מען, אַז דער מיטל־ים איז דאָס וויגל פון די געטער. אין דעם מילכיקן בלוי־הויכן נעפל, וואָס פאַרוועבט הימל און וואַסער, ווערן געבוירן די געטער. פון דעם ים־שטויב איז אַרויסגעשוואומען ווענוס. פון דעם וואָלקן־רויך האָט זיך אַרויסגעהויכט צעאוס. דער שפּיץ באַרג פון אָלימפּ איז פאַרהוילן אין די הימלען, רויכערט זיך אין וואָלקן־רויך. און אויף נאַקעטע בערג, וואָס באַהאַלטן זיך נאָך אין וואָלקן־געוועב, איז ביי שעפער־מענטשן געבוירן געוואָרן די וויזיע פון דעם אומגעזעענעם אַלוועלטלעכן גאָט... איז דען אַ וואונדער, וואָס דאָס געטלעכע האָט באַהערשט אויך מיך און געמאַכט מיך פאַר אַ „רעליגיעזן" אַטעאיסט?

וואו דו וועסט מיט גאָט מלחמה האַלטן — אויף די וועלן פון מיטל־לענדישן ים וועסטו מיט אים שלום שליסן.

קאַפּיטל 2

די פּיראַמידן

עס זיינען פֿאַראַן שטעט, וואָס לעבן זיך אָליין איבער, פּונקט ווי מענטשן. שטעלט אייך פֿאָר, ווען שעלי וואָלט נישט דערטרונקען געוואָרן אין די בלויע וואַסערן, נאָר געבליבן לעבן און געוואָרן שפּעטער אַ קלעגלעכער ענגלישער באַאַמטער; אָדער אַז בייראָן וואָלט נישט געשטאָרבן אין דער גריכישער מלחמה, נאָר געבליבן לעבן און געוואָרן אַ מלחמה־קאָרעס־פּאָנדענט אין אַן ענגלישער צייטונג — דאָס זעלבע איז אויך מיט שטעט. אַ גאַנצע נאַכט בין איך אויף־געווען און דערוואַרט צו דערזען, צוזאַמען מיט די ערשטע מאָרגן־שטראַלן, די לעגענדאַרישע שטאָט אַלעקסאַנדריע צו וועלכער מיר זיינען צוגעשוואוממען. וויפֿל אילוזיעס האָט דער נאָמען נישט אַרויסגערופֿן אין מיר! אַלעקסאַנדריע, יענע שטאָט, אין וועלכער עס האָט זיך פֿאַראייניקט דער העלעניסטישער קולט צוזאַמען מיטן יידישן גייסט. די שטאָט פֿון יענע ווייסע גאַסן, אויף וועלכע עס האָבן שפּאַצירט די פֿילאָ־זאָפֿן מיט זייערע תּלמידים, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו זייערע קלוגע רייד — וואָס איז געוואָרן פֿון איר? אַנשטאָט די גאָלדענע שפּיצן פֿון די טעמפּלען פֿון די „אַפֿראָדיטן" און „סיבילינען", וואָס איך האָב געהאָפֿט צו דערזען מיט מיין ערשטן בליק אויף דער שטאָט אין דער מאָרגן־שיין, האָב איך אָנגעטראָפֿן גרויע, הויכע שפּייכלערס, פֿאַרשטויבטע אין זאַמד, אויפֿגעגעסענע, גרויע האָטעל־הייזער; אָפּגעריסענע בלעכענע שילדן, — אַ מיש־מאַש פֿון שפּראַכן און שרייענדיקע, ליאַרעמדיקע אַזיאַטן...

וואו זיינען די רויזן־באַקראַנצטע קעפּ פֿון די פֿילאָזאָפֿן? אַנשטאָט זיי — עגיפּטישע באַאַמטע, פֿאַרלאַנגווייליקטע, אָנגעפּרעסענע, מיט שמוציקע נעגל און אַזיאַטיש פֿאַרוואָרלאָזטע, נישט־אויסגעשלאָפֿענע, נישט געראַזירטע פּנימער; האַלב־איראָפּעער. דאָס אָנטאָן אויך האַלב־איראָפּעיש. ברייט־ווייבערישע ווייסע הויזן, וועלכע זיי פֿאַלדעווען זיך שטענדיק אומאָנשטענדיק... באַצירטע, רויטע מונדירן. זיי קוקן דיך אָן, רעדן צו דיר, באַהאַנדלען דיך ברוטאַל, מיט אַזיאַטישער נישט־זשענירט־

קייט. און וויפל זיינען זיי דאָ!... און פֿאַר יעדער קלייניקייט מוסטו באַצאָלן. איינער נעמט דעם פּאַספּאָרט פֿון דיין האַנט — צוויי שילינג, אַ צווייטער באַאַמטער עפֿנט אים אויף — צוויי שילינג, אַ דריטער באַאַמטער קוקט דיר נאָך די עגיפּטישע וויזע — צוויי שילינג; אַ פֿערטער שרייבט דיר עפּעס אַריין — צוויי שילינג; אַ פֿינפֿטער לייגט דיר אַ חתימה — צוויי שילינג, אַ זעקסטער — גלאַט אַזוי, האַלט ביי דער פּראָצעדור דאָס עגיפּטישע פֿענדל — צוויי שילינג. אַזוי ווערסטו איבער־געוואָרפֿן פֿון האַנט צו האַנט, ווי אַ שטיקל סחורה.

און אַז דו קומסט שוין אַרויס, גאַט צו דאַנקען, אויף דעם אַלעקסאַנ־דריער ברעג, איז אָנשטאָט שאַרן פֿון רויזן־באַצירטע „אַפּראָדיטקעס", וואָס לעבן אין דיין פֿאַנטאַזיע, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער שטאָט, רינגלען דיך אויך אַרום כאַרן פֿון פֿאַרווילדערטע, שרייענדיקע און ליאַרמענדיקע האָטעלן־טרעגער, וואָס צערייסן דיך מיט דיין געפּעק אין הונדערטער שטיקער.

אַלעקסאַנדריע, פֿאַרוואָס ביסטו נישט דיין נאָמען?

קאַפּיטל 3

ירושלים

דורך דור־דורות זיינען זיי אַרומגעלאָפֿן, די ווייבער פֿון מזרח, מיט פֿאַרהילטע פּנימער, און דו האָסט געמיינט: ווער ווייסט וואָס הינטער דעם שלייער באַהאַלט זיך; וויפֿל אונטערגעדריקטע תאווה, צוציענדיקער כּישופֿדיקער רייץ, וויפֿל מיסטעריעזע גלוסטונגען האָט זיך דיר געדאַכט צו פֿאַרנעמען צוזאַמען מיט גנבהשען בליק, וואָס האָט פּלוצלונג אַמאָל דורכגעבליקט צו דיר פֿון אַ פֿאַרלאָדנט פֿענצטער, פֿון אַ מיט רויזן און בלעטער פֿאַרפֿלאַנצטן אייזערנעם באַלקאָן, אָדער פֿון אַ גנבהש פֿענצטערל. איצט, אַז דער שלייער האָט זיך אויפֿגעהויבן און עס האָט זיך באַוויזן דאָס פּנים — זעסטו, אַז עס איז נאָר געווען די אילוזיע פֿון פֿאַרוווערטע פֿרוכט, וואָס האָט געוועבט אירע פֿאַנאַטישע פֿאַרפֿיומירטע בילדער אין דיר אַליין; געוועבט פֿון חלומות, וואָס לעבן אין דיר אַליין. דער שלייער אָבער האָט גאַרנישט געהאַט וואָס צו פֿאַרהוילן...

פֿון די מיט גראַטעס באַפֿעסטיקטע האַרעם־פֿענצטערלעך אין אַלעקסאַנדריע קוקן צו דיר אַרויס ווייבערשע קעפּ מיט געשווירענע האָר, „אַלאַ גאַרסאָן". מיאוסע, אָנגעפּאַרבטע, פֿרעכע פּנימער פֿון פֿראַנצויזישע צווייט־קלאַסיקע קאָקעטקעס. און דו האָסט דאָס געפֿיל, אַז דער אָריענטאַלישער שלייער האָט דיך אָפּגענאַרט די אַלע יאָרן...

די אומאינטערעסאַנטסטע שטאָט אין אָריענט איז אַלעקסאַנדריע. אַ טרוקענע, זאַמדיק־פֿאַרשטויבטע האָפֿן שטאָט, אַ צוזאַמענמיש פֿון בלאַזירטער אָריענטאַלישער מיט פֿאַרפֿיומירטער פֿראַנצויזישקייט. קיין שפּור נישט פֿון דער אַמאָליקער פֿאַרכּישופֿדיקער אַלעקסאַנדריע; און אפֿשר שטייט עס אויך נישט אויף דעם אָרט. נאָר דער נאָמען איז אַ געבאָרגטער.

די באַן לויפֿט די דריי־שעהדיקע נסיעה פֿון אַלעקסאַנדריע קיין קאַירא, איבער דעם פֿעטסטן פֿרוכבאַרסטן טאָל פֿון עגיפּטן. עס איז יינגער פֿרילינג. די ערד איז ערשט באַפֿרוכפּערט געוואָרן פֿון ניל, וואָס

האָט זיך אויסגעגאָסן איבער איר. דו זעסט, ווי די ערד איז פֿעט און רייך פֿון דער ברכה, וואָס דער ניל האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך. ווי מיט אַ געדיכטן שלאָס איז די גאַנצע ערד באַלייגט, און די פֿעטע רייכע גרינסן וואַקסן דיר אינם פֿריילעכן גרין כּמעט פֿאַר דיינע אויגן. די שמאָלע קאַנאַלן, וואָס שניידן זיך דורך די פֿעלדער, לענגאויס פֿון די וועגן, זיינען נאָך פֿול מיטן וואַסער, וואָס דער ניל האָט זיי אָנגעטרונקען, אין די טיפּישע עגיפּטישע שיפֿלעך מיט הויכע קאָלירטע זיגל־מאַסטן שווימען איבער זיי.

עס איז אַ טיפּישע לאַנדשאַפֿט פֿון עגיפּטן, און דו זעסט מיט דיינע אויגן אַ לעבעדיקע אילוסטראַציע צו פֿיל פּסוקים פֿון תּנ״ך. דו פֿאַר־שטייסט, פֿאַרוואָס די אַלע סעמיטישע פֿעלקער האָבן אַזוי מקנא געווען די עגיפּטער מיט זייער ניל. דאָס לאַנד פֿאַרמאָגט די גרעסטע מתּנה פֿון אָריענט: וואַסער, וואַסער מיט דער פֿולער מאָס, איבער די ברעגן. די שפֿע פֿון דער ערד גיט זיך אויס איבער די רייכע לאַנקעס, איבער די פֿעטע בייטן; פֿיל עגיפּטישע קי מיט געהויקערטע רוקנס; אייזלען, קעמלען, שעפּסען — און געדעכט איז דער ייִד וואָס זאָגט דעם וויץ:

— אַ קונץ אַ גרויסע האָט ער געמאַכט, משה, וואָס ער האָט אונדז פֿון מצרים אַרויסגענומען; הלוואי וואָלט ער די עגיפּטער פֿון מצרים אַרויסגעפֿירט און אונדז איבערגעלאָזט...

אין קאַהיראָ, די רייכסטע און גרעסטע שטאָט פֿון אָריענט, האָב איך אָנגעטראָפֿן אויף אַ גרויסן יום־טוב — עס איז דער גריכישער פּסח אין אַלטן סטיל. און פֿון קדמונים אָן פֿייערן דעם יום־טוב אַלע איינוואוינער פֿון קאַהיראָ — מאַכמעדאַנער און קריסטן. עס איז דער יום־טוב פֿון גיין אין סעדער און גערטנער. די גאַנצע שטאָט איז אין באַוועגונג. אומ־צאָליקע לאַנגע פּלאַטפֿאָרמעס ציען זיך איבער די גאַסן, באַהאַנגען איינגאַנצן מיט מענטשן. יעדער אַראַבער פֿירט אַרויס זיין האַרעם אויף אַ פּלאַטפֿאָרמע אויסער דער שטאָט. ווייבער און קינדער, ווייבער און קינדער — אומצאָליק זיינען זיי. קיין שטיקל קאָליר נישט, שוואַרץ פֿאַר־הילטע ווייבער און ווייס באַקליידטע מענער אָדער קינדער, מיט ליאַרם און רעש, מיט געוואַלטן און געשרייען גיסט זיך יעדע פּלאַטפֿאָרמע איבער פֿון מענטשן: אַ פֿור בלויז מיט בחורים — ווי ישיבה־בחורים זעען זיי אויס, אין ווייסע, לאַנגע העמדער און רויטע מיצקעס, פֿאַכען מיט די שטעקלעך איבער די קעפּ און זינגען שרייענדיק, אַז זיי פֿאַרטויבן דעם טראַמוויי־געררויש. אָט איז אַ פּלאַטפֿאָרמע, וואָס פֿירט אַ האַרעם, פֿיל ווייבער זיצן ווי הינער הינטער זיך — און אַרום זיי צענדליקער

קינדער. און די אַלע פּלאַטפאָרמעס ווערן געשלעפּט פון קליינע, קליינע אייזעלעך... אַ רחמנות נעבעך אויף די אייזעלעך, איר קאָנט גאָרנישט אויסרעכענען די משאות, וואָס אַן אייזעלע האָט צו שלעפּן אין אָריענט. קיין צער־בעלי־חיים, קיין איינזעעניש מיט גאָטס באַשעפעניש. מיט אָריענטאַלישער גרויזאַמקייט — בעסער: גלייכגילטיקייט — שלאָגן די אַנטרייבערס מיט דיקע באַמבו־שטעקלעך די קליינע חיות, אַז זיי זאָלן שלעפּן די משאות. די גרויזאַמסטע אוממענטשלעכע יסורים טראַכטן זיי אויס פאַר דעם אייזעלע, צו מאַכן אים שפּרינגען אונטער זיין לאַסט. מיט געברענטע נאָדלען מאַכן זיי אַ וואונד דעם אייזעלע אויף זייער אַ געפּילפּולן אָרט... האַלטן די וואונד בכיוון אָפן, צוצושטעקן צום פיינלעכן אָרט שטעכעדיקע נאָדלען, אָדער ברענענדיקע גראָזן, כדי צו צווינגען דעם אייזעלע שלעפּן די משא.

אין די רייכע גערטנער, וואָס זיינען אויפן וועג צו די פּיראַמידן, שטעלן זיך צום מערסטן אָפּ די וועגענער מיט די מענטשן. די גערטנער, די פעלדער זיינען שוין אויסגעלייגט מיט מענטשן. יעדע פאַמיליע, יעדער האָרעם באַזונדער. מען ווערט פאַרטויבט פון דעם רעש, פון דעם טאַצן־קלאַפּעריי, וואָס די סאָדע־וואַסער פאַרקויפערס קלאַפּן אין זיי. גרויסע שטיקער אייז כישופן דאָס אויג און די פאַרחלשטע צונג, פון אומדער־טרעגלעכער היץ צום סאָדע־וואַסער קעסל, וואָס דער גרויסער, ברייטער פאַנטאַסטישער אַראַבער טראָגט אויף זיין אַקסל. אָבער דאָס אייז איז נאָר פון אויבנאויף און די וואַרעמקייט זאַפּט עס איין, ווי אַ שוואָם. דאָס סאָדע־וואַסער אַליין בלייבט אַן אייז און האָט אַ קאָליר און אַ טעם ווי חלשות־וואַסער. די פעלדער זיינען ממש באַזייט מיט מענטשן, נישט קיין פּיצל פריי גרינס, דאָס גאַנצע גרינס פון די פעלדער, ווי ווייט דאָס אויג קאָן דערגרייכן, איז באַדעקט אָדער מיט שוואַרצע פאַרהילערס פון די ווייבער־קליידער, אָדער מיט בלישטשענדיקן ווייסן פון די מענערשע הויזן און העמדער. אַ גרויסער פּיקניק. מען טונקט זיך אין עסנוואַרג. אַלערליי פאַרשיידענע גרינסן, וואָס די אַראַבער עסן רויערהייט און שלינגען, ווי די קי דאָס גראָז. צו זייער לויב מוז מען זאָגן, אַז די אמתע דעמאָקראַטיע הערשט לעת עתה נאָר אין אָריענט. נישטאָ קיין חילוק צווישן קאָליר און ראַסע. קוים באַדעקט דיין קאָפּ דאָס רעכט־גלויביקע מאַכמעדאַנישע קאַפּל, ביסטו אַן אַנגעלייגטער גאַסט ביי די מאַלצייטן. און ווייסע און שוואַרצע טונקען איין זייערע פינגער אַרויסצונעמען דאָס עסן...

זייער רירנדיק איז אויך צו זען, ווי זיי באַגייען זיך מיט די בלינדע. אַ בלינדער איז אַנגענומען אין מאַכמעדאַנער לאַנד פֿאַר אַ הייליקן; צוליב דעם גיבן זיי אַזוי נישט אַכטונג אויף זייערע אויגן, און קימערן זיך דערפֿאַר גאַרנישט, ווען זייערע אויגן צינדן זיך אָן מיט פֿאַרשיידענע קראַנקהייטן פֿון זייער קינדהייט אָן. פֿאַרקערט, אַז אַ קינד ווערט בלינד, האָט עס אַ פֿאַרטיקע פּרנסה, און באַדאַרף שוין נישט זאָרגן. כּמעט אַלע בלינדע זיינען אָנגעטאָן ציכטיקער און רייכער פֿאַר די זעענדיקע, און ווערן געפֿירט מיט גרויס ליבע פֿון זייערע באַגלייטערס. איר זעט אַז די באַגלייטערס באַטראַכטן נישט דאָס אַרומגיין מיט בלינדע פֿאַר אַ חוב — נאָר פֿאַר אַן אָנגענעמע און בכבודיקע טעטיקייט. דער לויב און די אַכטונג צו די בלינדע פֿאַלט אויך אויף זיי. אומעטום, וואו אַ בלינדער קומט, ווערט אים אָפּגעגעבן דער אויבן־אָן און דאָס בכבודיקסטע פּלאַץ. דאָ, אויף די פֿעלדער און אין די גערטנער, וואו דאָס באַהאַלטענע לעבן פֿון די האַרעמס און די הייזער גיסט זיך אויס אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד — זעט מען אָן דעם כּבוד און די אַכטונג צו די בלינדע. קוים באַווייזט זיך אַ בלינדער, גייט מען אים אַנטקעגן, און יעדע גרופּע און יעדע משפּחה רייסט זיך איבער אים און בעטן אים אַריין צו זיך — ווי אַ רבין, אָדער ווי אַנדערן בכבודיקן אורח ביי אונדז, ווען ער קומט אין אונדזערס אַ שטעטל אַריין.

אין דעם פֿאָלקס יום־טוב איז אויך ווערט זיך צוצוקוקן און באַטראַכטן די פֿיגורן פֿון די עגיפּטער. איר קאָנט גאַנץ גרינג אונטערשיידן אָן עגיפּטער פֿון טויזנט אַנדערע ראַסן אַרויס. די עכטע, אמתע עגיפּטער אונטערשיידן זיך מיט דעם וואונדערבאַרן געבוי פֿון זייערע קערפּערס פֿון הונדערטער אַנדערע ראַסן, וועלכע באַפֿעלקערן דאָס היינטיקע מצרים. די אָפּשטאַמיקע פֿון די אַלטע עגיפּטער זיינען נאָך אַזוי שלאַנק און פֿיין געשניטן, ווי מען זעט זיי אין די רעליעפֿן פֿון די אַלטע עגיפּטישע סקולפּטורן און בילדער. זייערע פֿיגורן זיינען אַזוי איידל, ווי איידעלע ציפּרעסן; זייערע הענט און פֿיס זיינען לייכט געוואָרפֿן און שטאָלץ, און הויך זיצן זייערע שיינע קעפּ אויף די לאַנגע העלדזער; יעדער פֿון זיי דערמאָנט אין אַ יונגען פּרעה, אַזוי ווי מיר זעען זיי אין די עגיפּטישע טעמפּלען. אַ שאָד נאָר, וואָס צוליב דער אַראַבישער שוואַרצער קלייד־הילע, מיט וועלכער די עגיפּטישע פֿרוי איז איינגעהילט, קאָן מען נישט אויסשיידן און באַמערקן די פֿיגור פֿון דער עכטער עגיפּטישער פֿרוי. דאָס שוואַרצע הילע־קלייד איז ווי איין אוניפֿאָרם פֿאַר אַלע אַראַבישע פֿרויען. נאָר פּונקט אַזוי ווי די מענער, מוזן זיך אויך געפֿינען אונטער יענע שוואַרצע הילעס פֿרויען־פֿיגורן, וועלכע דערמאָנען אָן קלעאָפּאַטרע

און אַנדערע עגיפּטישע פֿאַרפֿירערשע שיינקייטן, וואָס האָבן באַזיגט די הערצער פֿון די שטאַרקע פֿון דער ערד...

די פּיראַמידן זע איך שוין דאָס צווייטע מאָל. אַ שעה פֿאָרן מיט אַן אויטאָמאָביל איבער אַ נייעם אַספֿאַלטישן אַמעריקאַנער וועג, איבער דער וואונדערבאַרער אומגעבונג פֿון קאַירא, ליגן זיי, אָדער זיי שטייען. און פּונקט אַזוי ווי פֿאַר פֿערצן יאָר, לאָזן זיי מיך אויך דאָס מאָל איבער קאַלט, גלייכגילטיק — אָן מינדסטן איינדרוק.

אויף דעם ערשטן אַנבליק מאַכן זיי אַן איינדרוק, ווי מען וואָלט זיי אויפֿגעשטעלט אויפֿן ראַנד פֿון מדבר, כּדי זיי זאָלן מיט זייער שטאַרקייט און גרויסקייט איינהאַלטן די זאַמדן פֿון מדבר, אַז זיי זאָלן זיך נישט אַראָפּגליטשן אויף דעם פֿרוכטבאַרן עגיפּטישן הינטערלאַנד. ווי אַ נוצלעכע און נויטווענדיקע זאַך האָט מען זיי אויפֿגעשטעלט, ווי אַ וואַנט, איינער הינטער דער אַנדערער, פּונקט אַזוי ווי אַ דאַמבע פֿאַרשטעלט און האַלט־איין די כוואַליעס פֿון ים, אַז זיי זאָלן זיך נישט צעפֿלייצן. די פּיראַמידן זיינען אַ דאַמבע פֿאַרן מדבר. וואָרים, וואָס איז דען דער מדבר? — אַ ים, וואָס איז פֿאַרשאָטן געוואָרן איבער אומבאַוואוסטע זינד, און פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון אַ שטאַרקער קראַפֿט צו אַן אומפֿרוכטבאַרן מדבר. יעדער טראָפּן וואַסער איז מגולגל געוואָרן אין אַ קרישל זאַמד און יעדע כוואַליע וואַסער — אין אַ כוואַליע זאַמד. אַז איר שטייט אין דער הויך אויף אַ פּיראַמידע, אָדער אויף אַ זאַמד־באַרג און קוקט וויט אַריין אין מדבר אַריין — זעט איר, ווי ער פֿאַרשפּרייט זיך ווי אַ ים איבער אַלע פֿיר זייטן וועלט, און ציט זיך פֿון מאַראָקאָ און טוניס ביז צו די ברעגן פֿון אינדיע. די זאַמד־כוואַליעס פֿון מדבר הייבן זיך און גיסן זיך איבער, איינע אויף דער אַנדערער, — פּונקט אַזוי ווי די ים־כוואַליעס. און פּונקט אַזוי ווי אויפֿן ים ווערט אַ שטורעם און עס הייבן די פֿליגלען פֿון ווינט די וואַסערן פֿון זייער אָפּגרונט און גיסן זיי צונויף אין בערג, און שופֿלען אונטער זיי טאָלן און גריבער — אַזוי הייבט דער ווינט די זאַמד־כוואַליעס אין דער הייך. דער מדבר שטורעמט. ער שיט זיינע זאַמד־כוואַליעס, זיי בלאָזן זיך אין דער הויך און ווערן צעפֿאַלן אין שטויב־וואָלקנס פֿאַרטרינקען אין זאַמד יעדע שפּראָצונג, יעדן שטיין, יעדן איינעם, וואָס וואַגט דעם קאָפּ אויפֿצוהייבן איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון מדבר. און פּונקט אַזוי ווי די כוואַליעס פֿון ים, אַזוי ווילן אויך די כוואַליעס פֿון מדבר באַלד אַרויס פֿון זייערע גרענעצן. שטורעם־ווינטן טראָגן די וואָלקנס זאַמד, און פֿאַרשיטן און פֿאַרזאַמדן און באַגראָבן דעם גאַנצן גרינעם טאָל, וואָס כּישופֿט און רייצט און דערפֿרייט דאָס אויג און דאָס האַרץ מיט זיין

וואונדערבארן גרין — נאָר די פּיראַמידן־וואַנט, וואָס שטייט ביים ברעג פון ים־מדבר, האַלט איין די זאַמדן אין זייערע קאַרעטעס — און לאָזט זיי נישט אַרויס פון זייערע גרענעצן...

„פיר טויזנט יאָר קוקן אַראָפּ צו אייך פון די „פּיראַמידן". נאָר צוזאַמען מיט די פיר טויזנט יאָר קוקט אויך אַראָפּ לאַנגווייליקייט פיר טויזנט יאָר פון די פּיראַמידן. וואָרים, וואָס זיינען שטיינער, מעגן זיי ליגן נאָך אַזוי הויך ווי זיי ליגן, ווען זיי זאָגן גאָרנישט?

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איז מיר אויסגעקומען צו זען נאָכאַמאָל דאָס קליינע טירל פון דער וואָרמסער שול. דאָס קליינע טירל און די אָפּגעטראָטענע שוועל — אין דעם געהאַקטן קרייץ־צוגעדיקן געוועלב איבער דער טיר, און ווי יעדעס מאָל בין איך אויך דאָס מאָל דערציטערט געוואָרן פאַר דעם ערנסט, פאַר דער הייליקייט פון דעם אָרט. איך האָב געזען די אַלע טריט, וואָס האָבן אָפּגעטראָטן די טרעפּ פון דער שול פאַר טויזנט יאָר; איך האָב געפילט די הענט, וואָס האָבן אָפּגעריבן די לייסטלעך פון דעם געזימס; אויף דעם אָרט פון דער מזוזה איז אַ לאָך געוואָרן אויסגעגראָבן, בלויז פון דער באַרירונג פון די פיל הענט, פאַר די פיל הונדערטער יאָרן.

איך בין געשטאַנען פאַר דעם טירל פון דער וואָרמסער שול און האָב געציטערט פאַר עקסטאַז, פאַר רעליגיעזער פרומקייט, וואָס האָט מיך אַרומגענומען, פאַר אַכטונג און יראת הכבוד, וואָס איך האָב געהאַט פאַר יענע מאַרטירער, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין דער שול אין דער צייט פון די קרייץ־צוגן — אָדער שפּעטערדיקע צרות פון די אַלע מתפללים.

און צי עס איז דערפאַר, ווייל די געביידע איז אַ שול און עס רעדט צו מיין פאַרשטעלונג־קראַפט, צו מיין געוויסן, צו מיין געפיל? איך ווער דאָך דערציטערט און באַגייסטערט פון אַ ווענטל פון אַ פּשוטער דאָרף־קירך, וואָס פרומע פויערשע הענט האָבן עס באַקראַנצט מיט בלומען און רויזן; איך שטיי דאָך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ ציטער־דיק געפיל פאַר אַן אַלטער גאָטישער קירך, אָדער אַן אַנדערע אַלטע געביידע, אויף וועלכער עס ליגט נאָר דער חן און די פרומקייט אויסגעגאָסן פון מענטשלעכן עקסטאַז. דאָס אָרימסטע הילצערנע טורעמל פון אַן אַלטער דאָרפישער צערקווע, אָן שום באַפּוצונג, רעדט צו אונדזער האַרץ פיל מער, ווי די טויטע, הויכע שטיינערדיקע פּיראַמידן.

פאַרוואָס איז עס?

דערפֿאַר ווייל די פּיראַמידן זיינען נישט געבויט געוואָרן מיט ליבע, אָדער פֿון אַ קינסטלערשער אילוזיע, נאָר זיינען אויסגערעכנט געווען מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט, אָן שום אילוזיע, אָן מינדסטן קינסטלערשן קאַפּריז. „דער חשבון איז ריכטיק", אָבער איינמאָל דעם חשבון אויסגערעכנט, איז דיר שוין נישט מער אינטערעסאַנט. און דערפֿאַר, ווייל זיי האָבן געדינט נישט פֿאַר געטלעכע צוועקן (מעגן זיי נאָך זיין ווי געצנדינעריש) — זיי זיינען נאָר פֿאַר ריין־עגאָאיסטישע און ברוטאַלע צוועקן פֿון די פּרעהס. די פּרעהס האָבן געוואָלט באַהאַלטן די ערדישע רעשטן פֿון זייערע קערפּערס אויף אַלע אייביגקייטן — האָבן זיי זיך געבויט קבֿרים־פֿעסטונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך געלאָזט איינמויערן מיט זייערע ערדישע רייכטימער, מיט זייערע געבראַטענע הינער, מיט זייערע פֿעכערס און פּאַרפֿיומען.

אויסערלעך אפֿשר האָבן זיי אַמאָל געמאַכט אַן איינדרוק, פֿאַר אויגן, וואָס האָבן נישט געזען קיין הויכע מענטשלעכע בנינים. פֿאַר אויגן, וואָס האָבן געזען דעם אייפֿל־טורעם און די ניו־יאָרקער הימל־קראַצערס — מאַכן זיי נישט קיין איינדרוק, אין ניו־יאָרק געפֿינט מען ביי היינטיקן טאָג פֿיל העכערע הייזער, ווי עס זיינען די פּיראַמידן, און פֿיל ברייטערער. און נאָך מער: דער ניו־יאָרקער הימל איז נישט אַזוי הויך, ווי דער עגיפּטישער אין מדבר; דורך דעם מאַכן די ניו־יאָרקער הימל־קראַצערס אַ פֿיל העכערן איינדרוק, ווי די פּיראַמידן. און אַ חוץ זייער הויכקייט פֿאַרמאָגן זיי גאָרנישט. שטעלט איך פֿאַר מיט טויזנטער יאָר שפּעטער, ווען, חלילה, ניו־יאָרק וועט אונטערגיין, און עס וועלן נאָר איבערבלייבן אַ פּאָר פֿון די העכסטע הימל־קראַצערס, וועט אַ רייזנדער אַמאָל שטיין ביי זיי און קוקן אויף זיי מיט פֿאַרוואונדערונג, און זאָגן: אָט־אָ־דאָ, אין דעם הויז האָט מען פֿאַרקויפֿט העמדער און הויזן, קנעפּלעך און קעמלעך. — וואָס וועט דאָס זאָגן? — גאָרנישט!

אַזוי שטייסט דו היינט ביי די פּיראַמידן און טראַכסט דיר: אָט־אָ־דאָ האָט זיך פּרעה געלאָזט אויסהאַקן אַ קבֿר פֿאַר זיך — וועמען גייט עס אָן?

אַז די פּיראַמידן געביידעס רופֿן אַרויס אילוזיעס, רופֿן זיי אַרויס די שרעקלעכסטע, פֿינצטערסטע, פּייניקונג־אילוזיעס, וואָס די מענטשלעכע פֿאַנטאַזיע קאָן זיך נאָר פֿאָרשטעלן. איר זעט די צענדליקער און הונדערטער טויזנטער שקלאַפֿן־מענטשן, וואָס זיינען געפֿאַנגען געוואָרן פֿון זייערע היימען און געבראַכט געוואָרן פֿון די פּרעהס פֿאַר דעם צוועק, אַז זיי זאָלן בויען די פּיראַמידן. ווי שטענדיק, האָט דאָס שוואַרצע אַפֿריקע צום מערסטן צוגעשטעלט קרבנות פֿאַר דעם צוועק. איז אין פּאַרטיע

שקלאַפֿן אויסגעאַרבעט געוואָרן צום טויט, האָבן די פּרעהס נייע עקס־פּעדיציעס געשיקט צו דעם שוואַרצן אַפֿריקע, געפֿאַנגען מענטשן און געשלעפּט זיי אין קייטן אַהער. אין קייטן געבונדן, זיינען זיי פֿון די עגיפּטישע אויפֿזעערס און אַניאַגערס אַנגעשמיסן געוואָרן צו דער אַרבעט. מענטשן זיינען ביליק געווען, עסן — טייער. האָט מען זיי אַזוי לאַנג געיאָגט מיט דער אַרבעט, ביז מען האָט פֿון זיי די לעצטע כּוחות אַרויסגעיאָגט. די זאַמדן פֿון מדבר האָבן באַלד די פּגרים צוגעדעקט — אָן באַגרעבענישן — און אַנדערע זיינען געקומען אויף זייער אָרט. אָ, דאָס טראַגישע אַפֿריקע! וויפֿל יאָר־טויזנטער ביזטו שוין דאָס הפקר־פֿעלד פֿאַר יעדן רויב־פֿויגל, דער, וואָס וויל דיך נאָר פֿאַנגען. פֿון די ערשטע פּרעהס ביז צו דעם אַמעריקאַנער נעגער־האַנדל, וואָס די גאָט־פֿאַרכטיקע פּוריטאַנער, מיט דער ביבל אין איין האַנט און מיט דער בייטש אין דער צווייטער, האָבן געטריבן די געבונדענע שקלאַפֿן אין זייערע שיפֿן צו פֿאַרקויפֿן זיי...

נאָר אויך אַנדערע פֿעלקער האָבן געבויט זיי, די פּיראַמידן. אָט קוקט צו דיר אַהער „פּיתום און רעמסס". עס הייבן זיך אויף פֿון וואַלקן־זאַמד, ווי רויב־פֿויגל, צען קעפּ פֿון פּיראַמידן. יענע האָבן געזאָלט בויען מיינע אייגענע עלטערן אַמאָל. איך זע זיי מיט מיינע אויגן. צען געשפּאַנט אין איין שטריק — שלעפּן די גרויסע שטיינער אין דעם הייסן, טרוקענעם זאַמד. און די בייטש פֿון אויפֿזעער פֿאַלט איבער דעם שוויס־אָפּגעגאָסענעם רוקן פֿון שקלאַף. זוך, און דו וועסט נאָך געפֿינען די שפּורן פֿון בלוט, פֿון פֿאַרבלוטיקטע טריט אין דעם הייסן זאַמד. וויפֿל יונגע לעבנס האָט דער זאַמד צוגעדעקט, וויפֿל טייכן מענטשלעך בלוט האָט דער זאַמד אַרום די פּיראַמידן אויסגעטרונקען! נייך, די פּיראַמידן זיינען די שענדלעכסטע מצבֿות פֿאַר מענטשלעכער פּיין און מענטשלעכער גרויזאַמקייט. עס איז דער גרעסטער שאַנד־פֿלעק אויף דעם מענטשלעכן געוויסן — דער צייכן, ווי ווייט די מענטשלעכע בעסטיע האָט געקאָנט דערגיין.

אָ, וועלכע מעכטיקע האַנט וועט צעמאָלן די שאַנד־שטיינער פֿון די שקלאַפֿן־עדות — די פּיראַמידן — צוזאַמען מיט מענטשלעכער געמיינהייט, מיט מענטשלעכער נידערטרעכטיקייט!

אַז איך בין צוריקגעקומען אין שטאָט אַריין, איז שוין די זון געווען אונטערגעגאַנגען. די שמשים האָבן גערופֿן די גאָט־פֿאַרכטיקע צום געבעט, פֿון די הויכע מעטשעט־טורעמס, מיט אַ זינגענדיק קול. די

געלערנטע, מיט די ווייסע בענדער אַרום די רויטע קאַפּלען, האָבן געאײלט
אין בית־המדרש אַריין, אין עלטסטן אַראַבישן אוניווערסיטעט, צו זייער
געבעט און זייער לערנען. די שטאָט האָט זיך אָנגעצונדן מיט אירע טויזנ־
טער עלעקטרישע לאָמפּן. אַ קנאַקן און אַ קנאַלן האָט אויפגעברויזט די
פֿון די מאַסן רעוואָלווער־שאָסן, פֿון די קאַלטע פֿייערן, וואָס מען האָט
אָנגעצונדן און געשאָסן אין אַלע עקן פֿון שטאָט לכבוד דעם יום־טוב.
ראַקעטן האָבן אויפגעקראַכט און אָנגעצונדן די לופֿט. עס איז געווען אומ־
מעגלעך אויסצוהאַלטן. די גאַנצע שטאָט האָט אויסגעזען, ווי אַ צוזאַמענ־
לויף פֿון ווילדע שבטים. די מענגעס מענטשען האָבן זיך געגאָסן ווי שטראָ־
מען אין די גאַסן — פֿון די גערטנער, פֿון די סעדער, פֿון די פֿעלדער,
פֿון די פּיראַמידן, וואו זיי האָבן פֿאַרבראַכט דעם יום־טוב — אַהיים.
די גאַסן פֿול מיט אַהיימקערדיקע פּלאַטפֿאָרמעס, מיט אָנגעפּאַקטע קלינג־
גענדיקע טראַמווייען, מיט פֿאָרנדיקע אויף רעדער און רעדלעך. די גאַסן־
הייזער האָבן אַרויסגעהאַנגען ברענענדיקע לאָמפּן אויף זייערע טירן...
ליכט אין אַלערליי שרייענדיקע קאָלירן... פֿון די קאַפֿע־הייזער האָבן
אַרויסגעדרונגען אין גאַס אַריין בענקנדיקע, מאָנאָטאָנע אַראַבישע ניגונים,
טענצערינס מיט קלימפּערלעך אויף די פֿיס, מיט קלינגענדיקע טאַצן אין די
הענט, האָבן געגעבן זייער בויך־טאַנץ—פֿאָרשטעלונגען פֿאַר די אין אָפּגע־
לאָזנקייט, די פֿיס אונטער דעם בויך זיצנדיקע אַראַבער. רויכערנדיק פֿון
די פֿלאַשן־ליולקעס, זיינען זיי געזעסן אין זייערע ברייטע הויזן, אין
זייערע העמדער, און האָבן רואיק, מיט גלאַנצנדיקע מזרח־אויגן צוגעקוקט
זיך צו די אומאָנשטענדיקע בויך־באַוועגונגען, וואָס די טענצערינס האָבן
אויסגעפֿירט פֿאַר זיי. גאָרנישט האָבן זיי געזאָגט, גאָרנישט האָבן זיי
געקלערט, נאָר בלויז געקוקט מיט די גלאַנציקע אויגן און גערויכערט
פֿון די פֿלאַשן־ליולקעס...

און דאַן האָט זיך דער כּישוף און דער זנות אויסגעגאָסן איבער די
גאַסן פֿון מצרים, און טויזנטער גאַסן־פֿרויען אָנגעטאָן אין די גלאַנצנדיקע
פלוידערן־קליידער, אַנטבלויזט אויף אַן אומאַנשטענדיקן אופֿן, האָבן מיט
מימיק און בויך־באַוועגונגען גערופֿן די מענער צו זנות און כּישוף...

און די ענגלישע אָפֿיצערן, דעם קעניגס קרוין אויף די היטלען און
אויף די אָרעמס, האָבן געהיט אָרדנונג צווישן זיי...

קאַפּיטל 4

די דריטע מויער

די נאַכט האָט מיך דורך דער מדבר אַריבערגעפֿירט פֿון מצרימס אויסגעלאָסענער שטאָט אין דער הייליקסטער שטאָט פֿון דער וועלט — קיין ירושלים.

עס איז נישט מיין ערשטע „ליבע" מיט ירושלים; און איך באַדויער עס זייער. — ירושלים דאַרף מען געניסן דאָס ערשטע מאָל, דעמאָלט האָט מען די גאַנצע סענסאַציע, וואָס דיין פֿאַנטאַזיע פֿון דיינע קינדער־יאָרן, פֿון דיינע חדר־יאָרן האָט אויסגעמאָלט פֿאַר דיר — „ירושלים". עס איז אַזוי ווי דו לערנסט צום ערשטן מאָל „בראשית", ווען דו ביסט אַ קינד. איך בין שוין צום דריטן מאָל אין דער שטאָט, און יעדעס שטעגל און ווינקל, סיי אין דער מויער און סיי אויסער דער מויער, איז מיר באַקאַנט. עס זאָגט זיך נאָר אַזוי — „באַקאַנט". אויסער דער מויער פֿון ירושלים קאָן מען קענען די שטאָט; ירושלים אין דעם מויער איז אוממעגלעך צו קענען — אַפֿילו פֿאַר איינעם, וואָס איז דאָרט געבוירן געוואָרן און וואוינט דאָרט אַלע זיינע טעג. ירושלים אין דעם מויער איז אַזוי ווי אַ לאַבירינט. יאָרן און יאָרן קאָנסטו וואַנדלען אין דער שטאָט און יעדעס מאָל אַנטדעקן נייע הויפֿן, נייע געסלעך, נייע קירכעס, נייע, אָפּגעצוימטע, פֿאַרבאָרגענע, מיסטעריעזע פּלעצער, וואָס דו ווייסט נישט, צו וועמען זיי באַלאַנגען.

דאָס ערשטע, וואָס וואַרפֿט זיך מיר אין די אויגן, איז די גרויסע ענדערונג, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין דער שטאָט, זינט איך האָב זי צום לעצטן מאָל געזען, פֿאַר פֿערצן יאָר. די נייע יפֿוער גאַס, וואָס איז צוגעקומען, וועלכע ציט זיך אַוועק גאַנץ ווייט אַרויס ביז צו „קעניג דזשאָרדזש" גאַס, און נאָך ווייטער, מיט גרויסע ירושלימער הייזער און פֿיל רייכע געשעפֿטן, די נייע ברייטע „אַלענבי" גאַס, וועלכע האַלט זיך אין בויען און די נייע ברייטע „קעניג דזשאָרדזש" גאַס, וועלכע האַלט זיך אין בויען. די נייע גאַסן און הייזער, וואָס בויען זיך, זיינען אינגאַנצן

אין סטיל פֿון אַלט־ירושלים, שטאַרקע, מאַסיווע־געבויטע הייזער, פֿון האַרטן געהאַקטן שטיין. איין־איינציקער שאָד, וואָס ביזן היינטיקן טאָג האָט ירושלים נישט קיין איין גאָרטן, קיין איין פּאַרק, קיין איין שטיקל ביימער־שאָטן. און דווקא אין ירושלים ווילט זיך אַזוי זען גערטנער און סעדער און פּאַרקן — דאָס גרינס פּאַסט זיך אַזוי צו דער זילבערנער ווייסער לאַנדשאַפֿט אַרום. אין אונזער פֿאַנטאַזיע איז ירושלים שטענדיק איינגעפּאַסט אין גערטנער. גאָט, וואו זיינען דאָס איצט יענע פּרוכט־גערטנער, אין וועלכע די „זינד" פֿון ירושלים איז געוואָרן געטריבן, וואָס איבער זיי האָבן די נביאים אַזוי געליאַרעמט און איבער זיי איז די שטאָט חרוב געוואָרן? עס וואָלט זיך געוואָלט אַזוי טועם זיין פֿון יענער „זינד" אין יענע פּראַכט־גערטנער. וואו זיינען די סעדער, אין וועלכע די בנות־ירושלים זיינען אַרויסגעגאַנגען יום־כּפּור צו ווערן אויסגעכאַפּט פֿון די בחורים? וואו זיינען די פֿרישע קוואַלן וואַסער, וואָס פֿליסן אונטער די טענענביימער? זאָל דאָס אַלץ זיין נאָר אויפֿן פּאַפּיר, אין „שיר השירים"? — געוואַלד! גיט ווידער צוריק ירושלים יענע פֿאַרוויילונג־ערטער, כאָטש צוליב דעם, — צו געבן אַ נייעם נביא אַ געלעגנהייט אויסצוגיסן זיינע שטראָף־רייד אויף ירושלימס טעכטער און אָנצושרייבן אַ נייעם קאַפּיטל ישעיה.

עס וואַרפֿט זיך אויך אין די אויגן די ריינע אויפֿהאַלטונג פֿון שטאָט. ווער ס׳געדענקט נישט ירושלים פֿון די טערקישע צייטן, ווען די שטאָט איז געווען פֿאַרוואַנדלט אין אַראַבישע מיסט־קאַסטנס — מוז איצט אויסדריקן אַ טיפֿן דאַנק. דער עיקר ווערט דער אַראַבישער, אַזיאַטישער כאַראַקטער פֿון דער שטאָט פֿאַרלוירן. אַ חוץ די פּאָר אַראַבישע געסלעך אין דער אַלטער שטאָט, וואָס דער האַנדל און וואַנדל דאָרט, דער אויסזען פֿון די קרעמער, פֿון די געבעלקטע גאַסן, פֿון די באַזאַרן, פֿון דער זאַטל־גאַס, פֿון דער בשמים־גאַס, פֿון דער יואוועלן־גאַס, וואָס דאָס איז דאָס טיפּישסטע מיטל־אַלטערלעכע אַראַבישע, וואָס האָט זיך אפֿשר דערהאַלטן ביז איצט — איז די שטאָט, וואָס צעוואַקסט זיך, אויסער דעם מויער, אַן אייראָפּעאישע גרויס־שטאָט, און דאָך קליין שטעטלדיק. אַ באַזונדער כאַראַקטער און חן איז אויסגעגאָסן אפֿילו אויף די נייע הייזער און אויף די נייע גאַסן, וואָס בויען זיך אין ירושלים, וואָס לאָזן נישט די שטאָט זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַ גרויסער שטאָט. ערשטנס, וואָס עס זיינען נישטאָ קיין טראַמווייען אין די גאַסן; וואָס עס זיינען נישטאָ קיין קינאָס, קיין טעאַטערס; די געוועלבן טראָגן נישט קיין גרויסע שילדן, באַלייכטן זיך נישט מיט קיין גרויסע לאָמפּן; אַלץ ווערט גע־

דעמפּט, געהאַלטן אין צניעות, ווי עס וואָלט דרך־ארץ געהאַט פֿאַר דעם אָרט, אויף וועלכן עס געפֿינט זיך. די געוועלבער זיינען אויך נישט קיין גרויס־קרעמערשע, קיין שרייענדיקע, ווי דו זעסט אין תּל־אביב. פֿיל בוכ־האַנדלונגען, פֿיל געשעפֿטן פֿון קונסט־זאַכן, אַנטיקן, טעפּיכער, בצלאל־אויסאַרבעטונגען, אַ צוויי־דריי קאַפֿע הייזער. קיין אַראַבישע געשעפֿטן, אָדער אַראַבישע קאַפֿע הייזער, זעט מען כּמעט נישט אין דער נייער שטאָט. דערפֿאַר אָבער איז די שטאָט דורך דער צייט, וואָס איך האָב זי נישט געזען, פֿיל פֿאַרקריסטלעכט געוואָרן. עס גייט אָן אַ קאָנקורענץ צווישן די באַציִעס פֿון דער וועלט, ווער עס זאָל האָבן אין ירושלים אַ העכערן קלויסטער, אַ ברייטערן שפּיטאָל, אַ גרעסערע שולע. ירושלים איז די איין־איינציקע שטאָט אין דער וועלט, וואָס האָט מער שפּיטאָלן ווי קראַנקע, און מער שולן ווי קינדער. די גאַנצע וועלט וויל באַזאָרגן ירושלים. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, ווערט דאָס נישט געטאָן בלויז פֿאַר מצוות און מעשים טובים. די מלחמה אַרום ירושלים האָט זיך נאָך נישט געענדיקט, זי האַלט נאָך אָן ביזן היינטיקן טאָג. צום מערסטן אַרבעט איצט מעשים אין ארץ־ישראל בכלל און אין ירושלים בפֿרט„ — מוסאָליני. די גרעסטע שולע האַלט ער אויס, און אָן אייגענעם אוניווערסיטעט האָט ער אויסגע־בויט — פֿאַר צוויי אַראַבישע סטודענטן... פֿון יעדן באַרג קוקט דיר אַראָפּ אַ קלויסטער און אַ שפּיטאָל. די שענסטע און ברייטסטע פּלעצער פֿאַרנעמען קלויסטערס און שפּיטאָלן; די פֿראַנצויזן ווילן נאָך איבער־יאָגן די איטאַליענער. ירושלים איז געוואָרן אַן אויסשטעלונג־פּלאַץ פֿאַר דער וועלט. אין דער היים מעגן די איטאַליענער אַרומלויפֿן מיט צעריסענע הויזן. גאַנצע דערפֿער און שטעט זיינען דאָ אין איטאַליע, וואָס האָבן נאָך ביזן היינטיקן טאָג קיין שולע נישט. אַ גרויסער טייל פֿון דער איטאַליענישער באַפֿעלקערונג זיינען נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַנאַלפֿאַבעטן, — אָבער אין אָריענט האַלט מען אויס איטאַליענישע שולן, און מען בויט איטאַליענישע שולן פֿאַר אַראַבישע קינדער אין יעדער שטאָט און שטעטל. אין ירושלים האָבן זיי די העכסטע געביידעס. און איך מוז זאָגן — צי יאָ נאַציאָנאַלער שטאָלץ, צי נישט — אַז דו זעסט ווי די באַשיידענע „אוניווער־סיטעט” געביידע קוקט אַראָפּ פֿון הר־הצופֿים, נעמט דיך אָרום אַ צופֿרידנ־הייט און אַ שטאָלצקייט; עס איז אַזוי ווי די געביידע וואָלט דיר געזאָגט: „אין דעם וועט־קאַמף אַרום ירושלים, וואָס די פֿעלקער פֿירן, וועלן מיר נישט בלייבן די לעצטע — כאָטש מיר זיינען די אָרעמסטע און די שוואַכסטע פֿון אַלע”...

און דאָך איז ירושלים אַ יידישע שטאָט. די יידישסטע שטאָט, וואָס עקזיסטירט אויפֿן ערד־קיילעך, זי איז פֿיל מער יידישע שטאָט ווי תּל־אביב. כאָטש אין תּל־אביב איז נישטאָ קיין גוי אויף אַ רפֿואה, און ירושלים איז באַזייט און אַרומגערינגלט פֿון אַלע מינים רעליגיעס, קירכעס און מלוכות. תּל־אביב איז אַ יידישע שטאָט פֿון איין שניט יידן — פֿון אונדזערע יידן, פֿון סלאַווישע און אַ ביסל דייטשישע יידן. תּל־אביב איז אַ יידישע „אשכּנזישע" שטאָט, — ירושלים איז אַן אַל־יידישע שטאָט. דאָס וואָס ניו־יאָרק איז פֿאַר דער גאַנצער וועלט, איז ירושלים (נאָר אין אַ פֿיל שאַרפֿערן בוילעטערן כּאַראַקטער) — פֿאַר די יידן. קוואַרטאַל־איין, קוואַרטאַל־אויס, גאַס־איין, גאַס־אויס, קאָנט איר מאַכן אַ רונד־רייזע אַרום דעם וועלט־יידנטום. עס איז אַזוי ווי אַלע קיבוצים פֿון יידישן ישוב, וואו מיר זיינען נאָר פֿאַרשפּרייט און צעזייט איבערן גאַנצן ערד־קיילעך האָבן געשיקט זייערע „מוסטערן" קיין ירושלים. עס איז אַזוי ווי דער גרויסער מזבח־שטיין, וואָס שטייט איצטער געפֿאַנגען אין אַן אַנדער טעמפּל, אויבן, אין דער הויך, אויפֿן באַרג „מוריה", האָט אַהער געכּישופֿט זיינע גלויביקע פֿון אַלע מדבריות אַרויס, פֿון אַלע פֿינצטערע וועלדער אַרויס, פֿון אַלע פֿאַרוואָרפֿנסטע ימים. פֿון דער חסידים־גאַס צום אונגאַרישן פֿערטל אין דער בוכאַרער שטאָט, צו דער תּימנער שכונה — ווער קאָן זיי אויסרע־כענען? — אין דער בוכאַרער שטאָט קאָנט איר געפֿונען גאַסן, וואו עס האָבן געוועלבלעך יידן פֿון באַגדאַד אין שכנות מיט קאַווקאַזישע באַרג־יידן, יידן פֿון פּערסיע אין שכנות מיט אַן אונגאַרישן ייד, וואָס קומט פֿון די קאַרפּאַטן בערג.

אויף צוויי ערטער קומען זיי זיך צוזאַמען, און איר זעט דעם גאַנצן קראַנץ פֿון אַלוועלטלעכן יידנטום אין אַלע זיינע פֿאַרבן־רייכע קאָלירן. די עלטערע קאָנט איר געפֿינען פֿרייטיק־צו־נאַכטס און שבת אין דער פֿרי ביי דער „כּותל מערבֿי", און די יוגנט — שבת פֿאַרנאַכט, שפּאַצירן אין דער יפֿו־גאַס.

איך מוז זיך מודה זיין: פֿון גאַנצן אַלטן און נייעם ארץ־ישׂראל רעדט נאָך צום וואָרעמסטן צו מיין האַרץ די „כּותל מערבֿי". און נישט דאָס, וואָס די כּותל מערבֿי שטעלט מיט זיך פֿאַר — דאָס הייסט: די לעצטע מויער פֿון בית המקדש — איז דאָס, וואָס באַוועגט מיך צום מערסטן. ווען דאָס בית־המקדש ווי אַ נאַציאָנאַלער סימבאָל, האָט — ווען עס איז — פֿאַר אונדז, מאָדערנע יידן, געהאַט אַ באַדייטונג, קאָן איך זיך באַיין־אופֿן נישט באַגייסטערט פֿאַרן בית המקדש ווי אַ רעליגיעזער צענטער. ניין, אונדז בענקט זיך גאָרנישט צו באַנייען קרבנות... און מיר קאָנען דעם פּלאַץ

גאַנץ גוט איבערלאָזן פֿאַר אַנדערע רעליגיעס — זאָלן זיי נאָר אונדז געבן די מעגלעכקייט צו באַזעצן און באַוואוינען די אַנדערע טיילן פֿון לאַנד. נאָר ווען די „כּותל־מערבֿי” רירט דיך, איז עס מער די מענטשן, וואָס שטייען לעבן איר, ווי די טויטע שטיינער. דער פּאַטאָס פֿון גלויבן און האָפֿענונג, די וואַרעמקייט פֿון טרערן, וואָס ווערן אָפּגעקילט אויף דער טויטער מויער, די הערצער, וואָס פֿלאַטערן אויף איר, די שטערנס, וואָס ווערן געקלאַפּט אין איר, און זי שטייט ווי אַ מחיצה, ווי אַ טויטע גרענעץ: „ביז דאַנען קאָנסטו קומען — ווייטער נישט”.

יעדעס מאָל, ווען איך זע דעם אַלטן מויער, קריג איך דרך־ארץ פֿאַר די אַלטע יידן וואָס שטייען לעבן איר. גאָט! וויפֿל מסירת־נפֿש, וויפֿל ווילנס קראַפֿט, וויפֿל גלויבן און אָפּפֿער־פֿעאיקייט האָבן זיי געמוזט האָבן, אָט די אַלטע יידן, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אַרום דער מויער פֿאַר דורות און דורות? איר קאָנט זיך פֿאָרשטעלן די פּורעניות און די געבֿרענ־טע און געהאַקטע צרות, וואָס מ׳האָט אָנגעטאָן די יידן צו פֿאַרטרייבן זיי פֿון דער מויער?! ווי האָבן זיי זי בכלל אויסגעפֿונען, און ווי האָבן זיי זיך געוואַגט, אין יענע פֿינצטערע יאָרן פֿון מיטל־אַלטער, ווען זייער לעבן איז געווען הפֿקר פֿאַר יעדן שייגעץ־יינגל, דורכ־צורייסן זיך דורך געסלעך, וואָס יעדער שטיין איז אַ הייליקייט ביי מעכ־טיקע פֿעלקער, און צו קלאַמערן זיך צו דער וואַנט און פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ מקום־קדוש.

דער וועג צו דער כּותל־מערבֿי פֿירט דורך דעם קריסטלעכן „פּייניקונג־וועג”, וואו אויף יעדן טריט שטייט אַ קלויסטער — קאָנט איר זיך פֿאָרשטעלן דעם מוט און די געוואַגטקייט, וואָס די יידן האָבן געמוזט האָבן, דווקא אין די געסלעך זיך צו באַזעצן — און דורך זיי צו־צוקריגן זיך צו דער מויער. ערשט נישט לאַנג, פֿאַר פֿערצן־פֿופֿצן יאָר, האָב איך געזען, ווי אַראַבישע יינגלעך האָבן מיט שטעקלעך און ברענעאַ־דיקע גראַז געשלאָגן די אַלטע יידן, וואָס זיינען געשטאַנען אין עקסטאַז־געבעט ביי דער וואַנט. און זיי, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט געווען געפֿילט די קלעפּ, אַזוי ווי זיי וואָלטן גאָרנישט געווען אויף דער וועלט. די אַראַבישע איינוואוינער פֿון דעם „הקדש”־פּלאַץ, וואָס איז אַרום דער מויער, האָבן אָנגעטאָן די יידן די געבֿרענטסטע און געבראָטנסטע ליידן, אַבי זיי נאָר צו פֿאַרטרייבן פֿון דער וואַנט. ווען יידן זיינען געשטאַנען ביי דער וואַנט און געדאַוונט, האָבן זיי דאָס מיסט, דאָס שמוציקע וואַסער אַרויסגעגאָסן אויף זייערע קעפּ; דורכגעפֿירט דורך דעם ענגן דורכגאַנג, צווישן זייערע הייזלעך און דער מויער, קעמלען, אייזלען; פֿאַרבייגעיאָגט פֿאַר־

שיידענע הינט — אַלץ האָבן זיי געטאָן, אַבי די יידן צו פאַרטרייבן פון דער מויער. און דאָס איז געווען ערשט אין אונדזער צייט, פאַר פערצן, פופצן יאָר, ווען די יידן אין ירושלים זיינען געשטאַנען אונטערן שוץ פון די קאָנסולן פון זייערע לענדער; ווי האָט עס נאָך געמוזט אויסזען אין יענע צייטן, אין יענע יאָרן, ווען די מאַכמעדאַנער זיינען געווען די איינציקע הערשער אין דער שטאָט, מאַכטיק און שטאַרק אין דער וועלט, און יעדער אַראַבער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ געוועלטיקער איבער די יידן? האָט אַן אַראַבער אַנגעטראָפן אַ ייד אויף דער גאַס, האָט ער אים געגעבן זיין פּאַק, אַז דער ייד זאָל פאַר אים דעם פּאַק אַהיימטראָגן. יידן האָבן געמוזט אַראָפּגיין פון וועג, נישט נאָר פאַר דעם אַראַבער, נאָר אַפילו פאַר זיין אייזל, און די אַראַבער האָבן זיי גערופן מיט שפּאָט: „קינדער פון טויט". און דעמאָלט, אין יענע יאָרן, האָבן זיי די יידן נישט געקאָנט פאַרטרייבן פון טויער. און ווען היינט ווערט דער פּלאַץ ביי דער כותל־מערבי מער אָדער ווייניקער רעספּעקטירט און באַטראַכט פאַר אַ הייליקייט, איז עס נאָר צו פאַרדאַנקען דער עקשנות און אויסגעהאַלטנקייט פון די פרומע יידן.

פאַרשיידענע מיטלען האָבן די יידן אויסגעטראַכט צוצוקריגן זיך נעענטער צו דער מויער, און וואָס אַמאָל מער איינצונעמען די פעסטונג פון בית־המקדש: היינט האָבן זיי עפּעס אָפּגעדונגען אַ קליין שטיבל אין דער נאָענט פון דער כותל־מערבי און געמאַכט דערפון אַ שולכל, כדי נאָר פון דאָרט צו קאָנען פרייטיק־צו־נאַכטס איבערטראָגן דעם אָרון־קודש מיט די ספרים — צו האָבן אַ מעגלעכקייט צו לייענען די תורה פאַר דער כותל־מערבי.

און אַז עס קומט פרייטיק אין אָונט, אָדער שבת אין דער פרי, ווערט דער גאַנצער פּלאַץ פאַר דער כותל מערבי פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער הערלעכער שול — אויף דער גאַס. דו זעסט דאָרט אַלערליי יידן און הערסט אַלערליי געזאַנגען און ניגונים פון יידישן דאַווענען. עס ענדיקט זיך דער היימישער באַלעבאַטישער „לכה דודי", וואָס מיר הערן אין אונדזערע שול־געסלעך פרייטיק פאַרנאַכט פון אונדזערע אייגענע יידן, ס'הויבן זיך אָן די אַראַבישע, באַקאַנטע מאַנאָטאָנישע העוויות פון די אָריענטאַלישע יידן. עס מישן זיך אויס די קאָלירטע פּליושענע פּעלצ־רינעס, וואָס הענגען אויפן אַלטן פּוילישן שטייגער אויף די אַקסלען פון די פּוילישע יידן, צוזאַמען מיט די רייכע אָריענטאַלישע קאָלירן פון די ברייטע זיידענע מאַנטלען פון די בוכאַרישע יידן, צווישן זיי — די אָרעמע ברידער— די תימנער, מיט די ווייכע העמדער און לאַנגע ציטערדיקע

פיאות; דאָ און דאָרט שוין איראָפּעישע קליידער, אַ קאַפּעליוש און אַ שוואַרצער ראָק, ווייבערישס ערב־יום־כּפּורדיק וויס, צוזאַמען מיט אָריענטאַלישן ברייט־קאָלירנדיקן ליכטיקן זיידנס. עס ווערט איין סימפאָניע פון פאַרבן און ליכטער. און עס דאַכט זיך דיר, אַז אַמאָל האָט עס אַזוי געמוזט זיין אויף דעם ברייטן, ליכטיקן פּלאַץ, דאָרט אויבן אין דער הויך, אונטער דער מויער, וואו יידן שטייען איצט. אַמאָל, ווען יידן פון די רייכע רוימישע קאָלאָניעס פון אַלעקסאַנדריע, פון אַנטיוכיע, פון בבל, פון דמשק — זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אויף אַ יום־טוב אין בית המקדש אַריין ביים עולה־רגל זיין — און היינט איז עס דאָ אונטן, אונטער דער לעצטער מויער...

און אַזוי ווי די אַלטע ביי דער כּותל־מערבי מישן זיך צוזאַמען, אַזוי מישט זיך צוזאַמען די יוגנט שבת נאָכמיטיק אויף דער יפו־גאַס. אייגנט־לעך איז דאָס אַ רעוואָלוציע, אַ רעוואָלוציע פון דער לעצטער צייט, וואָס די „חלוצים" האָבן אַריינגעבראַכט פון סלאַווישע לענדער. ירושלים, דאָס אַנשטענדיקע, דאָס צנועהדיקע, וואו אַלע גייען מיט איינגעהאַלטענע טריט, מיט קליינע טריט; וואו אַלע פּילן אויף זיך דעם יאָך פון דער בכבודיקער שטאָט, וואו עס איז נישטאָ קיין טעאַטער, קיין קינאָ, און מען באַנוגנט זיך נאָר מיט שטיל־היימישע וויזיטן, און וואָס די ענגלענדער האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט און איינגעפּלאַנצט דעם אַנשטענדיקן, כּמעט „סנאָבישן" טאָן — זאָל זיך טרעפן אַזאַ זאַך. עס איז ווי די יוגנט וואָלט געוואָלט אַראָפּוואַרפן פון זיך מיט געוואַלד די קייטן פון ציכטיקייט און אַנשטענדיקייט, פון צבועקישער סנאָבישקייט און פאָרמעלער רעליגיע־זיטעט — און זי האָט זיך געגעבן אַ גאַס־אַרויס איבער די גאַסן פון ירושלים מיט איר גאַנצער יונג־פריילעכער, יונג־ליאַרעמדיקער און יונג־קוואַלנדיקער לעבעדיקייט. די גאַסן פאַרפליצן זיי; נישט די טראָ־טואַרן — ממש די גאַסן, די גאַנצע לענג און ברייט פון דער יפו־גאַס, אויף קילאָמעטערס ווייט — איין צונויפגוס פון יוגנטלעכע לייבער, יוגנט־לעכע הענט און פיס; געלעכטער און פרייד קוואַלט אַהער. און דווקא בחורים מיט בתולות, ווי אַמאָל אין יענע גוטע טעג — אין די גערטנער פון ירושלים.

פון אַלע לענדער קומען זיי אַהער צו גיין, אַלע שטעטלעך אין פוילן האָבן בייגעשטייערט צו זיי. פון די בערג פון קאַווקאַז און קרים האָבן זיי געבראַכט זייערע וואוילערישע יוגנטלעכקייט — דער גאַנצער „גדוד" איז דאָ, אַ נאַקעטער און אַ באָרוועסער, און מיט שמשון־קעפּ פאַר־פלייצטע האָר, ספּאָרט העמדער און ספּאָרט הויזן, מיט נאַקעטע קני און

נאַקעטע אָרעמס, און די טעכטער פֿון ירושלים מיט קורצע קליידער און געשוירענע האָר. פֿאַר ירושלים אפֿשר שוין צו־קורצע קליידער, צו־קורץ געשוירענע האָר — נישט איין קרעכץ ווערט געגעבן דערויף. עס פֿעלן נישט די חרמות, דווקא אין דער יידישער שפּראַך, וואָס די רבנים הענגען־אויס אויף די מויערן. ביי די וועגן, לענג־אויס די הייזער, אויף די מויערן, אויף די בערגלעך, זיצן די אָריענטאַלישע פֿאָטערס און מוטערס, וואָס זיינען אַריבערגעקומען פֿון די בוכאַרישע און תּימנישע קוואַרטאַלן, אין זייערע אָריענטאַלישע טראַכטן, און באַטראַכטן די "מאָסקאָוויטער". די אָריענטאַלישע יוגנט אָבער זיצט שוין נישט אָפּגעזונדערט אויף די וועגן, זיי זיינען שוין אויסגעמישט צוזאַמען מיט דער ירושלימער יוגנט אין דעם לעבעדיקן געווימל פֿון פֿרייד און פֿרישקייט, וואָס טראָגט זיך פֿון דער יפֿו־גאַס. און נישט איין מוטער פֿון די בוכאַרישע, תּימנישע אָדער באַגדאַדישע יידן — זיצנדיק אַזוי ביי דער וואַנט און צוקוקנדיק זיך צו דער "היינטיקער" יוגנט, מוז זיך דערמאָנען אירע אייגענע מיידלשע טעג, און נישט איין קרעכץ רייסט זיך אַרויס איבער דעם יוגנט־לעבן, וואָס איז דורכגעגאַנגען אָן פֿרייד... אין פֿינצטערע האָרעמס...

קאַפּיטל 5

ירושלים

איך הייב זיך אויף פֿרימאָרגן אין ירושלים מיט אַפּיקורסישע געדאַנקען: נאָך אַלעם, וואָס איז פֿאַר מיר ירושלים? אַ רעליגיעזע געדע־כעניש, ווי פֿאַר דער גאַנצער וועלט. וואָס גייט זי מיך אָן? און, אַגב, ציען מיר נישט צו־ווייט די שנירן פֿון אונדזערע זכרונות? אַ פֿאָלק, וואָס וויל לעבן, טאָר נישט אַזוי פֿיל און אַזוי ווייט געדענקען. עס איז צייט, אַז מיר זאָלן דורכהאַקן און מאַכן אונדזער אָנהויב אַ ביסל שפּעטער, נעענטער צו אונדזערע טעג, פּונקט אַזוי ווי מען באַדאַרף פֿון אַ בוים, וואָס איז צו־אַלט געוואָרן, איבערפֿלאַנצן זיינע צווייגן. נאָך אַלעם, לעבן מיר דאָך מער מיט די עטישע און רעליגיעזע באַגריפֿן פֿון די ערשטע אַשכּנזים, איידער פֿון די פּעלאַכישע שבטים, וואָס האָבן דאָ געוואוינט. ווען מיר וואָלטן געוועזן איבערגעבליבן אין ירושלים, וואָלטן מיר אפֿשר געווען ביים היינטיקן טאָג אַ שבט, ווי עס זיינען די שומרונים. ווער וואָלט אונדז געקענט? דאַנקן גאָט, וואָס מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פֿון דעם קליינעם אָרעמען לאַנד, און צוליב דעם האָבן מיר זיך דערהאַלטן ביזן היינטיקן טאָג; צוליב דעם זיינען מיר מער מסוגל ווי יעדער אַנדער פֿאָלק צו פֿילן קאָסמאָפּאָליטיש; צו ווערן דער אַוואַנגאַרד פֿון דעם וועלט־געדאַנק. ניין, עס איז צייט, זאָג איך, דורכצוהאַקן, אָפּצוברעכן. דאָס וואָס איז דאָ געווען, איז געווען פֿאַר דער היסטאָרישער צייט, און עס האָט גאָרנישט קיין שום שייכות מיט אונדז ווי אַ נאַציע, ווי אַ ראַסע, ווי קולטורעלע מענטשן, נאָר ווי פֿאַרנעפּלטע רעליגיעזע באַגריפֿן, וואָס דאָס „מלכות־השמים האָט צו פֿאַרטיילן. אָנהויבן באַדאַרף מען ציילן פֿון די ערשטע אַשכּנזים: פֿון אַ רבינו גרשום, פֿון אַ רש״י, פֿון אַ ר׳ מאיר מרוטענבערג, פֿון אַ ר׳ יהודה חסיד. זיי האָבן אונדז פֿאַר אויס אַזיאַטן גע־מאַכט און אין אייראָפּייער פֿאַרוואַנדלט. אייך ווייב אונדז געגעבן, אפֿשר אויך די שפּראַך געגעבן. מיר זיינען סלאַוון, צי גערמאַנער, צי וואָס איר פֿילט. איך, למשל, פֿיל אין מיר סלאַווישע מיסטישע אומרואיקייט; איך פֿיל

אין מיר די פּייכטקייט פון די סלאַווישע וועלדער. אונדזער היינטיקע רעליגיע איז אַן אַשכּנזישע. דאָס הייסט, מיר לעבן מיט די באַגריפן פון די ערשטע אַשכּנזים; מיר האָבן פון זיי געירשנט אַפילו אונדזערע מיס־טישע קבלהדיקע נייגונגען, פון וועלכע דער חסידיזם איז אַרויסגע־וואַקסן. און „קידוש השם" האָבן מיר אויך געלערנט פון זיי. אַלץ, וואָס מיר האָבן דערוואָרבן, האָבן מיר דערוואָרבן מחוץ די גרענעצן פון ארץ־ישראל, — וואָס גייט אונדז אָן ירושלים?

אַזוי זאָג איך מיר, און אַז איך קום אַהיים צו מיטיק, פּאַק איך אויס פון מיינע טאַשן שטיינדלעך און גרעזלעך, וואָס איך האָב אָנגעקליבן פון די אַלע ערטער וואָס זיינען מיר טייער און ליב, אַלס זכרון; אַ שטיינדל פון דער כּותל־מערבי, אַ שטיקל פאַרגלעזערטן מאַרמאָר, וואָס איך האָב אויפגעהויבן פון בית־המקדש פּלאַץ, אַ האַנט־פול ערד פון זיתים־באַרג, וואוהין עס האָבן געטראָגן די פרומע, אַלטע יידן, פון אַלע צייטן און מען האָט געפּרואווט מאַכן ביי אַבישלומס קבר. האָט אין גלאַנץ פון זונען־דורות, זייערע אויסגעפּייניקטע קערפּערס צו באַגראָבן; אַ פּאָר רויטע מאָן־קעפּלעך, וואָס איך האָב אָנגעקליבן אויפן וועג צום קבר־רחל — און איך קום מיר פאָר ווי אַ נאַר, ווי אַן אָרימער פאַרבליבענער יורש פון רייכע מיוחסדיקע עלטערן, וואָס זיין פאַרמעגן איז אַוועקגענומען, און עס איז אים גאָרנישט איבערגעבליבן, נאָר קברים — גייט ער אַרום אויף די קברים און ציילט זיין יחוס...

קברים! אָבער וואָס וואָלטן מיר געוועזן אָן די קברים?

דאָס שענסטע, דאָס הערלעכסטע און דאָס רייכסטע, וואָס דער יידישער אוניווערסיטעט פאַרמאָגט ביז היינטיקן טאָג, איז נאָך אַלץ, לײדער, דער גרויסאַרטיקער אויסבליק אויפן גאַנצן לאַנד, וואָס מען זעט פון הר־הצופים אַראָפּ, פון דעם אוניווערסיטעט פּלאַץ. דאָס גאַנצע לאַנד אַנטפּלעקט זיך פאַר דיינע אויגן; דער מדבר יהודה ליגט פאַר דיר אויסגעצויגן ווי אויף דער האַנט; דער ירדן, ווי ער גיסט זיך אין ים־המלח אַריין, און די הרי־מואב — איינגעהילט אין זיידענע אַש־קאָלירנדיקע זונען־געוועבן. פון דער צווייטער זייט, די בערג אַרויף צו שכם צו; ירושלים, איינגעפּאַסט אין דער מויער מיט דעם קופּאָל פון דעם מעטשעט, וואָס שטייט אויפן הר־הבית; דער גאַנצער באַרג איז באַזאַטן מיט קברים, קברים און קברים, וואָס ליגן און וואַרטן, אַז גאָט זאָל דערשיינען אויף דער צווייטער זייט און אָנהויבן זיין גרויסן טאָג.

דאָס גאַנצע לאַנד איז וויסט און ליידיק: אַנדערש האָט עס נישט געקאָנט אויסזען אין די טעג פון אברהם, יצחק און יעקב. דאָס גאַנצע לאַנד — בערגיק, מיט געקאַלכטע קעפּ, קיין ביימל, קיין וואַלד, קיין טייך פאַרשטעלט דיר נישט, שטערט דיר נישט די אילוזיע; עס זעט גאַרנישט אויס ווי אַ לאַנד צו וואויגען, נאָר ווי גרויסע פּלאַטפאָרמעס פּלאַטפאָרמעס און פּלאַטפאָרמעס, וואו די אַלע מענטשן זאָלן קומען זיך פאַרזאַמלען אויף די בערג און אויסהערן די פייערדיקע רייד, וואָס וועלן קומען פון גאָטס מויל, ווען ער וועט זיך באַווייזן פון הימל איבער זיי. עס איז גאַרנישט קיין מענטשלעך לאַנד מיט זינדיקע ביימער, מיט מענטשלעכע וואַסערן, נישט קיין בהמהשער גראָז, וואָס זאָל דערפרייען דיין אויג, קיין גרינס, וואָס זאָל דיך באַרואיקן — אַלץ איז וויסט און פוסט — קיין הויז, קיין בוים, קיין מענטשלעכער צייכן — אַלעס דאָ איז אָפּגעגעבן פאַר אַ העכערן, פאַר אַ גרעסערן צוועק, ווי פאַר מענטשלעכע געברויכן.

עס דאַכט זיך, אַז די ווילדע בערג שרייען, שרייען מיט אַן אומ־מענטשלעכער שטימע. געטלעך טראַגיש זעט אויס די ארץ־ישראל לאַנד־שאַפט. נישט בענקעגדיק־עלעגיש, ווי ס'וויינט צו דיר אַראָפּ אַ סלאַווישע לאַנדשאַפט, מיט אירע ווייסע ווייַנענדיקע בזשאָקעס און פאַרנעפּלטע סטאַוון — נאָר אַ טראַגיש אויסזען האָט דאָס לאַנד, ווי אַ געטלעך פייער וואָלט ערשט איבער די בערג אַריבערגעגאַנגען, אויסגעברענט אַלץ מענטשלעכס פון די בערג און עס געהייליקט פאַר גאָט. און עס דאַכט זיך צו פאַרנעמען דאָס געשריי פון די בערג! פאַרוואָס האָסטו מיך געהייליקט? פאַרוואָס האָסטו מיך אויסגעקליבן פון אַלע טיילן פון דער וועלט פאַר דיין מזבח? איך וויל זינדיק־מענטשלעך זיין, ווי יעדע ערד; ווי יעדע ערד וויל איך טראָגן גרינסן און ביימער און וואַקסן; ווי יעדע ערד וויל איך טראָגן אין מיין שאָטן הייזער און סעדער; ווי יעדע ערד וויל איך געבוירן קינדער — פשוטע, איינפאַכע, זינדיקע מענטשן, נישט קיין משוגענע נביאים, וואָס זאָלן רייסן די בלאַטערס פון זייערע וואונדן! — פאַרוואָס האָסטו מיך געהייליקט?

אין יעדן זון־אונטערגאַנג, איבער דער גאַנצער וועלט, אַנטפּלעקט זיך גאָט; נאָך מער אין די זון־אונטערגאַנגען אין ירושלים, אויף די ארץ־ישראלדיקע בערג. עס איז דערפאַר, וואָס די שטיינערדיקע, קאַלכ־דיקע בערג ווערן באַגאָסן מיט אַן אויסטערליש ברענענדיק ליכט פון אַ ציטראָן־קאָליר. די בערג ווערן ממש צעגאָסן און זעען אויס ווי פלאַמענ־דיקע פייערן און וואַרפן פון זיך אַליין אָפּ שטראַלן פייער. פון דעם ליכט, וואָס גיסט זיך פון הימל און פון דעם ליכט, וואָס גיסט זיך פון די בערג,

באַשאַפֿט זיך אין דער לופֿט אַ געוועבטע דיקע נעץ שטראַלן־זיילן, וועלכע באַשטייען פֿון מיליאָנען מיליאַסן פֿינטעלעך. די אַלע פֿייערן צעפֿלאַקערן אַזוי די וועלט, דעם הימל, די ערד, די לופֿט, די שטיינער, אויף וועלכע דו שטייסט און — דיך אַליין, אַז דו מיינסט, אַז אַלץ איז צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן אין פֿלאַמענדיקע שטראַלן. די וואָלקנס זיינען אַראָפּגעקומען אויף דער ערד, די בערג זיינען געשטיגן אין הימל, און אַלץ צעגיסט זיך און טוליעט זיך און ווערט איינגעזונקען אין דעם פֿלאַמענדיקן אָן־עק און אָן־סוף. דו ווייסט נישט מער, וואו דו געפֿינסט זיך — צו דו שטייסט אויף דער ערד, צי דו שווימסט אויף אַ פֿלאַקערדיקן אינדזל־וואָלקן. אַזוי ווערט אַלץ צעגאַנגען און צעגאָסן, ווי צעלאָזענע, פֿייערדיקע בליי — אין דעם ים־פֿייער אַריין, וואָס גיסט זיך אין אַ לאָך פֿון הימל אַריין — מיט דעם זון־באַלעם. און דערנאָך, אַז די זון איז שוין לאַנג, לאַנג אונטערגעגאַנגען, שפּילן זיך נאָך די אָפּשיינען פֿון די שטראַלן אין דער לופֿטן אַרום, ווי פֿאַרבלאָנדזשעטע, לעבעדיקע מתים, ווי מענטשן מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, וואָס דו ווייסט, אַז זיי האָבן שוין קיין חיות נישט מער. דעמלט ערשט באַשטראַלט זיך די ערד מיט אָפּגעקילטע, דורכגעלויכטענע שאָטנס, וואָס שוועבן פֿון זיך אַזאַ בענקשאַפֿט אַרויס, און ציען דיין האַרץ פֿון דיר — ביז טיף אין דער בלויער נאַכט אַריין.

דאָס איז אַ געוויינלעכער וואָכעדיקער זון־אונטערגאַנג אין ירושלים. פֿאַר פֿרייטיק פֿאַרנאַכט האָט די ירושלימדיקע זון אַ ספּעציעלן אונטערגאַנג — אַ שבתדיקן, מער אַ רייכערן און מער אַ מאָראַלישן און אַ נגידישן. עס איז די בענקשאַפֿט פֿון אַ כּלה אין דער נאַכט פֿון איר חופּה — וואָס ליגט אין דעם ספּעציעלן פֿרייטאָגדיקן זון־אונטערגאַנג פֿון ירושלים. דער זון־אונטערגאַנג פֿון ערב־יום־כּפּור צו „כּל־נדרי”, צוזאַמען מיט די פֿרייטיק־פֿאַרנאַכטן אין אונדזערע שטעטלעך. פֿון אויסגעצוואָגענע בתולות מיט געוואַשענע קעפּ און פֿאַרבענקטע בחורים — האָט די זון אין זיך, ביי איר אונטערגאַנג, פֿרייטיק פֿאַרנאַכט אין ירושלים. אַז דו געפֿינסט זיך אין אירע שטראַלן, דעמאָלט ווערסטו געלייטערט און געאיידלט ווי די קאַלטע פֿינגער פֿון אַ כּלה, וואָס דיין האַנט באַרירט אין דער נאַכט פֿון איר חתונה...

מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָבן יידישע אַרבעטער בויענדיק אַ וועג הינטער ירושלימער מויער, אַנטדעקט אַ גרויסן פֿיר־עקיקן שטיין פֿון דעם טיפֿ, פֿון וועלכע דער כּותל־מערבי איז געבויט. זיי האָבן גלייך געלאָזט וויסן דערפֿון דעם יידישן אוניווערסיטעט, מיט דעם ד״ר סיקעל־

ניקאָוו פֿון דער אַרכעאָלאָגישער אָפּטיילונג. ד״ר סיקעלניקאָוו האָט דערפֿון געדרונגען, אַז אונטער דעם שטיין מוז זיך באַהאַלטן נאָך אַ קייט פֿון שטיינער, און ווער ווייסט צי דאָס וועט נישט פֿירן צו דער אַנטדעקונג פֿון דער דריטער מויער, וואָס ווערט דערמאָנט אין יוזעפֿוס פֿלאַוויאוס, וועלכער דער קעניג אַגריפּוס האָט גענומען אויפֿמויערן צו באַפֿעסטיקן ירושלים, און ער האָט געמוזט אָפּשטעלן דאָס בויען פֿון דער מויער אין מיטן, צוליב די רוימערס פֿאַרבאָט. (נאָר ווי יוזעפֿוס דערציילט, האָבן זי די יידן, בשעת דעם אויפֿשטאַנד קעגן די רוימער, פֿאַרענדיקט און באַפֿעסטיקט). ווען ד״ר סיקעלניקאָוו האָט וועגן דעם מיטגעטיילט די קריסטלעכע אַרכעאָלאָגן, מיט וועלכע עס ווימלט אין ירושלים, האָבן זיי זיך פֿון אים אויסגעלאַכט. דער עיקר האָבן די קאַטוילישע געלערנטע, די פֿראַנצויזישע, נישט געוואָלט צולאָזן צו דער השערה וועגן דער עקסיסטענץ פֿון אַ דריטער מויער, וואָרים דעמאָלט וואָלט דאָס, חלילה, געשטעלט אין צווייפֿל די ריכטיקייט פֿון יעזוסעס קבר, וואָס זאָל זיך געפֿינען אין דער באַגראָבעניש־קירך. וואָרים ווי עס איז באַוואוסט, האָט דער יידישער דין פֿאַרבאָטן אַ קבר אין די מויערן פֿון דער שטאָט. די אַנטדעקונג פֿון דער דריטער מויער, וועלכע ליגט ווייט אויסער די מויערן, וואָלט באַשטעטיקט, אַז בשעת יעזוסעס טויט איז די שטאָט געווען פֿיל גרעסער; און דער אָנגעגעבענער קבר, אין וועלכן פֿיל קריסטלעכע סעקציעס צווייפֿלען אויך היינט — וואָלט נאָך מער געווען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צווייפֿל, ווייל עס קומט־אויס, לויט דעם פּלאַן פֿון דער דריטער מויער, כמעט אין מיטן שטאָט... אָבער ד״ר סיקעלניקאָוו האָט זיך נישט געלאָזט אָפּשרעקן פֿון די קאַטוילישע אַרגומענטן. ער האָט זיך גענומען גראָבן. און היינט ליגט אָפֿן פֿאַר דער גאַנצער וועלט די קייט פֿון דער דריטער מויער, וועלכע קוקט אַרויס פֿון גראָבן פֿון דער ערד, וואָס יידישע הענט און יידישער וויסן האָבן זי אַרויסגערופֿן פֿון דער ערד, כדי עדות צו זאָגן אויף יידישן כבוד. ניין, נישט אַזוי לייכט איז די רוימער אָנגעקומען צו נעמען ירושלים. נישט בחינם דערציילן אַזוי פֿיל דערפֿון, און גרויסן זיך מיטן רוימישן נצחון איבער די יידן, די רוימישע היסטאָריקער. מיר פֿאַרשטייען איצט גאַנץ גוט דעם טריאומף־בויגן, וואָס זיי האָבן אויפֿגעשטעלט לכבוד טיטוסן צו זיין ירושלימדיקן זיג; אַ כבוד, מיט וועלכן די רוימער זיינען נישט געווען אַזוי פֿרייגעביק פֿאַר אַנדערע גיבורים. קוקט און זעט דעם דריטן מויער, און איר וועט פֿאַרשטיין יידישע געשיכטע.

פֿון די שפּאַלטן פֿון דער ערד קוקט זי אַרויס, ווי אַן אַרויסגערופֿענער גייסט, און זי האַלט אין אירע הענט די האָר מיט שטיקער הויט, וואָס זי האָט אַראָפּגעריסן פֿון קאָפּ פֿון איר באַצווינגער, אין איר געראַנגל פֿאַר איר כּבֿודס וועגן. צווישן אירע ציין און איר טויט מויל האַלט זי די אָפּ־געביסינע פֿינגער פֿון דעם „זיגערס״ האַנט, וואָס זי האָט אָפּגעביסן אין איר קאַמף פֿאַר איר באַפֿרייאונג. דאָס בלוט פֿון אירע בתולים איז אויס־געגאָסן אויף אירע שטיינער און זאָגט עדות, אַז ווירדיק זיינען זיי געווען, די העלדן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף איר...

איינע אין איינע ליגן די שטיינער. גרויס, מעכטיק און מאַיעסטעטיש — און גיבן דיר אָפּ אַ גרוס, אַז נישט די גאַס האָט דיך געבוירן, און נישט פֿון מאַרק ביסטו געקומען — אַז דו האָסט אַ פֿאָטער און אַ מוטער געהאַט...

און עס איז עפּעס ווי אַ צייכן, וואָס אַן אומגעזעענע האַנט האָט דיר אָנגעוויזן, ווי אַ סימבאָל, אַז אַזוי לאַנג איז זי געלעגן פֿאַרשאָטן אונטער דער ערד, אַ מעכטיקע און אַ שטורמדיקע — און געשלומערט. און קיינער האָט זי נישט אַנטדעקט ביז עס זיינען געקומען די אייניקלעך פֿון די, וועלכע זיינען געפֿאַלן אויף איר, און זי אויסגעגראָבן מיט זייערע פֿינגער, כּדי צו באַווייזן דער וועלט דעם כּבֿוד פֿון זייערע זיידעס.

די ערשטע זאַך, וואָס די יידן האָבן אין ירושלים אויפֿגעטאָן, איז געווען צו אַנטדעקן די דריטע מויער, אויף וועלכער זיי האָבן געקעמפֿט פֿאַר זייער באַפֿרייאונג מיט דעם מעכטיקסטן פֿיינט פֿון דער וועלט. — איז דאָס נישט אַ סימבאָל?

און זי איז דאָך געלעגן אַזוי אויבן־אויף און, ווי עס וואָלט ווער אַ שפּאָס געטריבן, גייט די דריטע מויער דווקא פֿאַרביי פֿאַר אַלע אַרכעאָלאָ־גישע אינסטיטוטן און שולן, וואָס כּמעט אַלע פֿעלקער און אַלע קירכעס האָבן אין ירושלים, און קיינער האָט זי נישט געזען, און קיינער האָט זי נישט געפֿונען, ביז די אָרעמע יידישע וויסנשאַפֿט איז געקומען קיין ירושלים, און די שוואַכע יידישע הענט...

מיר פֿאַרגינען מיטן גאַנצן האַרצן דער קריסטלעכער וועלט אירע הייליקע דענקמעלער וואָס זי האָט אין ירושלים און אין אַנדערע ערטער אין ארץ־ישׂראל. אין אונדזער נאַציאָנאַלן שטאַלץ ליגט נישט צו פֿאַרליי־קענען די שפּורן פֿון יעזוס קריסטוס. פֿאַרקערט, צו באַשטעטיקן און צו העלפֿן אַרויסברענגען יעדן שפּור און יעדן צייכן, וואָס וועט באַשטעטיקן די פֿאַקטישע עקזיסטענץ פֿון יעזוסן. ווייל מיר האַלטן, אַז די ריכטיקע און אמתע תורה וואָס ער האָט געפּריידיקט, און וועלכע האָט דער וועלט געגעבן דאָס פּנים וואָס זי האָט היינט — איז אַן אויסשטראַלונג פֿון

יידישן גייסט, פֿון יידישן מוט און פֿון יידישער וועלט־אַנשויאונג. מיר האָבן חשבונות מיט זיינע תּלמידים. מיר האָבן חשבונות מיט דער קירך, וועלכע האָט, אין זיין נאָמען, אונדז אָנגעטאָן דעם מאַרטירער קראַנץ אויף אונזער קאָפּ דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע; אין זיין פֿאַקטישן טויט צי מיט דער הילף פֿון די יידישע כּוהנים און סנהדרין, צי אָן זייער הילף — זיינען מיר פּונקט אַזוי שולדיק, ווי די היינטיקע גריכן זיינען שולדיק אין סאָקראַטעסעס טויט, אָדער די היינטיקע פֿראַנצויזן און די היינטיקע ענגלענדער זיינען שולדיק אין זשאַן ד׳אַרקס טויט, אָדער אין טויזנטער אַנדערע קרבנות, וואָס די קירך האָט געבראַכט. נישט דערפֿאַר, וואָס מיר ווילן נעמען אונדזערע „כּוהנים" אין שוץ, און זאָגן, אַז זייערע הענט זיינען ריין געווען, נאָר פּילאַטוסעס הענט זיינען באַשמוצט אין קריסטוסעס בלוט — כאָטש ער האָט זיי אָפּגעוואַשן. — ניין! אונדזערע „כּוהנים" אין אַלע צייטן, אַפֿילו די היינטיקע, זיינען נישט ערגער און זיינען נישט בעסער, ווי די גייסטלעכע פֿון אַנדערע טעמפּלען. קריסטוס וואָלט פּונקט אַזוי געפֿאַלן פֿון די הענט פֿון אַנדערע גייסטלעכע — אריינ־גערעכנט די קריסטלעכע — ווי ער איז געפֿאַלן דורך די יידישע (אויב ער איז געפֿאַלן דורך זיי). און וואָלטן די יידישע גייסטלעכע, דורך די יאָרן פֿון מיטלאַלטער, געהאַט מער קראַפֿט, ווי אין חרם אַריינלייגן און מלקות־שלאָגן, וואָלטן, וואַרשיינלעך, שפּינאָזאַ און אוריאל אַקאָסטאַ און טויזנטער זייערס גלייכן געווען די זעלבע מאַרטירער, וואָס קריסטוס. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס בשעת די יידישע גייסטלעכע האָבן נאָר געקאָנט שעלטן און העכסטנס אַ קאַנטשיק אויפֿהייבן, אָדער איינצושליסן אין „קונע" ביי דער שול־טיר — האָבן די קריסטלעכע גייסטלעכע געהאַט אַן אינקוויזיציע און דאָמיניקאַנער מאָנאַכן מיט פֿייערדיקע שטויסן...

אין קריסטוסעס טריאומף איבער דער געצנדינערשער וועלט זעען מיר דעם טריאומף פֿון יידישן גייסט, פֿון דער יידישער מאָראַל — פֿון יידישן אמת. אַזוי ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן קריסטאַליזירן פֿון אַלטן טעסטאַמענט אַרויס: פֿון תּהילים און פֿון די נביאים, און איז געלייטערט און געהויבן געוואָרן אין איר העכסטער ליכט אין דער צייט פֿון צווייטן בית־המקדש, וואָס האָט צום בווּסטזיין אַרויסגעבראַכט די עטיק פֿון דעם יידישן גלויבן, אין יענער צייט, אין יענער מיליע, אין וועלכער יעזוס האָט זיך געפֿונען. דורך דעם פֿאַרלייקענען מיר נישט זיין עקזיסטענץ. פֿאַרקערט, יעדער צייכן, וואָס ציינט אויף זיין זיין, איז ביי אונדז טייער; מעג עס אונדז נאָך זיין ווי פֿרעמד — מיר בויגן אונדזערע קעפּ מיט כּבוד דערפֿאַר.

דורך דעם פֿאַרשטייען מיר נישט, וואָס אַ טייל פֿון די קריסטלעכע געלערנטע ווילן אַזוי עקשנותדיק פֿאַרלייקענען די אויטענטישקייט פֿון דעם „דריטן מויער" — צוליב קריסטוסעס גרוב. מיר, פֿון אונדזער זייט, ווי שוין געזאָגט, פֿאַרגינען זיי מיטן גאַנצן האַרצן יעזוסעס קבר. און מיר זיינען אַפֿילו מוכן ומזומן, אַנצונעמען מיט אַלע פֿעסטקייטן, אַז דווקא אָט אויף דעם אָרט, וואו עס באַווייזט זיך יעדעס יאָר דער „נס פֿון פֿייער" — אַז אָט דווקא דאָ איז יעזוסעס קבר. עס איז גאַנץ גלייך, אויב עס איז אין דעם מויער, אָדער מחוץ דעם מויער. פֿון דער צווייטער זייט, וועט דאָס קריסטנטום נישט אונטערגיין, אַז עס וועט באַוויזן ווערן, אַז די באַגרעבעניש־קירך שטייט נישט אויפֿן קבר — עס וועט נאָר ווערן איבעריק דאָס אַזויפֿיל בלוט, וואָס איז פֿאַרגאָסן געוואָרן סיי פֿון יידן און סיי פֿון זיי אַליין — פֿאַר די מלחמות אַרום דעם קבר. און פֿאַקטיש זיינען דאָ קריסטן וואָס גלויבן, אַז ערגעץ אַנדערשוואו איז דער קבר. אָט, למשל, איז דאָ אַן ענגלישע סעקטע, וואָס האַלט, אַז דער קבר פֿון קריסטוסן געפֿינט זיך אין אַ וואונדערבאַרן גאָרטן מחוץ דער שטאָטס טויערן, און ווייזן דיר אָן באותות ומופֿתים, מיט ראיות פֿון נייעם טעסטאַמענט, אַז דווקא דאָרט, אין זייער גאָרטן, געפֿינט זיך דער קבר, און נישט ערגעץ אַנדערשוואו. און אייגנטלעך איז עס גלייכער אויך, אַז פונקט אַזוי ווי די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסציען הינטער דעם מויער, זאָלן אויך די היסטאָרישע פלעצער און די קברים אַרויסציען זיך פֿון דעם מויער. — דער עיקר איז דאָך די אילוזיע, נישט דער אמת. און וואָס שייך דעם עצם פֿאַקט פֿון יעזוסעס עקזיסטענץ, באַדאַרף מען גאָרנישט צוקומען צו זיין קבר, — די שטיינער פֿון ירושלים דער־ציילן עס, די לופֿט זאָגט עדות דערויף.

איך פֿילט די גרויסע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט מיט זיין טויט אויף שריט און טריט. איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך בין געוואָרן אָנגעשטעקט מיט דער יעזוס לעגענדע אויף שריט און טריט אין ירושלים (איך האָף מיינע פֿרומע לעזער וועלן מיך נישט פֿאַרשטיינערן דערפֿאַר).

ווען איך האָב זיך געפֿונען אין דער קירך פֿון פילאַטוסעס טויער, ביי וועלכן מען האָט געמשפּט קריסטוסן (וואָס, אַגב, אַ געשמדטער יידישער גייסטלעכער האָט אויסגעפֿונען דעם פּלאַץ און אים פֿאַרוואַנדלט אין אַ קירך), און דערמאָנט זיך אָן דער גרויסער דראַמע, וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעשפּילט פֿאַרן טויער ביים משפּט פֿון קריסטוסן. האָט מיך אַ רעלי־גיעזער ציטער אַרומגענומען, און מיט מיין גאַנצער פֿאַרביטערקייט, וואָס איך פֿיל קעגן דער קירך, אַז איך האָב זיך געפֿונען אין דעם „פּייניקונגס־

געסל", „די רויזע", דורך וועלכן מען האָט קריסטוסן געפֿירט צו קרייציקן — האָט מיין האַרץ זיך געקאַרטשעט פֿאַר צער און שאַנד. נישט ווילנדיק האָב איך געמוזט פֿאַרגלייכן דאָס געסל מיט אַן אַנדער געסל, וואָס איך האָב געזען אין טאָלעדאָ, אין שפּאַניע, דאָס געסל פֿון דער יידישער אינ־קוויזיציע, דורך וועלכן מען האָט די יידישע אַנוסים געטריבן פֿון דעם טריבונאַל צו די אינקוויזיציע־קערקערס, און ביידע זענען זיי אויס גליך. אין ביידע שפּאַצירן אַרום די שאָטנס פֿון די מאַרטירער און שטאַמען ביידע פֿון איין גייסט.

איינמאָל האָט מיך ד"ר מאַגנוס, אין אַ פּרייטיק פֿאַרנאַכט, אַרומגעפֿירט אַרום דער מויער פֿון ירושלים צו ווייזן מיר די נייע אויסגראָבונגען, וואָס מען האָט געפּרואווט מאַכן ביי אַבשלומס קבר. האָט אין גלאַנץ פֿון זון־אונטערגאַנג מיין אויג זיך פֿאַרקוקט צו די ציפּרעסן ביימער, וואָס וואַקסן אויפֿן שפּיץ באַרג הזיתים, און איך האָב זיך דערמאָנט אָן יענער טרויע־ריקער נאַכט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי יעזוסעס געפֿאַנגען־נעמען. און מיט מיין גאַנצער פֿרעמדקייט, וואָס איך פֿיל צו דעם קריסטנטום, איז מיין האַרץ אַרומגענומען געוואָרן און אַנגעשטעקט געוואָרן מיט יענעם טיפֿן, רעליגיעזן טרויער, וואָס אַ מענטש האָט דאָרט אויבן געפֿילט אין דער נאַכט, ווען ער האָט געהערט די טריט פֿון טויט...

(זייט מיר מוחל פֿאַר אַ ביסל קריסטלען).

קאַפּיטל 6

תל־אביב

אין וועלכן הלום האָב איך דיך געזען? אין וועלכן מילך־וועג האָסטו געוואַנדלט? — נישט אין די ערנסטע יום־כפּורדיקע און ימים נוראימדיקע טעג, — אין די האַלב־יום־טובדיקע, אין די לייכטע חול־המועדיקע, שושן־פּורימדיקע טעג האָב איך דיך געטראָפן. פאַרנעפּלט אין וואָלקן־רויך פון די ציגאַרן און ציבוק־ליולקעס, אין די קרעפּלעך־עסנדיקע, אייער און ציבעלעס אָנגעפּילט טעג: יום־טוב איז עס, אין חדר גייט מען נישט, דאָך מעג מען אַלץ טאָן...

תל־אביב — די פרייסטע און לייכטסטע שטאָט פון דער וועלט. איין גרויסער לייכטער יום־טוב שוועבט איבער דיר אַ גאַנץ יאָר. די זון מאָלט דיך ווייס און הייס, און דער זאַמד וואַרעמט אַרויס פון אונטער דיינע אַספאַלט ברוקן. פון אונטער דעם צעמענטענעם ברוק גליט דער זאַמד אַרויס מיט זיין אַרעמקייט. די מענטשן שפּאַנען אים איין, שפּאַרן אים אַרונטער אונטער פלאַטן אַספאַלט און צעמענט, און ער, דער הייסער זאַמד, רייסט זיך דורך און מאַכט פון תל־אביב דאָס, וואָס זי איז באמת: אַ גן־עדנדיקן, לייכט־זומערדיקן באַד־פּלאַץ, אַ גאַנץ־יאָריקן זומער־אָרט.

געוויס, געוויס איז דאָ פיל לעכערלעכס. תל־אביב רייצט אייער לאַך־אינסטינקט. אַז איר זעט עס — איז ווי עס וואָלט אייך ווער געקיצלט הינטער אייער לאַך־לעפּעלע. געוויס, געוויס, אַ פאָלק, וואָס איז אַלט פיר טויזנט יאָר, אַ לאַנד וואָס איז אַלט פיר טויזנט יאָר, און אַ שטאָט וואָס איז אַלט דריי טעג. אַ לאַנד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די רעליגיעס פון דער וועלט, אַ פאָלק, וואָס האָט עקשנותדיק דורכגעטראָגן דורך די פעלקער פון דער וועלט, דורך דעם פייערדיקן גאַנג פון דער געשיכטע, זיין אָפּגעפאַרעמט לעבן — באַשאַפט די סטיללאָזע שטאָט. געוויס איז דאָ וואָס אויסצולאַכן — עס רייצט אייער לאַך־אינסטינקט.

„מנחם־מענדל", וואָס וויל זיך רעהאַביליטירן.

קודם־כּל די הייזער. נישטאָ קיין צוויי הייזער, וואָס זאָלן ענלעך זיין איינס צום אַנדערן אין גאַנץ תּל־אביב. פֿאַר יעדן הויז באַזונדער איז אויסגעטראַכט געוואָרן אַ באַזונדערער סטיל. האָט איינער געמאַכט די באַלקאָנען פֿון פֿאָרנט — האָט דער צווייטער דווקא געמאַכט די באַלקאָנען פֿון הינטן; האָט איינער אַ פּלאַטשיקן דאַך — האָט דער צווייטער אַ שפּיציקן דאַך. איינס זעט אויס ווי אַ חברה־תּהילים־שול אין אַ שול־הויף, מיט אָפּגעשיילטע העברעאישע אויפֿשריפֿטן אויפֿן טויער, מיט יידישע אָרנאַמענטן. דאָס צווייטע זעט שוין אויס ווי אַן אַלפּן־הויז, אַריבערגעבראַכט פֿון אונטערלאַקן, פֿון דער שווייץ. איינס איז ענלעך צו אַ שיף — דאָס צווייטע, צו אַ גרויסן לאַמטערן, און דאָס דריטע — איז שפּאַניש, אַפֿילו מיט בלומען־טעפּ אויפֿן דאַך. ס'איז אַן אויסשטעלונג פֿון סטילן. ניין, אַן אויסשטעלונג פֿון שילער־אַרבעטן פֿון אַן אַרכיטעקטישער שולע. ווער עס האָט געוואָלט, איז געקומען און האָט זיך געלערנט אויף תּל־אביב. אַלע סטילן — אַ חוץ אַ פּרואוו פֿון אַ יידישן סטיל, ווען מען זאָל נישט צורעכענען די פּאָר העברעאישע ווערטער, די דאַטע, ווען דאָס הויז איז פֿאַרטיק געוואָרן (וואָס יעדער איינער האָט געפֿילט פֿאַר אַ חוב אויפֿצוגעבן אויפֿן הויז). און פֿון דעם שלעכטן מאַטעריאַל שיילן זיך די העברעאישע ווערטער און אָרנאַמענטן אָפּ און פֿאַרוואַנדלען טייל גאַסן פֿון תּל־אביב אין אַ שול־הויף, וואָס מען פֿרישט נישט אויף, ווייל עס פֿעלט אויס אין „קופּה" געלט.

און דאַן, בשעת בהלה, ווען מען האָט פֿאַר אַן אייל זאַמד דעם אַראַבער מיט גאָלד אָפּגעשיט, זיינען מענטשן געוואָרן שפּאָרעוודיק אין פּלאַץ; האָט מען געבויט אויף די דעכער, אויף די קעפּ. איינער אַ באַלעבאָס האָט אַפֿילו — פֿאַר גרויס איילעניש פֿאַרגעסן איינצומויערן די טרעפּ אין הויז אַריין, האָט מען זיי געמוזט אויפֿשטעלן פֿון דרויסן: דאָס הייסט, פֿון דרויסן גייט ווי אַ געדרייטער טורעם די טרעפּ, און פֿון דרויסן גייט מען, דורך אַ קאָרידאָרל, אין די שטובן אַריין. יאָ, יאָ, עס איז דאָ פֿיל הומאָריסטישס, כאָטש מען ווייזט דיר, אַז דאָס האָבן יידישע הענט געמאַכט — פֿון דעם וואַסער גיסן און קאַלך לעשן ביז צום גלעזער; פֿון בלעכער ביז צום שלאָסער, — ווי מנחם־מענדל וואָלט זיך אַליין פֿאַרוואונדערט אויף זיך אַליין, וואָס ער האָט דאָס געקאָנט. און אויף יעדן גאָסן־קערער און מיסט־אויפֿרוימער ווייזט מען דיר אָן ווי אויף אַ נאַציאָנאַלן העלד, ווי ישׂראל וואָלט געווען די איינציקע נאַציע אויף דער וועלט, וואָס באַזאָרגט די זאַכן אַליין און דינגט נישט קיין פֿרעמדע משרתים דערצו. מען גרויסט זיך מיט יעדן קוימען־קערער, מיט יעדן נאַכט־וועכטער און

לאַמטערן־אַנצינדער, און מען ווייזט אַן אויף אים ווי אויף אַ וואונדער, ווי אויף אַן „אַתחלתּא דגאולה״, — זעט ווי וויט מנחם־מענדל איז דערגאַנגען...

און ערש די מלאכות, וואָס ווערן דאָ געלערנט! אין תּל־אָבֿיבֿ האָדע־ווען זיך אַלע ווירטואָזן, וואָס די וועלט קאָן פאַרברויכן פאַר די קומענדיקע פּופציק יאָר. פון יעדן פענצטער דרינגט זיך אַרויס אַ גרימפּלען פון אַ פידל, אַ גאַמעס־ציען פון אַ פּיאַנע, געזאַנג און געשפּיל —— פון שטוב און שטוב, אַזוי אַז די קולות צעשפּילן זיך אין אַ נאַכמיטיק אין תּל־אָבֿיבֿ, קאָן מען משוגע ווערן, איז נישטאָ וואו זיך אַהינצוטאָן — — כאַטש זיך וואַרפן אַ לעבעדיקער אין ים אַריין. איך אַליין בין אַרומגעלאָפן מיטן שטיקל פּאַפּיר אין איין האַנט און מיט דער פעדער אין דער צווייטער, אָנצושרייבן די פּאָר שורות דאָ פון הויז צו הויז און מיר געזוכט אַ רואיק אָרט, און פון אומעטום האָבן מיך די קולות פאַרטריבן, און איך האָב געמוזט באַהאַלטן דאָס שרייבן, ביז איך וועל אַרויס פון די גרענעצן פון תּל־אָבֿיבֿ, מיט אַ גאַנצן געהער, מיט נישט־געשפּאָלטענע באַמבלען און מיט געזונטע נערוון. — דאָס איז נישט איבערגעטריבן.

תּל־אָבֿיבֿ איז פאַרפּליצט מיט מוזיק, און וואַרט אַ ווײַלע, ווען די אַלע „מישאַ עלמאַנלעך״, „יאַשאַ כייפעצלעך״ וועלן זיך געבן אַ שיט אַרויס איבער דער וועלט, וועט איר האָבן וואָס צו הערן!...

די פאַרשפּרייטסטע אינדוסטריע אין תּל־אָבֿיבֿ איז נאָך אַלץ די נאַציאָנאַלע יידישע אינדוסטריע — דאָס פאַבריצירן פון סאָדע־וואַסער, אָדער ווי מען רופט עס דאָרט — „גאַזאָז״. דאָרט, אין תּל־אָבֿיבֿ, האָבן יידן געבראַכט די אינדוסטריע צו איר העכסטער שלימות. יידן אַרבעטן דאָרט אויס כּלערליי קאָלירן סאָדע וואַסער: פּיאָלעטענע, און אָראַנזשענע און געל־ציטרין קאָלירן — און וואָס פאַר־אַ נישט? און נאָך די קאָלירן זיינען זייערע געשמאַקן: ביטערע און זויערע; האַלב ביטערע און זויערלעכע; לאַקריץ זיסלעכע און צוקער זיסלעכע — טעמים, דאָס האַרץ אויפצומינטערן און דאָס האַרץ אויפצוטרייסלען. טייל הערצער באַדאַרפן אַ מילדערן אויפוועקן און טייל הערצער דאַרפן אַן ענערגישן, שטאַרקן טרייסל. איז וואָס פאַר אַ האַרץ דו האָסט, אַזאַ מין סאָדע וואַסער קאָנסטו קריגן דערפאַר. און פאַרקויפן פאַרקויפט מען דיר דאָס סאָדע וואַסער אויף שריט און טריט. מען האָט דיר באַזאָרגט, אַז דו זאָלסט נישט באַדאַרפן מאַכן אַן איבעריקן טריט צו דערגרייכן צו אַ שטענדער מיט סאָדע וואַסער. עס זיינען דאָ באַזונדערע געוועלבלעך, וואָס האַלטן נאָר ספּעציעל סאָדע וואַסער, און עס זיינען דאָ שטענדערס אויף דער

גאַס, וואָס פֿאַרקויפֿן דיר סאָדע וואַסער. א חוץ דעם האָט יעדעס געוועלב אַ באַזונדער ווינקעלע ביי דער טיר, וואו מען פֿאַרקויפֿט דיר סאָדע וואַסער. טיילמאָל טראַכט איך זיך: ווען, חלילה, די אַלע צילינדערס מיט סאָדע וואַסער, וואָס געפֿינען זיך אין תּל־אביב, זאָלן זיך צעשפּילן, קאָן, חלילה, די גאַנצע שטאָט אונטערגיין. און טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז די מאַסן געוועלבלעך פֿון סאָדע וואַסער, וואָס געפֿינען זיך אין תּל־אביב, איז אַ יידישער דריידל — און עס האָט אַ באַהאַלטענעם געדאַנק... עס איז פּשוט דער בעסטער פֿאַרטיידיקונג־מיטל. ווען, חלילה, אַ שונא זאָל באַפֿאַלן תּל־אביב, וועלן יידן אַרויסגיין פֿון זייערע געוועלבלעך מיט די צילינדערס אין די הענט און וועלן אָנהויבן צו שפּריצן אויפֿן שונא — דאַן בין איך אים שוין נישט מקנא...

דאָס צווייטע פֿאַרשפּרייטע אַרטיקל אין די געוועלבער פֿון תּל־אביב זיינען העמדער. גאָט מיינער! אין מיין לעבן האָב איך נישט געזען אַזוי פֿיל העמדער. — פֿון וואַנען האָבן זיי גענומען אַזוי פֿיל העמדער, וואָס ליגן אויסגעלייגט אין די שויפֿענצטער פֿון די געוועלבער אין די תּל־אביבער גאַסן? און תּל־אביב פֿאַרמאָגט עפּעס געוועלבער! גאַנץ תּל־אביב, אייגנטלעך, איז אַ לאַנגע קייט מיט געוועלבער, וועלכע שרייען צו דיר — און דווקא אין העברעאיש — מיט מיילן־לאַנגע שילדן, איין שילד איבער דער אַנדערער און איין שילד פּרוּווט די אַנדערע איבער־צושרייען, מיט גרעסער און ליכטיקערע און ברייטערע בוכשטאַבן — אַזוי אַז דו פֿאַרגעסט וואו דו געפֿינסט זיך, און דו מיינסט, אַז דו ביסט פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין אַן אומענדלעכן שול־הויף, אין אַ שול־הויף, וואָס איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער שטאָט; אַ שול־הויף, וועלכע ציט זיך אויף ווייאָרסטן און קילאָמעטערס. ברייטע און לאַנגע גאַסן — און אַלע גאַסן זיינען פֿול מיט געוועלבער, זיינען באַהאַנגען מיט לשון־קודשדיקע שילדן. און פֿון אַלע שויפֿענצטער קוקן אַרויס צו דיר שטויסן העמדער; און פֿון אַלע געוועלב־טירן — קראַגנען פֿון סאָדע וואַסער.

אַ, געוויס, עס איז דאָ פֿיל, וואָס רייצט דיין לאָך־אַפּעטיט, ווען דו וואַנדערסט איבער די גאַסן פֿון תּל־אביב. אָבער וויפֿל פּאַטעטישס, וויפֿל אמת־רירנדיקס, דראַמאַטישס און וויפֿל — קרבן־ברענגענדיקע אידעאַליס־טישקייט איז דאָ אין דער מנחם־מענדלשער שטאָט!

קודם־כּל — די שטאָט אַליין.

יידן האָבן נישט געבויט קיין דערפֿער — יידן האָבן געבויט שטעט. זייער גאַנץ לעבן האָבן זיי געהאַלטן נאָר אין בויען שטעט, פֿון וועלכע מען האָט זיי דערנאָך אַרויסגעטריבן. איז פֿאַרשטענדלעך — ווען זיי זיינען

צוריקגעקומען אין זייער אייגענער היים אַריין, האָבן זיי זיך צום ערשטן גענומען בויען אַ שטאָט.

אויסגעקליבן אַ שטיק זאַמד, אויף וועלכן דער ווינט האָט די אויגן פֿאַרשיט, און געזאָגט: „דאָ וועלן מיר בויען אַ שטאָט". נישט געפֿרעגט, צי מען דאַרף יאָ, צי מען דאַרף נישט — גענומען און געטאָן.

אין יאָר 1907 האָב איך געזען אַ פֿלאַקן אַריינגעשטעקט אין דעם שטיק זאַמד־ים הינטער יפֿו: און אויפֿן פֿלאַקן איז געווען אַ שילדל אויפֿ־געקלאַפּט מיטן וואָרט „תּל־אָביב". אַ ייִד איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ קאַרטע אין דער האַנט, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלט, אויף פּאַפּיר, אַ שטאָט, מיט גאַסן, מיט פּאַרקן, מיט גערטנער — און פֿאַרקויפֿט חלקים. מיר האָט מען געוואָלט פֿאַרקויפֿן דעם גאַנצן ברעג ים פֿון דער דער שטאָט פֿאַר אַ קלייניקייט. האָב איך זיך געטראַכט: וואָס ייִדן קאָנען! גייען בויען אַ שטאָט אויף זאַמד. היינט ציט זיך אויס אַ שטאָט פֿון יפֿו ביז צום ברעג ים; אַ שטאָט, וואָס ציט זיך אויף מײַלן ווייט און ברייט; אין איר וואוינען באַלד פֿערציק טויזנט אײַנוואוינער.

עס איז די מאָדערנסטע, קולטורעלסטע און באַקוועמסטע איינגע־אָרדנטע שטאָט אפֿשר אין גאַנצן אָריענט.

טאַקע אַ שטאָט אויפֿן „לאַגער". אַ שטאָט, וואָס איז געבויט געוואָרן נישט פֿאַר דער איצטיקער נויטווענדיקייט, נאָר פֿאַר דער צוקונפֿט. זי איז אַזוי ווי מען מאַכט פֿאַר אַ ייִנגל אַ לאַנגע קאַפּאָטע, און די מאַמע הייסט נאָך פֿון אונטער דער „פּאָדשעווקע" אַרונטערבייגן אַ שטיק סחורה, עס זאָל זיין אויף „אַרויסצולאָזן", ווען ער וועט אויסוואַקסן:

— נישקשה, נישקשה — ער וואַקסט אָן עין־הרע אונטער.

און דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן מיט ייִדישע הענט. יעדער שטיין, וואָס איז דאָ אַריינגעזעצט געוואָרן אין אַ וואַנט, יעדע טיר, יעדעס פֿענצ־טער, — פֿון שוועל ביז צום קוימען, איז געמאַכט געוואָרן דורך ייִדישע הענט. עס איז נישט קיין קלייניקייט. נישט בחינם גרויסט מען זיך און מען ווייזט אייך אָן אין תּל־אָביב אויף יעדן גאַסן־קערער, ווי אויף אַ נאַציאָנאַלן העלד. דאָס, וואָס איז ביי אַנדערע אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, איז ביי אונדז אַ נס. ווען זיינען מיר געוואוינט געווען דערצו, אַז דער ייִדישער אָרדנונג־היטער זאָל פּרעזענטירען זיין געווער מיט כּבֿוד, ווען ייִדן גייען מיט די ספֿר־תּורות צו הקפֿות? זיינען מיר דאָך געוואוינט צו הערן שפּאָט און געלעכטער — ווען נישט נאָך ערגערס. הינטער וועמענס וואָך זיינען מיר אַזוי רואיק געשלאָפֿן, וויסנדיק, אַז דער וועכטער אין דרויסן היט־אָפּ דאָס האָב און גוטס, נישט בלויז פֿאַר דעם געלט, וואָס מען באַצאָלט אים, —

נאָר פאַר דער נאַציאָנאַלער פליכט. עס איז זיס דער שלאָף אונטער דעם קלאַנג פון אַזאַ וועכטערס טריט.

און האָט תּל־אביב נאָך נישט באַשאַפן אַן אייגענעם סטיל — אָבער אַן אייגענעם ריטם האָט עס. איר פּילט דעם ריטם פון ארץ־ישראל אויף יעדן טריט אין תּל־אביב. עס איז דער ריטם פון פרייע קינדער, וואָס זיינען אין אַ פּרייטיק נאָכמיטיק פון חדר אַהיים געלאָזט געוואָרן: טאַקע דער געפּילטער „יאַגדעסטוניק" פּעלט אין דער האַנט. דערפאַר איז דאָ דער זומער־לעב אויף דער וועלט, דער גרינער וואַלד, דאָס פרישע וואַסער — און מען גייט זיך באָדן...

גאַנץ תּל־אביב פּילט זיך פון חדר פריי. איר האָט קיין רבין נישט איבער זיך. אַז דו גייסט אין גאַס — פון פאַרנט גייט אַ ייד — הינטער דיר גייט אַ ייד. וואו דו זעסט נישט און קוקסט נישט, זעען זיך יידישע אויגן. עס איז עפּעס אַ מאָדנע געפּיל, וואָס מען פּילט, ווען מען גייט אַזוי איבער די תּל־אביבער גאַסן. און דו ווייסט, אַז פון איין עק שטאָט ביז צום אַנדערן ביסטו אַרומגערינגלט מיט יידן — ווי אין אַ שול, ווי אין אַ בית־מדרש, אַ שול, אַ בית־מדרש אויף דער גאַס. קאָנסט אַלץ טאָן, אַלץ זאָגן. כ'לעבן, עס האָט זיך מיר נישט איינמאָל געוואָלט פאַר זיך אַליין אויסרופן דעם נאָמען: „זשיד". עס האָט זיך מיר אַזוי פאַר־בענקט נאָך דעם וואָרט, און איך האָב מורא געהאַט, אַז עס זאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון לעקסיקאָן...

יאָ, תּל־אביב פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן יידישן ריטם, און דאָס נישט נאָר פרייטיק פאַרנאַכט, ווען ביי שופר־בלאָזן (אַנשטאָט שול־קלאַפּן) פאַרמאַכן זיך די געוועלבער, אַלע ווי אויף אַ קאָמאַנדע, און אַ רואיקייט טרעט־איין אין די גאַסן, די רואיקייט פון משיחס טריט, און פון אַלע פּענצטער, פון אַ גאַנצער שטאָט, שפּיגלען זיך אָפּ היימישע שבת־ליכט — נישט נאָר בלויז אין דעם שבתדיקן טאָג, נאָר אַ גאַנצע וואָך, יעדן טאָג פון דער וואָך. איז ער נישט קיין יום־טוב — איז ער חול־המועד. דער פרייער ריטם פּילט זיך ביים האַנדל און וואַנדל, ביים מעבל־פאַרקויף, ביים זאַקן־פאַרקויף, וואָס אַן אויסרופער מיט אַ מגידישן קול און אַ מגידישן ניגון רופט אויס אין די גאַסן צו פאַרקויפן, און דווקא אויף יידיש (האָט נישט מורא — דאָרט וואו מען דאַרף זי, באַנוצט מען זיך מיט איר). עס איז דער ריטם פון זיכערקייט. ווען איר ווילט, דער ריטם, וואָס איר פּילט אין שול־הויף, ווען איר זענט צווישן אייגענע.

1931

קאַפּיטל 7

פֿון ירושלים קיין שכם

אַ יידישער געאָגראַף אין ירושלים האָט מיר געגעבן אַן עצה צו זען די ארץ־ישראל לאַנדשאַפֿט ביחידות. פֿון דעם ארץ־ישראלדיקן אַנבליק קאָן מען נאָר געניסן ווען מען זעט עס אַליין. מען מוז זיך מיחד זיין מיט דער ארץ־ישראל ערד, כּדי מען זאָל הערן איר שטימע. איך גלויב, אַז די לאַנדשאַפֿט פֿון יעדן לאַנד פֿאַרלאַנגט יחידות, נאָר מער נאָך די ארץ־ישראל לאַנדשאַפֿט, ווייל די קילע שטיינער־בערג, פֿון וועלכע די אַראַבישע ציגן האָבן, אין פֿאַרלויף פֿון הונדערטער אָדער טויזנטער יאָרן, אָפּגע־גריזשעט יעדעס גרעזל און אויסגעריסן מיטן וואָרצל יעדע שפּראָצונג, האָט גאָרנישט צו געבן פֿון די גיטער און פֿאַרגעניגנס פֿון דער וועלט. אַלץ, וואָס זי האָט צו געבן, איז פֿאַר דער נשמה, און גאָר ווייניק פֿאַרן גוף. אַז דו גייסט, אָדער פֿאָרסט איבער די טאָלן און איבער די בערג פֿון די וויסטענישן פֿון יהודה, אָדער איבער די הויכן פֿון נחלת בנימין, דאַכט זיך דיר, אַז עס מישן זיך פֿאַר דיר אויף די בערג, ווי בלעטער פֿון אַן אַלטן, אַלטן, ספֿר, און דו לייענסט אַראָפּ פֿון זיי נאָך נישט־געשריבענע ווערטער פֿון נביאים, קאַפּיטלעך תּהילים, וואָס קיינער האָט נאָך נישט אויסגעקלאָגט, און זיי ליגן איינגעקנאָטן אין דער ערד און וואַרטן אויף זייער נביא. און פֿון די פֿרומע פּסוקים, וואָס דו לייענסט אַראָפּ פֿון די בערג, ווערט דיין האַרץ אָנגעגאָסן מיט גאָט־פֿאַרכטיקייט און טיפֿן ערנסט. און מעגסטו נאָך זיין ווי ניהיליסטיש געשטימט, ווערסטו, קעגן דיין ווילן, אָנגעשטעקט מיט פֿרומער ערפֿורכט פֿאַר די ערנסטע זאַכן, וואָס האָבן זיך דאָ אַמאָל געשפּילט, און פֿאַר די הייליקע מענטשן, וואָס זיינען אַמאָל אויף די בערג געגאַנגען.

דאָס שטיקל וועג, וואָס פֿירט פֿון ירושלים קיין שכם, לויפֿסטו דורך מיט אַן אויטאָמאָביל אין צוויי־דריי שעה. אָבער אויף דעם וועג ליגט אויסגעגאָסן די יידישע געשיכטע, מער ווי אויף יעדן וועג פֿון דעם גאַנצן ערד־קיילעך, וואו מיר זיינען פֿאַרשפּרייט געוואָרן. דאָ איז געלייגט געוואָרן

דער ווינקל־שטיין פֿון אונזער נאַציאָנאַלן באַשטאַנד, און אויף דעם שטיקל ערד איז געבוירן געוואָרן אַ יידישע רעליגיע. אויף איינעם פֿון די בערג איז אַ יידישער פּאַסטעך־ייִנגל אַנטלאָפֿן פֿון זיין היים, געזען אין זיין חלום דעם לייטער, וואָס פֿירט פֿון דער ערד אין הימל אַריין. און עס דאַכט זיך, אַז ער האָט געזען דעם חלום אויפֿן וואַר. קיין איין שטיקל ערד אויפֿן גאַנצן ערד־קיילעך איז נישט אַזוי נאָענט געווען צום הימל, ווי דאָס שטיקל ערד אין טאָל פֿון בנימין און אפרים. און דאָ, אויף איינעם פֿון די בערג, איז געזאָגט געוואָרן יענע מענטשלעכע תּפֿילה, וואָס איז די הייליקסטע און די פֿאַרשפּרייטסטע צווישן די מענטשן פֿון דער וועלט. — די תּפֿילה פֿון „שטיקעלע ברויט צום עסן און אַ קלייד אָנצוטאָן״: די תּפֿילה, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַ מוסטער פֿון אַן אַנדערער תּפֿילה, וואָס איז אויך געזאָגט געוואָרן אויף ד ע ר ערד — אויף אַ באַרג, אַ פּאָר שעה רייזע פֿון דאַנען — די תּפֿילה פֿון „טעגלעכן ברויט״, וואָס איז געדאַוונט געוואָרן אויף די בערג אַרום נצרת, און ווערט נאָך ביז היינטיקן טאָג מיטגעדאַוונט פֿון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט...

ערגעץ־וואו אין אַ טאָל מוז דאָ ליגן בית־אל, דאָס אָרט, וועלכעס יעקב אָבינו האָט „אַנגעטראָפֿן״ פֿאַרנאַכט, ווען ער איז אַוועק פֿון זיין פֿאָטערס הויז, מיט דעם זעקל אויף די פּלייצעס און מיט דער מוטערס ברכה; מיט אַ שווער געמיט האָט ער זיך געלייגט אויף די שטיינער פֿון אָרט שלאָפֿן און האָט געחלומט דעם חלום פֿון דעם אויסגעלייטערטן מענטשן; געלעגן אויף דער ערד מיט אַ שטיין צוקאָפּנס און געזען דעם לייטער, וואָס פֿירט אין הימל אַריין. ביזן היינטיקן טאָג חלומען מיר נאָך יעקבס חלום. צוגעבונדענע צו די שטיינער פֿון דער ערד, קלעטערן מיר, אין אונדזער חלום, אויף דעם לייטער צום הימל.

פֿון יענער זייט ירדן, פֿון די הרי־מואב, זיינען יידן אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. ירושלים איז נאָך געווען באַזעצט פֿון מלך „שלם״; שטאַרק באַפֿעסטיקט מיט אַ מויער אַרום. זיי האָבן גאַרנישט געחלומט פֿון איינ־נעמען ירושלים, האָבן זיי זיך דאָ דעם אָרון אויפֿגעשטעלט אין שילה. דריי הונדערט און צען יאָר איז דאָס קליינע דאָרף, וואָס די אַראַבער רופֿן היינט „סילון״, און וואָס מען זעט פֿון באַרג אַראָפּ אונטער די פֿיס פֿון באַרג — דריי הונדערט און צען יאָר איז דאָס געווען דער רעליגיעזער צענטער פֿון יידישן פֿאָלק. געדענקט איר דעם בלינדן עלי און דעם קליינעם שמואל, און די צוויי גרויסע זין פֿון עלי, די „זולל וסובאניקעס״, וואָס האָבן מיט די גרויסע גאָפּלען אַרויסגעכאַפּט פֿון די טעפּ, וואָס האָבן זיך געקאָכט פֿאַר גאָט, די בעסטע חלקים פֿאַר זיך?... אָט־אָ־דאָ איז עס

געווען. די אַראַבער האָבן אויפֿגעהאַלטן די נעמען און דערטראָגן זיי דורך די אַלע יאָרן, ביז צו אונדז, אין די היינטיקע טעג.

נאָך היינט זעט איר גאָרנישט מער. דאָס דאָרף „סילון" איז ערגעץ־וואו אויף אַ באַרג. אונטער דעם באַרג שפּרייט זיך אויס אַ שטיקל גרינע לאָנקע, מיט פֿרישע, גרינע גראָזן — דאָס איינציקע מענטשלעכע פֿעלד, וואָס איך האָב געזען דורך דעם גאַנצן וועג, וואָס דערפֿרייט דאָס אויג. מענטשלעכע, זינדיקע ערד, וואָס איז באַשאַפֿן געוואָרן נישט נאָר פֿאַר גאָטס וועגן, נאָר פֿאַר דעם מענטשן. מיר דאַכט זיך, אַז דאָ שטייט אויף אַ לייטער, וואָס גרייכט פֿון דער ערד אין הימל אַריין. נאָר דאָ, אַנשטאָט צו שטייגן אין הימל אַריין, נידערט מען, פֿאַרקערט, אַראָפּ אויף דער ערד... איז עס אפֿשר יענער אָרט, אויף וועלכן די קינדער פֿון גאָט זיינען אַראָפּ־געקומען צו זינדיקן מיט די טעכטער פֿון דער ערד... ווארים דאָס גרינס פֿון די פֿרישע לאָנקעס איז דאָס דערקוויקנדיקסטע, וואָס איך זע אויפֿן וועג. מיר דערמאָנט זיך אָן די טעכטער פֿון שילה, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען טאַנצן אויף די פֿעלדער, ווען עס איז געווען דער יום־טוב צו „גאָט אין שילה". אָ, געוויס האָבן זיי דאָ, אויף די פֿעלדער, געטאַנצט; און הינטער די בערגלעך האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די בני־בנימין, אויסצוכאַפּן די טעכטער פֿון שילה פֿאַר ווייבער, נאָכדעם ווי דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק האָט זיך פֿאַרשווואוירן קעגן זיי, איבער דער מעשה פֿון „פּלגש בגבעה"...

איך וויל זיך גוט צוקוקן צו דעם אָרט און לאָזן אָפּרוען מיין אויג אויף דעם גרינעם גראָז. איך הייס שטיין דעם אויטאָמאָביל און איך טראַכט זיך אַריין אין דער אַלטער יידישער פֿאַרגאַנגענהייט. איך וויל נאָך זען די שאָטנס פֿון יענעם לעבן, וואָס איז דאָ אַמאָל געווען. און אָט הער איך הינטער מיר געזאַנג און טענץ. און איך הער עס בפּירוש, און איך זע באַשיימפּערלעך אַ סך יונגע בחורים אויף ווייסע אַראַבישע פֿערד, אויסגעפּוצטע אין יום־טובדיקע אַבאַיעס, קומען זיך אַראָפּצולאָזן פֿון דעם באַרג אין שילה, מיט געזאַנג און טאַנץ. באַרוועסע פֿיס און יום־טובדיקע קליידער; מיט בלומען און מירטן־קראַנצן אויסגעפּוצט די קעפּ. איז עס אַ יום־טוב אין שילה? דער יום־טוב צו גאָט? און די טעכטער גייען אַרויס טאַנצן אין פֿעלד, און די בחורים — זיינען דאָס די בני־בנימין? יאָ, עס איז אַ חתונה אין שילה, און די בחורים און די מיידלעך פֿון שילה, מיט דער כּלה, זיינען אַנגעקומען. געגאַנגען אַנטקעגן דעם חתן וואָס קומט אָן מיט זיינע פֿריינט פֿון אַן אַנדערן דאָרף...

דער מאָרגן איז נאָך פֿריש און די שטיינערנע בערג טריקענען זייערע פּייכטע רוקנס, וואָס זיינען נאַס געוואָרן פֿון נאַכט־טוי, און די זון־

שטראַלן. דער וועג פֿאַרקערעוועט זיך אין אַ זייט און לאָזט זיך אין ווילדן, שטיינערדיקן טאָל אַראָפּ — פֿאַרלאָזט פֿון גאָט און פֿון מענטש. גנבים־היילן באַווייזן זיך אין די פֿעלזיקע בערג. די לאַנדשאַפֿט ווערט ווידער פֿאַר־פֿרעמדט און טראָגט זיך איבער פֿון דער הייַנטיקער צייט אין ווייטע, ווייטע פֿאַרגאַנגענהייטן, וואָס דרימלען אין די לענדער פֿון דער פֿאַנטאַזיע.

פֿון די צייטן פֿון דיינע קינדער־יאָרן; פֿון יענע יאָרן, וואָס דו האָסט צום ערשטן מאָל אין חדר געלערנט וועגן זיי, וועגן די ערטער. אָט זע איך נבוזראַדנען. אַ רויטער, העגט אויסגעשמירט מיט בלוט, מיט אַ קופּערנער פֿייערלעשער־קאַסקע אויפֿן קאָפּ (ווי עס פֿלעגט אים פֿאַרשטעלן דער בלינדער לייב אין פּורים שפּיל ביי אונז אין שטאָט), מיט אַ צוגעקלעפּטער רויטער באָרד, מיט פּאַפּירענע לאַמפּאַסן און צוגעהאָפֿטענע געגעראַלשע שליפֿעס, מיט אַ גרויסן הילצערנעם שווערד אין האַנט, גייט ער, נבוזראַדן, און טרייבט די יידן אין גלות אַריין. אָ, דאָ אויפֿן וועג, זיינען זיי דאָך געגאַנגען — אַרויסגעטריבן פֿון ירושלים — קיין בבל. אָט זע איך דעם בלינדן קעניג צדקיהו מיט זיינע אויסגעשטאָכענע אויגן. ער גייט אין מיטן פֿון די בכבודיקע יידן, מיט די געבונדענע הענט אויפֿן רוקן; און ירמיהו הנביא, מיט זאַק אויפֿן לייב, גייט אים נאָך פֿון הינטן, און האַלט אונטערן אָרעם אַ קרוג מיט וואַסער, פֿון וועלכן ער גיט, פֿון צייט צו צייט, דעם געפֿאַנגענעם קעניג צו טרינקען. און דער שלעכטער נבוזראַדן מיט די לאַמפּאַסן (דער „בלינדער לייב", וואָס פֿאַר דעם האָבן מיר, חדר־יינגלעך, אים פֿיינט געהאַט אַ גאַנץ יאָר) גייט נאָך זיי פֿון הינטן און טרייבט זיי מיט אַ גרויסער בייטש און זינגט־צו אַ ליד אַזוי:

גייט, יידעלעך, גייט
אין גלות בבל אַריין,
אין גלות בבל אַריין...

נאָר באַלד זיינען מיר אָנגעקומען צו אַ צווייטן פּורים־שפּיל: צו יעקבן מיט די קינדער — מיר זיינען אַריינגעקומען אין שכם.

צו די אויסגראָבונגען אַרום שכם האָב איך נישט געוואָלט צוגיין. פֿון דערפֿאַרונג ווייס איך, אַז דאָס, וואָס מען געפֿינט אין ארץ־ישׂראל, העלפֿט דיר נישט שאַפֿן זיך אַ בילד פֿון דעם אַמאָליקן לעבן אין ארץ־ישׂראל. פֿאַרקערט, עס העלפֿט דיר נאָר צו צעשטערן די אילוזיע, וואָס דו האָסט אין דיר פֿון ארץ־ישׂראל. אַלץ וואָס מען האָט ביז איצט געפֿונען אין ארץ־ישׂראל זיינען קליינע, אָרימע צייכנס. ליימענע שטיבלעך, אין וועלכע עס גלויבט זיך גיכער, אַז אָרימע אַראַבישע פֿעלאַכן האָבן אַמאָל געלעבט, איידער די רייכע (יעדנפֿאַלס, אין אונדזער פֿאַנטאַזיע) פּאַטרי־

אַרכן. אָן אַ שום צייכן פֿון הויז־לעבן, קיין כּלים, קיין אויפֿשריפֿטן, קיין שפּור פֿון מענטשלעכער קולטור. עס קאָן גריילעך זיין, אַז דאָס איז דער אמת, אַז דאָס לעבן פֿון אונדזערע עלטערן איז געווען אָט דאָס אָרימע, אומקולטורעלע, פֿאַרווילדעוועטע לעבן פֿון די אָרימע, וואַנדערנדיקע בעדואינער, וואָס מיר טרעפֿן היינט נאָך אָן אויף די פֿלאַכן פֿון ארץ־ישראל, מיט זייערע שוואַרצע געצעלטן און ווייסע שעפּסן; די ליימיקע, נידעריקע שטיבלעך, וואָס פּאַסן זיך גיכער פֿאַר שטאַלן פֿון הויז־חיות, איידער פֿאַר מענטשן, וועלכע מיר געפֿינען אַרויס פֿון די אויסגראָבונגען — דאָס איז טאַקע דער אָרט לעבן, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן אַמאָל געפֿירט. דאָס איז טאַקע דער אמת. נאָר — איך וויל בעסער לעבן מיט די בילדער, וואָס מיין פֿאַנטאַזיע מאָלט מיר פֿון דעם אַלטן יידישן לעבן, איידער מיט דעם אמת. צוליב דעם האָב איך פֿיינט צו זען די אויסגראָבונגען, וואָס מ׳מאַכט אין ארץ־ישראל. לאָזט די אמתע ניכטערקייט דרימלען אין דער ערד און לעבט מיט דער רייכער פֿאַנטאַזיע, וואָס מאָלט אונדזערע אילוזיעס וועגן די העלדן פֿון דער ביבל, ווי רעמבראַנדט האָט עס געטאָן, ווי מיקל אַנזשעלאָ און אַנדערע גרויסע קינסטלער. צוליב דעם האָב איך נישט געוואָלט זען די אויסגעגראָבענע שטעט פֿון ירבעם בן נבט און בין גלייך אַריינגעפֿאָרן אין שכם, וואָס מיר קאָנען נאָך פֿון יעקב אָבינוס צייטן.

איך גלויב נישט, אַז שכם האָט זיך פֿיל געביטן זייט יענע צייטן, ווען אונדזער פֿאָטער יעקב האָט זיך דאָרטן באַזעצט מיט זיינע צוועלף זין און מיט זיין איינציקער שיינער טאָכטער דינה. די זעלבע אַלטע, קרומע געסלעך, פֿאַרשאָטנט מיט די ליילעכער, וואָס הענגען אַרויס פֿון די באַזאַר געוועלבלעך; די זעלבע זויער־מילך־פּלעצלעך און די זעלבע מצות; די זעלבע ציגן און שעפּסן סטאַדעס, וואָס דעמאָלט. און ווי דעמאָלט, איז היינט שכם באַרימט מיט אירע קוואַלן און ברונימער, וואָס צוליב דעם ווערט שכם פֿאַררעכנט פֿאַר דעם פּערל פֿון ארץ־ישראל, און זי ציט צו זיך צו די שבטים פֿון לאַנד.

אַזוי ווי דעמאָלט, זיינען די הויך־געוויקסיקע און שוואַרץ־האַריקע אַראַבער פֿון שכם גרויסע קאַוואַליערן און זיינען זייער זשעדנע אויף יידישע מיידלעך. ווי אַמאָל זייער קעניגס זון, „שכם״, דער זון פֿון חמור, וועלכער איז געפֿאַלן אַ „קרבן״ פֿון זיין ליבע צו יעקבס טאָכטער, דינה. די יידישע טעכטער האָבן נאָך די שוואַכקייט פֿון יעקב אָבינוס ערשטער טאָכטער, אַרויסצוגיין שפּאַצירן. נאָר היינט זיינען נישטאָ אין שכם קיין יידישע טעכטער, וואָס פֿון זייערטוועגן זאָלן די שכמער לייט זיך לאָזן באַשניידן, ווי עס האָבן אַמאָל געטאָן זייערע פֿאָטערס, פֿאַר יידישע מייד־

לעך. ווען איך האָב געזען די שכמישע שינע, שטאַרקע בחורים, איינגע־הילט אין זייערע ווייסע אַבאַיעס זיצן פאַר די קאָפּע הייזער און רויכערן פון זייערע פלאַשן־ליולקעס, האָב איך געמוזט דערמאָנען זיך אין דעם שפּיצל, וואָס עס האָבן זיי אָפּגעטאָן שמעון און לווי, יעקבס זין, פאַר דער חרפה, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן דינהן, זייער שוועסטער... קיין שטאַרק־העלדישע טאַט איז דאָס אַפּילו נישט געווען. אַ שטאָט ליגט אַ באַשניטענע און אַ פאַרבונדענע, און דו באַפאַלסט זי... אָבער די ערע פון אַ יידישער טאָכטער האָט דערמיט געקראָגן איר באַפרידיקונג. און ווען מיר זאָלן היינט אין דער זעלבער מאָס האַנדלען, ווי די ברידער פון דינהן, גלויב איך, וואָלט אונדז אויסגעקומען אַלע שטעט פון דער וועלט חרוב צו מאַכן...

נאָר ווען קיין יידישע טעכטער זיינען אין שכם נישטאָ, האָבן מיר דערפאַר אַן אַנדערן יידישן שבט; אַ ווייטן, ווייטן קרוב, וועלכער האָט זיך אָפּגעריסן פון אונדז אין די ערשטע יאָרן, און האַלט נאָך מיט אונדז מלחמה וועגן די נביאים ביז היינטיקן טאָג. די ערשטע יידישע פּאַרטיי קאָן מען זיי אָנרופן — די „שומרונים". מיט פערצן יאָר צוריק האָב איך זיי געזען, איז דעמאָלט געווען זייער צאָל הונדערט און אַכציק נפשות. היינט האָבן זיי זיך געמערט און עס זיינען ביי זיי צוגעקומען זעקס נפשות. מען זאָגט, אַז דאָס איז אַ דאַנק דעם, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיי אַריינגעשיקט אַ העברעאישן לערער, וואָס לערנט זיי די שפּראַך — און זיי ווערן דורך דעם מער געבילדעט. מיט פערצן יאָר צוריק האָבן זיך אַרומגעדרייט זעקס און דרייסיק בחורים פון זיי (פון אַכצן ביז פופציק יאָר) — אויף צוועלף כלות. די צוועלף כלות האָבן זיך דעמאָלט אויפ־געהאַלטן אין הויף פון דעם כוהן־גדול, וועלכער האָט זיי אָפּגעהיט. און יעדן טאָג האָט מען געקאָנט זען, ווי די זעקס און דרייסיק בחורים־חתנים האָבן אַרומגערינגלט די אייזערנע צוים פון דעם כוהן־גדולס הויף, און מיט פאַרחלשטע אויגן און אַרויסגעשטעקטע צינגען האָבן זיי אַריינגע־גאַפט מיט די ברענענדיקע בליקן צו זייערע כלות... געמאָסטן זיי מיט זייערע בליקן, וויפל זיי זיינען דורך דער נאַכט צוגעוואַקסן. און געציילט זייערע טעג, צי זיי זיינען שוין ראוי צו דער חתונה. קוים איז איינע פון די כלות אַלט געוואָרן עלף יאָר, איז זי געפירט געוואָרן צו איר מאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט אַ קינד אויף איר — איידער זי איז נאָך געבוירן געוואָרן. היינט האָבן שוין אַ טייל פון די „בחורים" חתונה געהאַט. דערפאַר זיינען אונטערגעוואַקסן אַנדערע, און היינט דרייען זיך אַרום צוויי און פערציק בחורים אויף אַכט כלות. די כלות האַלטן זיך נישט אויף,

ווי ביז איצט, ביים כּוהן־גדול, נאָר זיי לערנען זיך אין דער העברעאישער שול ביים העברעאישן לערער. אָבער איידער זיי האָבן נאָך צייט ריכטיק זיך אויסצולערנען דעם אלף־בית, ווערן זיי שוין אויסגעכאַפּט.

— יעדן טאָג קומט אין מיין שול אַריין שילערין ווייניקער — דערציילט מיר דער לערער. — אַז איך פֿרעג זיך נאָך: „וואָס איז די מעשה מיט איר?" דערציילט מען מיר, אַז זי האָט חתונה געהאַט. און אַז איך וואונדער זיך: ווי אַזוי קאָן מען אַ קינד איבערגעבן אין די הענט פֿון אַ פֿערציק־יעריקן, שטאַרקן מאַן? — ענטפֿערט מען מיר: „נישקשה, זי וועט זיך צוגעוואוינען, איר מוטער האָט זיך אויך צוגעוואוינט...

איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב געהאַט אַ באַזונדער נאָענט געפֿיל צו דער נייער „משפּחה", וואָס איך האָב געפֿונען. איך מוז מודה זיין: ווען איך זע די תּימנער יידן, אָדער אַנדערע אַראַבישע יידן, מוז איך זיך אָנשטרענגען צו געדענקען, אַז זיי שטאַמען פֿון דער זעלבער ראַסע, וואָס איך, און זיינען דערצויגן געוואָרן אין די זעלבע טראַדיציעס וואָס איך — אַז איך זאָל דערפֿילן, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט זיי. איך קאָן נישט פֿאַרלייקענען, אַז איך קאָן קיינמאָל נישט פֿילן צו אַן אָריענטאַלישן ייד, מעג ער אַפֿילו זיין אַ ציוויליזירטער, ווי די ספֿרדישע יידן זיינען, דאָס זעלבספֿאַרשטענדלעכע געפֿיל, וואָס איך האָב צו אונדזערן אַ היימישן מענטש. נאָר די שומרונים גייען מיך ווירקלעך נישט אָן. יעדנפֿאַלס האָבן אונדז די שומרונים אויפֿגענומען ווי אייגענע, אַריינגעבעטן אין דער שול אַריין. דער „כּוהן־גדול" איז נישט געווען, דערפֿאַר איז געווען זיין עלטסטער זון, וואָס איז, ווי ביי יעדן כּוהן־גדול, דער שטעל־פֿאַרטרעטער פֿון זיין פֿאָטער אין ציווילע געשעפֿטן, ער פֿירט פֿאַרן טאַטן די „ביזנעס" (ווי יעדער אונדזער רבי פֿאַרמאָגט אַזאַ געשעפֿטס־פֿירער). אַ דורכגע־טריבענער, כיטרער אַזיאַט, מיט ברענענדיקע אויגן און קויל־שוואַרצע האָר פֿאַרפֿלאָכטן אין אַ לאַנגן צאָפּ, ווי עס האָבן געטראָגן די כּוהנים אין דער צייט פֿון בית־המקדש, — פֿאַרקעמט אונטער דער טערקישער רויטער מיצקע.

איך האָב אים שוין געקענט פֿון פֿאַר פֿערצן יאָר צוריק. און ווי דעמאָלט האָט מען אונדז געוויזן די ספֿר־תּורהס, איבערהויפּט זייער אַלטע, באַקליידטע ספֿר־תּורה אין אַ זילבערנער שייד, וואָס ווערט יעדעס יאָר עלטער מיט אַ גאַנצן דור. אַן צווייפֿל איז זייער ספֿר־תּורה דער עלטסטער מאַנוסקריפּט פֿון די חמשה חומשי תּורה, וואָס די וועלט פֿאַרמאָגט (ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז דער עלטסטער מאַנוסקריפּט פֿון דער תּורה, וואָס געפֿינט זיך אין ציוויליזירטע הענט, איז דער מאַנוס־

קריפּט פֿון דעם בריטישן מוזעאום, און ער ציילט זיך נישט פֿריער, ווי פֿון צענטן יאָר־הונדערט).

וואָס איז שייך דער זילבערנער שייד, אין וועלכער זייער ספֿר־תּורה רוט, כאָטש עס איז, אָן ספֿק, די עלטסטע זילבערנע אַרבעט פֿון דעם מין — פֿאַר דער יידישער קונסט האָט עס קיין באַדייטונג נישט. זי טראָגט קיין שפּור נישט פֿון יידישן כאַראַקטער. עס איז אַן אַלט־אַראַבישע זילבער־פֿליגרים, וואָס פֿון דעם מין האָבן זיך אין די אָריענ־טאַלישע מוזעאומס און אין די מאָשעיען דערהאַלטן פֿיל קינסטלערשע און בעסערע מוסטערן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער זעלבער געשעפֿט־פֿירער פֿון כּוהן־גדול געווען ביי אונדז אין ירושלים אין אַ שליחות.

זיי האָבן אויך טענות צום „יידישן פֿאָלק”. דאָס יידישע פֿאָלק האָט אין זיי פֿאַרגעסן, טענהן זיי. און זיי ווילן, אַז דאָס יידישע פֿאָלק זאָל פֿאַר זיי קויפֿן לאַנד, זיי צו באַזעצן פֿאַר קאָלאָניסטן (מילא, דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה); דאָס צווייטע אָבער, וואָס זיי פֿאַרלאַנגען פֿון אונדז איז, אַז מען זאָל געבן מיידלעך פֿאַר זייערע בחורים. מיט אַנדערע ווערטער: זיי ווילן זיך מיט אונדז משדך זיין.

איך, פֿון מיין זייט, האָב זיי אָפּגעענטפֿערט, אַז אויב דאָס יידישע פֿאָלק וואָלט געהאַט גענוג געלט צו קאָלאָניזירן, אַ חוץ אונדזערע יידן אין ארץ־ישראל, וואָלטן זיי צוערשט דאָס געווען געטאָן פֿאַר די יידן־פֿעלאַכן פֿון דאָרף „פּקיעין”, וועלכע זיינען, אָן צווייפֿל, די דירעקטע אָפּשטאַמונג פֿון די ארץ־ישראל יידן פֿון די אַלטע צייטן, וואָס זיינען געבליבן זיצן אויף דעם לאַנד דורך דער גאַנצער צייט פֿון דער יידישער געשיכטע.

אָבער בנוגע יידישע מיידלעך פֿאַר די שומרונים — הענגט דאָס אַלץ אָפּ, ערשטנס, פֿון די יידישע מיידלעך אַליין. אויב זיי וועלן וועלן, לויט זייערע רעליגיעזע מנהגים (וועלכע זיינען זייער שווער פֿאַר דער פֿרוי), צו לעבן אָפּגעזונדערט, ווי אַ הויז־חיה, צוויי וואָכן יעדן חודש... אַרומ־געצוימט אין אַ ווינקל שטוב, אין אַ שטייג... איבעריקנס, האָט איין יידיש מיידל פֿון פּוילן געפּרואווט איר מזל. צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע, צייט טויזנטער און טויזנטער יאָרן, האָט אַ יידיש מיידל פֿון פּוילן חתונה־געהאַט פֿאַר אַ שומרוני. זיי וואוינען אין יפֿו (וואו דער מאַן האָט אַ רעגירונג־שטעלע). און ווי עס האָט מיר פֿאַרזיכערט דער זון פֿון כּוהן־גדול, לעבן זיי זייער גליקלעך, און די פֿרוי היט־אָפּ זייער שטרענג אַלע רעליגיעזע מנהגים פֿון די שומרונים. ביים לעצטן קרבן־פּסח, וואָס זיי ברענגען יעדעס יאָר, אויפֿן הר גריזים, ביזן היינטיקן טאָג, זאָל דאָס

פּוילישע מיידל האָבן זייער געשמאַק געגעסן דאָס פֿלייש פֿון קרבן, — וואָס ווערט אַ מיידל נישט טאָן פֿאַר אַ שידוך. מיר ווילן אָפּוואַרטן צו זען, וואָס וועט אַרויסקומען פֿון דעם זיווג. אפֿשר — ווער ווייסט?... משיחס צייטן....

אַז איך האָב זיך צוגעקוקט צו די שומרונים און געזען ווי די צוויי און פֿערציק בחורים באַוואַכן זייערע אַכט כּלות, האָב איך זיך נישט געקאָנט באַפֿרייען פֿון דעם געדאַנק, וואָס האָט מיר געעגבערט אין קאָפּ: וואָלט פֿון אונדז אויך דאָס זעלבע, חלילה, געוואָרן, ווען מיר וואָלטן איבערגעבליבן אין ארץ־ישׂראל? אפֿשר איז אמת וואָס אונדזערע חכמים זאָגן, אַז „אַ גרויס רעכט האָט גאָט געטאָן מיט יידן, וואָס ער האָט זיי פֿאַרשפּרייט איבער דער וועלט”. וואָלט אונדזערס איינעם אויך אויסגעקומען אָפּצוואַרטן אַ פֿערציק יאָר צייט אויף אַ ווייב; און נאָכדעם ערשט אַרומשפּרינגען אַרום דעם צוים פֿון כּוהן־גדול, כּאַפּן אַ בליק אין הויף אַריין, צו זען, אויף וויפֿל אונדזער ווייב איז צוגעוואַקסן דורך דער נאַכט?

אָדער אפֿשר וואָלטן אונדז געווען אָפּגעראַטעוועט די נביאים, די תּנאים, די אַמוראים — דאָס גאַנצע יידישע דענקען און קלערן, די גרויסע יידישע מאָראַל און עטיק, וואָס מיר האָבן זיך דערוואָרבן נאָך די חומשי־תּורה (דאָס, וואָס די שומרונים האָבן נישט). אפֿשר וואָלטן זיי פֿון אונדז געווען געמאַכט קולטורעלע מענטשן, אַפֿילו ווען מיר וואָלטן געווען איבערגעבליבן אין אַזיע, אַזוי ווי די ערשטע „אשכּנזים”, די „חכמי רהיין”, האָבן געמאַכט פֿון אונדז איראָפּייער... כאָטש מיר זיינען געווען געפֿאַנגען אין דער געטאָ...

קאַפּיטל 8

דער „עמק"

איך ווייס נישט וואָס דער קליינער קריסטוס האָט געזען, ווען ער איז געגאַנגען שפּאַצירן איבער די בערגלעך פֿון נצרת. היינט, אַז מען שטייט אויף די בערג פֿון נצרת, שפּרייט זיך אויס פֿאַר די אויגן דער גאַנצער „עמק", — איינגעפּאַסט ווי אַ גרויסער, געלער „טאַפּאַז" צווישן די בערג. מען זעט פֿון די בערג אַראָפּ, ווי אַ פֿליסנדיקער ים מיט גאָלדענע, געלע, רייפֿע זאַנגען־בעזימלעך באַוועגט זיך אַהין און צוריק, און דער ווינט בלאָזט כוואַליעס איבער זייערע קעפּ. דאָ און דאָרט שניידן זיך אַריין, אין געלן ים פֿון זאַנגען, גרינע, פֿרישע, אויג־דערקוויקנדיקע בייטן פֿון קאַני־טשינע, פֿון פֿאַשע פֿעלדער, פֿון גרינסן, פֿון גערשטן, אָדער עס היפּן און שפּרינגען אַרום איבער אַ רויטן, פֿריש־אויפֿגעקאַפּטן פֿעלד, די קליינע יונגע ביימלעך, ווי היגדלעך. דאָ און דאָרט זיינען אויסגעשאָטן, ווי רויטע מאָן־קעפּלעך, רויטע דעכער פֿון הייזלעך. מען קאָן זען פֿון באַרג אַראָפּ, ווי סימעטריש זיי זיינען אויסגעשטעלט, די הייזלעך, אין אַ לענגלעך־רונדיקן ראָד, ווי אַן איי. איבער אַלע ווינקלען פֿון עמק זיינען זיי פֿאַרשפּרייט. אָט ליגט עפֿולה, בלפֿוריה; אַ ביסל ווייטער — עין־חרוד, כּפֿר ילדים; ווייטער צו רעכטס — נהלל, און ווי זיי הייסן דאָרט. און ווען דו זעסט די רואיקע, רויטע דעכלעך אויפֿהייבן זיך איבער דעם ים געלע זאַנגען, און די פֿאַרן אויג־דערקוויקנדע, פֿרישע, מענטשלעכע פֿעלדער אַרום, ווילט זיך דיר אויסרופֿן, אַפֿילו מיט בלעמען:

„מה טובו אוהליך יעקב, — משכּנותיך, ישראל!"

אין ניינצן הונדערט פֿערצן בין איך דאָ געווען. דעמאָלט האָט ביים ברעג פֿון עמק אַ ייד געפֿירט זיין אַקער, איינגעשפּאַנט אין צוויי פֿערד, באַגלייט מיט זיינע צוויי קינדער — אַ ייִנגל און אַ מיידל, וועלכע האָבן פֿאַרזייט אַרבעס נאָכן פֿאַטערס אַקער. דאָס איז געווען ביים באַרג גלבוע, און גערופֿן האָט מען דאָס דענסטמאָל „מרחביה". דער ייד איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ רויטער טערקישער מיצקע, כּדי די אַראַבער זאָלן אים

אַנגעמען פֿאַר אַ זייעריקן. און די פֿאַר יונגעלייט, וואָס האָבן זיך אַרומגע־ דרייט אין דער „קאָלאָניע״, זיינען אין מיטן העלן טאָג אַרומגעלאָפֿן מיט רעוואָלווערן באַלאָדן, פֿון הינטן און פֿון פֿאָרנט, מיט ביקסן און פּיסטאָלעטן. אַ חוץ דעם אַנהויב איז אַרום און אַרום געווען וויסט און לעער, און איינ־ ציקע קראַנקע זאַנגען האָבן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון פּייכטע, מאַלאַ־ רישע פֿעלדער אַרויס.

פֿאַר דרייצן יאָר צוריק האָב איך געזען די פֿעלדער, ווי זיי האָבן געשמאַכט, ווי קראַנקע, און די רינשטאָקן פֿון מאַלאַריע פֿאַרשמוצט און פֿאַרוואָרלאָזט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין רפֿואה וועט נישט זיין פֿאַר זיי. איך געדענק, מיט גרויס מי און מאַטערניש בין איך צוגעקומען צום טייך קישון, פֿון וועלכן יידישע יונגעלייט האָבן „געמאָלקן״ וואַסער, האָבן הענט מיט בלאָטע אָנגעשעפּט און אויסגעקוועטשט דאָס וואַסער פֿון דער בלאָטע. איך האָב זיך מיר באַין־אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטעלן, ווי אַזוי סיסרא מיט זיינע צען טויזנט רייט־וועגן האָבן געקאָנט פֿאַרטרונקען ווערן אין דעם טייך. דאַכט זיך, קיין צען טויזנט פֿליגן האָבן נישט געקאָנט דער־ טרונקען ווערן אין אים. צום הר־גלבוע, וועלכן דוד המלך האָט פֿאַרשאָלטן, איז אוממעגלעך געווען צוצוקומען. די פֿעלדער זיינען פֿאַרפֿלייצט געווען אין בלאָטעס פֿון דעם „עין־חרוד״, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן, ווי ער האָט געוואָלט. מען האָט מיך געשראָקן מיט „שלאַנגען און עקדישן״.

היינט געפֿין איך זיך שוין דעם דריטן טאָג אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע „עין־חרוד״, פֿון איבער דריי הונדערט יונגעלייט, מענער און פֿרויען, וואָס באַוואוינען דאָס אָרט און באַאַרבעטן די פֿעלדער אויף קאָאָפּע־ ראַטיווע יסודות. יעדן פֿרימאָרגן און פֿאַרנאַכט האָב איך זיך געבאָדן מיט די יונגעלייט אין טייך „עין חרוד״, וואָס יידישע הענט האָבן איינגעצוימט אויף איין אָרט, און געלאָזט אים לויפֿן אין אַ פֿעסטער קאָרעטע, אַז ער זאָל ווערן אַ ברכה פֿאַרן לאַנד, נישט קיין קללה; איך האָב געטרונקען פֿון דעם קוואַל, וואָס רינט אַרויס פֿון באַרג גלבוע, וועלכן אַראַבער האָבן באַצייכנט מיטן נאָמען „דער קוואַל פֿון טויט״. אַ רער ציט זיך פֿון דעם קוואַל אויפֿן אַלגעמיינעם וועג אַרויס, פֿריי פֿאַר אַלע, כּדי די אַראַבער זאָלן זיך איבער־ צייגן, אַז די יידן האָבן פֿאַרוואַנדלט דעם „קוואַל פֿון טויט״ אין אַ „קוואַל פֿון לעבן״... אין מיטן טאָג, ווען די זון האָט געבריט, בין איך געגאַנגען זוכן שאָטן אין וואַלד פֿון די קאַליפּטן־ביימער, און לינדן־ביימער, פֿון נאָדל־ביימער, און פֿון יונגע, איידעלע ציפּרעסן־ביימער, וואָס דער יידישער יונגערמאַן סירקין מיט זיינע העלפֿער האָבן פֿאַרפֿלאַנצט ביי דעם טייך און אַרויפֿגעצויגן דעם וואַלד ביז אַ האַלבן באַרג פֿון גלבוע, כּדי צו באַווייזן

באַשיינפּערלעך, אַז דער טוי און רעגן, וואָס דוד המלך האָט פֿאַרטריבן פֿון באַרג מיט זיינע קללות צוליב דעם, וואָס אויף אים איז שאול געפֿאַלן, הויבן אָן צוריקצוקומען דורך די ברכות פֿון יידישע הענט. דאָס איז דאָס וואַסער פֿון קוואַל, וואָס יידישע אַרבעטער האָבן געגראָבן. איך ווייס נאָר נישט, צי איך האָב געטרונקען דאָס וואַסער פֿון קוואַל קניענדיקערהייט, צי איך האָב געלעקט פֿון וואַסער ליגנדיקערהייט, און גדעון וועט מיך אויסקלייבן פֿון זיינע דריי הונדערט... איך האָב געגעסן ברויט און גרינוואַרג, וואָס זיינען געוואַקסן אויף די פֿעלדער; געטרונקען מילך און געגעסן פּוטער פֿון די בהמות, וואָס פּאַשן זיך אויף די פֿעלדער. זיס איז געווען דאָס ברויט, פֿעט איז געווען די פּוטער, וואָס זיינען געקומען פֿון אַ יידישער ברודער־האַנט. און דאָס אַלץ אין פֿאַרלויף פֿון אַ פּאָר יאָר.

נישט אַזוי לייכט איז דורכגעגאַנגען דער קאַמף מיט דער נאַטור. דער, וואָס וועט עס אַמאָל באַשרייבן, וועט באַרייכערן אונדזער ליטעראַטור מיט הערלעכע בלעטער. אין אַ געוויסער מאָס גייט־אָן דער קאַמף נאָך ביזן היינטיקן טאָג; אַ קאַמף מיט מאַלאַריע. געווען טעג, ווען זעכציק פּראָצענט פֿון זיי האָבן געמוזט איבערבלייבן אין דער היים, ליגנדיק אין די בעטן; אַ קאַמף מיט ווילדע, געפֿערלעכע פֿליגן און אינזעקטן, אָנזעענדיקע און נישט־אָנזעענדיקע, וואָס כאַפּן זיך אַרונטער אונטער דער הויט און פֿאַרסמען דיר דאָס בלוט; אַ קאַמף מיט שלאַנגען (געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין זעק תבואות און פֿאַרזייעכץ, און נישט איין פֿינגער פֿון אַ האַנט, פֿון אַ פֿוס, האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך), און אַ קאַמף מיטן אייגענעם יאוש, מיט אייגענעם איבערפּלאַנירן, איבערפֿאַרמירן פֿון לעבן. פֿיל פֿון זיי זיינען אַוועק, אַנדערע געקומען; פֿיל האָבן זיך געטוישט, די מערסטע פֿון זיי זיינען געבליבן אויף די ערטער און דערפֿירט עס ביזן היינטיקן טאָג.

און היינט ליגן טויזנטער און טויזנטער דונאַם אַרום די אַרימע, אויפֿגעשלאָגענע ביידלעך (קיין הייזער האָבן זיי נאָך נישט). און וואו דיין אויג דערגרייכט, און וואו דיין בליק וואַרפֿט זיך — שפּרייטן זיך אויס הויכע, רייפֿע זאַנגען; גרינע, פֿרישע פֿעלדער(סעדער פֿוןביימער, בייטן פֿון גרינוואַרג. און יעדן פֿרימאָרגן, און יעדן פֿאַרנאַכט הייבט זיך אויף אַ גרויסער וואָלקן פֿון שטויב פֿון די לאַנגע, רייכע סטאַדעס מיט קי, וואָס מען טרייבט אין און פֿון פֿעלד...

ביינאַכט, אַז איך בין געלעגן אין אויפֿגעשלאָגענעם שאַלאַש, האָב איך געהערט דאָס ווילדע וואָיען פֿון שאַקאַלן, וואָס קומען אַראָפּ פֿון די בערג פֿון גלבוע און קומען אָן נאָענט צו די שטאַלן פֿון דער קאָלאָניע, האָט זיך

מיר געדאַכט, אַז דאָס פֿאַרנעם איך דאָס געוויין, דאָס קלאָגן און וואָיען פֿון דער ווילדערניש און וויסטעניש, וואָס די יידישע הענט האָבן פֿאַרטריבן פֿון דעם אָרט.

און וואָס האָבן זיי פֿאַר ז י ך ? גאָרנישט און אַלץ. דריי הונדערט זיינען זיי, און אפֿשר מער. די גרעסטע צאָל חתונה־געהאַט. טאָקע זיך באַקענט אויפֿן אָרט, אין פֿעלד, אין דרויסן ביי דער אַרבעט, אָדער שבת אין וועלדל, אָדער אין „בית־עם" ביים עסן. איבערגערעדט, פֿאַרקוקט זיך אויף אַנדערע, און אויך חתונה געהאַט. אָפֿטמאָל מאַכט זיך, אַז עס גייט אַוועק אַ בחור אויף אַ פּאָר טעג אין אַן אַנדער קאָלאָניע און ברענגט זיך פֿון דאָרט מיט אַ לעבענס־חבר. אַריינגעגאַנגען אין ביוראָ, געמאָלדן אַזוי און אַזוי — ווילן האָבן אַ חדר צוזאַמען, פֿאַרשרייבן זיך, אַ חופּה געשטעלט, מיט די פּיסטאָלעטן אויסגעשאָסן און געגאַנגען וואוינען צוזאַמען. ער — אַ גאַנצן טאָג אין פֿעלד, זי — ביי די בהמות, אָדער אין מילך־ווירטשאַפֿט, אָדער אין גרינגס־גאָרטן, אָדער אין הויז ווירטשאַפֿט, אין דער קיך, ביי דער וועש (ווענדט זיך, אין וועלכן געזונט צושטאַנד זי געפֿינט זיך; אין די הויכע חדשים אַרבעט זי ביכלל נישט). בעתן עסן זיך געטראָפֿן צוזאַמען ביים אַלגעמיינעם טיש און — ווייטער צו דער אַרבעט. פֿאַרנאַכט — ווידער זיך געטראָפֿן ביים עסן, פֿאַרבראַכט אַ שעה צוזאַמען אין דרויסן, אין פֿעלד אונטער די שטערן. געחלומט צוזאַמען דעם חלום פֿון פֿאַרגאַנגענהייט און צוקונפֿט (די קעגנוואַרט איז דאָך נאָך אַלעם אַזוי אָרים), גייט מען אַהיים אין דער בשותּפֿותדיקער שטוב, וואו דאָס ווייבל האָט דאָך נאָך צייט געפֿונען צו מאַכן די בעטן, צו פֿאַרהענגען די פֿענצטער, איידער זי איז אין דער פֿרי אַרויס צו דער אַרבעט, אָדער אפֿשר אין מיטן טאָג זיך אַריינגעכאַפּט אויף אַ האַלבע שעה. שטייט דאָס שטיבל אין אָרימען, אַריינרעגנדיקן שאַלאַש ווי אַ כשרע נעסט. זיין בעט — איר בעט; זיין קעסטל — איר קעסטל; אויף זיין זייט וואַנט — אַ פּאָר פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון היימישע פֿאַרזאַמלונגען, פֿאַרווילונגען; אויף איר זייט — אַ פּאָר פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון היימישע. די ביכער שטייען שוין בשותּפֿות אויפֿן געמיינזאַמען טישעלע, אויף וועלכן ס'שטייט אויך איר פֿאָטאָגראַפֿיע, אַ פֿאַרטראַכטע אין איר מיידלשן חלום. זיצט מען אַ שעה צוזאַמען פֿאַרן שלאָפֿן־גיין, און מען לייענט צוזאַמען דאָס לעצטע העברעאישע ביכל (ווען דער יונגערמאַן היט נאָר נישט ביי די שטאַלן אין דרויסן). קומט אַ קינד, איז די מאַמע דערמיט אין דעם קימפּעטאָרינס־ און אַרבעטער־שפּיטאָל. אַרויס פֿון געלעגער — דאָס קינד אין אַלגעמיינעם קינדער־הויז, די מאַמע — צו דער אַרבעט.

די קינדער־היים — דאָס איז דער שטאָלץ פון דער קאָלאָניע. אליין וואוינט מען נאָך אין צוזאַמענגעקלאַפּטע ברעטער. די הייזער — אַרום די שטאַלן מיט בהמות (מורא פאַר גנבה נאָך). ווערט מען געפלאָגט נאָך, ווערט מען געפלאָגט בייטאָג און ביינאַכט פון די בייזע פליגן. וואָס פליען־אַרום. די פליגן — דאָס איז פּרעהס מכה פון הייסעריק — אומעטום זיינען זיי דאָ: אין בעט, אין שיסל, בעת מען עסט. אָבער די קינדער־היימען — אָפּגע־זונדערט, אין ריינע, ציכטיקע הייזער, צווישן דער „שולע" פון יונגע ביימ־לעך און אָריענטאַלישע פלאַנצונגען, וואָס דער אַגראָנאָם סירקין פאַרלעגט אין דער קאָלאָניע. אינוועניק — אַן איבערגעטריבענער לוקסוס פון זויי־בערקייט און ציכטיקייט, וואָס נישט פאַר קאָלאָניסטן־קינדער, נאָר פאַר מיליאָנערן־קינדער פּאַסט עס. דייטשישע און שווייצאַרישע יידישע מיידלעך, געטריבן קיין ארץ־ישראל פון דער זעלבער בענקשאַפט־אידייע, אָבער דאָ האָבן זיי זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו דער שווערער פיזישער אַרבעט, האָבן זיי אויף זיך גענומען דאָס פלעגן פון די קינדער. אין זויבערע בעט־לעך, באַשיצט פון פליגן און אינזעקטן אונטער ווייס־טולענע נעצן, ווערן די קינדערשע לייבלעך געהאַלטן אין אַ וואונדערבאַרער זויבערקייט. קיין זאַך איז נישט צו־טייער, קיין זאַך איז נישט צו־גוט גענוג פאַר די קינדער. צו דער ריכטיקער מינוט קומט די מאַמע אַראָפּצולויפן פון פעלד, אָדער פון קו־שטאַל, און זויגט־אָן דאָס קינד און גייט צוריק צו איר אַרבעט. דערפאַר אָבער, ווען עס קומט פאַרנאַכט, איידער מען גייט צום עסן, ווען די מענער זיינען נאָך אונטן, ביים טייכל, און באָדן זיך נאָך אין דעם שווייס פון שווערן הייסן טאָג, קומען די מוטערס פריער אַהיים, נעמען אַרויס די קינדער פון די קינדער־היימען און טראָגן זיי די פאָטערס אַנט־קעגן. דער פאָטער זעצט אַרויף דעם יונג אויף זיין אַקסל רייטן און מיטן ווייב אונטערן אָרעם גייט מען, אָפּטמאָל באָרוועסע און אָפּטמאָל האַלב־נאַקעטע — נאָר שטענדיק פריילעכע — צום „בית־עם", צום אָרימען, נאָר געררעכטן מאָלצייט. און אָפּטמאָל, ווען די מוטער פאַרשפּעטיקט זיך אין פעלד, אָדער עס איז פּונקט איר צייט היינט אין דער קיך, ביי קאָכן עסן, אָדער ביים דערלאַנגען עסן, שפּילט די פלעגערין דער מוטערס טייל, און טראָגט דאָס קינד דעם פאָטער אַנטקעגן, ווען ער קומט פון פעלד אַהיים.

די קינדער, דאָס זיינען דער שטאָלץ פון דער קאָלאָניע; נישט נאָר פון אייגענע טאַטע־מאַמע, נאָר פון אַלע מיטגלידער פון דער קאָלאָניע. אָפּטמאָל ווייזן אַרויס די קינדער פיל מער איבערגעטריבענע ליבע און וואַרעמקייט צו פרעמדע מיטגלידער פון דער קאָלאָניע, ווי צו זייערע אייגענע עלטערן. דער עיקר רעדט זיך דאָ פון עלטערע מיידלעך און פון

פֿאַרזעסענע בחורים, וועלכע לאָדן־אָן אויף די פֿרעמדע קינדער זייער אייגן טאַטע־מאַמע געפֿיל... האָסטו דאָך געקענט מיינען, אַז ביי אַזאַ סיסטעם פֿון דערציאונג, ווערן די קינדער פֿאַרפֿרעמדט פֿון די עלטערן, און זיי דערקענען נישט דאָס אייגענע לייב, וואָס האָט זיי געבוירן, זאָג איך אייך, אַז — ניין. אַז דער אינסטינקט איז שטאַרקער פֿון אַלע צוגעוווינטקייטן. בין איך אַמאָל אַדורכגעגאַנגען צופֿעליק מיט אַן אַרבעטער איבער דער קינדער־היים אין מיטן טאָג, האָט זיך אַ יונג פֿון צוויי יאָר צעשריען אויפֿן קול און געריסן זיך פֿון דער פֿלעגערינס הענט, צעבראָכן דעם טעלער מיט עסן, אויסגעגאָסן דאָס גלאָז מילך און אויסגעשטרעקט די פֿיס און די הענט אין דער לופֿטן. וואָס איז? ער האָט דעם פֿאָטער דערזען און געמיינט, אַז עס איז שוין פֿאַרנאַכט און ער וועט אים מיטנעמען מיט זיך. עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן — דער טאַטע האָט אים געמוזט אויף די פּלייצעס נעמען און גיין מיט אים צו דער טעגלעכער אַרבעט.

און דערפֿאַר, ווייל אַליין האָט מען גאָרנישט, מען פֿאַרמאָגט גאָרנישט, נאָר דאָס אייגענע לייב און פֿלייש — איז דאָס קינד דאָס איינציקע גוטס, וואָס מען האָט זיך דערוואָרבן אין דער קאָלאָניע. זינגען טאַקע די חלוצים אַזאַ ליד: „זה חלקי מכל עמלי" (דאָס איז מיין טייל פֿון מיין גאַנצער אַרבעט).

לעצטנס איז אויך געוואָרן אַ מנהג אין די חלוצים־קאָלאָניעס, אַראָפּ־צוברענגען די טאַטע־מאַמעס פֿון די „גלות"־לענדער. אויך אין אַנדערע קאָלאָניעס האָב איך געזען פֿיל עלטערן, וואָס זיינען אַראָפּגעבראַכט גע־וואָרן צו די קינדער. זיי קומען פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, און אָפֿטמאָל פֿון שטעט, וועלכע רופֿן מיט זייער קלאַנג אַרויס אַ שרעק אין יידישע אויערן... פֿיל פֿון זיי קומען פֿון אוקראַינע; אַנדערע פֿון פּוילן, פֿון גאַליציע, פֿון רומעניע, אויך פֿון קרים.

די אַלטע לייט וואוינען באַזונדער, און זיי האָבן זייער „אייגענעם „בית־עם", וואו זיי קומען זיך צוזאַמען און עסן ביי אַן אַלגעמיינעם טיש, פֿון אַ קיך וואו זיי קאָכן פֿאַר זיך אַליין, און זאָרגן שוין דערפֿאַר, אַז אַלץ זאָל זיין אויפֿן יידישן וועג (צו דער קיך פֿון די קינדער, זעט זיך אויס, האָבן זיי נישט קיין גרויס צוטרויען). זיי געבן אויך אַכטונג אויף דער אַלגעמיינער כשרות פֿון דער קאָלאָניע. ווען איך בין געווען, האָט זיך פּונקט געמאַכט אַ ברית, און די אַלטע האָבן אים געפּראַוועט מיט אַלע יידישע מנהגים. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, איז פֿאַר זיי נישט אינגאַנצן קלאָר דער אַרט לעבן, וואָס זייערע קינדער פֿירן, און זיי קאָנען נישט פֿאַרשטיין דעם „סיסטעם" פֿון זייערע פּרנסות — ווי איינער האָט זיך אויסגעדריקט.

טאַקע ארץ־ישׂראל — אָבער וואָס וועט דער תּכלית זיין דערפֿון? ער אַרבעט, ער אַרבעט, מיין זון, און האָט גאָרנישט דערפֿון...

נישט איין קרעכץ אַזעלכען הערט איר פֿון די אַלטע, כאָטש אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פֿון דער קאָלאָניע נעמען די אַלטע אָנטייל, און זיי באַמיען זיך נוצלעך צו זיין, צו באַרייכערן דאָס גוטס פֿון דער קאָלאָניע. און מען מוז זאָגן, אַז זיי פֿאַרדינען זיך גאַנץ כשר זייער שטיקל ברויט. איין אייל ערד טאָר נישט שטיין אומבאַאַרבעט, און קיין איין מענטש טאָר זיך נישט אַרומדרייען אין קאָלאָניע מיט ליידיקע הענט. יעדער טאָג ווערט פֿאַר־צייכנט פֿון יעדן אַרבעטער, ביי וואָס און ווען ער איז געווען באַשעפֿטיקט און וויפֿל שעה ער האָט געאַרבעט — כאָטש ער קריגט דערפֿאַר קיין באַ־זונדער געצאָלט נישט — און טאָמער דרייט זיך ווער אַרום און ווייזט נישט אַרויס קיין גרויס חשק צו דער אַרבעט, איז אָדער ער פֿאַרלאָזט באַלד אַליין זיין פּלאַץ, אָדער ער ווערט אַרויסגעשיקט. וואָס איז נוגע די עלטערן פֿון די חלוצים, זעלבספֿאַרשטענדלעך, געפֿינט מען אויך פֿאַר זיי אַרבעט, וואָס איז צוגעפּאַסט לויט זייערע יאָרן. די מענער, אָדער זיי באַשעפֿטיקן זיך ביי די ביכער (די אינטעליגענטערע) אָדער זיי לערנען זיך אויס מלאכות (ווען זיי קאָנען נישט פֿון דער היים): סטאָלאַרעווען, פֿאַרריכטן וועגן, זעצן־אַריין שויבן, נייען קליידער. די ווייבער פֿליקן־אויס די וועש, פֿאַר־ריכטן זעק, און דאָס גלייכן.

וואָרים אַזוי לאַנג, ווי יעדער איינער לעבט אין דער קאָלאָניע, מוז ער אַרבעטן, שאַפֿן, — נוצן ברענגען. קוים הערט ער אויף זיך צו באַטייליקן אין שאַפֿן פֿון דער קאָלאָניע — מוז ער זי פֿאַרלאָזן. האָט ער געמעגט זיין איינער פֿון אירע בויערס און גרינדערס. דאָס לעבן פֿון יידישן דאָרף־מענטש אויף דער שטרענגער ערד פֿון ארץ־ישׂראל איז אַן ערנסטס און אַ שטרענגס, און אַזוי איז זיין געוויסן צו זיין אידעאַל. וואָרים די אַלע, וואָס זיינען אַהער אַראָפּגעקומען און זיצן דאָ, זיינען נישט דאָ פֿאַר זייער אייגן פּערזענלעך גליק אָדער וואוילשטאַנד. פֿאַר וואוילשטאַנד וואָלט אַזאַ פֿעאיקער אַגראָנאָם, ווי סירקין איז, וועלכער האָט דאָס אָרט פֿאַרוואַנדלט אין אַ גן־עדן, געקאָנט אין פֿראַנקרייך, אָדער אין קאַנאַדע, אָדער אין יעדער אַנדער מדינה קומען ווירקלעך צו אַ „תּכלית", ווי די אַלטע יידן זאָגן; און דאָ וואָס האָט ער? די ערד באַלאַנגט צום נאַציאָנאַל־פֿאָנד. די אַרבעט, וואָס זיי לייגן אַריין אין דער ערד, ברענגען זיי ווי אַ קרבן פֿאַרן לאַנד. זייער לעבן איז אַוועקגעגעבן דעם יידישן אידעאַל. עס איז — זאָלן זיי מיר מוחל זיין פֿאַר דעם פֿאַרגלייך — ווי אַ „קלויסטער־קאָלאָניע" (גאַנץ ארץ־ישׂראל איז געגליכן צו אַ קלויסטער), וואו אַלץ ווערט געטאָן

לשם־שמים. פֿאַר זיך — גאָרנישט. ווען דער הלוץ גייט אַוועק פֿון דער קאָלאָניע, לאָזט ער אַלץ איבער הינטער זיך — זיין אַרבעט פֿון פֿיל יאָרן — און נעמט גאָרנישט מיט; אַפֿילו נישט דעם שופֿל, מיט וועלכן ער האָט די ערד געגראָבן, נישט קיין איבעריק העמד.

איז אַ וואונדער, וואָס זיי זיינען אַזעלכע שטרענגע? דאָס לעבן האָט זיי שטרענג געמאַכט, און די הייליקייט פֿון זייער אידעאַל האָט זיי פֿאַרהאַרטעוועט.

עס ווערט אין דער קאָלאָניע „עין חרוד" געשאַפֿן אַלצדינג וואָס די קאָלאָניע פֿאַרברויכט. אויף גאָרנישט ווערט אויסגעגעבן, אַ חוץ אויף אַ ביסעלע רויך, וואָס איינער באַדאַרף עס. גאַרבערס אַרבעטן אויס אייגענע לעדער, און די מיל מאָלט אייגן ברויט. איך האָב זיך געוואָלט באַקענען מיטן שוסטער פֿון דער קאָלאָניע. אַ מענטש מיט אַ שטרענג פּנים, אַ יונגער, אַ שיינער, נאָר אַן ערנסטער — אַ שרעק. עס איז אוממעגלעך געווען זיך מיט אים צו באַקענען. ער האָט זיך געהאַלטן שטאָלץ און פֿאַר־מאַכט אויף זיבן שלעסער. איך האָב אים געפֿרעגט, אויב ער איז געווען אַ שוסטער אין דער היים — נישט געקאָנט אַרויסקריגן. פֿון וועלכער שטאָט ער קומט — נישט געקאָנט דערגיין. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן: ער קומט פֿון פּראָסקוראָוו — און איך האָב שוין אַלץ פֿאַר־שטאַנען...

איז אַ וואונדער, וואָס זיי זיינען אַזעלכע שטרענגע?...

אַז איך בין מיט איינעם פֿון זיי פֿאַרבייגעגאַנגען די קינדער־קאָלאָניע, און געזען ווי די צוויי־יעריקע קינדער לויפֿן אַרום מיט באָרוועסע פֿיס־לעך, אויפֿן הייסן, אָנגעוואָרעמטן באָדן — דאָס וואָס די עלטערן קאָנען נאָך נישט באַוויזן ביזן היינטיקן טאָג — האָט ער זיך פֿאַרקלערט און געזאָגט צו מיר:

—ווער ווייסט, אויב זיי וועלן דאָס זעלבע פֿילן וואָס מיר, אויב פֿאַר זיי וועט די ערד זיין דאָס זעלבע, וואָס זי איז פֿאַר אונדז? אפֿשר וועלן זיי עס לייכט אויסטוישן אויף אַנדערע ערד, אויף בעסערע, אויף רייכערע, אויף פֿעטערע...

זיי וועלן שוין נישט האָבן די בענקשאַפֿט, וואָס מיר — האָט ער געזאָגט מיט באַדויערן, קוקנדיק אויף די קינדער.

און נאָך אַ מינוט האָט ער צוגעלייגט מיט אַ קרעכץ — פֿאַר אונדז בלייבט גאָרנישט איבער, נאָר די בענקשאַפֿט...

קאַפּיטל 9

צווישן יידישע דערפער

די אַלטע פּאַטערס, וואָס די קינדער פון „עין־חרוד" האָבן אַראָפּגע־בראַכט אין דער קאָלאָניע, גייען אַרום און פרעגן: „וואָס וועט זיין דער תכלית?" און מיר דאַכט זיך, אַז זיי האָבן רעכט. מיט דעם גאַנצן רעס־פּעקט, אַכטונג און ליבע, וואָס מען מוז פילן צו די יונגע מענטשן פון „עין־חרוד", וואָס ברענגען זייערע יונגע לעבנס אַזוי פרייוויליק פאַר קרבנות אויפן מזבח פון נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל — מוז מען זיך דאָך שטעלן די פראַגע: „אויב דאָס איז דער ריכטיקער וועג?" כאָטש מען מוז מודה זיין, אַז ביי דער קאַרגשאַפט פון ערד אין ארץ־ישראל, ביי דער האַרטנעקיקייט פון דער נאַטור, מוזן געזוכט ווערן וועגן, ווי אַזוי צו לעזן די פראַגע פון ערד־אייגנטום אין ארץ־ישראל, אַז נישט איינציקע הענט זאָלן אַריינכאַפּן דאָס ביסעלע לאַנד, וואָס געפינט זיך נאָך אין ארץ־ישראל, און האַנדלען דערנאָך מיט דעם סענטימענט, וואָס יידן פילן צו ארץ־ישראל, און אויסנוצן דעם אָפּערווויליקן אידעאַליזם פון איינגעעקשנטע יונגעלייט פאַר אייגענע נוצן. קיין איין טאָג וואָלטן די יונגעלייט דאָ נישט איבערגעבליבן און נישט געהאַט דעם ווילן און די מאַכט בייצושטיין די אַלע שווערע נסיונות פון ערד, קלימאַט, ווילדערניש, ווען זיי וואָלטן נישט געוווען געוואוסט, אַז נישט פאַר זיך, אָדער פאַר וועלכן ס'איז יחיד, בויען זיי דאָס, וואָס זיי בויען — נאָר פאַרן יידישן כלל, און צוזאַמען מיט זייערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן ווערן אויך פאַרווירקלעכט די אידעאַלן פון יושר און סאָציאַלער גערעכטיקייט, וואָס זיי האָבן צוזאַמען איינגעזויגן אין זייער בלוט ביי זייער נאַציאָנאַלער דערציאונג. סאָציאַלער יושר באַווייזט זיך שטענדיק ביי יעדן אָנהויב פון פאַרווירקלעכן אַ פאָלקס־אידעאַל. ביי אונדז איז שטענדיק געווען פאַרבונדן דאָס אויפבויען פון ארץ־ישראל מיט דער משיח אידייע און די ווידער־אויפלעבונג פון יידישן פאָלק מיט אַבסאָלוטער גלייכגעשטעלטקייט פון אַלע קלאַסן פון יידישן פאָלק.

די מערסטע יונגעלייט פֿון „עין־חרוד“ קומען פֿון רוסלאַנד — פֿיל פֿון קרים, פֿיל פֿון אוקראַינע, כאָטש עס פֿעלן אויך נישט קיין פּוילישע יידן (פּוילישע יידישע אידעאַליסטן זיינען געוועזן די בויער פֿון „עין־חרוד“), אַלץ מענטשן, וואָס האָבן אַ העלפֿט פֿון זייער לעבן שוין אַוועקגעגעבן פֿאַר דעם ארץ־ישראל אידעאַל. אין ארץ־ישראל רופֿט מען זיי (און זיי האַלטן זיך אַליין אויך פֿאַר) יידישע קאָזאַקן, וואָס נעמען אויף זיך פֿרייוויליק אַפּצודינען אַ לעבן דעם יידישן פֿאָלק. איך ווייס נישט, אויב „עין־חרוד“ איז אַ פּראַקטישע לייזונג פֿון דער פֿראַגע. יעדנפֿאַלס איז עס אַ וואונדערבאַרע שולע, אַ פּיאָנערן־שולע. און די מענטשן, וועלכע גייען דורך די שולע, ווערן פֿאַרהאַרטעוועט, דורכגעברענט אין זיבן קאַלך־אויוונס פֿון האַרטנעקיקן ווילן און קרישטאַלענעם אידעאַל. און ארץ־ישראל באַדאַרף האָבן אַזעלכע בויערס.

איך גלויב, אַז אַ פֿיל פּראַקטישער אופֿן פֿון פֿאַרוואַלטונג פֿאַר דעם ארץ־ישראל באַדן איז די „בורזשואַזע“ קאָמונע פֿון נהלל, אויך אַ קאָלאָניע, וואָס איז אויפֿגעשטאַנען אין די לעצטע יאָרן אין עמק, פֿון די עלטסטע און איבערגעגעבנסטע יידישע אַרבעטער. אַזוי ווי „עין־חרוד“, באַלאַנגט אויך דאָ דער באָדן צום נאַציאָנאַל־פֿאָנד, און ווערט אַוועקגעגעבן אין אַרענדע צו די פּויערים פֿון נהלל, אַזוי לאַנג ווי זיי באַאַרבעטן דעם באָדן. דער חילוק איז נאָר דער, וואָס זיי לעבן נישט אין אַ קאָמונע, נאָר יעדער קאָלאָניסט האָט זיינע הונדערט דונאַם, וועלכע ער באַאַרבעט אַליין אויף אייגענע אַחריות, ער טראָגט אַלע היזיקות און ער האָט אַלע רווחים פֿון דער אַרבעט פֿון זיין שוויס. נאָר אַרבעטן, וואָס פֿאַרלאַנגען מערערע הענט, ווערן געטאָן קאָלעקטיוו, און זיי העלפֿן איינער דעם אַנדערן אין באַזונדערע נויטן. די קאָלאָניע געפֿינט זיך אין אַ גלענצנדן צושטאַנד. די איבער הונדערט קאָלאָניסטן, וועלכע באַוואוינען די קאָלאָניע, זיינען נישט נאָר צופֿרידן, נאָר גליקלעך און באַגייסטערט. און ווי באַשיידן און אָרעמלעך עס זיינען נישט זייערע היילצערנע הייזלעך, רוט אין זיי די שכינה פֿון די גערעכטע. די מערסטע קאָלאָניסטן באַשטייען פֿון אידעאַליסטישע אינטעליגענטע פּועלים, וועלכע האָבן „אָפּגעאַרבעט“ ביים יידישן פֿאָלק צענדליקער יאָרן. ווי אָרים זייערע היימען זיינען נישט, געפֿינט איר דאָרט דעם שמייכל, וואָס לייכט אויף דעם פּנים פֿון אַ מענטש, וואָס לעבט בשלום מיט זיין אידעאַל. זייערע פֿעלדער באַלאַנגען צו די בעסטע אין ארץ־ישראל; זייערע ווייצן און זייערע גערשטן זיינען געבענטשט פֿון אַרבעטער־הענט און זייערע קי גיבן די מערסטע צאָל ליטער מילך. אַז איך בין אַריינגעקומען אין דער קאָלאָניע, האָבן מיך ווייבער מיט זייערע קינדער

אַרומגעריינגלט מיט בלומען אין די הענט, און מען האָט געקאָנט פֿילן די בלומען, וואָס וואַקסן אין זייערע הערצער. אַ חוץ די שווערע שטייערן, וואָס עס לייגט אויף זיי אַרויף די ענגלישע רעגירונג; חוץ, וואָס זיי האָבן איינגעפֿירט די בעסטע און מאָדערנסטע כלים הויבן זיי שוין אָן אָפּצוצאָלן דעם חוב דעם יידישן פֿאָלק.

אין בלפֿוריה האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דאָס וואָרט, וואָס מען הערט עס איצט אַזוי זעלטן נישט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אין דער גאַנצער וועלט: „הלוואַי אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן״. דאָס איז געווען אַן ענטפֿער אויף מיינער אַ פֿראַגע: „ווי גייט עס, ר׳ פֿעטער?״ און דעם ענטפֿער האָט מיר געגעבן אַ געלער, אָפּגעשווירענער ייד, מיט אַ זומער־באַשפּריגקלטן פּנים, אין אַ שטוב מיט פֿליגן, וועלכע האָבן זיך געראַיעט אַרום טרוקענעם קעז און אַרום גרויסע קאַנען מיט מילך. דער ענטפֿער איז געווען פֿון אַן אוקראַינער ייד, וואָס האָט קוים געראַטעוועט דאָס טרוקענע לעבן, ער מיט זיין ווייב און זיינע זעקס קינדער. אין הויף זיינען פּונקט אָנגעקומען פֿון פֿעלד זיינע צוויי יונגען, אויך מיט אָפּגעשווירענע קעפּ און באַשפּריגקלטע פּנימער, זיצנדיק אויף אַ שטאָק־הויכער פֿור היי, וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס געבראַכט פֿון פֿעלד.

— איר זעט די „בנים״? — ווייזט מיר דער פֿאָטער מיט שטאָלץ — הלוואַי גיט מיר גאָט כאָטש אַ טוץ, בין איך אַ פֿאַרזאָרגטער, און איר זעט די בנות? — ווייזט ער אויף זיינע צוויי מוידן, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט די עמערס מילך פֿון שטאַל אַרויס — הלוואַי כאָטש זעקס אַזעלכע. ביי מיר זיינען קינדער קיין „באַוול״ נישט.

געהערט אַזעלכעס, האָב איך זיך זייער פֿאַרוואונדערט. איך בין נישט געוואוינט געווען צו הערן פֿון יידן אין דער איצטיקער צייט, אַז זיי זאָלן זיך בענטשן מיט פֿיל טעכטער. איך האָב זיך אויסגעפֿרעגט ביים ייד, און געוואויר געוואָרן, אַז דאָס האָט אים אַ רייכער אַמעריקאַנער קרוב אַרויסגענומען פֿון מצרים (פֿון אוקראַינע) און איינגעאָרדנט אין דער קאָלאָניע.

בלפֿוריה רופֿט מען טאַקע די אַמעריקאַנער קאָלאָניע. מערסטנס זיינען די קאָלאָניסטן אַליין אַמעריקאַנער, די קאָלאָניע איז אויך אין אַ וואוילהאָבנדיקן צושטאַנד. פֿון די הונדערט דונאַם לעבן זיי אַ באַשיידן, נאָר אַן ערלעך און געזונט לעבן. אַבי עס זיינען נאָר דאָ געגוג הענט צו אַרבעטן. די קאָלאָניע מאַכט, איבעריקנס, אויסערלעך אַן איינדרוק נישט ווי אַ קאָלאָניע, נאָר — ווי אַ זומער־וואוינונג פֿון רייכע מענטשן, אָדער אַ גאָרטן־שטאָט. די הייזער זיינען אַלע געבויטע און וואונדערבאַרע אַרכי־

טעקטורישע סטילן, וואָס אַ יידיש־דייטשישער פֿעאיקער אַרכיטעקט אַרבעט
איצט אויס פֿאַר די קאָלאָניסטן.

איך בין אַריינגעקומען אין דער קאָלאָניע פֿאַרנאַכט, און דאָס ליכט האָט זיך אַרויסגעגאָסן פֿון די ברייטע פֿענצטער אין באַקוועמע וועראַנדעס. איך האָב געמיינט, אַז איך בין אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ פּראַכ־טיקער גאָרטן־שטאָט ביי ניו־יאָרק אָדער שיקאַגאָ — נישט אין קיין קאָלאָניע: שיינע אַקאַציע־אַלייעס, און פֿאַר יעדן הייזל גרינס און בלומען־גערטנער.

בכלל באַדאַרף מען זאָגן, אַז אין דאָרף פֿילט מען נישט דעם קריזיס פֿון ארץ־ישראל. אין דער הינזיכט ווערט ארץ־ישראל גלייך צו יעדן אַנדערן לאַנד, און די באַפֿעלקערונג פֿון ארץ־ישראל — צו יעדער אַנדערער באַפֿעלקערונג. וואָס עס זאָל זיך נישט אָפּטאָן אין שטאָט — דאָס דאָרף שלאָפֿט רואיק.

אַ חוץ עפֿולה, וואָס איז געבויט געוואָרן אין איילעניש — אויף די זעלבע יסודות וואָס תּל־אביב. עפֿולה מאַכט אַ קלעגלעכן איינדרוק און די פֿיל אַרבעטלאָזע, וואָס דרייען זיך דאָרט אַרום, און די פֿיל אַנטוישטע יידן, וואָס האָבן פֿאַרלוירן זייער געלט אין פּלעצער און האַלב־געמויערטע הייזער (וואָס זיי קאָנען איצט נישט פֿאַרענדיקן), וואַרפֿן אָן אַ חושך און אַ פּחד אַפֿילו צווישן די פֿעטע און פֿייכטע פֿעלדער פֿון גליל.

איבער גן־ילדים — אַ קאָלאָניע, וואָס ווערט באַאַרבעט אויסשליסלעך פֿון די פּאָגראָם־קינדער פֿון אוקראַינע (וועלכע ווערט אויסגעהאַלטן פֿון אַפֿריקאַנישע יידן), — זיינען מיר געפֿאָרן קיין „נחלת־ישראל". מיר האָבן געהערט, אַז אין „נחלת־ישראל" האָט מען די נאַכט געהרגעט אַ יידישן וועכטער. „נחלת־ישראל" איז אַ קאָלאָניע, וואָס די „אגודה" האָט פֿאַר־קויפֿט אין קליינע חלקים צו אירע אָנהענגער. האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין אָן אַוואַנטוריסטישן פּלאַן (וואָס יעדער משוגענער אָדער אַוואַנטוריסט אַרבעט־אויס יעדע פֿאַר וואָכן, ווי אַזוי צו באַזעצן ארץ־ישראל מיט יידן), אַז פֿינף דונאָם איז גענוג פֿאַר אַ פֿאַמיליע זיך צו דערנערן, און אַרויס־געשיקט שליחים איבער דער וועלט, וועלכע האָבן פֿאַרקויפֿט צו יידן אויפֿן פּאַפּיר זייער חלק אין ארץ־ישראל, וואָס איז געוועזן אויסגעמאָלט און באַצירט מיט פֿרומע, יידישע פּסוקים: אַ הויז צו וואוינען, אַ שטאַל פֿאַר די בהמות, אַ גאָרטן אויף גרינס, אַ פֿעלד פֿאַר תבואות, וואַסער פֿאַר אַ מקווה, אַ שטיבל פֿאַר די חסידים — מיט איין וואָרט: נאָר צו קומען און אַוועקצוזעצן זיך „אונטערן פֿייגנבוים און וויינשטאָק".

אַז איך בין אַרייַנגעקומען אין דער „קאָלאָניע“, האָב איך אָנגעטראָפֿן אַ חורבן — „אַ חורבן“ איז ווינציק — קיין פּיינט האָט נישט געקאָנט אויסטראַכטן קיין קלעגלעכער בילד, ווי דאָס, וואָס האָט זיך דאָרט אַנט־פּלעקט פֿאַר די אויגן. צוגעקלאַפּטע, מיט ברעטער, פֿענצטער און טירן, אויף הילצערנע הייזלעך, מיט האַלב־פֿאַרפֿוילטע דעכער, וועלכע זייַנען פֿאַרלאָזט געוואָרן פֿון די אייַנוואוינער. אין איינעם פֿון די הייזלעך ליגט אַ מת, געהרגעט געוואָרן פֿון די אַראַבער בייַנאַכט. די אַלמנה מיט די קינדער, וואָס זייַנען ערשט אָנגעקומען, זיצן אַבלים אויף דער שוועל פֿון הייזל. אין דער „קאָלאָניע“ אַליין דרייט זיך אַרום אַ ייד מיט אַ ברייטן קאַפּעליוש, און אַ פּאָר גרויסע אַמעריקאַנער ברילן, מיט אַ פּאָר גרויסע, גרויע ברעמען, זעט ער אויס ווי אַן אַמעריקאַנער „רעווערענד“ (און ווי איך בין געוואויר געוואָרן, איז עס טאַקע געווען אַ רבל פֿון שיקאַגאָ) — און בייזערט זיך אויף דער אַמעריקאַנער יידענע, וואָס דרעפּטשעט לעבן אים און פֿאַרהאַלט זיך מיט די הענט די וויינענדיקע אויגן:

— שוטה, בהמה, אָקס, קו — רופֿט ער אויס אַלע נעמען פֿון זייַן אינווענטאַר אויף דער יידענע — וואָס וויינסטו, וואָס? אַז מען האָט דיך אָפּגענאַרט, איז וואָס — באַדאַרפֿסטו וויינען?

איך האָב געפֿרעגט דעם ייד, פֿאַרוואָס ער איז אַזוי אויפֿגערעגט, האָט ער מיך געסטראַשעט מיטן רויטן שטעקן אין האַנט. געמיינט אַז איך בין אַן ארץ־ישׂראלדיקער און ער איז אַרויף אויף מיר מיט לשון. ערשט אויף דער עצה פֿון מייַנעם אַ פֿריינט, און אַז איך האָב באַנוצט אַ פּאָר ענגלישע ווערטער, האָט ער זיך מיט מיר דערפֿרייט:

— זענט איר אויך אַן אַמעריקאַנער, אַזוי זאָגט — קריגט ער צו מיר צוטרויען — מיט אַ היגן וויל איך נישט רעדן. אייך וועל איך דערציילן

ער קומט פֿון שיקאַגאָ, וואו ער איז געווען אַ רבל; געמאַכט אַ פּאָר דאָלאַר, אָפּגעמל'עט אַ פּאָר איטאַליענעשע שקצים, וועלכע האָבן זיך פֿאַר־ליבט אין יידישע מיידלעך, האָט ער זיך געקלערט אויף דער עלטער צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. ביי אים אין שול האָט אים אַ פֿאָרשטייער פֿון דער „אַגודה“ פֿאַרקויפֿט אַ נחלה פֿאַר דריי טויזנט און דריי הונדערט דאָלאַר, וועלכע ווערט אויפֿגעשטעלט פֿאַר אים אין דער קאָלאָניע „נחלת־ישׂראל“ — אַן אייגן הויז, אַ שטאַל, אַ קו, אַ פֿעלד פֿאַר תבואה, אַ גאָרטן אויף גרינס — מיט איין וואָרט: אַלץ וואָס אַ ייד דאַרף צום לעבן; האָבן זיך געזעגנט מיט אים זייַנע לאַנדסלייט, געמאַכט אים אַ באַנקעטל, געהאַלטן „ספּיטשעס“, אים געוואונטשן אַ גוטע עלטער אין ארץ ישׂראל.

אַ שטאָט מיט מענטשן האָט מיך מקנא געווען, זאָגט ער, וואָס מיר האָבן די זכיה צו פאַרן קיין ארץ־ישראל, אין דער אייגענער נחלה. צום סוף, איך קום צופאָרן: וואו איז מיין „נחלה״? וואָס נחלה, ווען נחלה — קיין הויז, קיין בוידעם, קיין שטאָל, קיין פעלד — אַ וויסטעניש! מענטשן זיינען זיך צעלאָפן, און אָנשטאָט דעם געפין איך אַ מת אין שטוב. אַ שיין ארץ־ישראל!

— וואָס האָט איר געמיינט, מען וועט אייך פאַרקויפן אַ שיקאַגאָ? אַ ניו־יאָרק וועט מען אייך פאַרקויפן פאַר אייערע דריי טויזנט דאָלאַר? — טענהט צוריק צו אים אַ יידל אין אַן ארץ־ישראל כאַלאַטל, מיט אַ שפיציק בערדל און ציטערדיקע פיאות, דער פאָרשטייער פון דער „אַגודה״.

— מען האָט מיר געזאָגט פינף דונאַם. וואָס ווייס איך פון אַ דונאַם? אין דער היים האָט מען געוואוסט פון אַ מאָרג, פון אַ דעסיאַטין. איך האָב געמיינט פינף דונאַם! אַ פעלד! צום סוף, מען ווייזט מיר אַן אַ שטיקל, געזגוג אויף אַ „יאַרד״ (אויף אַ הויף) — אויך נישט — און דאָס זאָל מיך מפרנס זיין!

אין „נחלת־ישראל״, אַ חוץ דעם טויטן, וואָס די אַראַבער האָבן ביי־נאַכט געהרגעט, און דעם אַמעריקאַנער רבל, וואָס איז געקומען צו זיין נחלה, האָב איך געפונען נאָך אַ „קאָלאָניסט״, אַ פוילישן ייד, אַ טלית־מאַכער, וואָס ער איז אַראָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל מיטן רבינס כּוח. געמיינט, אַז ער וועט דאָ פאַרלייגן אַ פאַבריק פון טליתים. און דער סוף — פון די טליתים איז גאָרנישט געוואָרן.

אין דער היים, אין פוילן — דערציילט ער מיר — האָב איך אויס־געאַרבעט „ארץ־ישראל טליתים״, זיינען זיי געגאַנגען. און דאָ, אין ארץ־ישראל, אַרבעט איך אויס טליתים, רופט מען זיי „פוילישע״ און זיי גייען נישט.

נאָר דעם ייד האָט גלאַט געטראָפן אַן אַנדער גליק: ער איז אַראָפּ־געקומען מיט שיינע טעכטער, און איינע פון זיי האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַ פרומען פראַנקפורטער יונגנמאַן, וואָס באַלאַנגט אויך צו דער „אַגודה״ און איז אויך אַ „קאָלאָניסט״ פון נחלת־ישראל, און די צווייטע שטייט שוין אין שידוכים. און אַז דער ייד האָט זיך גענומען קלאָגן אויף ארץ־ישראל, האָט אים מיין באַגלייטער איבערגעריסן אין די רייד:

— וואָס, איר האָט זיך אויך צו קלאָגן? איר האָט אויך צוגעלייגט צו ארץ־ישראל? חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, — אין פוילן וואָלט איר אויך אַזוי געשווינד חתונה געמאַכט אַ טאָכטער?

געהערט דאָס גליק, וואָס האָט דעם ייד געטראָפן, האָב איך זיך אויך אָנגענומען פאַר ארץ־ישׂראל.

— דאָס לעצטע מאָל, ווען איך בין געווען אין פוילן — דערציילט איך דעם ייד — האָב איך געהערט, ווי יידן רופן אָן אַן אײדעם „פּראָ־פעסאָר״: מיין „פּראָפעסאָר״, רימט זיך אַ ייד מיט זיין אײדעם. אַז איך האָב געפרעגט: „וואָס איז דאָס פאַר־אַ צו־נאָמען פאַר אַן אײדעם?״ האָט מען מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז יעדער אײדעם איז אַ פּראָפעסאָר, ווייל ער שניידט אַראָפּ דעם הויקער און עס טוט גאָרנישט ווײ... נו, האָט איר דאָך זוכה געווען צו אַ „פּראָפעסאָר״ — וואָס קלאָגט איר זיך?

—איך קלאָג זיך טאַקע נישט — האָט זיך דער ייד פאַרשעמט אָנ־גערופן — איך זאָג שוין גאָרנישט. אַוודאי האָט מיר גאָט געטאָן אַ נס, צו עסן איז נישטאָ, אָבער אַ טאָכטער האָב איך דאָך אויסגעגעבן...

אַז איך בין צוריקגעפאָרן פון נחלת־ישׂראל קיין עפּולה, איז שוין געווען שטאַרק פינצטער. די שטערן האָבן ברייט און ליכטיק געשיינש אַראָפּ, פון דעם טיפן, בלויען ארץ־ישׂראל הימל, און פון דער פינצטערער ערד האָבן שוין אויך אָנגעהויבן אַרויסצושיינען ליכטער פון די פּילע הייזלעך, וואָס זיינען צעשפּרייט אין עמק. איך האָב זיך דערמאָנט אָן פאַר פערצן יאָר, ווען איך בין דאָ געווען. דעמאָלט איז אויך געווען אַזאַ נאַכט, ווי די היינטיקע, די שטערן האָבן געשיינט פון הימל אַראָפּ, נאָר די ערד איז געווען איינגעהילט אין איין געדיכטער פינצטערניש. היינט הויבט שוין אויך אָן די ערד פון גליל צו שיינען, פונקט אַזוי ווי דער הימל אויבן, מיט הונדערטער ליכטער פון מענטשלעכע שטיבער אַרויס. אין מיין האַרץ איז רייף־געוואָרן אַ ברכה אַפילו אויף די איינוואוינער, וואָס וואוינען אין די פרומע הייזער...

קאַפּיטל 10

מיט דעם רבינס כּוח

איבער די שיינע בערג פֿון נצרת, אין דעם פּרוכטבאַרן, פֿלאַכן טאָל, צו דער חסידישער קאָלאָניע, וואָס ליגט נישט ווייט פֿון חיפֿה.

מען קאָן נישט זאָגן ווי אַ כּלל, אַז די פּוילישע יידן האָבן נישט קיין מזל צו ארץ־ישראל, ווי פֿיל פֿון די פּוילישע יידן גלויבן אַליין, און ווי אַנדערע האָבן זיי איינגערעדט. געפֿינען זיך דאָך צווישן די ערשטע דער־פֿאָלגרייכע קאָלאָניסטן נישט ווינציק פּוילישע יידן, און זיינען זיי דאָך די באַגייסטערטע אָנפֿירער און גרינדער פֿון עין־חרוד, און פֿון נהלל, יידישע יונגעלייט, וואָס זיינען געקומען פֿון פּוילן. דער עיקר האָט זיך אַ שטאָט פֿון יענער זייט פֿלאַצק אויסגעצייכנט מיט אַרויסגעגבן אידעאַ־ליסטישע טוער פֿאַר ארץ־ישראל, דער יונגער דור פּוילישע יידן איז שטאַרק פֿאַרטראָטן אין אַלע אַרבעטן פֿון ארץ־ישראל, נאָר וואָס עס איז דאָ עפּעס אמת אין דער אָנגענומענער מיינונג וועגן פּוילישע יידן אין ארץ־ישראל, — איז אמת בנוגע דעם עלטערן דור. און דאָס איז נישט צוליב עפּעס אַ מיסטישן פֿאַטאַליזם, וואָס רוט אויף די פּוילישע יידן. עס איז גאַנץ פּשוט דערפֿאַר, וואָס פֿון עלטערן דור פּוילישע יידן איז געפֿאָרן אַזאַ עלעמענט, וואָס איז לחלוטין נישט געווען צוגעפּאַסט צו די באַדינגונגען און צו דער אַרבעט, וואָס ארץ־ישראל באַדאַרף האָבן.

ס'איז אמת, אַז דער פּוילישער ייד איז מער פֿאַרוויינט, מער גע־פּיעשטשעט, ווי יידן פֿון אַנדערע מדינות. עס קאָן מעגלעך זיין, אַז דאָס קומט פֿון דעם, וואָס דער פּוילישער ייד האָט, נישט אין אַן ערך, ביז איצט, בעסער געלעבט, ווי יידן פֿון אַנדערע מדינות. יעדנפֿאַלס, איז עס נאָר אַן אויסערלעכע זאַך, און דער פּוילישער ייד, אַז ער ווערט „איינגע־בראָכן" אין די צרות און מאַטערנישן, וואָס די ארץ־ישראל ערד איז אים מכבד, ווערט ער נישט ווינציקער פֿאַרהאַרטעוועט און ראוי צו דער ערד, ווי יידן פֿון אַנדערע טיילן פֿון דער וועלט.

לאָמיר זיך נישט נאַרן: וואָסערע עלעמענטן זיינען געפֿאָרן פֿון פּוילן קיין ארץ־ישראל? וואָס האָבן די יידן געוואוסט פֿון ערד־אַרבעט, אָדער

פֿון ארץ־ישראל? ארץ־ישראל האָבן זיי געקענט פֿון „שיר השירים״, אָדער פֿון דער „צאינה וראינה״, אַז דאָס איז אַן ארץ זבת חלב ודבש. די ערד־אַרבעט אין ארץ־ישראל, האָבן זיי זיך פֿאָרגעשטעלט, קומט פֿאָר אין דעם לאַנד פֿון די אָבות אונטער אַזעלכע אומשטענדן: אויפֿן באַרג כּרמל, אָדער אויפֿן לבנון, וואַקסן גרויסע, גרויסע טענענביימער, קליינע פֿוקס־לעך לויפֿן דאָרט אַרום צווישן די טענענביימער, און די שיינע בנות־ציון זיצן מיט האַרפֿעס אין די הענט און פּאַשען די שאָף אין דעם שאָטן פֿון די „גלוסטונג־ביימער״, און זינגען צו די שירי־ציון. און ער, דער שוואַכער ייד, גייט זיך מיט זיין אַקער אין דער האַנט און אַקערט אויף הייליקער ערד פֿון ציון, און ער הערט זיך איין צו די שיינע שירי־ציון, וואָס די בנות־ציון זינגען, פּיטערנדיק די שאָף, אונטער דעם שאָטן פֿון די גרויסע טענענביימער...

אין די קליינע שטעטלעך פֿון פּוילן האָב איך געקענט ציוניסטן, אויסגעדינטע לשון־קודשדיקע לערער, מיט רויטע רויזן אויף זייערע באַקן, וואָס די סוכאַטעס האָבן געמאָלן אויף זיי, מיט שוואַכע הערצער — אַ פֿוס אין קבר, און זיי האָבן נאָך געחלומט פֿון פֿאָרן קיין ארץ־ישראל.

— אָט מיט די הענט — האָט ער אויפֿגעהויבן זיינע גלייכע, ביינער־דיקע, קינדערשע הענט, דער לשון־קודשדיקער לערער, און געוויזן — אָט מיט די הענט וועל איך אויפֿגראָבן די האַרטע ערד פֿון יהודה.

אַזוי האָט ער געחלומט, ביז ער איז אַריינגעטראָטן אין קבר אַריין.

אַ חבר האָב איך געהאַט אין קוטנע. אינאיינעם מיט אים זיך לשון־קודש געלערנט אונטער דער גמרא אין קוטנער בית־המדרש. געבאַרגט זיך ביכלעך, און אין די פֿאַרנאַכטן זיינען מיר געגאַנגען אויפֿן וועג צום בית־הקברות און ביידע געחלומט פֿון די פֿעלדער פֿון ארץ־ישראל, וואו מיר וועלן ביידע וואוינען אין שכנות. מיין סענטימענט צו ארץ־ישראל האָב איך נאָך פֿון יענע טעג, ווען מיר זיינען ביידע געגאַנגען אויף די וועגן שפּאַצירן און געזונגען מאַנעס לידער. איך בין אַוועקגעפֿאָרן אין דער גרויסער וועלט; ער איז געבליבן אין קוטנע, חתונה געהאַט, קינדער געהאַט, אַ סוחר געוואָרן, אַ קראָם אין שטאָט געהאַט, דערנאָך אַן אייגן הויז, נאָר די גאַנצע צייט איז ער געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל די ערד באַאַרבעטן.

— דרייסיק יאָר בין איך געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל — האָט ער מיר געזאָגט.

יעדן שבת איז ער זיך צוזאַמענגעקומען מיט נאָך אַזוינע צוויי־דריי ציוניסטן און זיי זיינען „געפֿאָרן״ קיין ארץ־ישראל. די גאַנצע פּראָווינץ

האָט ער געמאַכט ציוניסטיש געשטימט. אין די צייטן פֿון צאַר איז ער איבער זיינע אידייעס אין תּפֿיסה געזעסן. אָבער ער איז אין קוטנע געבליבן זיצן. געהאַנדלט, געוואַנדלט, קינדער געבוירן און קינדער אויסגעגעבן — און קיין ארץ־ישראל נישט געפֿאָרן. ערשט אַז ער איז אַלט געוואָרן, האָט ער הויז און געוועלב פֿאַרקויפֿט און איז געפֿאָרן. נייך, נישט קיין תּל־אביב מיט פֿלעצער האַנדלען, נאָר די ערד באַארבעטן, אַ פּויער דאָרט צו ווערן. אַ פֿעלד זיך געקויפֿט, קי זיך איינגעשאַפֿט, קאַרטאָפֿלעס פֿאַרזייעט. און איצט האָב איך אים געטראָפֿן אין תּל־אביב אַ פֿאַר־צווייפֿלטן, אַ נידערגעשלאָגענעם, מיט אַ לאָך אין זיין האַרצן, דאָרט, וואו אַ הייליקער פֿלאַם פֿון אמונה האָט געברענט; מיט אַ פֿול מויל פּרעטענ־זיעס און קללות צו די ציוניסטן. זיין יוגנט האָט ער דעם קוטנער געוועלב אָוועקגעגעבן, די עלטער — האָט ער דער ארץ־ישראל ערד געבראַכט. ווער איז אים שולדיק, וואָס אַ קערצל קאַרטאָפֿל קאָסט אים ביליקער צו קויפֿן איידער צו פֿאַרזייען, און אַ קוואָרט מילך פֿון זיין אייגענער קו קאָסט אים טייערער, ווי ער קריגט עס אין געוועלב...

דאָס זעלבע איז מיט די חסידים.

אַ פּאָר יאָר צוריק, האָב איך געטראָפֿן אַ חסידישן יונגנמאַן מיט אַ סימפּאַטישן אויסזען, וועלכן מען האָט פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט ווי דער יאַבלאָנער רבי.

דער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן באַשיידן און פֿרום, האָט געהאַט איידעלע הענט, ווי אַ שוואַכע פֿרוי, אַ בויגזאַמען, דינעם קערפּער, אַן אויסגעטריקנט און אַ גייסטיג־געל פּנים. אויף דעם יונגנמאַן האָט מען מיר אָנגעוויזן ווי אויף משיחס־צייטן — ער פֿאָרט מיט זיינע חסידים קיין ארץ־ישראל צו באַארבעטן די ערד מיט די אייגענע הענט.

איך מוז זיך מודה זיין, אַז קיין גרויס צוטרוי צו זיין אַרבעט האָב איך נישט געהאַט. נאָר דרך־ארץ און רעספּעקט האָב איך יאָ באַקומען פֿאַר אים. אַ רבי, וואָס וואַרפֿט אַוועק זיין פֿעטן טיש און זיין לייכטע מלאָכה און לאָזט זיך אויף אַזאַ ריזיקאַלישע „אונטערנעמונג”, וואָס יעדנ־פֿאַלס, ביי דער באַציאונג צו די נאַציאָנאַלע נויטן פֿון יידישן פֿאָלק, וואָס עס הערשט מצד די יידישע כּלי־קודש, קאָן ער נישט דערוואַרטן קיין אָנערקענונג אין זיינע קרייזן — אַזאַ מענטש מוז אַרויסרופֿן רעספּעקט צו זיך.

לאָמיר זיין גאַנץ אָפֿן. אונדזערע כּלי־קודש צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין איבעריקן אידעאַליזם. מיר קאָנען האָבן פֿאַרשיידענע מיינונגען וועגן די רבנים און חסידים און דעם גאַנצן קלאַס יידישע כּלי־קודש,

אָבער דאָס מוזן אַלע מודה זיין, אַז יעדנפֿאַלס, די היינטיקע יידישע רבנים און גוטע־יידן נוצן נישט אויס דעם גרויסן איינפֿלוס, וואָס זיי האָבן נאָך אויף די יידישע מאַסן, פֿאַר העכערע און גייסטיקע צוועקן, אַפֿילו פֿון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט, אַ חוץ פֿאַר זייערע אייגענע פּערזענלעכע אינטערעסן. איך בין נישט קיין מוסר־זאָגער און נישט מוסרן בין איך געקומען די יידישע כּלי־קודש. מיין באַציאונג צו זיי איז גאַנץ קלאָר. נאָר ווי אַ נאַציאָנאַלער ייד טוט מיר אָפּטמאָל וויי, ווען איך זע, ווי גייסטלעכע פֿון אַנדערע אמונות פּאַסן זיך צו צו די אומשטענדן און צו די דערציאונג־מעטאָדעס פֿון זייער דור און יוגנט, און שענקען זיך אַוועק איינגאַנצן צו די אינטערעסן פֿון זייער פֿאָלק, און איך פֿאַרגלייך זיי מיט די יידישע גייסטלעכע. אין פֿראַנקרייך, וואו פֿאַקטיש די קירך איז אָפּגעשניטן פֿון דער רעגירונג, האָט נאָך ביזן היינטיקן טאָג די קאַטוילישע קירך דעם גרעסטן איינפֿלוס אויף דער דערציאונג פֿון פֿראַנצויזישן יונגן דור. און דעם איינפֿלוס געווינען זיי, נישט דורך מאַכט (ווי אין די אַמאָליקע צייטן), נאָר דורך דעם, וואָס זיי שענקען זיך אַוועק צו דער יוגנט. פֿאָרט אַרויס אין פֿראַנקרייך אויף די פּראָווינצן, אין די וועלדער, אויף די זומער־וואוינונגען, וועט איר זען, ווי טויזנטער און טויזנטער גלחים וואַלגערן זיך אַרום מיט די אָרימע פֿראַנצויזישע קינדער אין די וועלדער, ווי זיי באַשעפֿטיקן זיך מיט די קינדער, כאַפּן צוזאַמען מיט זיי פֿיש, יאָגן זיך אויף רעדער, שווימען צוזאַמען און פֿירן אַן אָרים, געפֿלאָגט לעבן, ווי די אָרימע קינדער.

וואָס האָבן אונדזערע גייסטלעכע געטאָן צו געווינען די יוגנט אויף זייער צד (פֿון זייער אייגענעם שטאַנדפּונקט), אַ חוץ, וואָס זיי לאָזן זיך באַנוגענען מיט אַ פּאָר חרמות און מוסר־זאָגן פֿון צייט צו צייט. האָט איינער פֿון זיי צוזאַמענגענומען די אָרימע יידישע קינדער פֿון די וואַרשעווער גאַסן און זיך אינטערעסירט מיט זייער גורל? פֿאַר יאָרן און יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג ביי די פּוילישע פּויערים אויסצוּוואַנדערן קיין אַרגענטינע און בראַזיליע, קעגן דער רוסישער מאַכט, וואָס האָט דעמאָלט געשטיקט פּוילן, האָבן הונדערטער און הונדערטער גלחים זיך אויפֿגעכאַפּט און מיטגעפֿאָרן מיט די פּוילישע פּויערים קיין אַרגענטינע, געלעבט מיט זיי אונטער די שווערסטע באַדינגונגען, אין פֿרעמדע און פֿיינלעכע קלימאַטן, אַבי צו זיין מיט זיי צוזאַמען און זיי צו דערהאַלטן ביים קאַטאָליציזם און פּוילנטום. רירנד איז צו לייענען וואַן־גאָגס לעבנס־באַשרייבונג, ווען ער איז נאָך געווען אַ גלח, ווי ער האָט געוואוינט מיט די קוילן גרעבער אונטער דער ערד אין בעלגיע.

אָבער אונדזערע רבנים זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע, וואו זיי האָבן געקאָנט פאַרקויפן די פאָטאָגראַפיעס פון זייערע זיידעס צו זייערע לאַנדס־לייט, אָדער מאַכן זיך אייגענע בית־עולמס, וואו אין מיטן בית־עולם שטעלן זיי אויף אַן „אוהל" פאַר זיך און פאַרקויפן קברים צו רייכע שניידערס, לעבן זייער אייגענעם קבר...

האָט איר שוין געהערט אַז אַ רב זאָל איצט פאָרן קיין אויסטראַליע, וואו די יידישע אימיגראַציע האַלט ערשט ביים אָנהויב? ניין. וואָס איר ווילט, קאָנט איר זאָגן אויף אונדזערע רבנים און רביים — קיין גרויסע אידעאַליסטן זיינען זיי, יעדנפאַלס, נישט.

דורך דעם האָב איך מיט אַ באַזונדערן אינטערעס נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער חסידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל, און איך האָב (געהאַט גרויס עגמת־נפש, הערנדיק וועגן זייער דורכפאַל. זייענדיק אין ארץ־ישראל, האָב איך מיר געמאַכט פאַר מיין אויפגאַבע זיי צו באַזוכן און צו פאַרברענגען ביי זיי אַ געוויסע צייט.

די קאָלאָניע אַליין ליגט אין אַ זייער גינסטיקער געגנט. זי איז די נאָענטסטע קאָלאָניע צו חיפה, נישט ווייט פון דער גרויסער יידישער צעמענט־פאַבריק. די קאָלאָניע איז זייער גוט צוגעפאַסט צום צושטעלן מילך, היינער און גרינוואַרג פאַר חיפה, וואָס האַלט זיך אין אַנטוויקלען, און וואָס שפייזט זיך ביז איצט פון אַראַבישע דערפער, ווי אויך פון די נייע יידישע דערפער אין עמק, וואָס שטעלן איר צו מילך פאַר אַ פרייז, וועלכן ניו־יאָרק קאָן זיך נישט שעמען צו נעמען.

די קאָלאָניע פאַרנעמט אויך אַ זייער גרויסע שטרעקע באָדן. איך ווייס נישט אַקוראַט וויפיל דונאַם, נאָר אויסערלעך מאַכט זי אַ גוטן איינדרוק, סיי מיט די באַוואַקסענע פעלדער און סיי מיט די פיל הייזלעך, וואָס שיטן זיך אויס סיי אויפן בערגל, סיי אין טאָל.

נאָר קוים קומט איר אַריין אין דער קאָלאָניע, דערפילט איר גלייך, לויט איר שטימונג, איר מצב. ערשטנס, פאָרט איר אַראָפּ פון וועג דורך אַ גרויסן גראָבן צו דער קאָלאָניע צו. ביאַליק האָט געלערנט מיט מיר פשט אויף צוויי פסוקים פון תנ"ך. ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט „מים נאמנים" און „מעין כזב". „מים נאמנים" הייסט אַזאַ וואַסער, וואָס ווען מען קומט־צו צו אים, געפינט זיך תמיד וואַסער, ווי דער ירדן, למשל. און „מעין כזב" איז דער טייטש: אַזעלכע וואַסערן, וואָס אַמאָל, קומסטו צו, געפינסטו אַ טייך, אַ פרישן און קוואַלנדיקן, וואָס פאַרפלייצט די פעלדער און די סעדער. און אַמאָל קומסטו צו, און — ווי ס'וואָלט דאָרט קיינמאָל קיין וואַסער נישט געווען. אין ארץ־ישראל

געפֿינען זיך פֿיל אַזעלכע „טייכן". אַט אַזאַ „טייך" געפֿינט זיך אויך אויף די פֿעלדער פֿון דער חסידישער קאָלאָניע. טאַקע אויף דעם וועג צו די הייזלעך. ער איז אַ גרויסער ראַוו, אינמיטן זומער איז ער אויסגעטריקנט, נאָר אין ווינטער פֿאַרפֿלייצט ער אַ וועלט. דעם ווינטער האָט זיך דער טייך „אויסגעגאָסן", און די קאָלאָניע איז געווען אַ פּאָר וואָכן אין גאַנצן אָפּגעשניטן פֿון ישוב — מען האָט זיך נישט געקאָנט אַרויסקריגן פֿון איר און נישט געקאָנט צוקומען צו איר. נאָר מיט לעבנס־געפֿאַר האָבן אַ פּאָר מוטיקע יידישע יונגעלייט צוגעבראַכט עסן צו די קאָלאָניסטן. אַז נישט, וואָלטן זיי, חלילה, פֿאַרהונגערט געוואָרן...

דער ערשטער ייד, וואָס איך האָב אָנגעטראָפֿן אין דער קאָלאָניע, איז געווען ביים „ברונים". ער איז געשטאַנען אַן אַלטער, בכּבודיקער ייד, מיט אַ ברייטן ציצית־כּנפֿות און געדרעפּטשעט מיט די באָרוועסע פֿיס אין די טיפֿע בלאָטעס, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַרום „ברונים", און מיט אַ לאָפּעטע אויפֿגעהויבן די בלאָטעס און פֿאַרטיפֿט דעם גראָבן. דער דאָקטער פֿון דער קאָלאָניע, אַ דייטשישער ייד מיט אַ געשוירן בערדל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דייטשישער אָפֿיציר, איז געשטאַנען אין אַ העלם־הוט און אין רייטער־שטיוול און האָט — אָנגשטאָט מיט אַ ראָטע סאָלדאַטן — געקאָמאַנדעוועט מיט דעם אַלטן, שוואַכן יידל, וואָס האָט אויף זיין לאָפּעטע אויפֿגעהויבן אַ ביסל בלאָטע, ווי אַ קינד וואָלט זיך געשפּילט.

— דאָס וואַסער פֿאַרפֿלייצט די פֿעלדער, און עס מאַכן זיך בלאָטעס. פֿון דער מאַלאַריע קומען מיר דערפֿאַר נישט אַרויס, גאָט צו דאַנקען. און ס'איז נאָך דאָ אַ געפֿאַר, ביי די היצן, צו באַקומען טיפֿוס. מען מוז דעם ברונים ברענגען אין אָרדנונג. איך באַדאַרף האָבן צען הענט, און געגעבן האָט מען מיר אָט דעם העלד — דערקלערט אונדז דער דאָקטער.

מיר פֿרעגן זיך נאָך אויף דעם יאַבלאָנער רבין. עס לאָזט זיך אויס, אַז ער געפֿינט זיך נישט אין דער היים. לעצטנס זיצט ער איבערהויפּט אין ירושלים, וואו ער יאָגט זיך אַרום מיט זיינע חסידים, וועלכע פֿאָרן אַהיים, אויסצוגלייכן זיך מיט זיי. ער לויפֿט אַרום צו פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס. אין דער קאָלאָניע איז ער דאָ זעלטן. דערפֿאַר געפֿינט זיך אין קאָלאָניע דער צווייטער רבי, דער קאָזשעניצער.

דערווייל גייען מיר אַריין אין דער ערשטער שטוב, אַ שטיבל צוזאַמענגעקלאַפּט פֿון ברעטער, מיט אַ בלעכענעם דאַך. סיי פֿון דאַך און סיי פֿון די וועגט קוקן־אַריין גרינע פֿעלדער און ליכטיקע שטיקער הימל — דורך די ברייטע שפּאַרעס... אַ יידענע מיט אַ צוגעבונדענעם קאָפּ דרייט

זיך אַרום אין דער נישט־זייער אין אָרדנונג געבראַכטער שטוב, און זי קרעכצט. די פּאָר וואַרשעווער מעבל־שטיקער, וואָס געפינען זיך אין שטוב, שיטן פון זיך די שאָלעכץ, פון די היצן און פון דער פייכטקייט. דריי יונגע טעכטער מיט געשוירענע האָר, וועלכע האָבן נאָך נישט אָראָפּגעוואָרפן פון זיך די „הויט" פון דעם שבת־שפּאַציר איבער דער סענאַטאָרסקע גאַס, דרייען זיך אַרום מיט תשעה־באָב מינעס. איינע וואַשט די וועש; די אַנדערע יאָגט זיך אַרום מיטן איינציקן הענדל. דער מיסט־קאַסטן מיט די קלאַפּער־געצייג — נאָענטע שכנים מיט דער טיר פון הייזל.

— נו, וואָס הערט זיך?

— וואָס זאָל זיך הערן? אַלדאָס גוטס! זאָגט די יידענע מיט אַן עכטן וואַרשעווער טאָן. אָבער דאָס „אַלדאָס גוטס" איז געוואָרן אַרויס־געזאָגט מיט אַזאַ מינע, אַז מען האָט שוין אַלץ פאַרשטאַנען.

דערנאָך איז געקומען דער גאַנצער איכה:

— דריי מאָל שוין איבערגעשלעפּט די „בעבעכעס". דאָס מיינט, מיין הילצערנע קאַמער. צוערשט איז מען געשטאַנען אויפן בערגל. דערנאָך — אונטערן בערגל. היינט שטייט מען אין „קבר". דער זומער — יאָק דער זומער, „ליטניע מיעשקאַניע" (זומער־וואוינונג). נאָר ווינטער — דער רעגן און דער טייך הינטער דער טיר. אין דער היים בין איך געווען אַ וואַרשעווער באַלעבאָסטע, מיט אַ דינסט און אַ „סטרוזשקע"... און דאָ — וואָס בין איך?

די דריי טעכטער שאָקלען ־צו און מאַכן צורעכט אויף זיך די קליידלעך און די האָר. זיי פרעגן זיך נאָך:

— וואָס הערט זיך אין וואַרשע?

קוים זיך אַרויסגעכאַפּט פון שטיבל. איך וויל גיין צום קאָזשעניצער רבין. ער געפינט זיך אויפן פעלד. אַ וואַרשעווער חדר־יינגל, מיט אַ פּאָר ציטערדיקע פּיאהלעך און אַ שייגעציש פּנים, נעמט זיך אונטער מיך צו באַגלייטן. דאָס אייזעלע, וואָס ער האָט אַראָפּגעפירט פון אַ בערגל, גיט ער איבער אַ חבר אַהיימצופירן. אַליין כאַפּט ער זיך אַרויף אויפן וואָגן.

קינדער בלייבן קינדער, אין וועלכער סיטואַציע זייערע עלטערן זאָלן געפינען. אים געפעלט דאָ — אַ וועלט! ער וואָלט נישט צוריק־געפאָרן קיין וואַרשע, „ווען מען מאַכט אים פאַר אַ גענעראַל אַפילו". אין ווינטער רעגנט אַ ביסעלע אַריין אין שטוב. מאַכט די מאַמע אַ געוואַלד און שעלט דעם טאַטן. „מה רעש" — זאָגט ער — „אַז עס רעגנט"?

— „איך האָב ליב אַז עס רעגנט אַריין אין שטוב". און גיי טענה מיט אים.

אין פֿעלד, צווישן הויכע שטעכער, ווילדקרויט, אָרימע זאַנגען און צוויי מאָל שוין איבערגעאַקערטער ערד, טרעף איך אַ יונגנמאַן, ווי ער דרעפּטשעט שווער מיט באָרוועס־באַשיכטע פֿיס אין דער ערד און שטופּט צו די איינגעשפּאַנטע פֿערד דעם אייזערנעם אַקער, וועלכער וואַרפֿט זיך אין זיינע הענט און גיט אים יעדעס מאָל אַ שטורכע אין אַן אַנדערער זייט. דער יונגערמאַן, דערזעענדיק, אַז פֿרעמדע מענטשן קומען אָן, האָט אָפּגעשטעלט דעם אַקער.

אַן איידל פּנים. דאָס קאָן מען נאָך אָנזען פֿון דעם רויט־גרויען, פֿון זומער־היצן אָפּגעשיילטן פּנים. אַ פּאָר גרויסע, בלויע רבנישע אויגן קוקן־אַרויס מיט אמונה און גוטסקייט פֿון דעם איידעלן, פֿאַרהאַרטעוועטן פּנים, וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ יינג, שוואַרץ בערדל. ער שטרעקט מיר אויס אַן איידל־געפֿאָרעמטע האַנט, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַרטעוועט געוואָרן פֿון שווערער אַרבעט. ער זעט אויס ווי אַ מענטש, וואָס האָט אויף זיך גענומען עפּעס אַ הייליקן חוב. און די אַרבעט, וואָס האָט איבער־געלאָזן אַזעלכע שפּורן אויף זיין פּנים און זיינע הענט, האָט נאָך צוגעגעבן אַ גלאַנץ צו זיין איידלקייט.

ער האָט זיך נישט געקלאָגט. ער האָט זיך נישט געגרויסט דערמיט, וואָס ער, אַ רבי, אַן אייניקל פֿון גרויסע רביים, שטייט אין מיטן פֿעלד און אַרבעט. ער האָט עס גענומען זייער נאַטירלעך. פֿאָרלויפֿיק איז נאָך שווער, זייער שווער. פֿיל קאָנען עס נישט אויסהאַלטן און פֿאָרן צוריק אַ היים. „מיר האָבן געמאַכט אַ סך פֿעלערן" — זאָגט ער — „אַוודאי זיינען מיר שולדיק. ווי יעדער אָנהויב. נאָר עס ווערט בעסער, עס מוז בעסער ווערן". און ער האָפֿט אויף אַלעם בעסטן. „גאָט וועט העלפֿן, יידן וועלן באַאַרבעטן די ערד פֿון ארץ־ישראל — מוז דאָך גאָט העלפֿן..."

ער גיט איבער די פֿערד צו זיין שוואָגער, מיט וועמען ער אַרבעט בשותּפֿות און ער וויל גיין מיט מיר אַהיים. ער וויל מיך מיט עפּעס מכבד זיין. דערווייל האָבן אַנדערע קאָלאָניסטן באַמערקט, אַז דער רבי שטייט מיט עפּעס אַ פֿרעמדן און רעדט, האָבן זיי איבערגעלאָזט די אַרבעט אויפֿן פֿעלד און צו אונדז צוגעקומען.

איינער אַ ייד מיט אַ גרויסן, ברייטן ציצית־כּנפֿות, אַ פּאָר גרויסע געלע פּיאות און פּיפּיקע אויגן, האָט צוגעצויגן מיין אויפֿמערקזאַמקייט. איך האָב אים געפֿרעגט, אויב אין דער היים האָט ער אויך געאַרבעט ביי דער ערד.

— אָסור — ענטפֿערט ער מיר — איך בין געווען אַ סוחר פֿון שניט־סחורה אויף נאַלעווקעס.

— און פֿון וואַנען פֿאַלט איר אויס אויף דעם? — פֿרעג איך אים, ווייזנדיק אויף זיינע גראָב־אויסגעאַרבעטע הענט.

— דאָס איז דאָך טאַקע דעם רבינס כּוח — ווייזט ער מיר אויף דעם פֿאַרשעמטן יונגנמאַן.

דער רבי וואוינט מיט זיין שוואָגער ביי זיין שוועסטער. פּונקט אַזאַ אָרים שטיבל, ווי איך האָב געזען ביי די אַנדערע קאָלאָניסטן: מיט אַ געלעכערטן דאַך און געשפּאָלטענע ווענט. פֿון דריי מאָל איבערשלעפּן די „בעבעכעס”, נאָר ציכטיקער און ריינער צוגעקליבן. אין זיין ווינקל, וואו דער רבי האָט שטיין זיין בעט, שטייט אַ שאַפֿע מיט די גרויסע רבנישע ספֿרים, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט פֿון דער היים.

יעדן טאָג, איידער ער גייט אַרויס אין פֿעלד, לערנט ער זיין פּרק — רוימט מיר איין דער געלער ייד, וואָס באַגלייט מיך צו אים.

אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם שטיבל, האָט אַן איידלקייט אַנגעגאָסן מיין האַרץ, איבער דעם, וואָס איך האָב דאָ געזען. דער רבי וואָלט דאָך געקאָנט, פּונקט אַזוי ווי אַנדערע, זיצן אין קאָזשעניץ און זיך וואַרעמען ביים פֿעטן טיש, וואָס די חסידים האָבן אים באַזאָרגט. וואָס האָט אים געטריבן צו קומען דאָ אויף די פֿעלדער? צו שטיין צווישן די שטעכער מיט זיינע באָרוועס־באַשיכטע פֿיס און ברענען זיך אויף דער אומדערטרעגלעכער זון, ביי אַן אַרבעט, צו וועלכער ער איז נישט צוגעפּאַסט, לויט זיינע כּוחות און זיין דערציאונג?

נאָר פֿיל מער פּאַטעטיש ליגט אין דער דראַמע, וואָס דער רבי לעבט־דורך: צוגערעדט חסידים, אויפֿגעהויבן זיי אויף פֿליגלען און באַזעלט זיי פֿאַר אַ דערהויבענער אידייע. אַמאָל אין אַ שבת פֿאַרנאַכט, ביי שלוש־סעודות, אַרויסגענומען זיי מיט געוואַלט פֿון דעם טאָג־טעגלעכן, אָרימען לעבן, פֿון די קליינלעכע זאָרגן, אין וועלכע זיי האָבן געשטעקט, און זיי אַריבערגעפֿירט אין אַן אַנדערער וועלט; זיי האָבן אָוועקגעוואָרפֿן זייערע פּרנסות, זייערע געשעפֿטן, און געלאָזט זיך מיט אים אין אַן אומבאַקאַנט לאַנד אַריין, אויף אַ ווילד פֿעלד, אַרומגערינגלט מיט בייזע כּוחות, וואָס די פֿאַרוואַרלאָזטקייט פֿון דער ארץ־ישראל ערד, דורך טויזנטער יאָרן, שאַפֿט. האַלטן מלחמה מיטן פֿיבער פֿון מאַלאַריע, מיט טייכן, וואָס רינגלען זיי אַרום, מיט די רעגנס, מיטן הונגער, מיטן יאוש, וואָס גנבעט זיך אין זייערע הערצער אַריין, מיט די ווייבער, וואָס בענקען נאָך די דינסטן, און די טעכטער וואָס בענקען נאָך דער סענאַטאָרסקע

גאָס, פירן מלחמה מיט אומדערפאַרונג, מיט נישט־צוגעפּאַסטקייט, און האַלטן די חסידים שטענדיק אין אַן אַנגעוואָרעמטקייט — אין דער דער־הויבונג פון דער אידייע.

— אַז מיר זיינען מיט אים אין פעלד, פאַרשטייען מיר דעם געדאַנק דערפון, אָבער אַז מיר קומען אַהיים... — זאָגט צו מיר אַ חסיד מיט אַ וואונק.

איך האָב זיך געפרעגט: וואָס איז דער כוח, וואָס דער רבי שטראַלט־אַרויס פון זיך, ווי אַ מאַגנעט, צו האַלטן די חסידים אַנגעפּעטליעט צו דער ערד, און זיי נישט לאָזן צוריקפאַלן אין דער טיפעניש, פון וועלכער ער האָט זיי אַרויסגעהויבן?

פאַר מיינע אויגן האָט זיך באַשיינפּערלעך אַנטפּלעקט די טראַגישסטע דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין יידישן פאָלק, די דראַמע פון „איבער די כוחות״.

וועט ער פאַלן מיט זיי, אָדער וועט אים געלינגען צו דערהאַלטן זיי אין דער הויך מיט זיך?!

די לעבעדיקע דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער חסידישער קאָלאָניע צווישן דעם יאַבלאָנער און קאָזשעניצער רביים און זייערע חסידים, איז נישט אַ דראַמע פון איין גרופּע, נאָר עס איז אין אַ געוויסער מאָס די סימבאָלישע דראַמע פון גאַנצן יידישן פאָלק, וואָס שפּילט זיך איצט אָפּ אויף די פעלדער פון ארץ־ישראל.

קאַפּיטל 11

דער שבת־קודש אין צפֿת

די אַלטע פּלישתּים־שטאָט בית־שאן, וואָס ליגט ביים ראַנד פֿון ארץ־ישראל, זעט נאָך אויס אַזוי ווי דעמאָלט, ווען די פּלישתּים האָבן אויף אירע טויערן אויפֿגעהאָנגען דעם געפֿאַנגענעם ייִדישן קעניג שאול, און די ייִדישע גיבורים האָבן אים ביינאַכט פֿון דער מויער אַראָפּגעגנבעט און געבראַכט צו קבר־ישראל. מען זעט באַלד אָן, אַזוי ווי מען קומט נאָר אין שטאָט אַריין, אַז הגם די שטאָט געהערט אַפֿילו צו ארץ־ישראל, דאָך האָבן קיינמאָל אין איר קיין ייִדן נישט געוואוינט. די בני־מנשה, אין וועמענס חלק די שטאָט איז אויסגעפֿאַלן, האָבן נישט געקאָנט פֿאַר־טרייבן די כּנענים — און די „כּנענים" זיינען איבערגעבליבן אין דער שטאָט פֿון דעמאָלט ביזן היינטיקן טאָג.

די שטאָט ליגט ביים ברעג פֿון ישוב און ביים אָנהויב פֿון דער מדבר. אירע איינוואוינער אַרבעטן אויס די סחורות, וואָס די בעדואינער פֿון דער מדבר באַדאַרפֿן. דאָ האָט נאָך קיין מאַשין נישט אַריינגעשמעקט, און אַלץ ווערט אויסגעאַרבעט מיט אַל און נאָדל אין דער האַנט. די שטאָט קאָלירט זיך אין פֿאַרשיידענע פֿאַרבן. די געוועלבלעך זיינען באַהאָנגען מיט פֿאַרבנרייכע זאָטלען, פֿערד־געשפּאַן, רויטע און געלע אַראַבישע שטיוועלעך פֿאַר ווייבער. די שטיוול ווערן פֿאַר די אַראַבישע שיינקייטן אויפֿגעניייט מיט דער האַנט. אַפֿילו די פּאַדקאָוועס פֿון די שטיוול ווערן אויסגעשמידט מיט דער האַנט. אַז איר געפֿינט זיך אין דער שטאָט, דאַכט זיך אייך, אַז איר זענט פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דער וויסטער מדבר, אין מיטן פֿון צענטן יאָרהונדערט, אָדער גאָר אַמאָל אין יענע צייטן, ווען מיר האָבן נאָך געהאַט חשבונות מיט די פּלישתּים. אין דער שטאָט דרייען זיך אַרום די „גליתן" און די „דודלעך"...

פֿון בית־שאן קיין טבריה פֿירט דער וועג אַרויס פֿון די גרענעצן פֿון ארץ־ישראל האַרט לעבן ירדן — איבער דער הערלעכסטער און ווילד־סטער געגנט פֿונעם לאַנד. קיין האַנט האָט דאָ נאָך קיין שטיינדל נישט

איבערגעטראָגן פֿון זיין אָרט, זינגט די נביאים זיינען דאָ געזעסן פֿאַרבאָרגן אין היילן און זיך געשפּייזט מיט ווילדן האָניק און ווילדע טייטלען, און משיחים האָבן געגרופֿן דאָס פֿאָלק צום ירדן זיך טובֿל זיין. דעם ירדן זעט מען נאָך נישט. ער איז פֿאַרהוילן אין זיין גרינגער קאָרעטע, צווישן ווילדע גראָזן און אָרימע, שלעכט־אויפֿגעגאַנגענע ווייצן; מען דערקענט אים בלויז פֿון הינטער די זיידן־געהילטע מואָב־בערג, וואָס רייסן זיך אין פֿאַרנעפּלטע מילך־וואָלקנס. דאָס לאַנד איז דאָ רייך מיט וואַסער. יונגפֿרוילעכע קוואַלן, וואָס קיין מויל האָט נאָך נישט באַרירט, שלאָגן אַרויס פֿון דער ערד און לויפֿן ווילד אַרום, ווי די פֿרייגעלאָזטע חדר־יינגלעך, איבער די ווילדע פֿעלדער. קיינער צוימט זיי נישט דעם וועג, קיינער שפּאַנט זיי נישט איין צו דער אַרבעט, אַז זיי זאָלן קאַנאַלן מאַכן, גערטנער באַפֿייכטן, מילן טרייבן. אָן אַ צוואַנג, אָן אַ נוצן לויפֿן זיי און יאָגן זיך איינס נאָכן אַנדערן — די פֿרישע קוואַלנדיקע קוואַלן איבער די פֿעלדער, גלאַט אַזוי פֿאַר זיך — ווי ווילדע צעפּ אויף די קעפּ פֿון די אַראַבישע מיידלעך. אַז דו זעסט די גרויסע מענגע וואַסער, וואָס גייט דאָ פֿאַרלוירן אָן יעדן נוצן פֿאַר דעם וואַסער־אָרימען לאַנד, שניידט דאָס האַרץ פֿאַר דער פֿאַרוואָרלאָזטקייט, וואָס הערשט דאָ. אין די צייטן, ווען יידן האָבן איינגענומען ארץ־ישראל, איז דער גליל געווען דער תּבֿואה שפּייכלער נישט בלויז פֿון ארץ־ישראל, נאָר אויך פֿון די שכינותדיקע לענדער. די פֿעלדער דאָ זיינען געווען די רייכסטע טיילן פֿון ארץ־ישראל. היינט האָט זיי די ענגלישע רעגירונג אַוועקגעגעבן צו די אַראַבישע פֿעלאַכן און בעדואינער, וועלכע פּיטערן דאָרט זייערע סטאַדעס ציגן און רויט־אָפּגעפּאַרבטע שעפּסן, וואָס גריזשען די גראָזן מיט די וואָרצלען אַרויס.

די פֿלאָרע פֿון דער געגנט אין ירדן־טאָל איז אויסערגעוויינלעך רייך מיט פֿאַרשיידענע קאָלירטע, ווילדע בלומען און פֿלאַנצונגען. זייער פֿיל ווילדער, רויטער מאָן באַפֿלעקט מיט רויטע בלוט־טראָפּנס די פֿעלדער. אויך דאָס געפֿויגל איז זייער רייך — באַצירט מיט פֿאַרשיידנ־פֿאַרביקע העלדזער און עקן. ווילדע באַטשאַנעס הייבן אויף זייערע געב־ראָכענע רויטע שטעקן־פֿיס, רויב פֿויגל קרייזן זיך איבער דער אויבערפֿלאַך פֿון ירדן, — אָבער אַרום און אַרום, פֿאַר מיילן זעט מען נישט קיין הויז, קיין הויף, קיין בוים, קיין מענטש — אַ חוץ די שוואַרצע געצעלטן פֿון די בעדואינער פֿאַסטעכער, מיט זייערע רויט־אָפּגעפֿאַרבטע שעפּסן, וואָס הויערן אַרום זיי.

עס הייבט זיך אויף פֿון זיין פֿאַרזונקנהייט אין דער ווילד־באַוואַק־סענער גרין־אויסגעבעטער קאַרעטע — דער ירדן. אַהאַ! איך האָב גאָר־נישט געוואוסט, אַז דער ירדן ליגט דאָרט טיף אין זיין קאַרעטע אינגאַנצן אַ באַצירטער מיט אָלעאַנדערס. רויטע יום־טובדיקע אָלעאַנדערס באַ־גלייטן אים פֿון ביידע זייטן דורך זיין גאַנצן וועג, וואָס ער לויפֿט. איך האָב אים נישט דערקענט, דעם ווירדיקן זקן, דעם ירדן. אַנשטאָט זיין ערנסטן אויסזען, וואָס איך קען פֿון די ברעגן פֿון געזאַלצענעם ים, וואו ער איז אַרומגערינגלט מיט די מוראדיקע הרי־מואב, זעט ער דאָ אויס ווי אַן אויסגעצירטער חתן, וועלכער לויפֿט ברעגנען ווילדע, רויטע אָלע־אַנדערס צו זיין כלה... ווי פּאַסט אַזאַ לייכטזיניקע שפּילערשע באַצירונג מיט ווילדע קוויטן פֿאַר אַזאַ מיוחסדיקן, ערנסטן זקן...

ביים דורכגאַנג פֿון ירדן אויף דער גרענעץ צווישן סיריע און ארץ־ישראל, שטייט אַן ענגלישע וואַך, וועלכע היט אַז די מורדים פֿון סיריע זאָלן זיך נישט אַריבערכאַפּן איבערן ירדן קיין ארץ־ישראל. דאָרט האָבן מיר אויך אָנגעטראָפֿן אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וועלכע בויען אַ רעגירונג־וועג אויף יענער זייט ירדן. עס איז אַ זעלטענע דערשיינונג צו געפֿינען יידישע אַרבעטער ביי רעגירונג־אַרבעטן אין ארץ־ישראל. נישט אַנדערש נאָר דערפֿאַר, ווייל די געגנט איז דאָ אַ ווילדע און אַ געפֿערלעכע און דער קלימאַט אַן אומדערטרעגלעכער (צוויי הונדערט מעטער נידעריקער פֿון ים־פֿלאַך), און אויך דערפֿאַר, וואָס דעם יידישן אַרבעטער זיינען די ארץ־ישראל אינטערעסן זייער טייער און ער וועט אויך באַשיצן די גרענעץ און העלפֿן דער ענגלישער וואַך קעגן די פֿעלאַכן פֿון סיריע — האָט מען זיך דערלויבט צו באַנוצן אויך יידישע אַרבעטער. זייער צאָל איז געווען אַ קליינע. אַ יונגערמאַן מיט זייער אַן אינטעליגענטן אויסזען, פֿון מאָסקווע, אַ באַוויבטער; אַ היימישער ייד פֿון לובלין און נאָך אַ פּאָר, וועלכע לעבן דאָ אין אַ וויסטעניש, אינגאַנצן אָפּ־געזונדערט און דערווייטערט פֿון יעדן מענטשלעכן ישוב, פֿון יעדער קולטורעלער געוואוינהייט. איך פֿאַרשטיי נישט, ווי זיי האַלטן דאָס אויס. אַז איך האָב געפֿרעגט דעם לובלינער יונגערמאַן מיט דעם שוואַרצן בערדל, פֿאַרוואָס ער ברענגט נישט אַריבער זיין פֿאַמיליע קיין ארץ־ישראל, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף דער געגנט אַרום:

— וואוהין זאָל איך זיי ברענגען?

און איך האָב אים פֿאַרשטאַנען.

באַלד זיינען מיר אָנגעקומען צו דער בריק פֿון ירדן, וואָס ליגט איבער דעם גרויסן וואַסערפֿאַל. דאָס אָרט איז איינס פֿון די שענסטע אין

ארץ־ישראל. דער ירדן־וואַסערפֿאַל איז נישט קיין ניאַגראַ־פֿאַל און נישט קיין אימאַטראַ־פֿאַל אין פֿינלאַנד. דערפֿאַר ליגט ער אין אַ פֿיל ווילדערן און אינטערעסאַנטערן אָרט. און פֿאַר דעם וואַסער־קאַרגן לאַנד איז ער געגנוג שטורעמדיק און שטאַרק, און אַלעאַנדערס מיט זייערע בלוט־בלומען בליען אַרום דעם ירדן־וואַסערפֿאַל פֿיל מער, ווי זיי געפֿינען זיך אין די אָראַנזשעריעס פֿון אַמעריקע און איראָפּע...

ווי באַוואוסט, האָט דעם וואַסערפֿאַל מיט דעם גאַנצן טאָל אַרום אָפּגעקויפֿט די רוטענבערג געזעלשאַפֿט, כּדי אים אויסצונוצן פֿאַר עלעקטרישער קראַפֿט, צו באַוואַסערן און באַלייכטן דאָס לאַנד. איך בין זיכער, אַז רוטענבערג און זיינע מיטהעלפֿער זיינען איבערצייגט אין זייער דערפֿאָלג, איידער זיי נעמען זיך צו צעשטערן איינס פֿון די שענסטע און אינטערעסאַנטסטע ווינקעלעך אויפֿן ערד־קיילעך, צו באַרויבן די יונגפֿרוילעכע אומבאַרירטקייט, וואָס הויערט אויף דעם פּלאַץ, דאַרף מען האָבן פֿיל מוט. אין קיין לאַנד אין דער וועלט וואָלט מען נישט אַזוי לייכט פֿרייגעגעבן אַזעלכע פֿון גאָט־אויסדערוויילטע ווינקעלעך פֿאַר קאָמערציעלע צוועקן, און מכּל־שכּן נאָך אין אַזאַ לאַנד, ווי ארץ־ישראל, וואו יעדער טריט האָט אַ ווערט פֿאַר דער גאַנצער קולטור־וועלט. צום בעסטן וואָלט זיך דער פּלאַץ געפּאַסט פֿאַר אַ נאַציאָנאַלן פּאַרק, אין וועלכן עס זאָל ווערן אָפּגעהיט מיט זאָרגפֿעליקייט דער כאַראַקטער און די ווילדע שיינקייט פֿון דער ארץ־ישראל לאַנדשאַפֿט. נאָר ווי געזאָגט, נויטיקט זיך ארץ־ישראל אין ביליקער עלעקטרישער קראַפֿט, און די אומבאַצוואונגענע שיינקייט, וועלכע האָט נביאים און משיחים באַגייסטערט און באַזעלט, מוז ווערן אַ קרבן פֿאַר דער רויער קראַפֿט פֿון קאָמערציעלער באַדערפֿעניש. איך שטרייך נאָכאַמאָל אונטער, אַז רוטענבערג און זיינע העלפֿער מוזן פֿולקאָם זיי איבערצייגט אין דעם דערפֿאָלג פֿון זייערע פּלענער, איידער זיי נעמען זיך אונטער צו צעשטערן די פֿון גאָט געשענקטע שיינקייט.

אַרום דעם „אויג" פֿון ארץ־ישראל, ווי איך רוף אָן דעם שיינעם ים־כּנרת, ליגן די מערסט־געלונגענע יידישע קאָלאָניעס. די דאָזיקע קאָלאָניעס, וועלכע ווערן געפֿירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות, געפֿינען זיך נישט בלויז אין אַ גוטן, בליענדיקן צושטאַנד, נאָר זיי זיינען רייך געוואָרן. זייערע פֿעלדער, וועלכע ווערן אָנגעטרונקען מיט וואַסער פֿון ירדן און ים־כּנרת, געהערן צו די פֿרוכטבאַרסטע אין לאַנד. זייערע תּבֿואות זיינען הויכע און פֿעטע. זייערע פֿלאַנצונגען זיינען רייפֿע, און זייערע יונגע באַנאַנע־וועלדלעך, וועלכע זיי פֿאַרלייגן איצט, געפֿינען זיך אין בעסטער

אַנטוויקלונג. דערפֿאַר זײַנען זייערע בית־עולמס אויך רײַך פֿאַרזייט מיט ביינער פֿון יונגע לעבנס, וואָס זײַנען געפֿאַלן פֿון מאַלאַריע און פֿון גזלנישע הענט ביים אָנפֿאַנג פֿון דער קאָלאָניזאַציע אַרום דעם ים־כּנרת. דער בית־הקברות פֿון כּנרת איז אַן ערן בית־הקברות און דערציילט פֿון יידישע העלדן־טאַטן.

אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט קיין צײַט זיך אָפּצושטעלן ביי די יידישע פֿישערס פֿון כּנרת. ווי איר ווייסט, האָבן די יידן באַנײַט די טראַדיציע פֿון פֿישער־דערפֿער אַרום כּנרת, אַזוי ווי עס איז געווען אין דער צײַט, ווען קריסטוס האָט דאָ געפֿאַנגען די נשמה פֿון דעם יידישן פֿישער פּעטער. איך אײַל זיך צו קומען אויף שבת קיין צפֿת, ווען עס איז נאָך גרויסער טאָג, ווײַל מער פֿון דעם שבת וויל איך דעם פֿרײַטיק זײַן אין צפֿת. איך קאָן זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פֿון אָפּשטאָטן אַ וויזיט ביי דער אויסגעגראָבענער שול פֿון כּפֿר־נחום, וואו קריסטוס האָט, לויטן נייעם טעסטאַמענט, געהאַלטן זײַן באַקאַנטע דרשה. די שול האָט מען אויסגעגראָבן, און זי ליגט איצט אַ צעשאָטענע אין אַ קלויסטער־הויף פֿון די פֿראַנציסקאַנער. זי איז געבויט געווען אין שפּעט־העלענישן סטיל, אין סטיל פֿון אַלכּסנדריה. איך וואָלט די יידישע מאָלער און סטיליסטן געראָטן, אַנשטאָט זיך צו באַשעפֿטיקן מיט שלעכטע נאָכמאַכונגען, זאָלן זיי זיך פֿאַרשאַפֿן פֿאָטאָגראַפֿישע אָפּבילדונגען פֿון די אויסגעהאַקטע יידישע אָרנאַמענטן אויף די שטיינער פֿון דער שול אין כּפֿר־נחום, אָרנאַמענטן פֿון פֿאַרשיידענע פֿאָרמען פֿון מנורות, פֿון מגן־דודס, פֿון לייבן, פֿון ווײַנטרויבן און מילגרוימען, וואָס ליגן מיט אַ רײַכער האַנט צעשאָטן איבער די פֿיל שטיינער. און פֿון די אָרנאַמענטן קאָן מען לערנען, ווי ווייניק מיר האָבן זיך געענדערט, אָדער ווי אַלט עס זײַנען די אויסשניצעכצן פֿון אונדזערע נר־תּמידס.

איבער די הרי־כּנען הייבן מיר זיך און מיר לאָזן וואָס אַמאָל נידעריקער זינקען אין זײַן מילכיקן וואָלקן דאָס „אויג" פֿון ארץ־ישראל — דעם כּנרת, וועלכער ליגט איצט אַ רואיקער, ווי אַ פֿאַרגליווערטער שפּיגל, אין אַ בעט פֿון העל־באַלויכטענע בערג, מיט דערקוויקנדיקע פֿלאַנצונגען, באַזעצטע פֿעלדער און פּעטע לאַנקעס. מיר הייבן זיך וואָס אַמאָל העכער, ביז מיר פֿאָרן אַרײַן צווישן פֿעטע ווײַנגערטנער פֿון דער אַלטער יידישער קאָלאָניע ראש־פּנה. אַז מען וויל וויסן, אין וואָס פֿאַר אַ מענטשלעכן הײַנט־וועלטיקן גן־עדן — נישט נאָר אין אַ הימלשן — ארץ־ישראל קאָן פֿאַרוואַנדלט ווערן, דאַרף מען בלויז באַזוכן די אַלטע ארץ־ישראל קאָלאָניעס, וועלכע ראָטשילד האָט געגרינדעט. די אַלטע קאָלאָניעס ווערן

פארוואנדלט צוביסלעך אין געזונטע, פויערשע, נאטירלעכע שטעטלעך, אין אזעלכע שטעטלעך, וואס נישט בלויז דאס שולכל און דאס מקווה־געסל געהערט צו יידן, און דאס איינציקע פעלד, וואס יידן פארמאגן אין שטעטל איז דאס „גוטע פעלד" (בית־הקברות), נאר אין שטעטלעך, וואס זיינען ארומגערינגעלט אויף מיילן ארום מיט רייכע יידישע פעלדער און גערטנער.

עס איז נאך געווען א גרויס שטיק טאג צו שבת, ווען מיינע פיס האבען באטראטן דעם הייליקן באדן פון צפת. זינט מיינע בחורשע יארן, ווען איך בין באקאנט געווארן מיט די מעשיות פון די מקובלים, און די הייליקע און געפאלענע משיחים, וואס האבן געוואוינט אין דער פרומער שטאט, האט זיך מיר געבענקט צו זיין א שבת אין צפת. איך האב געוואלט זען די פעלדער און די בערגלעך, אויף וועלכע יוסף דילה־רינה איז געגאנגען אראפברענגען משיחן איבער געוואלט. מיט דער הילף פון שמות־קדושים. איך האב געוואלט זען דעם זון־אונטערגאנג אין די צפתער בערג פרייטיק פארנאכט, און הערן דאס „לכה־דודי" געזאנג וואס איז דא צום ערשטן מאל געזונגען געווארן.

און איך האב עס געזען.

אין קיין שטאט אין דער וועלט קומט נישט אן דער שבת מיט אזעלכע שטילע און איידעלע טריט, ווי אויף די גרינע בערגלעך פון צפת. צי איז עס דערפאר, ווייל זיי לעבן אין מיין פאנטאזיע — די אלע הייליקע וואס האבן דא געוואוינט? נאר אזוי האט זיך מיר געדאכט, ווען איך בין געשטאנען פרייטיק פארנאכט אויף די בערג פון צפת און אריבער־געקוקט קיין מירון. איך האב געזען, ווי די בערג פון כנען הילן זיך אין זייער הייליק, פארנאכטלעך קלייד, וואס די זון וועבט פאר זיי פון אירע לעצטע שטראלן — געזען, ווי זיי ווערן ארומגעהילט מיט א חסדיקער, מלכותדיקער דערבארעמקייט, ווי זיי וואלטן באמת איינגעהילט געווארן אין שאטנס פון אומגעזעענע פליגל... דעמאלט האב איך פארשטאנען, פארוואס צפת, מער פון אלע אנדערע שטעט אין ארץ־ישראל, אפילו מער פון ירושלים, האט צוגעצויגן צו זיך די מיסטיקער און די הייליקע פון יידישן פאלק. דווקא דא האבן זיי געפונען דעם נאהענטסטן ווינקל פון דער וועלט צום הימל, פון וואנען מען קאן אראפנויטן די שעה פון חסד פון הימל אראפ. איך האב זיי געזען, די אלע הייליקע — דעם אר"י, ר' יוסף קארו, ר' שלמה אלקביץ, ר' משה קורדובירו און ווי זיי אלע דארט האבן געהייסן, איינגעהילט אין זייערע ווייסע כאלאטן, יעדער איינער באזונדער מיט זיין „מגיד" אין זיך, וועלכער אנטפלעקט אים די הייליקסטע סודות, גייען זיי ארויס געדייניקטע און געלייטערטע פון

טעג־לאַנגע פּאַסטן און פּייניקן זיך — אויף די בערגלעך פון צפת, שבת פּאַרנאַכט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט, און זינגען אַנטקעגן דער אַנקו־מענדיקער מלכּה, וואָס שטייגט מיט שטילע טריט פון הימל אַראָפּ, דאָרט וואו די זון צעקושט זיך מיט דער ערד אין אַ פּייערדיקן קוש. זי שטייגט אַראָפּ, די צניעותדיקע מלכּה, דער הייליקער שבת, איבער די טונקלע הילנדיקע בערג — איר לאַנג זילבער־וואָלקנדיק קלייד דעקט־צו אירע נאַקעטע פּיס, און זיי גייען איר אַנטקעגן, די אַלטע לייט, און שטרעקן אויס צו איר זייערע דאַרע, ביינערדיקע הענט און זינגען איר אַנטקעגן דאָס ליד פון שבת, דאָס ליד, וואָס, אַז דו הערסט עס, שטייט אויף פאַר דיר דאָס געשטאַלט פון דיין געשטאָרבענעם פאָטער, און דאָס שבת־פּנים פון דיין מאַמען ביי ליכט־צינדן שיינט נאָך אַמאָל צו דיר פון קבר אַרויס — דאָס ליד „לכה־דודי״.

„קום, מיין פריינט, קום מיין פריינט, דער כּלה אַנטקעגן!״

„וועק דיך אויף, וועק דיך אויף, דיין ליכט איז געקומען! —

דער כּבוד פון דיין גאָט אַנטפּלעקט זיך אויף דיר״.

ווער האָט אונז אַזוי געטרייסט — ווער האָט צו אונדז גערעדט אַזעלכע רייד?

און אַזוי ווי עס זיינען די בערגלעך פון צפת, אַזוי זיינען אירע שטיבלעך.

געבענטשט זאָלן זיין אירע צניעותדיקע יידישע היימען. דער הייליקער שבת רוט אין זיי — נישט בלויז פרייטיק פאַרנאַכט, נאָר אַלע טעג פון דער וואָך.

נידעריק, אָבער זיכער, ליגן די דיקע בעלקעס איבער די קליינע שטיבלעך. די יידישע מאַמעס האָבן די שטיבלעך אָפּגעקאַלכט מיט אַ פלעדערוויש פאַרן הייליקן שבת וועגן, ווי אונדזערע מוטערס פלעגן דאָס טאָן אויף יעדן פּסח. ווען איך בין געווען אַ קליין קינד — געדענק איך — האָב איך ביי אונדזער שכנטע בלימעלע די פישערקע געזען אַזאַ בלוי אויף די ווענט. פון דעמאָלט אָן האָב איך מער דאָס בלוי נישט געזען — נישט ביי די מייסטערס פון דער פראַנצויזישער שול, נישט ביי מאַטיס, נישט ביי סעזאַן — ביי קיינעם פון די היינטיקע מאָלער האָב איך אַזאַ בלוי נישט געזען. דאָס איז אַ בלוי נישט פון ד ע ר וועלט. און די אַלטע יידענעס פון צפת האָבן עס געמוזט קריגן בירושה פון זייערע מוטערס פון גן־עדן אַרויס, וואָס קומען זיי צו חלום און ווייזן זיי, ווי אַזוי צו מישן דאָס בלויע — טיף, טיף טונקל־בלוי. בלוי אין דער ריינסטער קאָליר. ביי לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי אין הינטערגרונד פון זיין „דזשיאָקאָנדאָ״

געפינט זיך אזא בלוי, וואס קומט דורך די פענסטער אריין. שאגאל, אמאל אין זיינע דערהויבנסטע מאמענטן, ווען ער מאלט די שכינה, וואס רוט אויף דעם אלטעגלעכן לעבן אין א יידישער שטוב, פאלט ער אריין — א געשאנק פון גאטס חסד — אין אזא בלויען טאן. אין דער בארימטער קירך פון „שארט" (אין פראנקרייך) געפינט זיך אין פענצטער־גלאז אזא בלוי. און דא האסטו גאנצע שטובן מיט דעם געטלעכן בלוי. גיי ברעך אפ א שטיקל קאלך און נעם עס דיר איין אין א רעמעלע. פון וואנען האבן זיי עס גענומען? יעדן פרייטיק קאלכן זיי אויס זייערע שטובן. און נישט נאר די ווענט און די דיקע בעלקעס פון באלקן, נאר אויך די שפאלטן פון דער שטיינערנער פאדלאגע צייכענען זיי אן מיט בלויע שטריכן. שוין מיטן האלבן פרייטיקדיקן טאג זיינען זיי פארטיק מיטן שבת און זעצן זיך אויס אויף די קליינע בענקעלעך אין זייערע קיך־שטובן און קוקן אויף די ווענט. דארט אויף די ווענט הענגט דאס אויסהעפטעכץ פון זייערע כלה־יארן, ווי אברהם ברענגט יצחקן אויף דער עקדה, דארט אויף די ווענט הענגט נאך עפעס וואס פעסלט זייערע בליקן — דארטן הענגען זייערע „פאפירענע קינדער"...

זייערע לעבעדיקע קינדער האבן אלע אויסגעוואנדערט, ווער קיין אמעריקע, ווער קיין ארגענטינע און — ווי גאר לעצטנס די גאנצע יוגנט — קיין אויסטראליע.

זיצן די מאמעס פרייטיק פארנאכט אין זייערע בלויע אויסגעקאלכטע שטיבלעך, דער שבת־קודש געפינט זיך שוין אין שטיבל,ביים טישל, וואו עס שטייען גרייט די מעשענע לייכטערלעך אונטער דעם חלה־צווילעכל. זיצן זיי מיט פארלייגטע הענט אויף די קליינע בענקלעך אין זייערע קיך־שטיבלעך און קוקן אויף די „פאפירענע קינדער". וואס הענגען אראפ פון די ווענט, און קרעכצן אין דער שטיל...

דאס געדויערט נאר א קורצע ווייל, באלד קומען אן די אלטע מענער פון דער מקווה, מיט נאסע, טריפנדיקע פיאות אויף די פריש־געמאנגלטע ברייטע קעלנער פון די העמדער — און דערמאנען אן שבת.

דעמאלט צינדן זיך אן די שבת־ליכטער אין די יידישע שטובן און אלע זארגן ווערן פארשוואונדן...

קאַפּיטל 12

אויף דער יאָרצייט פֿון ר' שמעון בר יוחאי

א.

שוין פֿאַר וואָכן פֿריִער האָב איך אַנגעטראָפֿן אין דער שול פֿון רבי מאיר בעל נס, אין טבריה, הונדערטער מענטשן, אַלטע מענער, ווייבער און קינדער, געקומען פֿון די ווייטסטע מזרחשע לענדער: פֿון באַגדאַד, פֿון פּערסיע און תימן — וואָס האָבן געהויערט, ווי ווילדע בעדואינער, אין דער גרויסער שול אַרום דעם קבר. צווישן זיי זײַנען געווען געזונטע און אויך פֿיל קראַנקע, קאַליקעס, שלאַפֿע קינדער, מענטשן מיט נישט־היילבאַרע חולאתן, מענטשן, וואָס האָבן, צוליב נאָר זיי באַוואוסטע טעמים, גענומען צו מאַכן אויף זיך נדרים, צו מאַכן די לאַנגע געפֿערלעכע נסיעה, איבער מדבריות און ימים פֿון די ווייטסטע ערטער — צום קבר פֿון „תנא". פּונקט אַזוי ווי מאַכמעדאַנער פֿון אַלע טיילן פֿון אַזיע און אַפֿריקע לאָזן זיך אויף וואָכן און חדשים אין וועג אַריין, אין ווייטן מהלך אין דער מדבר אַריין, צו אַ קבר פֿון אַ נביא, אַזוי קומען די אָריענטאַלישע יידן, פֿון אַלע פֿאַרוואָרפֿנסטע ערטער פֿון ווייטן אומהיימלעכן מדבר, אויף קבר־אָבות צו די יאָרצייטן פֿון די צוויי תנאים — פֿון ר' מאיר בעל נס אין טבריה און ר' שמעון בן יוחאי אין מירון. אין דער שול אַרום דעם קבר און אַרום דער שול האָב איך זיי געזען. דאָרטן האָבן זיי אויפֿגעשלאָגן זייערע נאַכט־לאַגערס, וועלכע באַשטייען פֿון פֿאַרשיידענע אָריענטאַלישע, וואָרים־קאָלירנדיקע טיכער, טעפּיכער, מאַטראַצן. דאָרט, אַרום קבר, טוען זיי אָפּ אַלע מענטשלעכע געברויכן: קאָכן זייער עסן, וואַשן זייער וועש, לויזן זייערע קינדער, רייניקן זייערע לייבער; אַלע אויסגעמישט אינאיינעם, מענער, ווייבער, זויגלינגען פֿון ביידע געשלעכטן, קינדער פֿון ביידע געשלעכטן, געזונטע און קראַנקע. אין טבריה וואַרטן זיי ביז אַ חודש נאָך פּסח, „פּסח שני", אין וועלכן עס פֿאַלט אויס ר' מאיר בעל נס יאָרצייט, צינדן זיי אָן די „הדלקה", פֿון דאָרט גייען זיי אַלע אַוועק קיין מירון, צו ר' שמעון בר יוחאיס יאָרצייט, וועלכער פֿאַלט אויס ל"ג בעומר.

איך קאָן באַין אופן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס ר׳ שמעון בר יוחאי האָט זוכה געווען מער פאַר אַלע פאַטריאַרכן, נביאים, תנאים און אַמוראים, וואָס יידן האָבן אַרויסגעגעבן, צו ווערן פאַרהערלעכט, ווי דער איינציקער „הייליקער״, וואָס יידן האָבן. די יידישע רעליגיע ווייסט נישט פון קיין הייליקע, די איינציקע הייליקע, וואָס יידן פאַרהערלעכן, זיינען די, וואָס ווערן געטויט על קידוש־השם. אַלע איבעריקע זיינען מענטשן. די שרייבער פון דער ביבל האָבן קיינעם נישט געשאָנעוועט. זיי האָבן אַלעמען געמאַכט פאַר שוואַכע, פעלערהאַפטע מענטשן. אַפילו אַברהם אָבינו, אַפילו משה, אַפילו דוד המלך. און דאָס „מענטשלעכע״ פון דער ביבל — מאַכט די ביבל פאַר געטלעך. אַרום שמעון בר יוחאי האָט די פאָלקס־פאַנטאַזיע אָנגעהאָנגען אַלע פאַנטאַסטישע מעשיות. די איינגעפּרעסטע יידישע מיסטיק, וועלכע האָט זיך געשטיקט אין די ענגע פיר איילן פון דער יידישער ראַציאָנאַליסטישער געזעצגעבונג, האָט פון צייט צו צייט געפּרואווט מיט געוואַלט משיחן אַראָפּצוברענגען אויף דער ערד. זי, די מיסטיק, האָט געפונען אין דער פאַנטאַסטישער פערזענלעכקייט פון ר׳ שמעון (וועלכער האָט זיך, ווי באַוואוסט, אויסבאַהאַלטן אין אַ הייל פאַר די רוימער פיל יאָרן און דאָרט געלערנט אין געהיים די תורה) אַ גוטן מעדיום צו מאַכן אים פאַר איר הויפּט העלד, צוצושרייבן אים דעם „זוהר״.

דער אַר״י האָט דווקא אויף אים אָנגעוויזן, דווקא זיין קבר אַנטדעקט, און אויף אים האָט ער זיך געשטיצט, נישט אויפן גרויסן רבי ר׳ עקיבא, וועלכער איז געווען אַווירקלעכער קדוש ביי יידן, וואָרים ער, ר׳ עקיבא, האָט באַלאַנגט צו די עשרה הרוגי מלכות. צי האָט עס נישט צו טאָן מיט דעם באַרימטן שפּרוך, אַז דער „צדיק איז גוזר און גאָט איז מקיים״, וואָס דאָס האָט געגעבן די סאַנקציע פון רבין — און איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָוועקגעשטעלט די אויטאָריטעט פון רבין ביים יידישן פאָלק נישט נאָר ווי אַ פאַרמיטלער צווישן פאָלק און גאָט, ווי עס זיינען געווען די ערשטע יידישע פירער (ווי משה און יהושע), נאָר געמאַכט דעם צדיק ווי אַ טייל פון דער געטלעכקייט. נאָך מער, ער האָט דעם רבין אָפּגעגעבן אַ טייל פון דער געטלעכער מאַכט — זאָל דאָס נישט זיין דער טעם און די ריכטיקע סיבה, וואָס די חסידישע רביים, פון לוריא אָן ביז צום היינטיקן באַיאָנער רבין פון גאַליציע, שיקן איייל צו ברענגען אויף דעם יאָרצייט פון ר׳ שמעון און זיי מיען זיך ר׳ שמעונס נאָמען אַוועקצושטעלן אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק פאַר אַן אויסנאַם, העכער און גרעסער און אומצוגענגלעכער, ווי יעדע פערזענלעכקייט, וואָס איז געווען ביי יידן — צו מאַכן אים דעם איינציקן „הייליקן״, וואָס יידן האָבן?

ווארים דאָס, וואָס איך האָב געזען, וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף ר׳ שמעונס קבר, אין מירון, ל״ג בעומר, האָט צו זיך קיין גלייכן נישט. קיין שום „הייליקער״ פון דער קאַטוילישער קירך ווערט נישט אַזוי געצנדינעריש אָנגעבעטן, ווי ר׳ שמעון, און וואָס עס ווערט געפּראַוועט אויף דעם קבר פון ר׳ שמעון אום ל״ג בעומר אין מירון, קאָן זיך מיט קיין זאַך נישט פאַרגלייכן, וואָס איך האָב ביז איצט געזען, סיי ביי יידן, סיי ביי אַנדערע פעלקער, — אַחוץ אפשר ביי אַראַבער אויפן קבר פון זייערן אַ נביא אין מדבר.

מיר הייבן זיך אויף פון טבריה, וועלכע ליגט צוויי הונדערט מעטער נידעריקער פון דעם ים־פלאַך, איבער די שיינע, קילע בערג פון כנען, קיין צפת. דער גאַנצער וועג פון טבריה ביז צפת איז באַלייגט מיט אויטאָ־מאָבילן. אין יאָר 1914, ווען איך בין געווען אין טבריה, האָב איך זיך נישט געקאָנט אַרויפכאַפּן קיין צפת — דער וועג איז דאַן געווען אַ געפערלעכער, און קיין צפת האָט מען נאָר געקאָנט רייטן, נישט פאָרן. מען זאָגט נאָר אַזוי „רייטן״, אין דער אמתן האָט מען דיך געפירט אַ געבונדענעם אויף אַן אייזעלע. איך האָב אַליין געזען, ווי אַ קאַראַוואַן יידן האָבן זיך געלאָזט קיין צפת, זיינען זיי געווען איינגעוויקלט אין בעטגעוואַנט, ווי קליינע קינדער אין די וויגן, אויפן אָרימען אייזעלע. דער וועג איז געווען אַ געפערלעכער, אַ שמאָלער, אַ שפּיציקער, איבער אָפּגעפיילטע שטיינער, לעבן טיפע אָפּגרונטן. דאָס אייזעלע אַליין האָט נאָר געקאָנט שטעלן זיינע טריט אויף די שפּיציקע שטיינער. דער ייד איז זיך געלעגן אַן איינגעבונדענער אין בעטגעוואַנט, אין קישנס און דעקן אויפן רוקן פון אייזעלע און אַרויס־געקוקט פון „וויג״ אַרויס, צו וועלכער ער איז געווען, ווי אַ קליין קינד, איינגעשנורעוועט, אויף גאָטס גרויסע וואונדער — אויף די אָפּגרונטן. היינט לויפט אַ שאָסיי און הונדערטער אויטאָמאָבילן יאָגן זיך ווי די טייוואָלים איבער די רוקנס פון די בערג. דער וועג איז באַשאָטן מיט פוס־גייער, חלוצים און חלוצות. די חלוצים — אין קורצע הייזלעך מיט נאַקעטע קניען, מיט פעק זעק אויף די פּלייצעס, די מיידלעך אויך אין הויזן, טייל זינגען, אין דער היץ, אַנדערע האָבן דעם שווערן וועג וואָס זיי האָבן צו מאַכן אין דער היץ, שוין געענוג. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך נאָך אייזלען, וועלכע שלעפּן יידן און ווייבער. דאָס זיינען די חסידים פון טבריה, וועלכע ווילן מאַכן דעם גאַנג קיין צפת, אַזוי ווי מען איז געגאַנגען פאַרצייטנס. אויך רייטער אויף פערד, מערסטנס אַראַבישע שעיכן,

כוואַדזשעס, וועלכע קומען פֿון דער ווייטנס אויפֿן תּנאָס קבר, צו דער „הילולאַ". צוליב נייגעריקייט. אַנדערע אויך צוליב פֿרומקייט (וואָס שאַדט זיי נאָך אַ הייליקער), און די יונגע, שלאַנקע בחורים, כּדי צו כאַפּן אַ בליק אויף די שיינע יידישע אייראָפּייאישע מיידלעך; בלויז נאָר צו כאַפּן אַ קוק און צוצוזען, ווי זיי טאַנצן מיט אָרימע, אָפּגעריסענע „מאָסקאָוויטערס", ווייל קיין יידיש מיידל וועט זיך גישט אונטערשטעלן צו פֿאַרברענגען אָדער רעדן מיט אַן אַראַבישן בחור אין דער עפֿנטלעכקייט. די שטימונג צווישן די רייזנדע איז אַ פֿריילעכע, אַן אויפֿגעלייגטע; די פֿריילעכקייט שטעקט זיך אָן פֿון די אויטאָמאָבילן צו די פֿוס־גייער. די שטימונג פֿון מירון איז ווי פֿון אַן „אָטפּוסט" אַ גרויסן, פֿון עפּעס אויסערגעוויינלעכס, פֿון רעליגיעז־פֿריילעכס. אַלע דערוואַרטן עפּעס, אַלע וואַרטן אויף עפּעס, און אַלע זיינען אָנגעשטעקט מיט נייגעריקייט און וואונדער, וואָס שטייט זיי פֿאָר. דער ים־כּנרת, וואָס פֿאַלט וואָס אַמאָל נידעריקער, וואָס העכער מיר הייבן זיך אויף די בערג, קוקט אַדויס אַן איינגעבעטער אין גרינעם טאָל צווישן די באַוואָלקנטע בערג, ווי אַן אויג פֿינקלט ער זיך שאַרף און פֿריילעך, און שפּיגלט זיך אָפּ אין די שאָטנס פֿון די בערג. מיר הייבן זיך העכער און העכער, דער ים־כּנרת ווערט וואָס מער פֿאַרוואָלקנט, איבערגעצויגן אינגאַנצן מיט אַ מילך־שיין, וואָס שוועבט איבער אים. באַלד ווערט ער פֿאַרשוואונדן, די לופֿט ווערט קילער, ריינער, דער פֿרישנדיקער. מיר קומען אַריין אין דער אומהיימלעכקייט פֿון הימל־געפֿאַלענע שטיינער, וועלכע זיינען איבערגעבליבן פֿון אַן ערד־ציטערניש, וואָס איז געוועזן פֿאַר נייגציק יאָר צוריק. די ציגן, די „גזלנים", וואָס די בעדואינער פֿירן אויף די בערג אַרום, האָבן אָפּגעריזשעט יעדן שפּור פֿון אַ שפּראָצונג, פֿון אַ וואָרצל, פֿון אַ צווייגל, פֿון אַ בלעטל. אַלץ איז קאַלך־ליידיק און שטיינערדיק, און אומהיימלעך, און פֿרעמד. אַזוי ציט עס זיך, די פֿאַרוויסטונג, ביז עס דערפֿרייט דאָס אויג דער דערקוויקנדיקער גרינער טאָל, אין וועלכן עס לויפֿן אויסגעבעט, ווי אין וויכן זיידנס, די ווייסע, פֿריילעכע, אָפּגעקאַלכטע, באַחנטע הייזלעך און ווייסע דעכער פֿון דער שיינער שטאָט צפֿת.

צפֿת איז שוין איבערגעפֿולט מיט אויטאָמאָבילן, אויטאָמאָבילן און אויטאָמאָבילן. גאָט, פֿון וואַנען נעמען זיך אַזוי פֿיל וועגן? דאַכט זיך, פֿון גאַנץ ארץ־ישראל איז מען זיך צונויפֿגעפֿאָרן: מענטשן — אַ ים, קאָלירן קליידער — אַ מבול. דאָס אויג ווערט דערטרונקען. שוואַרץ־געקליידטע חסידים, ווייס־באַקליידטע דייטשן, גילוחים אָן בערד, יידישע ברייטע, לאַנגע בערד; העלע אייראָפּייאיש־געקליידטע דאַמען מיט קורצע

אַרבל און אַנטבלויזטע באַזיידנטע פּיס, אויסגעמישט מיט פֿרומע, חסידישע ווייבער פֿון צפֿת. אין שייטלען און קופּקעס, ציען מיט איין האַנט זייערע יינגלעך (צו שערן די האָר אין מירון) נאָך זיך, און אויף דער צווייטער האַנט טראָגן זיי זייערע קערב מיט פּראָוויאַנט און עסנוואַרג. פֿיל חלוצים, פֿאַרדעקט די קעפּ מיט אַבאַיעס ווי טליתים, פֿיל זיידענע קאַפּאָטעס פֿון חסידישע יידן — אַלץ צוזאַמענגעקנאָטן אין איין קנויל. די אויטאָמאָבילן רירן זיך נישט פֿון אָרט. דער וועג פֿון צפֿת קיין מירון איז אַ געפֿערלעכער. מיט אַ פּאָר טעג צוריק בין איך דעם וועג דורכגעפֿאָרן און האָב געמיינט, אַז איך שטעל מיין לעבן אין געפֿאַר. ווי אַזוי וועלן די אַלע אויטאָמאָבילן דורכפֿאָרן, דורך דעם פּראָוויזאָרישן אָפּענעם, מיט גאָרנישט אונטער־געשטיצטן, נאַקעטן און אָפּגעשפּיצטן באַרג? איינציקווייז גייט איין אויטאָ־מאָביל נאָכן אַנדערן. די פּראָצעסיע מיט די ספֿרי־תּורות פֿון צפֿת איז אין פֿראָנט פֿון מיר. איך הער נאָר דאָס שפּילן פֿון דער מוזיק, דאָס פּייפֿן פֿון פּייפֿל. אַ שאָד, זי נישט געזען.

מ׳ער פּוס־גייער, חלוצים און מיידלעך מיט יידן און ווייבער, מער אַראַבישע רייטערס, איינער נאָכן אַנדערן קריכן די אויטאָמאָבילן פּאַמעלעך, טריט ביי טריט איבער דעם געפֿערלעכן וועג; שוין צו־לאַנג געדויערט דער קורצער וועג, און מיט דער נאַכט צו — אָנגעקומען.

וואו אַהין? אונדזער אויטאָמאָביל שטייט, קאָן נישט ווייטער גיין. וועגן, אויטאָמאָבילן, מענטשן — ווי אויף אַ גרויסן, ווילדן פֿאַרשיידן־פֿעלקערשן, אָריענטאַלישן יאַר־מאַרק.ביידלעך מיט עסנוואַרג, ביידלעך מיט סאָדע וואַסער, אויפֿגעשלאָגן אומעטום. אַראַבער מיט סטאַדעס שוואַרצע ציגן שטייען און פֿאַרקויפֿן פֿרישע ציגן־מילך פֿון דעם אייטער אַרויס. אַ געשריי, אַ הור־האַ. די שפּיצן פֿון די בערג אַרום מירון זיינען באַדעקט מיט מענטשן. אומעטום שוואַרצט זיך אָדער עס ווייסט זיך פֿון מענטשלעכע מלבושים. דער הויפּט שטראָם גיסט זיך אין הויף אַריין פֿון דעם אוהל, אין וועלכן עס געפֿינט זיך ר׳ שמעון בר יוחאיס קבר.

פֿון דאָרט הערט זיך אַ געזאַנג, אַ געשריי, אַ טאַנצן און אַ שאַלן:

„אָמר עקיבא: אַשריכם ישראל,
אַשריכם, אַשריכם, אַשריכם ישראל,
לפֿני מי אַתּם מטהרים? ומי מטהר אתכם?
אַביכם שבשמים, אַביכם שבשמים
ואומר, ואומר: מקוה ישראל — ה׳
ומה מקוה מטהר הטמאים,
אַף הקב״ה מטהר את ישראל“.

(„זאָגט עקביא: וואויל איז אײַך, ייִדן, וואויל איז אײַך, וואויל איז וואויל איז אײַך ייִדן. פֿאַר וועמען רייניקט איר זיך? און ווער רייניקט אײַך? אייער פֿאָטער אין הימל, אייער פֿאָטער אין הימל, און ער זאָגט: די ייִדישע מקווה — גאָט, וואָרים ווי אַ מקווה רייניקט די אומריינע, אַזוי רייניקט גאָט די ייִדן").

וואו און ווען האָב איך געהערט די טענער? צי אין אַן אַנדערן גילגול, צי אין אַן אַנדער לעבן? — קומט אַרײַן מיט מיר — אין הויף פֿון קבר — דאָרט קומען פֿאַר סצענעס פֿון שבתי־צבֿיס צײַטן.

ב.

אַן אָריענטאַלישער הויף, אַ פֿיר־עק, פֿאַרבויט מיט קליינע הײַזלעך. אַן ערשטער שטאָק מיט אַ ברייטן גאַניק לויפֿט אַרום דעם פֿיר־עק — אָריענטאַליש, ווי מען זעט עס אויף די פּערסישע מיניאַטורן בילדלעך. די דעכער פֿון די הײַזלעך זײַנען באַהאַנגען מיט מענטשן. די גאַניקעס אַרום הויף זײַנען אָנגעפּילט מיט מענטשן, און אויף די דריי ווײַסע אָריענטאַלישע קופּאָלן, וואָס הייבן זיך איבער דאַך פֿון דער שול, אויף וועלכע עס וועט די „הדלקה" (די גרויסע אילומינאַציע) זײַן, די דריי קופּאָלן, וואָס שטייען איבער די דריי קבֿרים פֿון די גרויסע תּנאים: ר' שמעון בר יוחאי, רבי עקיבֿא, זײַן רבי, און רבי אלעזר, זײַן זון (דעם, וועלכן ער האָט, לויט דער לעגענדע, מיטגענומען מיט זיך אויף יענער וועלט ביים שטאַרבן), — אויף די דריי קופּאָלן קלעטערן אויך מענטשן. וואו דו קוקסט, וואו דו זעסט, — אויף די ווענט, אויף די דעכער, אויף די גאַניקעס, אויף די טרעפּ — אומעטום קריכן מענטשן. פֿאַרשיידן־פֿאַרביקע, אייראָפּייאיש־געקליידטע, אָריענטאַליש ווײַס אָנגעטאָנענע, —— מענער, ווײַבער, הלוצים, מיידלעך, קינדער. ווער קאָן ציילן? ווער קאָן מעסטן? אין הויף, אין דעם פֿיר־עק, איז נישט אַרײַנצוקומען. אַ ים מיט קעפּ שאָקלען זיך, כוואַליעס מיט לײַבער באַוועגן זיך. מ'גייט נישט אײַנציקווײַז, מ'ווערט געגאָסן אין שטראָמען. דאָרט, וואו דער שטראָם גיסט, אין דעם געדראַנג, אין דעם געשריי, האָבן העגט און לײַבער אַ רעדל פֿרייען פּלאַץ געמאַכט, אין דעם רעדל טאַנצן צוויי חסידישע ייִדן. די לאַנגע קאָלירטע קאַפּאָטעס צעפּלאַשעט. עס באַווײַזן זיך די לאַנגע, ווײַס־באַזאָקטע פֿיס, טאַנצן צום טאַקט פֿון דעם שפּילן פֿון אַ פֿידל און אַ פֿלייט, צום טאַקט פֿון זינגען פֿון טויזנטער מײַלער, צום טאַקט פֿון פּאַטשען פֿון טויזנטער הענט — וואָס דאַכט זיך, זײַנען צוזאַמענגעגאָסן געוואָרן אין איין נשמה, אין איין קערפּער, אין איין קול:

„אָמר ר׳ עקיבא: אַשריכם ישראל,
אַשריכם, אַשריכם, אַשריכם, ישראל.״

די שטעקלעך געשוואונגען אין דער הויך איבער די קעפּ, זשאָנגלירט טאַקטירט מיט די ביינערדיקע נאַקעטע הענט, וואָס שיילן זיך פון די לאַנגע הוילע אַרבל אַרויס — מיט די שטעקלעך געפּאַכטן אין דער לופט — צינדן זיי אָן אין אַ פייערדיקער התלהבות דעם גאַנצן גרויסן קהל, וואָס איז אַרום זיי. דער ניגון איז נישט קיין פריילעכער, נישט קיין טריי־אומפירדיקער, ליכטיקער. פאַרקערט, ער איז אַ טרויעריקער, אַ טיפער, שטילער. ביי דעם „ישראל״ הייבט זיך נישט דער טאָן. פאַרקערט, ער פאַלט, ווי דער ניגון וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר דער זיך־אַליין באַרימענ־דיקער פראַזע. אַ טיפע צניעותדיקייט, אַן אידעלע צניעותדיקייט. און עס איז דער שטילער טרויער צוזאַמען אויסגעמישט מיט דער שטילער פרייד, וואָס אידעלע צניעות הויכט אויף דיר שטענדיק אָן; דאָס איז דער טעם פון ניגון. איך קאָן נישט זאָגן, אַז עס ווערט מיר זייער פריילעך. פאַרקערט, עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכער, אַן אומבאַגרינדלעכער צער הויבט אָן צו דריקן מיין האַרץ. עס ווערט אַפילו פאַרשוואונדן די פרייע חול־המועדיקע קינדערשע שטימונג, וואָס איך האָב געפילט דורך דעם גאַנצן וועג, פאַרנדיק אַהער. און עס איז עפּעס איבערגעבליבן אַ ביטערקייט. אַן אָנגענעמע ביטערקייט האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיין האַרץ. צי איז עס מיין פרעמד־קייט? צי איז עס מיין אָפּגעריסנקייט? איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך שעם זיך אַ ביסל. איך פאַרשעם זיך פאַר זיי.

מיט געוואַלד שלאָג איך זיך דורך אַ וועג דורך דער געפּרעסטער מענגע און כאַפּ זיך אַריין אין אַ שול צו די קברים. איך טרעט אויף לייבער, ממש אויף לייבער — אויף ווייבער, אויף קינדער. מען ליגט אויסגעלייגט אויף שטרוי־זעק און מאַטראַצן אַרום די קברים, ווי די חולאים, ווי די פגרים. קינדער זויגן ביי די מאַמעס בריסטן. אַזיאַטישע ווייבער, אַראַ־בישע יידן, צעשראָקענע יידישע אויגן, לאַנגע ציטערדיקע פיאות פון תימנער יידן. עס שטיקט מיך פון רויך און טשאַד, וואָס טראָגט זיך פון די פיל אָנגעצונדענע ליכט, וואָס זיינען ממש באַקלעפּט אַרום די קברים, פון די פיל הענגענדיקע אייל־לאָמפּן. עס נעמט אַ פּאָר מינוט ביז מיינע אויגן און אָטעם קאָנען זיך צוגעוואוינען צום ליכט און צו דער לופט. אַרום מיר הער איך אַ געוויין, אויסגעמישט מיט געזאַנג, קולות פון דאַוונען און בעטן, צוזאַמענגעגאָסן מיט געשרייען, מיט געוואַלדן, מיט געזאַנגען, מיט — טאַנצן. וואו געפין איך זיך? איז עס נישט אַ נאַכט־קאָשמאַר, אַ וויזיע, א חלום?

אַרום ר׳ עקיבאס קבר, וועלכער איז אינגאַנצן באַקלעפּט מיט ברענענדיקע חלבנע ליכט, שטייען מענטשן און בעטן. אַ יידענע, אַ פּוילישע יידענע, אָנגעטאָן אין ווייסן, ווי יום־כּפּור צו כּל־נדרי, האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין אַ ווינקל פֿון קבר מיט אַ גרויסן קרבן־מנחה סידור אין איין האַנט, מיט אַ ליכט אין דער צווייטער, נאָר ביידע באַנוצט זי נישט. זי באַנוצט איר אייגענעם „מענה לשון", אויף וועלכן זי טענהט זיך אויס מיט ר׳ עקיבאַן מיט אַזעלכע „געריכטע", ביטערע ווערטער, אַז זיי צעברעכן מיין האַרץ. די יידענע האָט מיר היימיש געמאַכט און נעענטער צו מיר געבראַכט דאָס גאַנצע בילד — זי האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַן ערב־יום־כּפּור אַריין אין אַ קליין יידיש שטעטל. באַלד אָבער מישן זיך אַריין אין דער יידענעס היימישע ווערטער אומפֿאַרשטענדלעכע, אַזיאַטישע ניגונים, מאָנאָטאָנישע זיגזאַגישע העוויות, וואָס רופֿן ביי מיר אַרויס אילוזיעס פֿון מדבר — פֿון מזרחשע באַזאַרן, פֿון פֿאַרנאַכטיקע געבעט־רופֿן פֿון מעטשעטן אַרויס. שטייט אַן אַזיאַטישער ייד לעבן דער פּילישער יידענע, פּינקלדיקע, בעדואינישע אויגן אין זיין נעגריש־פֿאַרברענטן פּנים, ער האַלט אין זיינע רויט־אָנגעפּאַרבטע נעגל אַ ליכט, און צוטאַנצנדיק אויף איין פֿוס, זינגט ער אַרויס אַן אומפֿאַרשטענדלעכן העברעאישן, כּאַלדעאישן אָדער עפּעס גאָר אַן אַראַבישן געזאַנג, ווי ער וואָלט זיין נשמה אויסגעגאָסן אין דעם מאָנאָטאָנישן ניגון פֿאַר ר׳ עקיבאס קבר... שטייט אַ יונגערמאַן, דאַכט זיך, אַן אינטעליגענטיש אויסזען, און גלאָצט מיט די אויגן, ווערט אָנגעצונדן פֿון די געוואַלדן אַרום און אָנגעשטעקט פֿון דעם אַלגעמיינעם רעליגיעזן עקסטאַז. דריקן זיך צו אַן אַמעריקאַנישן אידישן פּאָרל, אַ דאָלאַר גיבן זיי פֿאַר אַ ליכטל, — אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר פֿאַר אַ ליכטל, — דעם ספֿרדישן שמש, וועלכער זעט־אויס ווי איינער פֿון די „בני עלי". אַ פֿאָטער האַלט אַ קראַנק קינד אויף דער האַנט און שטאַמלט שטומע, פֿאַרביטערטע ווערטער צו ר׳ עקיבאַן אין קבר אַריין, ווייזנדיק אויף זיין קראַנק קינד. אַ פֿערטער, אַ פֿינפֿטער — קראַנקע און געזונטע, קראַנקע אין קערפּער, קראַנקע אין גייסט.

ביי ר׳ אלעזרס קבר זיצן פֿרומע און שווייגן. צי דאָרט לאָזט מען קיין קראַנקע מיט קלאָגן נישט צו? איך ווייס נישט. אויף די בענק, צווישן צוימל און קבר, זיצן אויסגעזוזעצט פֿאַרשיידענע יידן, זיצן און שווייגן, נאָר גלאָצן מיט בלינדן גלויבן אויף די ברענענדיקע ליכט, וואָס הענגען אויפֿן קבר.

קיין געוויין, קיין געשרייען, קיין געבעט הער איך דאָ נישט. ווי מען וואָלט דאָ נאָר אייביקע געווען צוגעלאָזט, די וואָס קאָנען שווייגן. זיצן

זיי אַרום — פֿאַרגלאָצט די אויגן ערגעץ־וואו, פֿאַרטראַכט אין זייערע געדאַנקען ערגעץ־וואו און שווייגן. איך האָב געזען אַזאַ שווייגן אַמאָל אויף אַן אַנדער אָרט, אין אַ שפּאַנישער שטאָט, אויך ביי אַ הייליקן... זעט זיך אויס, אַז אַלע רעליגיעס, אַלע הייליקייטן, ווירקן אויף זייעריקע גלוביקע אויפֿן זעלבן שטייגער. דאָרט זיינען קראַנקע, סיי אין קערפּער און סיי אין דער נשמה, געזעסן און געקוקט מיט שטומע, בעטנדיקע בליקן, אויף אַ פֿאַרבלוטיקטן קערפּער, אויסגעשניטן אין האָלץ, און דערוואַרט אַ נס, אַ וואונדער. גאַרנישט האָבן זיי געזאָגט, גאַרנישט האָבן זיי געבעטן, זייערע ליפּן האָבן געשוויגן, נאָר זייערע אויסערלעכע אויגן און סיי זייערע אינערלעכע אויגן האָבן ערגעץ־וואו געקוקט — און דו האָסט אין זייערע פֿאַרחלשט־באַגייסטערטע פּנימער געקאָנט זען, אַז זיי זעען עפּעס... און דאָ אויך זיצן אַרום אַ גרויסן שטיין, וואָס זעט אויס ווי אַ הויכע מיטה אָפּגעקאַלכט אויף אַ בלוילעכן ווייס, באַלויכטן מיט פֿיל ליכט — זיצן זיי אויך און שווייגן, און דו קאָנסט זען אין זייערע פֿאַרגלאָצטע אויגן און באַגייסטערטע פּנימער, אַז זיי זעען עפּעס, וואָס דו זעסט נישט, און הערן, וואָס דו הערסט נישט. און דאָרט, ווי דאָ, דערוואַרטסטו אַז אָט וועט זיך אַ לאָמער באַלד אויפֿהייבן, אַ שטומער וועט אָנהויבן צו רעדן, אַ בלינדער וועט באַלד זעענדיק ווערן, און אַ זינדיקער און פֿאַרפֿירטער וועט אויסרופֿן מיט גרויס פֿרייד: „איך דערזע דעם וועג!"

נאָר דער גרויסער רעליגיעזער עקסטאַז און די טיפֿסטע רעליגיעזע פֿאַרהערלעכונג ווייזט זיך אַרויס ביי ר׳ שמעון בר יוחאיס קבר. זיין קבר ליגט באַזונדער — אין אַ גרויסער טונקעלער שול. איין העלפֿט קבר איז איינגעמויערט אין אַ ספֿרדישער שול, און אַ צווייטע העלפֿט קבר איז איינגעמויערט אין דער אשכנזישער שול. אַזוי האָבן זיך ביידע יידישע שותּפֿים געטיילט מיט ר׳ שמעונס קבר. אַ גרויסע אייזערנע צוים רינגלט אים אַרום און שפּאַרט אים אָפּ פֿון די מענטשן. די גרויסע שול איז טונקל און באַלויכטן נאָר פֿון די ליכט אין די אייל־לאָמפּן, וואָס וואַרפֿן אַ פֿרומען פֿרייטיק־צו־נאַכטיקן שיין אויף זיין קבר. ביי דעם קבר פֿון ר׳ שמעון בר יוחאי ווערט נישט געוויינט, אויך נישט געגלאָצט מיט בלינדער אמונה. דאָרט ווערן נאָר צוגעלאָזט די פֿרומע און געלערנטע. חסידישע יידן מיט אַטלעסענע און זיידענע קאַפּאָטעס; ספֿרדישע חכמים, אין שוואַרצן ערנסט באַקליידט, שטייען מיט גרויסע „זוהרס" אין די הענט און לערנען אַרום דעם קבר מיט אַ „מאַראַלישן", מוראַדיקן ניגון, אָדער זאָגן מיט גרויס התלהבות און ברען די קבלהסטישע, מיסטישע תּפֿילה, אַרויסגענומען פֿון „זוהר" און אַנדערע קבלה־ספֿרים, וועלכע דער אַר״י הקדוש האָט

ספּעציעל פֿאַרפֿאַסט פֿאַר דעם יאָרצייט פֿון ר׳ שמעון בר יוחאי. פֿרומע יונגעלייט שטייען און שאָקלען זיך אַרום דעם קבר, זייערע אויגן פֿאַרמאַכט, זייערע פּנימער באַלויכטן, און שטאַמלען פֿאַר זיך אומפֿאַרשטענדלעכע מיסטישע תּפֿילות; קלוגע שיינענדיקע שטערנס פֿון ספֿרדישע חכמים קנייטשן זיך אין טיפֿן ערנסט, באַוועגן זייערע לאַנגע, גרויע פּיאות און בכבודיקע בערד אין טיפֿער פֿאַרטראַכטונג, אין שווייגנדיקער הייליקייט, קאָנצענטרירן זיך אין טיפֿע כּוונות, צופּאַסנדיק געהיימע גימטריאות; אַנדערע פֿאַרגלאָצן די אויגן, הייבן אויף די הענט צום הימל; אַנדערע שטייען שטום — פֿאַרטיפֿט און פֿאַרטראַכט אין זיך; נאָך אַנדערע שטעקן אַריין די פֿינגער אין זייערע גאַרטלען און שאָקלען זיך אין הייליקן עקסטאַז — ווי אַ ווינט לייגט יונגע ווערבעס אין וואַלד — און אַלץ און אַלעמען נעמט אַרום די ערנסטקייט און די שטילקייט פֿון דעם אָרט...

דער רויך פֿון די ליכט, דער געשטאַנק פֿון די איילן פֿרעסן אויף דאָס לעצטע ביסל לופֿט, — און אפֿשר איז עס עפּעס אַנדערש, וואָס פֿאַריאָגט מיך פֿון דאַנען, ווי דאָס אויספֿעלן פֿון לופֿט. פֿאַרוואָס פֿיל איך זיך ענג? קוים מיט סכּנות-נפֿשות זיך אַרויסגעכאַפּט אין דרויסן. דער געדראַנג אין הויף איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. איצט טאַנצן שוין מערערע פֿאַרלעך. חלוצים אין ווייסע העמדער, מיט נאַקעטע הענט און פֿיס און רויע אָפּגעברענטע פּנימער, האַלטן זיך ביי די אַקסלען אַרום און שניידן אַ ווילדן חלוצישן טאַנץ, וואָס גייט דאָך אין ריטמישן טאַקט צום מאָטיוו פֿון אַ פּסוק אין פּרק, וואָס זיי האָבן דאַרויף געמאַכט אַ חלוצישן זמר און וועלכער דריקט אויס זייער שטימונג צום בעסטן. אויפֿגעלעבט אַן אַלטן פּסוק מיט אַ נייעם אינהאַלט — ווי זיי האָבן שוין נישט איינמאָל געטאָן:

אם אין אַני לי
מי לי?
וכשאַני לעצמי
מה אַני?
ואם לא עכשיו
אימתי?
אימתי?

(אַז איך בין נישט פֿאַר מיר, ווער איז פֿאַר מיר? און אַז איך בין נאָר אַליין פֿאַר זיך — וואָס בין איך? און ווען נישט איצט — ווען דען? ווען דען?).

די פּיס גליטשן זיך אַליין אונטער דעם טרייבן פֿון דעם ניגון, און ער שטעקט־אָן, דער ניגון, ווי אַ געלעכטער, ווי געוויין. דאָ און דאָרט הייבן זיך פּיס. דער גאַנצער ים, וואָס גיסט זיך אין דעם אַרומגעצוימטן הויף פֿון דעם פֿיר־עק, באַוועגט זיך. הענט שליסן זיך אין פּלייצעס. וואָס אַמאָל ווערן מער שטראָמען אַריינגעצויגן אין דעם געווירבל פֿון געזאַנג און באַוועגונג. יונגע און אַלטע, חלוצים און חסידים, מענער און פֿרויען. חזרט־איבער די ווערטער אַ פּאָר מאָל און איר וועט זען, אַז איר קאָנט אַריינקנייטשן און אַריינטייטשן אין די ווערטער וואָס איר ווילט — אייער אייגענעם גורל, אייער אייגן לעבן און דאָס לעבן פֿון אייער אידעאַל, אייערע וואונטשן, אייערע האָפֿנונגען — אַלצדינג, וואָס איז אייך טייער; און עס דאַכט זיך, אַז נישט מענטשן בלויז טאַנצן און דרייען זיך אין דעם געווירבל, נאָר אידעאַלן, וואונטשן, האָפֿנונגען און ווילנס...

יאָ, די שטימונג דאָ איז אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אינעווייניק ביי די קברים. אַ שטימונג פֿון רעליגיעזער צעלאָזנקייט... עפּעס פֿון אַ מעסיאַנישער אויפֿגעבונדנקייט, פֿון באַפֿרייאונג פֿון רעליגיעזע חובות. אַזוי האָט עס זיך געמוזט אָנהויבן ביי יעדער גרויסער מעסיאַנישער אויפֿברויזונג. אַזוי האָט עס זיך אָנגעהויבן אין די צייטן פֿון שבתי־צבי, שפּעטער פֿון פֿראַנקן. עראָטיק און רעליגיעזע עקסטאַזן שטאַמען פֿון איין קוואַל און קומען צו־זאַמען, עס ווערן צעפּירט די גרענעצן פֿון מענטש און מענטש. נשמות דערפֿילן דעם בשותּפֿותדיקן אויסגאַנג פֿון זייער מקור. פּונקט אַזוי ווי די צווייגן פֿון אַ בוים, וואָס זיינען צעוואָרפֿן אויף פֿאַרשיידענע זייטן און קאָנען זיך נישט צוזאַמענקומען איינער מיט דעם אַנדערן אויבן אין דער הויך אויפֿן בוים — דערפֿילן זייער מוטערלעכע צווייליקייט אונטן אין דער ערד, ביים וואָרצל.

אָבער וואָס דריקט מיין האַרץ? פֿאַרוואָס קאָן איך זיך נישט פֿאַרגעסן? און ווי אַ פֿרעמדער, ווי אַ קאַלטער שלייך איך זיך אַדורך צווישן דער מענגע; עס איז נישט דאָס געמיינזאַמע רעליגיעזע, וואָס איך האָב שוין נישט מיט זיי, וואָס שיידט מיך אָפּ פֿון זיי. אָט זיינען דאָך פֿיל דאָ, פֿרעמדע, ווייטע. איך זע צווישן די טענצערס, אויסגעמישט אין דעם געדראַנג, אינטעליגענטע מענטשן. מענטשן, וואָס זיינען געקומען פֿון דער פֿרעמד. אפֿשר מיינען זיי עס ערנסט, אפֿשר נישט. וואָס איז דער חילוק? זיי פֿאַר־געסן זיך סוף־כּל־סוף און ווערן אַליין אַנטיילנעמער. אַ געמיינזאַמע פֿרייד, שמחה ברבים, איז אַנשטעקנדיק, פּונקט אַזוי ווי טרויער איז אַנשטעקנדיק, און מיר זיינען דאָך נאָר מענטשן. עס ווירקט אויף אונדז אַלץ מענטש־לעכס. נישט נאָר די פֿרעמדקייט פֿאַריאָגט מיך פֿון זיי. עפּעס אַ טיפֿער,

אומבאַגרײַנדלעכער צער באַשווערט מײַן האַרץ. עס איז שוין מײַן נאַטור אַזוי. אויף יעדער שמחה ווערט מיר טרויעריק. אָבער דאָ נאָגט אין מײַן האַרץ דער צער און לאָזט מיך נישט אָפּ אויף אַ מינוט. מען פּרואווט מיך אַרײַנציען אין געווימל פֿון די טענצערס. אײַגנטלעך וואָלט איך געוואָלט, פֿאַרוואָס נישט? די האַנט שטרעקט זיך אויס, וויל זיך אײַנ־פֿלעכטן אין אַ צווייטער האַנט, דער אַקסל — באַרירן אַ צווייטן, פֿילן די נאָענטקייט פֿון אַ דופּק, פֿון אַ קלאַפּנדיק האַרץ, פֿון קאָכעדיק בלוט — פֿון אַ מענטשלעכן ברודער, אַ ייד. נאָר עפּעס אינעווייניק אין מיר לאָזט מיך נישט. — ניין, ניין, ריר מיך נישט אָן, מער ווי אַ קאַלטער צושויער וויל איך נישט זײַן, נאָר אַ קאַלטער צושויער, נישט אַן אָנטײלנעמער.

איך פֿאַרטראַכט זיך אַליין — און ווער פֿאַרטריבן דורך מײַן אייגענעם קאַפּריז, קעגן מײַן ווילן, פֿון מאַסן־פֿרייד, וואָס איך האָב דאָך באמת אַזוי ליב. אַליין שלײַך איך זיך אַרויס. קריך אַרויף אויף די דעכער פֿון די הײַזלעך. די אַלגעמיינע שטימונג פֿון פֿרייד האָט שוין אונטערגעצונדן און אַרומגעכאַפּט אַלעמען, און די קליינע שטיבלעך אַרום דער שול, וועלכע ווערן פֿאַרדונקלט דורך דער צײַט פֿון די פֿײַערונגען פֿאַר סטאַנציעס פֿאַר משפחות און שבטים, זײַנען איבערגעפֿולט מיט מענטשן... עס זעצן זיך אויס אויף דער ערד, לויט דעם אָריענטאַלישן מנהג, בוכאַרישע פֿאַמיליעס, תּימנער, ספֿרדים, אונדזערע חסידים, ארץ־ישראל אינטעלי־גענטן, חלוצים, טוריסטן — די גאַנצע וועלט. אויסגעמישט אַלע צוזאַמען, כלערליי קליידונג, אַלערליי ראַסן און פֿאַרבן, אָריענטאַלישע עסנוואַרג, אין קליינע טעלערלעך, שטייען אויסגעשטעלט אויף דער ערד, אויך פֿלעשלעך גייען־אַרום פֿון מויל צו מויל. דאָ און דאָרט פֿלאַמט אויף אַ געלעכטער, לעשט זיך אויס אַ פֿאַרשייט קיכערן. אָריענטאַלישע פֿרויען גיבן אַרויס פֿון זיך כאַרכל־געשרייען, יאָדלען ווי די ווילדע. אומעטום בעט מען מיך מיטצועסן, אָנטיילצונעמען אין דער אַלגעמיינער שמחה. — אין איין טייל שטיבלעך — פֿרויען אין די אָרעמס פֿון מענער... געלעכ־טער, פֿרייד. אומעטום האָט זיך שוין די אַלגעמיינע שמחה צעגאָסן, ווי אַ קוואַל וואַסער פֿאַרפֿלייצט. וואָס איז די שמחה? וואָס איז די פֿרייד?

עפּעס אַ לײַכטקייט קומט, אַ באַפֿרייאונג, וואָס מען קאָן נישט איבער־געבן. אַן אינערלעכע אויפֿלייזונג, וואָס מאַכט לויז אַלע מאָראַלישע פֿליכטן. אַזוי האָבן זיך געמוזט יידן אַמאָל פֿילן דעם צווייטן טאָג נאָך יום־כּפּור, ווען די זינד איז געוואָרן פֿאַרגעבן. אַזוי האָבן זיך די יידן געפֿילט אין גרויסע מעסיאַנישע מאָמענטן, דעמאָלט אויף די דעכער

פֿון צפֿת, ווען זיי זיינען געזעסן אין גרינע קליידער אָנגעטאָן און האָבן אויסגעוואַרט אַ גאַנצע נאַכט אויף דילה־רינה...

אויפֿן דאַך פֿון דער גרויסער „הדלקה" טרעף איך שוין פֿיל באַקאַנטע. ביאַליק איז דאָ געקומען דורך אַן אַנדערן וועג. פּרץ הירשביין מיט זיין שיינער, יונגער פֿרוי, וועלכע זעט־אויס ווי אַ יידישיסטישע שבת־מלכה. פֿיל העברעאישע שרייבער, אינטעליגענטן, פֿירער. מען פֿרייט זיך מיט מיר, נישט געוואוסט אַז איך בין דאָ.

— נו, ווי פֿילט איר זיך? — פֿרעגט מען מיך פֿון אַלע זייטן.

— מיר איז קאַלט — ענטפֿער איך באַשיידן.

— אַ קאַלטער ליטוואַק — זידלט מיך ביאַליק, און איך קוק אים אין די אויגן אַריין. דאָס זעלבע קאַלטע פֿייערל, וואָס מוז ברענען אין מיינע אויגן, דערזע איך אין זיינע. ער דרייט זיך אויך אַרום אַ פֿרעמדער. אין דער שטיל זאָגט ער צו מיר:

— איך ווייס נישט פֿאַרוואָס, עס נעמט מיך נישט.

— די אמונה פֿעלט. די אמונה.

שפּעטער רינגלען חלוצים אַרום ביאַליקן און ווילן אים מיט געוואַלד אַריינציען אין אַ טאַנץ אַריין. ער יאָגט זיך אָפּ פֿון זיי.

— נעמט דעם קאַלטן ליטוואַק — ווייזט ער אַן אויף מיר.

בחורים און מיידלעך רינגלען מיך אַרום, ווילן טאַנצן. מיר טאַנצט זיך נישט. מען נויט מיך, און איך דריי זיך אַרויס פֿון זיי מיט געוואַלד.

— יידישע דיכטער, שרייבער, און קאָנען זיך נישט באַגייסטערן אויף אַ פֿאָלקס־שמחה! — זידלט מען אונדז פֿון הינטן.

דיכטערס פֿון פֿאַרגליווערטקייט.

אַ דיכטער פֿון „שטעטל", פֿון „גלות", — זידלט מען מיך הינטער מיין רוקן.

אַ מינוט טראַכט איך ביי זיך: זיי האָבן דאָך רעכט. אָנגענומען, אַז אַלץ וואָס קומט דאָ פֿאָר איז ווילד, איז פֿרעמד. נו, איז וואָס? און איך וויל פֿאַרגלייכן צווישן אונדז און די שריפֿטשטעלער פֿון די סלאַווישע פֿעלקער. באַגייסטערן זיך נישט די פּוילישע און די רוסישע גרויסע קינסטלער מיט די קאַטוילישע, מיט די פּראַוואָסלאַוונע יום־טובים פֿון זייערע פֿעלקער? ווי פֿאַרהערלעכט טאָלסטאָי דעם יום־טוב פֿון יעזוסעס געבורט אין אַ רוסישן דאָרף אין זיין „תחית־המתים"? ווי האָבן באַזונגען די פּוילישע דיכטער און שריפֿטשטעלער די פּוילישע „אָטפּוסטן"? מיט וואָס איז דאָ ערגער פֿון אַ קאַטוילישן קירכן־יום־טוב? פֿאַרוואָס זיינען מיר אַזוי פֿרעמד דערצו, פֿרעמד און קאַלט?

און איך קוק אויף די צווײ שטיינערנע „מזבחות״, וואָס שטייען אופֿן דאַך פֿון דער שול, אויף וועלכע מען וועט אָנצינדן דאָס גרויסע פֿייער. עס ליגן אין די לעכער פֿון די „מזבחות״ אָנגעגרייט איינגעוויקלטע קליידער, דורכגעגעצט אין בוימל, גרייט פֿאַר דער פֿייערונג. יעדעס מאָל קומט אַרויף אַן אַנדערע יידענע, אָדער אַ ייד, און ברענגט אַרויף אַ קלייד צום פֿאַרברענען; אַלטע חופּה־קליידער, זיידענע טיכער, אַריענטאַלישע קאַפּטנס, פּערסישע שאַלן און וואָס נישט? אַלץ גייט אויפֿן „מזבח״ צום פֿאַרברענען. יעדעס מאָל קומט אַרויף אַן אַנדער יידענע, אָדער ייד, און ברענגט צום תּנא אַ „קרבן״ אַ פֿלאַש בוימל, וואָס ער גיסט אַריין אין די איינגעוויקלטע, דורכגעזאַפּטע קליידער. דער באַרג פֿון אייל־דורכגע־ווייקטע קליידער וואַקסט וואָס אַמאָל העכער, העכער; גרעסער זאָל דער פֿלאַם אין הימל אַרויפֿשטייגן פֿאַרן כּבוד־וועגן פֿון תּנא, וועמענס יאָר־צייט מען פּראַוועט. וואָס העכער עס זאָל שטייגן זיין לויב און געזאַנג — העכער דער באַרג, גרעסער דער קרבן, רייכער דער מזבח. מער אייל, מער אייל — מער קרבנות. ניין, נישט נאָר קליידער, אַ שעפּס ברענגט, מעל ברענגט, אייל און האָניק — און אפשר אויך אַ מענטש?!

דאָס פֿאָלק טאַנצט שוין אונטן אין הויף!

יפּתּחס טאָכטער, שטיי אויף, און טאַנץ דיין קרבן־טאַנץ מיט צעפֿלאָ־שעטע האָר און נאַקעטע בריסט פֿאַרן פֿאָלק, אַרום דיין מזבח!

וואו האָב איך דאָס געזען? ווען בין איך געווען דערביי? אילוזיעס פֿון אַמאָל. יאָרן און דורות, וואָס מוזן דרימלען אין מיר, וועקן זיך אויף, — נאַכט סצענעס פֿון מדבר, אין וועלכע מיינע עלטערן קומען צו גיין.

וואו האָב איך אַמאָל דאָס געלעבט? וואו האָב איך אַמאָל דאָס געפֿילט? דער לעצטער געצנדינערישער טראָפּן בלוט, וואָס איז גערירשנט אין מיינע גלידער פֿון יענע אָבות, וואָס האָבן צום פֿלאַם־פֿייער געדינט, וועקט זיך אין מיר.

אָ, איצט פֿאַרשטיי איך מיין טרויער, איצט פֿאַרשטיי איך מיין פֿרעמד־קייט, מיין ווייטקייט דערפֿון.

נישט די יידישע יום־טובים פֿון מיין פֿאָלק זיינען מיר פֿרעמד און ווייט, נאָר דאָס, וואָס ווערט דאָ געפּראַוועט, איז ווייט און פֿרעמד פֿון מיין פֿאָלק. מיין גאַנץ אייראָפּעאיש בלוט בונטעוועט זיך קעגן דעם. באַשיידענע היימען, ווי איך האָב זיי געזען אין מיין מוטערס שטוב, זיינען מיר נאָענט, טייער און הייליק.

דאָס — דאָס איז מיר פרעמד און ווייט.

געלויבט צו גאָט, איך בין דער דיכטער פון גלות. דערהאַלט מיך אַזוי אַלע מיינע טעג.

ג.

און יעדעס מאָל קומט אָן אַנדערע יידענע, און מיט אַ פרומער מינע, און מיט מורמלענדיקע ליפּן, לייגט זי אַרויף אויפן שטויס איר „קרבן", איר איינגעוויקלט קלייד, אָדער גיסט אַריין אין שטויס קליידער איר פלאַש בוימל. אין דער שטיל, מיט רעליגיעזער פרומקייט און געטלעכער ציטע־ריקייט טוט זי דאָס. טייל שטייען נאָך דערביי און „מורמלען" מיט די ליפּן אַ געבעט — פאַרגלאָצט די אויגן, ווי צום ליכט־בענטשן. אַזוי האָט געמוזט חנה, שמואלס מוטער, שטיין ביי איר קרבן...

פלוצים הערט מען אַן אויסרוף: „היט אייך, היט אייך, דער רבי גייט! דאָס לויפט אַרום דער שמש אויפן דאַך און מאַכט אַ וואַרע פאַרן רבין. דער רבי איז אַ גאַליציאַנער, דאָס יאָר בכיוון געקומען אָנצוצינדן די „הדלקה". דאָס האָט מען אים אָפּגעגעבן דעם כּיבוד. — אַלע יאָר האָט ער געלט געשיקט אויף אייל. אַ פעטער, אַ ברייט־ביי־ניקער, קוקט ער אויס ווי אַ גוט־איינגעזעצטער, יוסטער באַלעבאָס, אַ ייד נגיד, וואָס איז אַ מטופל מיט קינדער אוודאי. אַרומגערינגלט פון אַ סוויטע פון גבאים און שמשים, נעמט דער רבי אַ פלאַקער פייער פון דער האַנט פון אַ שמש, און זינגענדיק דאָס ליד: „אָמר ר' עקיבא: אַשריכם ישראל", צינדט ער אָן דעם שטויס אייל־דורכגעווייקטע קליידער פאַר דעם כּבוד פון ר' שמעון ר' יוחאי.

דער פלאַם צעגייט זיך, לעקט אַרום די קליידער און גיט מיטאַמאָל אַ זעץ־אַרויס אין הימל אַריין, טראַגנדיק אין זיינע פייערדיקע צונגען שטיקער פאַרברענטע שמאַטעס און שמייסט זיי, איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע, אויף די דעכער, איבער דער גרויסע, צוזאַמענגעפּרעסטער מענגע אין הויף. פון הויף אַרויס קומען די געוואַלדן, די געזאַנגען און דאָס שפּילן פון פלייטן, פון טראָמפּייטן; דער עולם ווערט שיכּור פון פייער אין נאַכט, פון אָנגעשטעקטער שמחה. א בחורל, אַ ירושלימער בחורל, באַווייזט שוין קונצן, טאַנצנדיק ווי אַ וויכער, ווי שדים וואַלטן אין זיינע דינע פיס געשטעקט, דרייט ער זיך אַרום ווי אַ קנויל — און די מענגע אַרום האַלט אים צו מיט די הענט.

חסידישע יידן, מיט די שטעקנס איבער די קעפּ, פאָכענדיק צום טאַקט, טאַנצן אין אַ רינג אַ יידישע קאַזאַצקע. אַנדערע נעמען זיך אַרום, די

הענט אַרום די אַקסלען, די קרייזן ווערן גרעסער, עס פלעכטן זיך איין אין די רינגען פרומע מיט נישט פרומע,(חסידים מיט חלוצים, ווייבער און מענער. דאָס משוגעת כאַפט שוין אַלעמען אַרום. דער גאַנצער הויף באַוועגט זיך. פון אויבן אין דער הויך, פון דאַך אַראָפּ, זעען זיי אויס ווי אַ פאַרגליווערטע מאַסע, וואָס הויבט זיך אָן צעלאָזן, ווי שטראָמען וואַסער, וואָס פרעסן און דריקן און קוועטשן זיך צוזאַמען. — אַלץ באַוועגט זיך, צעפירט זיך און קומט זיך צוזאַמען. קעפּ אויף קעפּ. שוואַרץ, ווייס און פאַרשיידן־קאָלירנדיק. און איבער דעם ים קעפּ טראָגן די פלאַמען פון דאַך אַראָפּ שטיקער פאַרברענטע שמאַטעס, פונקען פייער און רויך.

די לופט ווערט וואָס אַמאָל ענגער און דאָס פלאַץ ווערט וואָס אַמאָל ענגער. דער ווינט שלײַדערט די פלאַמען אין פנים אַריין. אַ געשטאַנק פון בוימל, פון פאַרברענטע קליידער און צוזאַמענגעקוועטשטע מענטשן, נישט אויסצוהאַלטן. איך ראַטעווע זיך — קוים אַרויסגעקראָגן זיך אין דרויסן, ווייטער, ווייטער פון דער מענגע, פון דרויסן צו זען דאָס בילד. די גאַס איז טונקל, ערנסט און שוואַרץ. די ארץ־ישראל נעכט זיינען ערנסט און טרויעריק, און די נעכט איבער די צפתער בערג זיינען דורכ־געגומען מיט אַזאַ מיסטישן טרויער, אַז אַ ווייטיק נעמט דיך אַרום. די נאַכט לייגט זיך שוואַרץ, געדיכט און שווער איבער די בערג און דריקט־צו מיט איר גאַנצן געוויכט די טאָלן, פון וועלכע די פלאַמען־פייערלעך פון די הייזער אַרויס בעטן זיך רחמים, מען זאָל זיי קומען ראַטעווען פון דער נאַכטס לאַפּעס אַרויס... דער הימל — אַן ארץ־ישראל הימל: גרויסע, גרויסע שטערן, דאַכט זיך, זיי רייבן זיך איינער אין דעם אַנדערן, שטערן־פונקען טראָגן זיך פון זיי אין דער לופט אַרום... ווינטן ברענגען צו טראָגן אין זייערע פליגלען גאַנצע הויפנס מיט זאַמד פון די בערג אַראָפּ, און פאַרקלעפּן דיר די אויגן און פאַרשמייסן דיר דאָס פנים.

אַרום, אויף די קעפּ פון די בערגלעך, זיצן אָדער שטייען מענטשן — טונקלע, פאַרהוילענע, נישט־געזעענע, ווי טויטע שאָטנס באַוועגן זיי זיך, און ווען נישט דאָס פריילעכע לאַכן, וואָס שווימט אַרויס פון דאָרט, וואָלסטו זיך דערשראָקן פאַר זיי. אַראַבער טרייבן פאַרביי זייערע שוואַרצע ציגן און רופן אויס אויף יידיש: „מילך, פרישע מילך, ווילסט?"

אין די טאָלן, אונטער די בערג, פאַרטראָגן זיך גרופּקעלעך חלוצים און מיידלעך, שלאָגן זיך אויף געצעלטן, אָדער דעקן זיך צו מיט פאַלטאָס און פאַרבייסן דעם הונגער און פאַרטרייבן די קעלט מיט געזאַנגען.

אַנדערע פֿאַרלעך באַהאַלטן זיך אין די ווינקלעך, טיילן זיך מיטן עסן. מענטשן קלייבן זיך אין די פֿיל געוועלבער־ביידלעך, וואָס שטייען אויפֿגעשטעלט ביים אַריינגאַנג פֿון מירון — ווי אויף אַ יאַר־מאַרק, רייסן האַנט פֿון האַנט אַ גלאָז טיי, אייער, ברויט. אַנדערע באַהאַלטן זיך אין זייערע אויטאָמאָבילן. די נאַכט ווערט קעלטער, איינצעלנע מענטשן וואַלגערן זיך אַרום אַליין, קאָנען זיך נישט צוקלייבן צו קיין גרופּע, האָבן נישט מיט קיינעם צו טיילן זיך אַן עסן, האָבן נישט מיט קיינעם צו טיילן זיך אַ קלייד . . . און צווישן די איינצעלנע בין איך אויך, איינער פֿון זיי.

די נאַכט ווערט קעלטער. אויף די רוקנס פֿון די בערג זעט מען שוין קריכן ליכטער. די ליכטער שניידן־אָפּ און שיידן די סילועטן פֿון די בערג אָפּ פֿון דער נאַכט (וואָס האָט אַלץ פֿאַרווישט). דאָס פֿאָרן שוין די אויטאָמאָבילן צוריק פֿון מירון קיין צפֿת. איינער נאָכן אַנדערן קריכן זיי ווי גלי־ווערים און טוקן זיך אין דער פֿינצטערניש. מיר גלוסט זיך נישט אַהיימצופֿאָרן. עס איז נישאָ קיין „היים" — איך פֿיל זיך ווי עפּעס אַ פֿאַרוועבטער, אַ געפֿאַנגענער דאָ, אין דעם כּישוף פֿון אומפֿאַרשטענדניש, פֿון פֿרעמדקייט און עבודה־זרהדיקייט. איך בלאָנקע זיך אַהין און צוריק, אַ מידער, אַ געפֿרוירענער, אַ פֿאַרלוירענער. — ביז ענדלעך איך געפֿין מיין פּלאַץ אויף אַ שטיין, אויף אַ בערגל, וויקל זיך איין אין דעם דינעם רעקל מיינעם, ווי ווייט איך קאָן, און קוק זיך צו צו דער „הדלקה".

ווי אַן אילוזיע, ווי אַ חלום פֿון אַמאָליקע טעג — ווי דאָס בילד וואָלט שוין געלעבט אין בלוט, אין אַן אַנדערן גילגול, אין אַן אַנדער לעבן. ווען און וואו האָב איך עס געזען, אָט די דעכער מיט מענטשן, באַגלייט אין פֿלאַמען פֿייער, וואָס טראָגט זיך פֿון אַ שטויס? ווען און וואו האָב איך דאָס געזען, אָט די טויזנט שפּרינגענדיקע, קאָכעדיקע מענגע מענטשן, באַגליט און באַלויכטן אין פֿלאַמען פֿייערן, וואָס טראָגן זיך פֿון שטויסן אויף דעכער? — ווען האָב איך געהערט די קולות, די ווילדע, זינגענדיקע קולות אַרום אַ פֿייער? — אַמאָל אין אַ מדבר־נאַכט? אַמאָל אין אַ משיח־נאַכט, ערגעץ־וואו אין אַן אַנדער לעבן, אין אַן אַנדערן גילגול?

לעבן מיר זיצט ווער. — אַ וואַרימע האַנט דריקט מיינע אין דער קאַלטער נאַכט. אַ פֿריינטלעך, גוט־שמייכלדיק פּנים פֿון אַ יידיש מיידל. טרויעריקע, גרויסע שוואַרצע אויגן. יידישע אויגן. יידישע גלות־אויגן. אויגן, דאַכט זיך, וואָס האָבן שוין אַלץ געזען און האָבן פֿאַר גאָרנישט מער קיין מורא. אויגן, וואָס צעגיסן דיין האַרץ פֿאַר רחמנות און דערביי

זיינען זיי אַזעלכע אַכזריותדיקע, אַז זיי קאָנען דיך אָפּשעכטן און אַוועקגיין און איבערלאָזן דיך אָן אַ גוט וואָרט. אויגן, וואָס פייניקן זיך און פייניקן אַנדערע, אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרוועז, — גאָרנישט, גלאַט אַזוי, ווייל זיי האָבן ליב צו פייניקן. אַ מיידל־מויל, אַ מויל, וואָס איז געשניטן אין צער. אַ גרימאַסע איז אויסגעגאָסן איבער דעם שניט פון מויל, און זי קוקט אויף מיר מיט איר ווייטאָגדיק מויל און מיט אירע גרויסע אויגן.

לכבוד מיר וועט זי רעדן „זשאַרגאָן״, ניין, „יידיש״ — כאַפּט זי זיך צוריק, זי האָט געלייענט די „כישוף־מאַכערין פון קאַסטיליען״ אין „אָריגינאַל״ און זי האָט זיך אַזוי געוואָלט באַקענען מיט דעם מחבר. — זי ווייסט אָבער נישט ווי צו רעדן. „זשאַרגאָן״, ניין, יידיש, רעדט זי שלעכט, איר שפּראַך איז העברעאיש.

איר „יידיש״ איז טאַקע געווען אַ זשאַרגאָן, אויסגעמישט מיט רוסישע און פּוילישע ווערטער, און איר העברעאיש האָט געקלונגען שיין און אָנגענעם, נאַטירלעך און רירנדיק, מיט אַ ווייבלעכער רירנדיקייט. ווייל איר קול איז געווען ווייך און שיין, אָנגענעם און רירנדיק. מיידלשע עלעגיע האָט געקלונגען אין איר קול. און ליב געהאַט האָט זי צו רעדן העברעאיש. — גוט, פאַרוואָס זאָל איך עס איר נישט פאַרגינען.

זי קומט פון רוסלאַנד. קינדווייז שוין אַמאָל געווען אין ארץ־ישראל. אירע עלטערן זיינען צוריקגעפאָרן, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, און דאָרט אין רוסלאַנד האָט זי פאַרלוירן אירע ביידע עלטערן, אין אַ פּאָגראָם, צווישן די גרענעצן אָפּגעמעקט געוואָרן — זייער בלוט איז ערגעץ־וואו פאַרגאָסן געוואָרן אויף אַן איינזאַם פעלד — צווישן די גרענעצן — מען ווייסט נישט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. איצט געפינט זי זיך דאָ אין ארץ־ישראל ביי אַ שוועסטער און שפּילט אין אַן אַרבעטער־טעאַטער קליינע כאַראַקטער־ראָלן. זי גלויבט, אַז זי איז פעאיק אויף עפּעס בעסערס, נאָר ווי אומעטום און ווי אין יעדן טעאַטער אויף דער גאָנצער וועלט איז דאָ פּאָליטיק.

— גאָט מיינער! — פאַרלוירן אירע עלטערן אין אַ פּאָגראָם און איך זאָל איר נישט פאַרגינען צו רעדן העברעאיש?

— ניין, מיין קינד, רעד נאָר העברעאיש, און לאָמיך אפילו וויסן צו פאַרלירן מיין רעפּוטאַציע ווי אַ „יידישיסט״ פון צוויי וועלטן, הייס איך דיך רעדן צו מיר העברעאיש, ווייל אין דיין העברעאיש קלינגט דער צער פון דיין יונג לעבן; אין אים האָסטו אַריינגעקנאָטן די פאַרביטערקייט

פֿון דיין האַרץ און דו מיינסט, אַז דו געפֿינסט אין אים אַ טרייסט — און איך זאָל דיר דאָס שטערן?

— ניין, מיין קינד, רעד נאָר העברעאיש. די נאַכט איז ווילד, די נאַכט איז שיין. אַ פֿלאַקער פֿייער ברענט אויף אַ מזבח, יידן טאַנצן אַ ווילדן טאַנץ. — דו האָסט פֿאַרלוירן דיין טאַטע־מאַמע אין אַ פּאָגראָם, אין דיינע אויגן ליגט דער צער פֿון מיין פֿאָלק, אין דיין מויל איז איינגעשניטן דער ווייטיק פֿון דיין לעבן — און דיין איינציקע טרייסט איז דער שיינער קלאַנג פֿון דיין שטימע. ניין, מיין קינד, רעד נאָר העברעאיש!

ווער ווייסט, וואָס איך האָב איר צוגעזאָגט אין אַזאַ נאַכט, אין אַזאַ שעה. איך גלויב, אַז דאָס האָבן די פֿאַרשאָלטענע העברעער זי אַנגעשטעלט ווי אַ דלילה, אויסצונאַרן פֿון מיר הבטחות. אַז איך וועל אומגעטריי ווערן צו מיין יידישער מוטער, און אַרויסצוכישופֿן פֿון מיר אַ צוזאָג, אַז איך וועל אָנשרייבן אין העברעאיש, ספּעציעל פֿאַר איר, אַן איין־אַקטער, אַ שטיק, אַ ראָל, צוגעפּאַסט פֿאַר איר שיינע אויגן, צו פֿאַרקלינגען עס מיט איר טיפֿער, ווייבלעכער שטימע.

זייט מיר מוחל, מיינע יידישע פֿריינט! אַ נאַכט געווען אַזעלכע, אַ פֿאַרפֿירערישע.

און דער העברעאישער אומה וואָלט איך געראָטן, אַז אַנשטאָט אַלע אַגיטאַציעס און אָרגאַניזאַציעס זאָלן זיי אין דער מלחמה צווישן די יידישיסטן און העברעער באַנוצן די כּלי־זין פֿון אַזעלכע אויגן. אַזעלכע אויגן קאָנען אַלץ אַרויסכּישופֿן. די „יידישיסטן" זיינען אויך נאָר זינדיקע מענטשן...

דער מאָרגן גרויט שוין. עס ווערן אַנטדעקט פֿון די טיפֿענישן פֿון דער נאַכט די שפּיצן פֿון די בערג. די שפּיצן בערג אַרום מירון און צפֿת פֿאַרהוילן אין אַ מילכיקן נעפּל. אַזוי האָט אויסגעזען די וועלט, ווען זי איז אַרויס פֿון גאָטס הענט, קיילעכדיק און ליידיק און באַדעקט מיט אַ געדיכטן טוי־וואָלקן. פֿאַרלעך און גרופּנווייז ליגן די חלוצים און טוריסטן אויסגעצויגן אונטער זייערע קאַפּאָטעס, רעק, טיכער, און שלאָפֿן ווי די געפֿאַלענע אין אַ מלחמה־פֿעלד.

אויפֿן דאַך ברענען נאָך אַלץ די צוויי גרויסע פֿייער־פֿלאַמען, וואָס די יידן האָבן אָנגעצונדן לכּבֿוד דעם תּנאָס וועגן. בלאָס ברענען זיי זיך אין דער גרויקייט אַריין, און דער ווינט ברענגט אַהער צוטראָגן די לעצטע רעשטן פֿון די ברענענדיקע שמאַטעס. דער מאָרגן איז גרוי און קאַלט, און אַראָבער קומען אַרויס פֿון אונטער די בערג, טרייבנדיק זייערע

סטאַדעס מיט שוואַרצע ציגן און רופֿן הויך אויף ייִדיש, מיט אַ גרויעדיק קול: „פֿרישע מילך, ווילסט!"

איך גיי אַריין אין הויף פֿון שול — דאָס בילד האָט זיך געענדערט איצט: טוריסטן און חלוצים האָבן פֿאַרלאָזט דעם הויף, אָדער זיי ליגן ווי די פּגרים אויסגעצויגן אויף דער פּאָדלאָגע און שלאָפֿן, לאָזנדיק טרעטן אויף זיך. זיינען איבערגעבליבן בלויז די חסידים, און זייער ענטוזיאַזם איז געוואַקסן מיט דעם וואַקסן פֿון טאָג. זיי האַלטן זיך נאָך איינס אָן דאָס אַנדערע און טאַנצן. מיד פֿאַלן זיי פֿון די פֿיס, אָבער דער טאַנץ האַלט נאָך איין מיטן ברען, מיט די שטעקעלעך אין דערהויך. איצט איז דער טאַנץ מער ערנסט, טיפֿער, רעליגיעזער. עס איז אַ רעליגיעזער גאָט־דינסט, און דאָס געזאַנג איז אויך טיפֿער און פֿרומער געוואָרן. אַ הויכער, אויסגעצויגענער חסיד מיט אַן אויסגעפּייניקט, אויסגעהונגערט פּנים — איינגעפֿאַלענע אויגן טיף אין די אויגן־לעכער — זינגט, ווי דאַוונענדיק פֿרום, מיט אַ פֿאַרשעמטער, בעטנדיקער שטימע:

„אַשריכם, אַשריכם, אַשריכם ישראל".

און די אַנדערע שאָקלען אים נאָך.

אינעווייניק, ביי די קברים, שטייט נאָך אַלץ ביי ר' עקיבאס קבר די ייִדענע אין ווייסן יום־כּפּורדיקן אָנטועכץ און האַלט נאָך אין איין האַנט איר ליכט, וואָס איז שוין אויסגעברענט און די קנויט ברענט שוין אירע פֿינגער — און דעם „קרבן־מנחה" סידור אין דער צווייטער. ביי ר' אלעזרס קבר זיצן נאָך אַרום די שווייגנדיקע קראַנקע און וואַרטן אויף אַ נס. נאָר ביי ר' שמעון בר יוחאיס קבר איז איצט פּוסט. די חסידים, די קבלהאיסטן און די חכמים זיצן אויף דער ערד; ווער ס'איז איינגעשלאָפֿן אויף זיין זוהר, און ווער עס ברומט נאָך עפּעס פֿאַר זיך. נאָר צוויי צי דריי שטייען זיי צוקאָפּנס פֿון זייער רבינס קבר. רירן אָן מיט זייערע שטערנס און הענגט די מויער פֿון קבר און עס דאַכט זיך, אַז זיי הערן זיך צו צו אַ שטימע, וואָס רעדט צו זיי אין די אויערן פֿון קבר אַרויס...

דערפֿאַר האָבן זיך אויבן אויפֿן דאַך, וואו עס ברענען די צוויי איינזאַמע שטויסן, פֿאַרקליבן לויטער חסידים. קיין טוריסטן, קיין צוקוקער איז נישטאָ מער, וואָס זאָל זיי שטערן אין זייערע רעליגיעזע צערעמאָניעס. די פּאָר טוריסטן, וואָס זיינען איבערגעבליבן איבער נאַכט, זיינען ווי די אַנדערע אַוועקגעפֿאַלן צווישן די פֿיל שלאָפֿנדיקע אַזיאַטישע ייִדישע פֿאַמיליעס, וועלכע ליגן איצט אויסגעצויגן אויפֿן דאַך. חסידים זיינען איצט אַליין מיט זיך, מיט זייער רבין, מיט זייערע פֿייערן. ווי ווילדע טאַנצן אַ צוויי־דריי אַרום די פֿייערן און ווערן נישט מיד, זינגענדיק די

באַקאַנטע לידער אויפֿן לויב פֿון ר׳ שמעון. האַלב שוין אויסגעטועטע פֿון דער היץ פֿון פֿייער. מיט ווייסע טיכלעך פֿאַרבונדענע קעפּ (פֿון דער היץ, וואָס שלאָגט פֿון פֿייער), ווערן זיי אַלץ נישט מיד צו טאַנצן און צו דרייען זיך און צו וואַרפֿן זיך אין הייליקן עקסטאַז אַרום די פֿייער־שטויסן, דערכאַפּן זיך דאָס הארץ מיט כוסות משקה, וואָס גייען פֿון האַנט צו האַנט. טרינקענדיק און טאַנצענדיק, זינגענדיק און פּאַטשנדיק מיט די הענט דרייען זיי זיך אַרום, ווי פֿאַרכּישופֿטע, אין אַ ראָד אַרום דעם פֿייער — ביז זיי פֿאַלן פֿון מידקייט פֿון די פֿיס.

דעמאָלט קומען די קראַנקע און די שלאָפֿע און טונקען־איין זייערע הענט אין דעם פֿלאַמענדיקן בוימל, און שמירן מיט דעם זייערע לייבער, זייערע קראַנקע גלידער. ווייבער טונקען־איין טיכלעך אין דעם בוימל און באַהאַלטן זיי פֿאַר סגולות, אַנדערע שעפּן אָפּ בוימל אין פֿלעשלעך און כּלים אַריין, נאָר די מערסטע שמירן זיך איין מיט דעם בוימל גלייך אויפֿן אָרט.

און דער טאָג גיסט וואָס אַמאָל מער אַ גרויע שיין איבער דער וועלט און אַנטפּלעקט די שאַנד פֿון דער נאַכט. איצט, אין דעם גרויען מאָרגן־ליכט, זעט דאָס גאַנץ אַנדערש אויס, ווי אין דער טיפֿער, סודות־דיקער נאַכט. איך פֿאַרליר דעם טעם דערפֿון, און עס בלייבט נאָר איבער ביי מיר אַ געפֿיל פֿון שעמעוודיקייט. איך פֿאַרשעם זיך פֿאַר זיך אַליין, און עס ווילט זיך מיר וואָס גיכער אַנטלויפֿן פֿון דאַנען, אויסצובאָדן מיין לייב און מיין נשמה פֿון דער סודותדיקער פֿרעמדער נאַכט.

אַז איך בין אין דעם קאַלטן, פֿרישן מאָרגן צוריקגעפֿאָרן קיין חיפֿה איבער די טוי־באַפּייכטע און פֿריש־אויפֿגעוועקטע בערג, האָב איך געהאַט דאָס געפֿיל, אַז איך האָב פֿאַרבראַכט די נאַכט ביי אַ ווילדער עבודה־זרה, און וועלכער איך אַליין האָב אויך אַנטייל גענומען...

איקוף פאַרלאַג

לידער און פּאָעמעס

י. קאַצענעלסאָן — דאָס ליד פֿונעם אויסגעהרגעטן יידישן פֿאָלק	$1.25
ת. גראַדע — דורות (לידער און פּאָעמעס)	1.75
דוד האָפּשטיין — איך גלויב (לידער)	1.50
ז. ווײַנפּער — געזאַנג פֿון אַ גלויביקן	1.50
ז. ווײַנפּער — ביים גרענד־קעניאָן	1.75
דאָרע טייטלבוים — אינמיטן וועלט	1.00
ל. מילער — שטורעמס און רעגנבויגנס	2.00
אַ. סוצקעווער — די פֿעסטונג (לידער)	1.00
אַ. סוצקעווער — לידער פֿון געטאָ	.50
י. פּאַפּערניקאָוו — געקליבענע לידער	2.50
איציק פֿעפֿער — די שאָטנס פֿון וואַרשעווער געטאָ	1.50
ת. קאַטיליאַנסקי — פֿאָלקס־געזאַנגען	5.00
יוסף ראָלניק — געקליבענע לידער	2.50

דערציילונגען און ראָמאַנען

אויף נייע וועגן (אלמאנאך)	3.00
שלום אַש — געקליבענע ווערק —	
ב. 1: דאָס שטעטל, ר׳ שלמה נגיד, דער פֿאַרבאָרגענער בחור	2.50
ב. 2: געזאַנג פֿון טאָל	2.50
שלום אַש — דער ברענענדיקער דאָרן	2.50
שלום אַש — דער תּהילים־ייד (ראָמאַן)	3.00
י. אַלקאָן — די מלחמה אין מידלוויל	2.50
ש. אַפּטער — אין דער רוימישער געטאָ (ראָמאַן)	3.00
ש. אַפּטער — דער בונט און אַנדערע	.25
אַברהם ביק — ר׳ יעקב עמדין	2.50
דוד בערגעלסאָן — פּרינץ ראובני	1.50
מ. י. בערדיטשעווסקי — יידישע כּתבים, באַנד 1	3.00
מ. גאָלדשטיין — ביראָבידזשאַנער אויפֿן אַמור	1.50
ז. ווײַנפּער — אויף די זאַמדן פֿון יהודה (ראָמאַן)	2.00
חיים מאַרגאָלעס־דאַווידזאָן — פֿאַרהאַנג	2.50
דער נסתּר — די משפּחה מאַשבער, צוויי טיילן צו	3.00
ל. קאָברין — ריווערסייד־דרייוו ((דראַמע)	.25
ל. קאָברין — דער פֿאַרלוירענער ניגון (ראָמאַן)	3.00
לעאָ קאַץ — נקמה (ראָמאַן), יידיש י. ס.	2.50
אַ. ראַבאָי — איז געקומען אַ ייד קיין אַמעריקע	1.50

מענדעלע מוכר ספרים — געקליבענע ווערק —
באַנד 1: דאָס קליינע מענטשעלע, די טאַקסטע; באַנד 2: די קליאַטשע, מסעות בנימין השלישי; באַנד 3: פישקע דער קרומער, דער פריזיוו; באַנד 4: דאָס ווינטשפינגערל. יעדער באַנד צו 3.00

אויטאָביאָגראַפיעס און זכרונות

ראובן ברײנין — פון מײן לעבנס־בוך 3.00
אַהרן גאָרעליק — שטורעמדיקע יאָרן 3.00
אַל. גראַנאַך — אָט גײן אַ מענטש! (יידיש יעקב מעסטל) 3.00
שלום לעווין — אונטערערדישע קעמפער (זכרונות) 2.50
יעקב מילך — אויטאָביאָגראַפישע סקיצן 2.50
אַ. ראַבאַי — מײן לעבן, 2 בענד, צו 2.00

קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

100 הײנטצײטיקע אַמעריקאַנער יידישע מאָלער און סקולפּטאָרן (אַלבאָם) 10.00
ש. אַלמאַזאָוו — מיטן וואָרט צום פאָלק 3.00
נ. בוכוואַלד — טעאַטער (אילוסטרירט) 3.00
מ. ווינער — יידישע ליטעראַטור אינעם 19טן י״ה, 2 בענד, צו 3.00
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — ייד און וועלט 2.50
ד״ר חיים זשיטלאָווסקי — דער זין פון מענטשלעכן לעבן 2.50
אַברהם טײטלבוים — וויליאַם שעקספּיר 3.00
ד״ר אַ. מוקדוני — י. ל. פּרץ און דאָס יידישע טעאַטער 3.00
נ. מײזיל — צווישן חורבן און אויפבוי 3.00
נ. מײזיל — י. ל. פּרץ (זײן לעבן און שאַפן) 3.00
נ. מײזיל — פאָרגײער און מיטצײטלער 3.00
פ. נאָוויק — אײראָפּע — צווישן מלחמה און שלום 3.00
פ. ענגעלס — לודוויג פײערבאַך (איבערזעצט ש. ווינער) 1.25
בריוו און רעדעס פון י. ל. פּרץ — געזאַמלט נחמן מײזיל 3.00
ב. ריווקין — הויפּט־טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור 3.00
קעגן די אָנפאַלער אויף ד״ר חיים זשיטלאָווסקי (זאַמלונג) .... .35
באַריכט פונעם קולטור־צוזאַמענפאָר .... .50
צען יאָר איקוף .... .25

אַדרעס:

YIKUF, 189 Second Avenue, New York 3, N. Y.